STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06155

TEORYE FUN HISTORISHN MATERIALIZM

Nikolai Bukharin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. בוכארין

טעאריע פון
היסטארישן מאטעריאליזם

איבערזעצט פון דער לעצטער
רוסישער אויסגאבע (1925) דורך
שרה לערמאן

צווייטער באנד

פארלאג מ. זרוחמזאן
ווארשע 192

N. BUCHARIN
Teorja materjalizmu historycznego

Tłomaczyła Sara Lerman.

Wydaw. M. Jeruchemzon,
Warszawa, Miodowa 20.

Druk. B-ci FEDER, Warszawa, Franciszkanska 6.

און ווידער־אַמאָל און אויף דער זעלבער ליניע איז אָנגעגאַנגען דער קלאַסן־קאַמף. אין אַטען פון 5=טן י. ה. פ. ק. (די עפּאָכע פון העכסטן פאַנאַנדערבלי און אָנהייב פון ירידה) איז ביי דעם הערשנדיקן קלאַס פון דער סוחרישער „דעמאָקראַטיע" די רעליגיע איינעם פון דעם הויפּט-געווער: „לויט סאָפאָקלעס'עס איבערצייגונג (דער גרעסטער פּאָעט פון דער דאָזיקער צייט פון די „גלויביקע") וועט די גאַנצע וועלט צעפאַלן ווערן אויף שטיקלעך, אויב ס'וועט פאַרשווונדן ווערן דער גלויבן, ווייל יעדע מאָראַלע און מלוכהשע אָרדענונג שטיצט זיך, לויט זיין מיינונג, אויפן ווילן פון די געטער"·: E. Meyer „Geschichte des Altertums", 4 Band, 3 Buch. „Athen vom Friedn von 446 bis zur Capitulation Athens im Jnhre 404 r. Chr.", s. 140) די פּריצישע אָפּאָזיציע און די דעקלאַסירטע שיכטן באַנוצן זיך מיט דער קריטיק פון דער רעליגיע, אַלס א קריטיק פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. די סוחרישע דעמאָקראַטיע באַשטראָפט פאַר אַן אַרויסגעזאָגטן צווייפל אין דער עקזיסטענץ פון די געטער.

בײ די אַ ל ט ע ס ל א ח ן געפֿונען מיר דאָס זעלבע. דער קולט פֿון די פֿאָרפֿעטער, די שבטישע געטער, די הײמישע געטער (הויז), פּראָפֿעסיאָנעלע געטער, איז געװען אויך דאָ. דער הויפּט מלוכה׳שער גאָט איז געװען דער גאָט פֿון די סוחרים און די קריגער-פּריצים, אין דער זעלבער צײט אויך דער גאָט פֿון דונער, — פּערון. דער גן-עדן איז אָפּגעגעבן געװאָרן פֿאַר די נשמות פֿון די פֿאַרשטאָרבענע פּירשטן און זײערע זעלנער, און פֿאַרן פּשוטן שטערבלעכן איז דאָרטן נישט געװען קײן אָרט (פֿאַרגלײך נ. מ. ני קאָ ל ס קי: „די פּרימיטיװע רעליגעזע גלויבונגען און דאָס דערשײנען פֿון קריסטנטום" אין פּאָקראָװסקי׳ס „רוסישע געשיכטע" 1 באַנד. נ. מ. ניקאָלסקי האַלט, אַז די רעליגיע שטאַמט פֿון מורא פֿאַר מתים א. א. װ.). צום סוף װעלן מיר נעמען די הײנטצײטיקע פֿאָרמען פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע. די רוסישע „פּראַװאָסלאַװיע" איז געװען און איז אַ גענױע אָפּשפּיגלונג פֿון דער ביצאַנצישער — מאָסקװער — פּעטערבורגער אַלײנהערשאַפֿט. גאָט — איז דער צאַר, גאָטמוטער — די צאַרין. ניקאָלאַי-בעל-הנס (טשודאָטװאָרעץ) און אַנדערע באַליבטע הײליקע — מיניסטאָרן. נאָכדעם אַ גאַנצער שטאַט פֿון באַאַמטע (מלאכים, אַרצי-מלאכים, כסא-הכבוד׳ס, קערובים, סעראַפֿים א. א. װ.). צװישן די דאָזיקע הימלישע הויפֿלײט איז דאָ אַן אַרבעטס-אײנטײלונג: אַרכיסטראַטיק מיכאל — דער פֿעלדמאַרשאַל (אַרכיסטראַטיק הײסט אין גריכישן „הויפּט-אָנפֿירער"), באָגאָראָדיצאַ — הויפּט דאַמע-פּאַטראָנעסין („פּאַרטרעטערין"), ניקאָלאַי, — הויפּטזעכלעך, גאָט פֿון פּרוכטבאַרמאַכן דעם באָדן, פּאַנטעלײמאָן — אַ מין דאָקטער, געאָרגי פּאָבעדאָנאָסיעץ אַ געטלעכער „קעמפֿער", קרײגער א. א. די מער באַ״ימטע — מער כבוד, די בעסטע קרענץ,

קרבנות א. א. וו. דער קלאסן-קאמף האט נישט איין מאל אנגענומען אין רוסלאנד רעליגעזע פארמען (ראסקאל, די סעקטע שטונדיסטן „כלוסטן״, מאלאקאנער א. א.). נאר וועגן דעם איז דא נישט דאס ארט מאריך צו זיין. אין שלוס וועלן מיר נאר באמערקן, אז די רוסישע באציכונגען פון גאטהייט ווייזן קלאר אן אויף דער אפשטאמונג פון דער דאזיקער ליבהארציקער אידיי וועגן גאט: האספאד — באטייט הער („און מיר זענ ן דיינע קנעכט״) באך איז פון זעלבן שורש וואס „באגאטי״; „הערשער״, הימלישער צאר״. „שופט״, „פא=טער״ (איטשע באש״ א. א. וו. — דאס אלץ זענען צוגענומען פאר דעם הימלישן פעאדאל=פריצישן מאנארך, וואס באטראכט דאס פאלק ווי קנעכט. נישט בחינם איז דער סאמאדערזשאוויע״ אזוי געפאלן די „פראוואסלאוויע״.

רעליגיע דאס איז אזא צו=בוי, וואס באשטייט נישט נאר פון צונויפגענומענע אין א סיסטעם, צופאסנדיקע איינע צו דער צווייטער אידייען; זי האט אויך אן אנטשפרעכנדיקע אר=גאניזאציע פון מענטשן (קירכלעכע ארגאני-זאציע איינפאך גערעדט) און א סיסטעם פון באזונדערע אופנים און כללים פון געטלעכער פארערונג (למשל, אונזערע „גאטעס-דינסטן״: ליטורגיע, אוונט־תפילה, גאנצנאכטלעכע תפילה מיט כלערליי צערמאניעס, השבעות, ארויסרעדן פון מאגישע פארמולן און פארשידענע אומפארשטענדלעכע כשוף-מעשות, דער אזוי גערופענער קולט.

דא זעען מיר אויך, אז אויך די דאזיקע זייט פון רעליגיעזן צו-בוי איז געבוירן מיטן גאנג פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן, איז אומטיילבאר פון אים... „..., די קירך האט אין יעדער

עפאכע רעפראדוצירט און איבערגעחזרט אין איר סביבה די

עקאנאמישע און קולטורעלע סימנים פון איר דאמאלסדיקער גע־

זעלשאפט. די קירכלעכע אָרדענונג איז געווען א מאגנאטישע

און פעאָדאל — לייבקנעכטשאפטלעכע אין דער עפּאָכע פון סע-
גיאָראַט; ס'האָבן זיך אין איר אַרויסגערוקט דעמאָקראַטישע
עלעמענטן און פאָרמען פון געלט-ווירטשאפט אין דער עפּאָכע
פון שטאָטישער אַנטוויקלונג א. א. וו. ווי פ ע ר: „עטלע-
כע באַמערקונגען וועגן דער טעאָריע פון היסטאָרישער דער-
קענטניש", זייט 46 פון זאמלבוך „צוויי אינטעלעגענצן"). די
אורשפּרינגלעכע פאָרם פון גייסטלעכקייט ווי א פּראָפעסיע, זענען
געווען מכשפים, רופאים, העלזעער, נביאים, טרעפער, א. א. וו.
וועלכע זענען לויט ע. מייער, אויך געווען די ערשטע פון די
אונז באקאַנטע שטאַנדן. בכלל גערעדט, איז דער אָנפירנדיקער
שיכט פון די כוהנים א טייל פון דעם הערשנדיקן קלאס,

וואָס צעטיילט צווישן זיך די אַרבעט: איינע זענען קריגס-
אָנפירער, די אַנדערע — כוהנים, די דריטע — געזעצגעבער א. א.
ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס די קירך „רעפּראָדו-
צירט און חזרט איבער איר מיטצייטיקע געזעלשאַפט".

די הערשנדיקע קירך שטעלט מיט זיך פאָר אויך א ווירט-
שאפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וועמעס עקאָנאָמישע באַציונגען זענען
א טייל פון די עקאָנאָמישע באַציונגען פון דער גאַנצער גע-
זעלשאַפט. אזוי, למשל, ווייסן מיר פון כאמוראביס געזעץ-זאַמלונג,
אַז דער טעמפּל פון גאָט שאמאש האָט געפירט געלט-אָפּעראַצ-
יעס, געבנדיק מערסטנטיילס צו 20 פּראָצ.; ביי תבואה הלוואות
איז דער פּראָצענט געהעכערט געוואָרן ביז 33 מיט א דריטל
און אפט אפילו ביז 40 פּראָצענט". (טוראַיעוו (1c, 112).
די רוימיש-קאַטוילישע קירך איז אין מיטלאַלטער געווען אַן
אמת פעאָדאל קעניגרייך. מיט א קאָלאָסאַלער באַלעבאַטישקייט,
פינאַנציעלע הכנסות און שטייערן (אזויגערופענע „מעשר") און
אַדמיניסטראַטיון אפּאַראַט. יעדער ווייסט אויך וואָס פאַרא
ראָל ס'האָבן געשפּילט אין רוסלאַנד די מאנאסטירן און

„לאוורן״, וואָס האָבן אָנגעזאַמלט אומגעהויערע רייכטימער. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס גראַנדיעזע הויז פון דער מאָסקווער בערזע האָט געהערט דער טראַדיציער — סערגיעווער לאַווּרע). אויספירנדיק איר ראָל, ווי אַ באַרואיקערין פון די מאַסן, אָפּהאַלטנדיק זיי פון אַן אָנגריף אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, איז די קירך גופא געווען און איז אַ טייל פון דער עקספּלאָטאַטאָרישער מאַשין, וואָס איז איינגעאָרדנט לויט די זעלבע אַרכיטעקטאָרישע כּללים, וואָס די עקספּלאָטאַטאָרישע געזעלשאַפט, אינגאַנצן גענומען.

מיר ווייסן אָבער, אַז די געזעלשאַפט, מיטן אויסנאַם פון דער גאָר פּריסטער צייט פון איר אַנטוויקלונג, איז שטענדיק געווען א ק ל אַ סן געזעלשאַפט. אירע פּראָדוקציע באַציונגען זענען געווען באַציונגען פון הערשאַפט — פון איין זייט, און אונטערטעניקייט — פון דער צווייטער זייט. איר פּאָליטישע אָרדענונג האָט אָפּגעשפּיגלט און אויסגעדרוקט די דאָזיקע באַציונגען. איר רעליגיע האָט זיי באַרעכטיקט און שלום געמאַכט מיט די מאַסן (און זעלטן ווען געלונגען: פאַרגלייך, למשל, די אינדישע לערע וועגן שכר און עונש, וועגן וועלכער מיר האָבן פריער גערעדט). אָבער די דאָזיקע איבערבעטונג האָט זיך נישט שטענדיק איינגעגעבן. דאַן זענען די אונטערדריקטע קלאַסן, וועלכע האָבן אַליין געקענט אַרויסשפּרונגען פון דער רעליגיעזער הויט, אַרויסגעטרעטן קעגן דער אָפיציעלער רעליגיע און אויסגעאַרבעט ז יי ע ר רעליגיע: קעגן דער אָרטאָדאָקסאַלער, גלייביקער קירכלעכער לערע זענען אויסגעוואַקסן די אַזויגערופענע „הערעזיעס״ (אַפּיקורסות), קעגן דער אָפיציעלער קירך — איר אייגענע פאָלקס-רעליגיעזע געמיינדע, אָננעמענדיק טיילמאָל פאָרמען פון אַ קאָנספּיראַטיווער, אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, מיט אירע כוהנים אָדער נביאים, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט געווען פּאָליטישע פירער.

פאַרהעלטניסמעסיק נישט לאַנג איז אַזאַ שטאַנדפּונקט וועגן

דער רעליגיע און קירך געווען פולשטענדיק אומדערלאָזבאַר,
פשוט אַ גאָטלעסטערונג. אָבער איצט מוזן אַפילו די בורזשו=
אַזע אויספאָרשער, ווען זיי פאַרנעמען זיך ספּעציעל מיט דעם
ענין, ווילנדיק נישט ווילנדיק, צוקומען צו דעם זעלבן שטאַנד־
פּונקט. אָט צו וואָס פאַר אַ אַלגעמיינעם רעזולטאַט אין באַצוג
צו די אַזיאַטישע רעליגיעס עס ברענגט אונז דער בעסטער פון
די נייעסטע רעליגיע אויספאָרשער מאַקס וועבער:
„בכלל באַמערקן מיר די זעלבע איינצייטיקע עקזיסטענץ פון קולטן,
שולן, סעקטעס, אָרדנס פון כלערליי מינים. וואָס זענען אויך גע־
ווען אין דער אַנטיקער מערב וועלט. דערביי זענען די קאָנ=
קורירנדיקע ריכטונגען בשום אופן נישט געווען גלייכווערטיק
אין די אויגן פון דער דענצמאָלדיקער מערהייט פון די הערשנ־
דיקע שיכטן, און אָפט אויך פון די פּאָליטישע מאַכטן. ס'האָבן
עקזיסטירט גלויביקע און אפיקורסישע ortodox und heter-
odoxe) און צווישן די גלויביקע — מער ווייניקער
קלאַסישע שולן, אָרדענס און סעקטעס. קודם כל — און דאָס
איז פאַר אונז באַזונדערס וויכטיק — האָבן זיי זיך אונטער־
געשיידט איינע פון דער צווייטער אויך סאָציאַל. פון איין זייט..
לויט די שיכטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען (in denen
sie heimisch waren לויטן מין „לערע", וועלכע זיי האָבן
מבשר געווען די פאַרשידענע שיכטן פון זייערע אָנהענגער.
די ערשטע דערשיינונג האָט געהאַט אַן אָרט, טיילווייז אין אַזאַ
פאָרם, אַז דער הערשנדיקער סאָציאַלער שיכט, וואָס האָט שאַרף
אָפּגעלייקנט יעדן רעליגיעזן גלויבן אין „אויסדערלייזונג" Erlö-
sungs-religiosität) האָבן אַקעגן געשטעלט אין די
מאַסן פשוטע פאָלקס=סאָטעריאָגיע פּ1) ; אַזאַ טיפּ האָט גע=

1) סאָטער הייסט אין גריכיכן „רעטער". מ. וועבער רעדט וועגן די
פאַלן, ווען צווישן די אונטערדריקטע האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצע רעליגיעז־פּאָליטי־
שע סיסטעם פון אידייען, וועגן „וועלט־באַפרייונג" וועגן „רעטונג", אויסהיילונג־
פון אַלע סאָציאַלע שלעכטס, וועגן מלכות שמים אויף דער ערד, די דאָזיקע האָפע־
נונגען און גלויבן פון די אונטערדריקטע קלאַסן האָבן עס אָנגענומען דעם כאַראַק־
טער פון „סאָטעריאָלאָגיע", ד״ה. לערע וועגן דערלייזונג און וועגן דער צוגעזאָגטער
ערד.

געגעבן כינע, טיילווייז טאַקי אין אַזאַ פאָרם, אַז פאַרשידענע
סאָציאַלע שיכטן האָבן געהאַט פאַרשידענע מינים סאטעריאָלאָגיעס"
Max Weber; I c, B. il, Abschn. lll. Die Asiatische
א ל ס Sekten — und Heillands religiosität, s. 364)
ביישפיל פון קלאַסן־קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער רע־
ליגעזע פענער, קען דינען די אַזוי גערופענע רעפאָרמאַציע,
דער ערשטער שטויס פון אַ ריי קלאַסן אויף דער פעאָדאַלער
ווירטשאַפט און איר אויסדרוק אין מערב-אייראָפּע — די „רוי־
מיש־קאַטוילישע קירך". דאָ זענען די הערשנדיקע פירשטן
געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן פויפּסט, די קליינע גוטס-באַ-
זיצער און די בורזשואַזיע — מיט די מעסיקע, בראש פון
וועלכע ס׳איז (אין דייטשלאַנד) געשטאַנען לוטער, דער גרינדער
פון דער פראָטעסטאַנטישער קירך; בעלי־מלאכות, האַלב-פּראָ-
לעטאַריער, טיילווייז פויערים זענען געגאַנגען מיט עקסטע
סעקטעס (ווי די „איבערגעטויפטע", אַנאַבאַפּטיסטן, אָפט מיט קאָ-
מוניסטישע שטרעבונגען). דער רעליגיעזער קאַמף, לאָזונגען,
בלאָקן פון די אָנהענגער פון דער אָדער יענער ריכטונג האָבן
געגוי אַנטשפּראָכן דעם קאַמף, שטרעבונגען און בלאָקן פון דעם
געזעלשאַפטלעכן — פּאָליטישן כאַראַקטער.
אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אויך דער רעליגיעזער „צובוי"
ווערט באַשטימט דורך די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער
עקזיסטענץ פון מענטשן. זיין שורש איז די אָפּשפּיגלונג פון
דער סאָציאַל-פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אָרדענונג פון דער
געזעלשאַפט. אַרום דעם שורש קלייבן זיך אַנדערע אידייען,
נאָר זייער אַקס — דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור, אַן
איבערגעטראָגענע אין אַ גייסט־זעבאַרער וועלט, און וואָס ווערט באַ-
טראַכט, חוץ דעם, פון שטאַנדפּונקט פון דעם אָדער יענעם קלאַס.
דער „גייסט" איז אויך דאָ אַ פונקציע פון דער געזעלשאַפטלע־
כער „מאַטעריע".
קעגן דעם דאָזיקן באַגריף וואָלט מען געקענט אַרויסשטעלן

איין טענה, וואָס וואָלט געהאַט אַ שייכות צו דער קאַפּיטאַליס-
טישער אָרדענונג. די רעליגיע עקזיסטירט דאָך ווייטער אין
דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און דערביי האָט זי אומע-
טום, אין איראָפּע, אַ פאָרם פון א י י נ ג אָ ט ה י י ט. בעת די
קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אָבער האָט פאַרשידענע פאָרמען
פון בורזשואַזערווירטשאַפט אין געביט פון פּאָליטיק (מאָנאַרכיע,
רעפּובליק), און די פּראָדוקציע-באַציונגען, הגם זיי זענען געבויט
לויטן טיפּ פון הערשאַפט-אונטערטעניקייט, טראָגן פונדעסטוועגן
נישט אַ מאָנאַרכיסטישן כאַראַקטער: אמת, דער קאַפּיטאַליסט
איז אַ מ אָ נ אַ ר ך אין זיין פאַבריק, אָבער אין
דער געזעלשאַפט הערשט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס,
געוויינלעך נישט דורך איין פּערזאָן. ווי אַזוי זאָל מען
דערקלערן אַזאַ „סתירה”? צי פּאַלט נישט אום אונזער גאַנצע
מאַרקסיסטישע טעאָריע צוליב דער קאַפּיטאַליסטישער רעליגיע?
לגמרי נישט. פאַרקערט. נאָר פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט
קען מען פאַרשטיין די רעליגיעזע פאָרמען פון דער הייַנטיקער
צייט.

וואָס „רעגירט” מיט די עקאָנאָמישע באַציונגען פונם קאַ-
פּיטאַליזם? אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, ווי מיר ווייסן,
האָבן די מאָנאַרכן און זייערע אונטערטעניקטע פירשטן און באַ-
אַמטע רעגירט איבער אַ האַלב-נאַטור-ווירטשאַפט. ביי דעם קאַ-
פּיטאַליזם ווידער באַווייזט זיך אַ נייער, מעכטיקער, אָבער סטי-
כיש א ו מ פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר רעגולירער. דאָס איז דער
מאַרק, מיט זיינע אומפאַרשטענדלעכע קאַפּריזן, אַ מאַרק, וואָס
דערהייבט איינע, מאַכט אַ תל פון אַנדערע, וואָס שפּילט מיט
די מענטשן, ווי אַ בלינדע („אירראַציאָנאַלע”) אומפאַרשטענדלע-
כער, נישטמערקזאַמע קראַפט. „וואָס איז אונזער לעבן? — אַ
שפּיל, היינט — דו, מאָרגן — איך. זאָל דער שלימזל ווייי-
נען, פאַרשעלטנדיק זיין מ ז ל”. אָט דער דאָזיקער כאַראַקטער
פונם מ ז ל האָט אָנגענומען די גאָטהייט (נאָך די רוימער און

די גריכן, ווי מיר ווייסן, האָבן געהאט „פּאַרקן" און „מוירעס", „אַנאַנקע", „נויטווענדיקייט", „צוואַנגס-קראַפט", וואָס איז אפילו געשטאַנען איבער די געטער; די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז געווען פאַרבונדן מיטן וווקס פון די אויסטויש-באַציונגען און מלחמות, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב זיי, וואָס האָבן געשטעלט אין קאָן די עקזיסטענץ פון גריכנלאַנד). פריער זענען די געטער (אויך דער איין און איינציקער גאָט) לגמרי נישט געווען קערפּערלעכע גייסטער. זיי האָבן ליב געהאט אָנ-צוטרינקען זיך, עפּעס צו עסן, קריכן צו פרויען, כאָטש אין דער געשטאַלט פון אַ טויב, ווי דאָס האָט, למשל געטון דער אַזוי געריפענער „הייליקער גייסט" (אין גריכנלאַנד ווו ס'האָט געבליט די אומנאַטירלעכע, איינגעשלעכטלעכע ליבע, האָט זעאוס, אין געשטאַלט פון אַן אדלער, געטון דאָס זעלבע מיטן ייִנגל האַנימעדעס). די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וואָס האָט דערפירט צו דער טויש-ווירטשאַפט און דעם אונטערגאַנג פון דער פעאָדאַל-פּאָליטישער אָרדענונג, האָט אויסגעפליקט ביים גאָט נישט נאָר די אדלערישע און טויבן-פעדערן, נאָר אויך די באָרד און די וואָנסעס, און די איבריקע אַטריבוטן פון די פריערדיקע בילדער. איצט גלויבט דער גלויביקער בורזשוי אין אַ געטלעכער קראַפט, ווי אין אַן אומבאַקאַנטער, נישט-זע-באַרער, געטלעכער קראַפט, פון וועלכער ס'הענגט אַלץ אָפּ, נאָר וועלכע האָט מיט איר פאָרם קיין שום שייכות נישט צום מענטש. דאָס איז אַ געטלעכער גייסט, אָבער נישט עפּעס אַ מגושמדיקע גאָטהייט פון די ווילדע. אַזוי אַרום איז אין דער עקאָנאָמיק פונם קאַפּיטאַליזם פאַראַן פון איין זייט — הערשאַפט-אונטערטעניקייט באַציונגען, פון דער צווייטער זייט — באַציונג פון אַ נישט אָרגאַניזירטן צוזאַמענ-האַנג דורך אויסטויש: דער ערשטער אומשטאַנד דערקלערט, פאַרוואָס די רעליגיע דערהאַלט זיך, דער אַנדערער — פאַרוואָס גאָט נעמט אָן אַזאַ מאָגערע און אָנקערפּערדיקע געשטאַלט.

מיר דאַרפן די גאַנצע צייט געדענקען, אַז דאָ רעדט זיך נאָר וועגן די הויפּט-אידייען פון דער רעליגיע,

קליינע, צווייטראַנגיקע אידייען דאַרפן יעדעס מאָל דער-
קלערט ווערן, אַרויסגייענדיק פון באַזונדערע אַנטוויקלונגס-
באַציונגען.

אין שלוס פון דעם אַנאַליז פון דער רעליגיע
דאַרפן מיר זאָגן, אַז פון אַזא בליק אויף איר דרינגט
פאַרן פּראָלעטאַריאַט די נויטווענדיקייט **פון אַקטיוון
קאַמף קעגן דער רעליגיע**. ג. גאָרטער
אין זיין בוך „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם" גייט אַוועק
נישט נאָר פון פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, נאָר ריין קליין-
בירגערלעך און אָפּאָרטוניסטיש פאַרשטייט ער די באַהויפּ-
טונג „רעליגיע — איז אַ פּריוואַט-זאַך". לויט זיין מיי-
נונג, הייסט עס, דאַרפן מיר נישט לייגן קיין אַכט
אויף דער רעליגיע: זי וועט אַליין פאַרשווינדן. אָבער
אין דער געזעלשאַפט קומט קיין זאַך נישט פאַר „גלאַט
אַזוי זיך" און מאַרקס האָט אין איינעם פון זיינע גלענצנ-
דיק בייסנדיקע ווערק („קריטיק פון דער גאָטישער
פּראָגראַם") ביטער חוזק געמאַכט פון דעם „גאָרטערישן"
באַגריף „רעליגיע, ווי אַ פּריוואַט זאַך". לויט מאַרקסן
דאַרף דער דאָזיקער לאָזונג באַטייטן נאָר די פאָדערונג
פון די אַרבעטער צו אַ בורזשואַזער מלוכה׳ אַז זי
זאָל נישט שטעקן איר פּאָליציישע נאָז, ווו מ׳דאַרף
נישט, אָבער לגמרי נישט די פאָדערונג צו זיך זעלבסט
צו זיין „געדולדיק" צו יעדער ירושה פון די געמיינע
באַציונגען און צו יעדער רעאַקציאָנערער מאַכט. דער
גאָרטערישער שטאַנדפּונקט קען אין דער הינזיכט בשום
אופן נישט אָנגערופן ווערן רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיס-
טישער. דאָס איז אַן אמתער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער
שטאַנדפּונקט.

איצטער דאַרפן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער **פּי-
לאָזאָפיע**. די פּילאָזאָפיע טרעט אַרויס, ווי אַ באַטראַכטונג
וועגן די אַלגעמיינסטע פּראָבלעמען, ווי אַ פאַראַלגעמיינערונג

פון אַלע וויסנשאַפטן, ווי אַ ליערע פון וויסנשאַפטן". גאָר אין אָנהייב, ווען די וויסנשאַפטן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אַנטוויקלט, נישט אָפּגעטיילט, שליסט די פילאָזאָפיע איין, צוזאַמען מיט דער רעליגיע, פון וועלכער זי האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעטיילט, אויך ריין-וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען; אין איר געפינען זיך אויך די פראגמענטן פון וויסן וועגן נאַטור און מענטש, וואָס זענען בכלל פאַראַן אין יענער צייט. נאָכדעם ספּעציאַליזירן זיך די וויסנשאַפטן, פאַרצווייגן זיך, פאַרנעמען זעלבסטשטענדיקע ערטער. אָבער דאָס געמיינזאַמע, וואָס איז דאָ אין אַלע וויסנשאַפטן און, אין דער ערשטער ריי, די פראַגע וועגן אונזער אייגענער דערקענטניש, וועגן איר באַציונג צו דער וועלט א. א. וו. — דאָס פאַלט אויפן חלק פון דער פילאָזאָפיע. זי דאַרף פאַרייניקן די וויסנשאַפט, וואָס איז צעטיילט געוואָרן אויף אַ מענגע ספּעציאַליטעטן. זי פּרוווט צו „פאַרבונדן איין עק מיטן צווייטן", זיין אַ פאַרבינדונג פון אַלץ, וואָס ס'איז באַוווּסט, זיין אַ פונדאַמענט פון אַן אַלגעמיינעם בליק אויף דער וועלט (אַזוי־גערופענע „וועלט-אַנשויונג"). אָט האָבן מיר, למשל, אין אָנהייב פון אונזער בוך אַנאַליזירט די פראַגע וועגן ריבהדיקייט און טעלעאָלאָגיע. די דאָזיקע פראַגע איז ספּעציעל נישט שייך דער פיזיק, אָדער דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָדער וויסנשאַפט וועגן שפּראַכן (פילאָלאָגיע), אָדער סטאַטיסטיק. זי איז שייך די אַלע וויסנשאַפטן, זי איז אַ געמיינזאַמע פראַגע. אַזוי אויך די פראַגע וועגן „גייסט" און „מאַטעריע", אָדער, אַנדערש גערעדט, וועגן דער באַציונג פון „דענקען" צום „זיין". אין די ספּעציעלע וויסנשאַפטן ווערט די דאָזיקע פראַגע נישט איבעריק שטאַרק אַנאַליזירט, אָבער דערוויילע געהערט זי צו אַלע וויסנשאַפטן. אָדער למשל, אַזעלכע פראַגן: צי שפּיגלען אונזערע חושים ריכטיק אָפּ די וועלט? און צי עקזיסטירט די דאָזיקע וועלט און פאַר זיך? וואָס איז דאָס אמת? צי זענען פאַראַן גרעניצן צו אונזער דערקענטניש — אָדער נישט? א. א. — די אַלע פראַגן געהערן חידער צו אַ באַליביקער וויסנשאַפט, און דעריבער פאַררעכנט מען זיי צו דער פילאָזאָפיע. מיט אַנדערע ווערטער: פּונקט אַזוי ווי אַן איינצעלנע וויסנשאַפט רייניקט דורך, סיסטעמאַטיזירט, ברענגט אין אַ סדר די געדאַנקען, וואָס

געהערן צו אַ געוויסן געביט פון וויסן, אַזוי אויך האָט די פילאָזאָפיע געפרווט און פרובירט צו ברענגען אין אַ סדר, אין אַ ס י ס ט ע ם דעם גאַנצן קבוץ פון וויסן, פאַרייניקן אים פון איין שטאַנדפונקט, איין אנשויונג, צוזאַמענבונדן אים אין איין האַרמאָניש־גאַנצעס. דעריבער ווערט די פילאָזאָפיע, קען מען זאָגן, „געשטעלט" אויפן סאַמע „שפיץ" פונם מענטשלעכן גייסט. און אופדעקן איר ערדישע און קערפערליכע אָפשטאַמונג איז שווערער ווי אין אנדערע געביטן. פונדעסטוועגן אנטדעקן מיר אויך דאָ די זעלבע הויפטגעזעצמעסיקייט: די אָפהענגיקייט „אין ע נ ד - ח ש ב ו ן" פון דער טעכנישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, פון דער מדרגה פון די פראָדוצירנדיקע כוחות. דאָ שטויסן מיר זיך אומפאַרמיידלעך אָן אויף אַ זייער ק אָ מ פ ל י צ י ר ט ן ט פ פון אָפהענגיקייט.

— דאָס הייסט, אַז די פילאָזאָפיע איז גלייך און דירעקט נישט אָפהענגיק פון דער טעכניק, נאָר אז צווישן זיי איז פאַראַן אַ ריי פון צווישן־רינגען. כדי צו דערקלערן דעם דאָזיקן געדאַנק, וועלן מיר ברענגען עטלעכע ביישפילן. די פילאָזאָפיע, ווי מיר ווייסן עס שוין, סיסטעמאַטיזירט די ידיעות, די אַלגעמיינע רעזולטאַטן פון די איינצלנע וויסנשאַפטן. הייסט עס, זי הענגט דירעקט אָפ פון דער אַנטוויקלונגס־מדרגה פון די דאָזיקע וויסנשאַפטן: אויב צוליב עפעס אַנטוויקלען זיך די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, באַקומט אויך די פילאָזאָפיע אַן אַנטשפרעכנדיקע באַפאַרבונג; אויב פאַרקערט, אַלץ איז אין אַ געגעבענער צייט פאַרטון מיט די נאַטור וויסנשאַפטן, ווערט די באַפאַרבונג פון דער פילאָזאָפיע זיין אַן אַנדערע. מיט וואָס ווערט דאָס באַשטימט? — מיט דער שטימונג, געדאַנקען, מיט דער געזעלשאַפטלעכער פסיכאָלאָגיע, וואָס הערשן אין דער געגעבענער צייט און אין דעם געגעבענעם אָרט. און דאָס פון זיין זייט ווערט באַשטימט דורך דער לאַגע פון די קלאַסן, דורך די באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ אין אַלגעמיין. די דאָזיקע — „באַדינגונגען פון עקזיסטענץ אין אַלגעמיין" ווערן באַשטימט דורך דער לאַגע פון די דאָזיקע קלאַסן אין דער עקאָנאָמיק

פון דער געזעלשאַפט, וואָס הענגט אָפּ פון דעם עקזיסטירנדיקן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. אַזוי אַרום האָט זיך צווישן די פּראָדוצירנדיקע כוחות (טעכניק) און דער פילאָזאָפיע „אַריינגעקלאַמערט" אַ היפּשע צאָל רינגען. מיר וועלן ברענגען נאָך עטלעכע ביישפּילן. לאָמיר אָננעמען, אַז אַ געוויסע פילאָזאָפישע לערע איז באַפאַרבט אין זייער פינצטערע טענער (די אַזוי גערופענע פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע); אָדער זי באַהויפּטעט, אַז קיין שום דערקענטניש איז נישט מעגלעך, אָדער ס'האָט בכלל נישט קיין זין, אַז אַלץ איז „הבל הבלים". דאַן דאַרפן מיר זיך גלייך ווענדן צו דער פּסיכאָלאָגיע (ד. ה., צו געפילן, שטימונגען, גאַנגבאַרע געדאַנקען), וועלכע רופט אַרויס אַזאַ פילאָזאָפיע. און, אַריינטראַכטנדיק זיך, וועלן מיר דערזען, אַז אַזעלכע פינצטערע געדאַנקען זענען נישט געקומען גלאַט אַזוי, נאָר אַז אַ געוויסער שיכט אדער קלאַס פון דער געזעלשאַפט איז אַריינגעפאַלן אין אַן אויסגאַנגלאָזער סיטואַציע, פאַרלוירן דעם חשק צום לעבן, און די דאָזיקע שטימונג אירע האָט זי אויסגעדרוקט אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער פילאָזאָפיע, באַפאַרבט זי אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן פינצטערן קאָליר. אָדער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער געזעלשאַפט גייט אָן אַ ליידנשאַפטלעכער קאַמף פון די קלאַסן און זייערע פאַרטייען. צי קען דאָס זיך נישט אָפּשפּיגלען אויף זייער פילאָזאָפיע? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. אין לעבן צווייט זיך נישט דאָך דער מענטש: איין און דער זעלבער מענטש, אָדער קלאַס, מאַכט פּאָליטיק און קלערט „וועגן דער סיבה פון אַלע סיבות". ס'איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז דער געזעלשאַפטלעכער קאַמף לייגט אַרויף אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנץ דענקען און שפּיגלט זיך אָפּ אין די סאַמע „דערהאַבנסטע" שטימונגען זיינע. לאָמיר ווייטער אָננעמען, אַז דער גאַנצער טעמפּ פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז שרעקלעך פאַרלאַנגזאַמט: דאָס לעבן פליסט זיך טאָג איין, טאָג אויס, מאָנאָטאָן, איינאַרטיק. דער היינט איז פּונקט ווי דער נעכטן, דער נעכטן, ווי דער אייערנעכטן א. א. וו.; אַלץ ווערט געטון ווי אין די אַלטע צייטן, לויט דער טראַדיציע,

לויט א רוטין; ס'איז נישטאָ קיין ענדערונג נישט אין דער טעכניק, נישט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, נישט אין דער וויסנשאַפט; מענטשן שטאַרבן, און אויף זייער אָרט ווערן געבוירן אַזעלכע, וואָס דענקן, פּונקט ווי ס'האָבן געדענקט די פאַרשטאָרבענע א. א. וו. ביי אזא אומבאַוועגלעכקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט וועט אויך איר פילאָזאָפיע אין אַלגעמיין און אין גאַנצן, שטיצן זיך אויף דער אידיי פון אומבאַוועגליכעס, פון אויף אַלע צייטן אַ פעסטגעשטעלטעס, אומפאַרענדערלעכעס. דאָס קייטעלע פון די סיבות וועט דאָ זיין אַזאַ: אַן אומבאַוועגלעכע פילאָזאָפיע, אַן אומבאַוועגלעכע וויסנשאַפט, אומבאַוועגלעכע געזעלשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע, אומבאַוועגלעכע עקאָנאָמיק, אומבאַוועגלעכע טעכניק.

מ'וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך א סך ביישפילן, אָבער פון דעם געזאָגטן זעט מען גענוג די אומפאַרמיידלעכע אָפּהענגיקייט פון דער פילאָזאָפיע אינם „ענד-חשבון" פון דער עקאָנאָמיק און טעכניק פון דער געזעלשאַפט.

דאָס אויבנגעזאָגטע באַשטעטיקט זיך מיטן גאַנצן אמתן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון פילאָזאָפישן געדאַנק.

אין אלטן גריכנלאַנד, וואָס ווערט געוויינלעך גערעכנט אַלס דאָס קלאַסישע לאַנד פון פילאָזאָפיע, האָבן זיך די ערשטע פילאָזאָפישע סיסטעמען באַוויזן אין די יאָנישע האנדלס-שטעט. די דאָזיקע שטעט זענען געלעגן אויף די גרויסע ים-וועגן צווישן קליין-אַזיע און איראָפּע; אהין טאַקע זענען געגאַנגען די פעדים פונם עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון מצרים. מער ווי אומעטום אין דער אַנטיקער וועלט פון יענער צייט (5—6-ער י. ה. פ. ק.) זענען געווען אַנטוויקלט דער האַנדל, מלאכה און שקלאַפן-אינדוסטריע, — בראש דער האַנדל. אין איין ריי מיטן עקאָנאָמישן צוזאַמענבונד מיט אַנדערע לענדער איז אויך געווען דער אידייען-אויסטויש (די איינפלוסן פון בבל, מצרים א. א.); דאָס „קולטור"-לעבן האָט דאָ געשפּרודלט. ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די

התהוות פון די נאַטור־וויסנשאַפטן: אַסטראָנאָמיע, געאָמעטריע, אַריטמעטיק, מעדיצין א. א.

אויף דעם דאָזיקן יסוד זענען אויך אויסגעוואַקסן די ערשטע פילאָזאָפישע סיסטעמען: דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע נ אַ ט ו ר ־ פ י ל אָ ז אָ פ י ע, ד. ה. די פילאָזאָפיע, וואָס איז געווען געבונדן מיט די נאַטור־וויסנשאַפטן. איר אויפגאַבע איז געווען צו געפינען דעם יסוד פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט. די י אָ נ י ש ע ש ו ל (ט אַ ל ע ס, אַ נ אַ ק ס י מ אַ נ ד ע ר, אַ נ אַ ק ס י מ ע ן און זייערע תלמידים) האָט געזוכט די איינהייט פון דער מאַטעריע אַמאָל אין וואַסער, אַמאָל אין דער לופט, אַמאָל אין „אומענדלעכן" א. א. וו. אין איין ריי מיט די באַטראַכטונגען וועגן „מהות פון די זאַכן" זענען ביי די דאָזיקע פילאָזאָפן געווען אַ סך וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען, און אַנאַקסימאַנדער, למשל, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ מאַפּע פון דער ערד, וואָס איז געווען גאַנגבאַר זייער אַ לאַנגע צייט. ביי דער יאָנישער שול האָט זיך דער פילאָזאָפישער געדאַנק נאָך נישט אָפּגעריסן פון די וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער פ ר אַ ק ט י ק. נאָכדעם זעען מיר דעם וווקס פון רייכטום, דעם אָנזאַמל פון רייכטום, דעם וווקס פון שקלאַפן אַרבעט, דעם וווקס פון פּאַראַזיטיזם פון די העכסטע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן; צוזאַמען מיט דער דאָזיקער וואַקסנדיקער פאַראַכטונג צו אַרבעט, צום אַרבעטס־לעבן, צו פּראָדוקציע, דירעקטע (נישט דורך משרתים) האַנדלס־באַשעפטיקונגען האָט זיך אָפּגעשטעלט דער וווקס פון דעם טעכניש־וויסנשאַפטלעכן געדאַנק און פאַרוואַנדלט די פילאָזאָפיע אין אַ פולקאָם אָפּגעריסענע פון לעבן חקירה (די פילאָזאָפיע האָט אָנגענומען, אַזוי צו זאָגן, אַ ריין „ספּעקולאַטיוון" כאַראַקטער). אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זי האָט זיך אַנטוויקלט „פון זיך זעלבסט". ס'האָט איר פאָרמירט און באַשטימט דאָס ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע

לעבן· לאמיר, למשל, א קוק טאן אויף דער פילאזאפיע פון איינעם פון די גרעסטע פילאזאפן פון גריכנלאנד — העראקליט פון עפעס. זיין היימאט — עפעס איז געווען א רייכע האנדלס־שטאט, וואס האט איבערגעלעבט א סך דערשיטערונגען (מלחמות, בירגער־קריגן א. א.); „קיין שום שטאט אין גריכנלאנד האט נישט איבערגעלעבט אזעלכע צעטרייסלונגען, ווי עפעס". די סוחרישע דעמאקראטיע האט דא בעלאזט טיפע ווארצלען און זי האט פאליטיש געהערשט איבער דער ערד־באזיצערישער אריסטאקראטיע. העראקליט איז ארויסגעקומען פון אן אלט־פריצישער משפחה, ווו ס'האבן זיך אויפגעהיטן פעאדאלע קעניגלעכע טראדיציעס און, „אויב ער איז נישט געווען קיין פארטיי־מענטש פון דער אריסטאקראטיע, איז ער געווען א פאנאטישער שונא פון דער דעמאקראטיע, פון דער הערשאפט פון דער פינצטערער מאסע". (E. Meyer l c, IV B., III Buch, 2[illegible]7). ער אליין, אלס א קאנטער־רעוואלוציאנער, האט מורא געהאט צו פארנעמען זיך מיט פאליטיק, און ער האט אפילו א מישנע געלערנט זיין פילאזאפיע אין א פארנעפלטער, האלב־קאנספיראטיווער שפראך. „איינער אן איין און איינציקער — האט ער געשריבן — איז ווערט צענער טויזנטער, אויב ער איז דער בעסטער". „וואס פאר א מוח און שכל האבן זיי (די איצטיקע מושלים ג. ב.)? זיי הארכן זינגערס, זיי דערלויבן, אז דער המון זאל זיי לערנען, ווייל זיי פארשטייען נישט, אז די מערהייט — איז עפעס א שלעכטס, און נאר נישט קיין סך זענען גוט". די דאזיקע גוטע, אנשטאט עפעס אנדערש, קלייבן זיך אויס איינס: אייביקן רום ביי די שטערבלעכע. דער המון אבער פרעסט זיך אן, ווי די בהמות" (ib., 216). פון דער דאזיקער באהויפטונג פון דער פארפוילטער היימישער אריסטאקראטיע, אינמיטן פון שטורמישע איבערקערענישן און צעטרייסלונגען, איז ארויס אויף

גײַסט וועלט ה ע ר א ק ל י ט ׳ ס פילאָזאָפיע. די געזעלשאַפט איז פול מיט סתירות און מהומות, אכזריות׳זיקן קאַמף, און פונדעסטוועגן עקזיסטירט זי, ווי אַ גאַנצעס.

אַזוי איז אַלץ אין דער וועלט. דער מהות פון דער גאַנצקייט באַשטייט טאַקי אין דעם, וואָס עס איז „גאַנץ און נישט גאַנץ, וואָס שטרעבט צו אַלגעמיינקייט און צעפאַלט אויף טיילן, האַרמאָניע און דיסאָנאַנס; פון אַלץ אַן איינציקע איינהײַטלעכקייט און פון איינס — אַלץ". „טאַקי אין די דאָזיקע סתירות ליגט די איינהייטלעכקייט, דער מהות פון די זאַכן". ס׳איז נאַריש צו פּרעדיקן שלום, וועלכער איז קיינמאָל נישטאָ, און מ׳קען זיך נישט באַרויִקן, ווען ס׳הערשט דער שונא. דעריבער: „מ ל ח מ ה איז דער פאָטער און ק ע נ י ג (!!) פון אַלע זאַכן; איינע האָט זי געמאַכט פאַר געטער, די אַנדערע — מענטשן, איינע — שקלאַפן, די אַנדערע — פרייע". „ה אָ מ ע ר, וועלכער האָט געוואָלט דערווייטערן שנאה און מחלוקות (eris) צווישן מענטשן און געטער, האָט נישט באַמערקט, אַז מיט דעם זעלבן האָט ער פאַרשאָלטן און פאַרורטיילט יעדע אַנטשטייונג". און צי איז, אין אמתן, נישט נאַריש אַפילו צו רעדן וועגן שלום, בעת אַלץ קאָכט און ענדערט זיך? פאַרקערט, ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום אומבאַוועגלעכעס און פאַרגליווערטעס. „מיר קענען נישט אַרײַנגיין אין איין און דעם זעלבן טייך צווײמאָל, ווײַל אין דער זעלבער צייט פליסט אַן אַנדער וואַסער". מ׳רעדט אומעטום, אַז די הײַנטיקע אָרדענונגען זענען גוט. אָבער דער אמת איז דאָך רעלאַטיוו: „דער ים — דאָס איז דאָס ריינסטע און דאָס אומרייןסטע וואַסער; פאַר די פיש דינט עס אַלס טרונק- און הייל־וואַסער, פאַר די מענטשן — נישט־טרינקבאַר און שעדלעך". ס׳מאַכט נישט, וואָס איצט רעגירן מיט דער שטאָט די סוחרים און די אויפגעקומענע דעמאָקראַטן. מ׳טאָר נישט קוקן אויף דער אָבערפלאַך פון די דערשײַנונגען, מ׳דאַרף אַרײַנקוקן טיפער: „די חושים

נאָרן אָפּ, אַזוי אויך ס׳אויג, וואָס ס׳איז דאָך אַ בעסטע־רער עדות, ווי דאָס אויער״ אין לעבן ווערן רייף ענדערונגען, און דאָס, וואָס ס׳עקזיסטירט, וועט אומפאַרמיידלעך אונטערגיין : ס׳פייער לעבט, ווייל די ערד שטאַרבט, די לופט לעבט מיטן טויט פון פייער ; דאָס וואַסער לעבט מיטן טויט פון דער לופט, די ערד — מיטן טויט פון וואסער״. נישט נאָר די קלאסן ווערן פאַרביטן איינער דורך דעם צווייטן. נאָר אויך די געזעלשאַפטלעכע זאַכן בייטן זיך שטענדיק מיט די ערטער : ״אַלץ טוישט זיך אויף פייער און פייער אויף אַלץ, ווי א זאך אויף גאָלד, און גאָלד אויף אַ זאַך״. (1. c, 221) אין וואָס באַשטייט דער עצם פון דער געזעלשאַפט ? זי באַשטייט טאַקע אין דער דאָזיקער גאָלדענער סובסטאַנץ, פאַר וועלכער מ׳קען אַלץ באַקומען, אין דער אומעטום־זייענדיקער און אַלץ דורכדרינגנדיקער קראַפט פון געלט. דעריבער איז פייער— פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער קראַפט, דער עצם פון די זאַכן, אַ לעבנס־שעפערישע קראַפט, פון וועלכער אַלץ גייט ארויס. ״אַזוי אויך דער לעבנס־גייסט, נשמה, איז פייער און וואַרעמקייט״. מאַרק, קאָנקורענץ, מלחמה — זענען סטיכיש ; דאָס איז מזל, א צווינגנדיקער און אַלהערשנדיקער, דעריבער איז גאָט נישט אַ מענטש מיט לאָקן, נאָר אן אָנקערפּערדיקער, אנאפּוועגדבאַרער געזעץ, ״אַ פאָרויס באשטימטע צווינגנדיקע קראַפט פון דעם מזל (heimarmene ananke) וואָס גיט אַלע זאַכן אירע אייביקע כללים און באַשטימט איר מאָס, וועלכע מ׳קען נישט עובר זיין אָן דעם, אז מ׳זאָל נישט אַריינפאַלן אין אריני׳ס הענט, דער געהילף פון גערעכטיקייט״. אָבער די גאָטהייט, דער פאַרשטאַנד. לאגאס גורל, וואָס הערשט איבער דער וועלט, וועט כּוף־סוף צוריקשטעלן די צעטרעטענע גערעכטיקייט. ס׳וועט קומען דער טאָג פון שרעקלעכן יום־הדין, ״אומעטום וועט אַדורכגיין ס׳פייער, דער פלאַם וועט

אַלץ אַרומנעמען און משפּטן"; גערעכטיקייט (dike) וועט צורעכט מאַכן (כאַפּן) די ליגנערס און פאַלשע עדות".

אַזוי אַרום קוקט אַרויס פון הערַאקליטס פי־לאָזאָפיע אויסטערליש פאַרפלאָכטענע מאָמענטן פון איין זיינער צייט געזעלשאַפטלעכן לעבן: דער מהות פון דעם זיך אַנטוויקלנדיקן, אונטערן צייכן פון געלט־ווירטשאַפט, קלאַסן־קאַמף, די אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג פון דער אַרי־סטאָקראַטיע, האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט, אַפעלן צו העלדנטאַט, גלויבן אין נצחון, אָנהאַלט־פונקט פאַר דעם דאָזיקן גלויבן אין דער אַלגעמיינער פאַרענדערלעכ־קייט פון די זאַכן, דאָס אַנערקענען אַן אומפאַרזענלעכן גורל און רעגירנדיקן איבער דער וועלט געהיימען פאַר־שטאַנד — אָפּשפּיגלונגען פון דער וועלט פון האַנדל־קאָנקורענץ און מלחמה, אָפּרייס פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַ געבוירענעם אַריסטאָקראַטס שנאה צום „המון", טראַ־דיציע פון פּריצנטום און דער פעאָדאַלער קריגערישקייט א. א. וו. א. ד. גל. — אָט זענען די געזעלשאַפטלעכע מקורים פון זיין פילאָזאָפישער געביידע.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער זעלבער צייט, ווען דער אָפּאָזיציאָנעל־געשטימטער הערַאקליט, דער פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע, אַ נישט־פאַראינ־טערעסירטער אין דער ־ערהאַלטונג פון דער עקזיסטירנ־דיקער אָרדענונג, האָט פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון פאַר־ענדערלעכקייט, סתירות, קאַמף, דינאַמיק, האָבן די פילאָזאָפן פון אַן אַנדערער הערשנדיקער שול מיט אַ נישט קלענערן אייפער פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון נישט־פאַרענדערלעכקייט און שטענדיקייט. דער גרעסטער פון זיי איז געוועזן פּאַרמענידעס. אַנאַקסאַגאָ־ראַס, מקורב פונם אָנפירער פון דער סוחרישער אַטענער דעמאָקראַטיע פון V י. ה. — פּעריקלעס, דער, אַזוי צו זאָגן, אָפיציעלער מלוכהשער פילאָזאָף פון אַטען, האָט

אויסערגעוויינלעך שאַרפזיניק זיך באַמיט איבערצוטראָגן
דעם שווער=פונקט פון דער לײדנשאַפטלעכער פילאָזאָפי-
שער מחלוקה. ,,די גריכן — האָט ער געשריבן —
רעדן נישט ריכטיק וועגן אנטשטייונג און אונטערגאַנג,
ווייל פון די שוין פאַראַנענע זאכן פליסט ארויס דאָס
עקזיסטירנדיקע מיט דער הילף פון אויסמישונג און פא-
נאנדערגרענצונג". מיט אַנדערע ווערטער: א נ א ק ס א=
ג א ר א ס שטעלט זיך אויפן שטאַנדפונקט פון א בהדרגה'-
דיקער אַנטוויקלונג, וואָס דרינגט פולקאָם אַרויס פון דער
געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון דעם קלאַס, וועמעס פאר=
שטייער ער איז. (א נ א ק ס א ג א ר ס האָט, איבריקנס,
געגעבן אַ שטויס דער אטאמיסטישער טעאָריע).

מיר קענען זיך דאָ נישט אויספירלעך אָפשטעלן
אויף דער גריכישער פילאָזאָפיע. ס'איז פולשטענדיק קלאָר,
אַז זי איז נישט געווען ביכולת צו געפונען אַן אויס-
גאַנג אויפן יסוד פון די אויסגעזויגענע פון פינגער און
נישט-באַוווסטזיניקע איינדרוקן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן.
דאָס לעצטע איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן וואָס
אַמאָל מער פאַרפלאָנטערט. דער אומגעוויינלעך קאָמפ-
ליצירטער קאמף און ביז צו עקסטקייט מוראדיקע לאַגע
אין די אָנפירנדיקע שטעט האָבן אַרויסגערופן די צאָל-
רייכסטע שטרעבונגען, מחלוקות און קריטיק; די געזעל-
שאַפטלעכע פארבינדונגען, נאָרמעס, מנהגים פון אַלטן
טיפ האָבן אָנגעהויבן צו פוילן. די מענטשן האָבן זיך
,,פאַרפלאָנטערט". און פאַראלעל מיט דעם איז אין דער
גאַנצער פילאָזאָפיע פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבעררוק
אין דער זייט פון דער אזוי גערופענער פ ר אַ ק ט י=
ש ע ר פ י ל אָ ז אָ פ י ע, ד. ה. שמועסן וועגן נאַטור
פון מענטש, מאָראַל א. א. וו. אַנשטאַט דער אויספאָר=
שונג וועגן מהות פון דער וו ע ל ט, האָט מען אָנגע-
הויבן צו רעדן וועגן פליכטן ,,שלעכטס" און ,,גוטס"
(פון איין זייט, די ס א פ י ס ט ן, וואָס האָבן אַלץ קריטי=

קירט, פון דער צווייטער זייט ס א ק ר א ט ע ס). וועגן דעם גרעסטן שקלאַפן-באַזיצער פילאָזאָף פון אַלטערטום, פון אַ בולט שווארץ-מאהדיקן כאַראַקטער, פּ ל א ט אָ ן, מיט זיין פאַרפולקאָמטער סיסטעם פון פילאָזאָפישן אידעאַליזם, וואָס פאַרקערפּערט דעם ריינעם שכל און גוטס, איינציייטיק מיט א שטעקן פאַר די שקלאַפן, האָבן מיר דערמאָנט אין אָנהויב בוך. מיר וועלן ברענגען נאָך אַ ביישפּיל פון דער ירידה-צייט פון דער רוימישער אימפעריע, וואָס איז אויך געווען די ירידה פון דער גאנצער מיטללענדישער אַנטיקער קולטור. דער קאָלאָסאַלער וווקס פון די שטעט, דער אָנזאַמל פון רייכטום אויפן יסוד פון רויב פון קאָלאָניעס און שקלאַפן-עקספּלאָאַטאַציעס, דער פולער פּאַראזיטיזם פון די הערשנדיקע קלאַסן, דער פּאַראזיטיזם פון דער אויסגעלאַסענער דורך מלוכה'שע מתנות ליידיקגייערישער מאַסע פון פרייַע לומפּן-פּראָלעטאריער, די פינצטערע נידערשלאָגנקייט פון די שקלאַפן — אָט איז די קורצע כאַראַקטעריסטיק פון דער „אינערלעכער לאגע”. און אָט ווי אַזוי דער גביר-פילאָזאָף פון דער סטאָאישער שול ס ע נ ע ק א לערנט זיין פריינט ל י ו צ י ל, די לעבנס-פילאָזאָפיע: „צי איז ביי דיר עפּעס פאַראַן, וואָס קען דיך אָפּהאַלטן פון טויט? דו האָסט שוין אויספרו.בירט אַלע געניסן, וואָס צווינגען דיך צו זיין לאנגזאם קיין שום זאַך פון זיי איז נישט ניי פאר דיר, מיט אלע האָסטו זיך שוין אָנגעזעטיקט. דו ווייסט דעם טעם פון וויין און האָניק, צי איז נישט אלץ איינס, צי הונדערט אָדער טויזנט פלעשלעך וועלן אדורכגיין דורך דיין האלדז? דו האָסט שוין אויך פארזוכט אויסטערס און ראַקעס. א דאַנק דיין ווילטאָג איז פאר די צוקונפטיקע יאָרן גאָרנישט געבליבן קיין שום נישט-פארזוכטע זאך פאר דיר. און פון דעם קענסטו זיך נישט אָפּרייסן? וואס זשע קען דיר זיין א שאָד? פריינט און פאמיליע? אָבער

צי שעצסט דו זיי כאָטש אויף אזויפיל, אז דו זאָלסט
צוליב זיי אביסל שפּעטער עסן אָונטבּרויט? א, ווען
ס'וואָלט זיך געווענדט אן דיר, וואלסטו אויסגעלאשן די
זון, ווייל דו האסט גארנישט געטון, וואס זאל ווערט זיין
צו זעען די ליכטיקע שיין. זיי זיך מודה, אז דו שלעפסט
אָפּ מיטן טויט נישט דערפאר, וואס דיר איז א שאד די
הון, דער פארום אדער אפילו די נאטור. דיר איז
א שאד צו פארלאזן דעם פלייש=מארק, אויף וועלכן דו
האסט שוין אבער אלץ פארזוכט" (ס ע נ ע ק א, „בריוו
צו ליוצילי". ציטירט לויט נ. וואסיליעוו: „די
פראָבלעם וועגן דער ירידה פון דער מערב-רוימישער
מלוכה". ידיעות פון דער אלגעמיינער ארכעאָלאָגיע, גע=
שיכטע און עטנאָגראפיע ביים קאזאנער אוניווערזיטעט,
XXXI באַנד, בוך 2-3). די פילאָזאָפיע פון פולן אינדי-
ווידואליזם פון צערשטויבטע פּערזענלעכקייטן, דער פע-
סימיזם, דאָס פרעדיקן דעם טויט, די פּרוכטלאָזע קרי-
טיק פון אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, קולט פון
אבסטראַקטן שכל, וואָס שפייט אויף אלץ, — אָט איז די
פילאָזאָפיע פון יענער צייט. צי זעט מען דאָ נישט די
אָפּשפּיגלונג פון דער פסיכאָלאָגיע פון דעם איבעריזעטיקן
ירידה'דיקן, פאראזיטישן קלאַס, וואָס האָט פארלוירן יעדן
חשק צום לעבן? און אזא פסיכאָלאָגיע דרינגט ארויס
פון די געזעלשאפטלעך=עקאָנאָמישע באדינגונגען, וואָס זע=
נען דעמאָלט געווען.

אין מיטלאַלטער האָט אין מערב=אייראָפּע געהערשט
די פעאָדאלע אָרדענונג, מיט א ריזיקער היערארכיע פון
אונטערטעניקטע; לויטן זעלבן טיפּ איז געבויט געוואָרן
די קירך. די נאָרמען פון געזעץ, מנהגים, מאָראל, רע-
ליגיע, — די אלע צו=בויונגען האָבן אין זיך אָפּגעש=
פּיגלט די זעלבע אָרדענונג און זי באַפעסטיקט. ס'איז
פארשטענדלעך, וואָס פארא ריזיקע ראָל ס'האָט דאָ גע-
ראָרפט שפּילן די רעליגיע. דער יסוד פון דער רעליגיע

זענען דאָך די באַציונגען פון הערשאַפט, פון איין זייט, און אונטערטעניקייט — פון דער צווייטער· קומט אויס, אַז טאַקי אויף די פעסטע יסודות פון פעאָדאַליזם האָט אומפאַרמיידלעך געדאַרפט בליען די גייסטיקע לייב=קנעכט־שאַפט. דעריבער האָט אויך די פילאָזאָפיע געטראָגן אַ שאַרף=אויסדרוקלעכע רעליגיעזע באַפאַרבונג: זי איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס „דינערין פון טעאָלאָגיע“ (ancilla theologiae).

דער אַממייסטן כאַראַקטעריסטישער, אָרטאָדאָקסאַלער פילאָזאָף פון מיטלאַלטער, טאמאש פון אקווין (1225-1274) זיין הויפט-ווערק „Summa Theologiae” — „טעאָלאָגישע ענציקלאָפּעדיע”, האָט גענוג בולט אָפּגעשפּיגלט אין זיין פילאָזאָפיע די פעאָדאַלע באַציונגען. די וועלט צעטיילט זיך אויף צוויי חלקים: די געוויינלעכע גע/עענע וועלט און די „פאָרמען”, וואָס לעבן אין איר. די העכסטע און ריינסטע „פאָרם” — איז גאָט. חוץ איר עקזיסטירן איינצעלנע, ספּעציעלע, „ספּעציפישע פאָרמען, (formae seperatae), וואָס זענען צעשטעלט אויף באַשטימטע מדרגות פון חשיבות: אַזעלכע זענען די מלאכים, די נשמות פון די מענטשן א. א. וו· די דאָזיקע פילאָזאָפישע סיסטעם איז אַדורכגעדרונגען מיט דער אידיי פון שטענדיקייט פון טראַדיציע. אויטאָריטעט. „אָבער צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער בורזשואַזיע האָט זיך טריט ביי טריט אויך אַנטוויקלט מיט אַן אומגעוויינלעכער קראַפט די וויסנשאַפט. פאַר דער אַנטוויקלונג פון איר אינדוסטריעלער פּראָדוקציע האָט זיך די בורזשואַזיע גענויטיקט אין דער וויסנשאַפט, וואָס זאָל אויספאָרשן די אייגנשאַפט פון די קערפּער און די טעטיקייט פון די נאַטור=קרעפטן. ביז יענער צייט איז די וויסנשאַפט אין באַצוג צו דער קירך געווען נאָר אַ געהאָרזאַמע דינערין... איצט האָט די וויסנשאַפט זיך געבונטעוועט קעגן דער קירך, און די בורזשואַזיע, נויטנדיק זיך אין דער וויסנשאַפט, האָט

זיך פאַרייניקט צו דעם דאָזיקן בונט. (" פ ר י ד ר י ך
ע נ ג ע ל ס: („וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם". זאַמל־
בוך "היסטאָרישער מאַטעריאַליזם". זייט 174-175) די דאָ־
זיקע באַדערפענישן פון אַנטוויקלונג האָבן זיך אָפּגעש־
פּיגלט אַפילו דאָרט, וווּ ביים רודער פון דער מאַכט איז
געשטאַנען די ערד=באַזיצערישע אַריסטאָקראַטיע. אַזוי
למשל, אין ע נ ג ל א נ ד איז דער ערשטער פּאָרויסזאָ־
גער פון דעם גרויסן איבערקער אין דער גאַנצער וועלט־
אַנטוויקלונג, און פאָלגלעך — אויך אין דער פילאָזאָפיע,
געווען פרענסיס בעקאָן (1561=1626). לויט זיין מיי־
נונג דאַרף מען אויספאָרשן די נאַטור, כדי זי א ו נ־
ט ע ר צ ו ט ע נ י ק ן. פאַר דעם פאָדערט זיך קודם־כל
די קונסט פון דערפינדונג („ars inveniendi"). די
אַלטע מכאַלאסטישע פלוידערייען און אַפילו אַריסטאָטעלעסן
דאַרף מען אַוועקוואַרפן. איצט „האָט די אַלטקייט אָפּ־
געטרעטן, דער שכל האָט געזיגט" (vetustas cessit,
ratio vicit"). מ אַ ר ק ס האָט געהאַלטן ב ע ק אָ־
נ ע ן אַלס פאָטער פון דעם ענגלישן מאַטעריאַליזם. די
נאַטורוויסנשאַפט האַלט ער (בעקאָן — נ' ב') פאַר אַן
אמתע וויסנשאַפט, און די דערפאַרענע פיזיקע אַלס דעם וויכ־
טיקסטן טייל פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. לויט זיין
מיינונג נאַרן די חושים נישט אָפּ און זיי דינען אַלס
מקור פון אַלע ידיעות, די וויסנשאַפט איז אַ דערפאַ־
רענע און באַשטייט אין אָנווענדן אַ ראַציאָנעלן מע־
טאָד צו דעם חושימדיק=עקזיסטירנדיקן. (ד. ה. צו דעם,
וואָס מיר ווערן געוויר דורך אונזערע אויסערלעכע חושים
נ' ב'). אינדוקציע, אַנאַליז, פאַרגלייך, באַאָבאַכטונג, דער־
פאַרונג — אָט דאָס זענען די הויפּט־באַדינגונגען פון אַ
ראַציאָנעלן מעטאָד. צווישן די אַלערערשטע אייגנשאַפטן
פון דער מאַטעריע איז די ערשטע און די הויפּט־באַ־
וועגונג !!! צוזאַמען מיט דעם אַנטדעקט מ אַ ר ק ס ביי
ב ע ק אָ נ ע ן אַ סך טעאָלאָגישע „נישט קאָנזעקווענצקייטן"

K. Marx und Fr. Engels: „Die heilige Fa-
milie", 1845, S. 201 ff. ציטירט אויך ביי ענגעלסן:
היסטאָרישער מאַטעריאַליזם"). אַנדערש, פאַרשטייט זיך, האָט גאָרנישט געקאָנט זיין, אויב מ'זאָל נעמען אין באַטראַכט די קלאַסן־לאַגע פון עם זעלבן בעקאָן.

דער פראַנצויזישער מאַטעריאַליזם פון 18־ן י. ה. האָט אין דעם פילאָזאָפישן געביט דערקלערט אַן אַנטשלאָסענע מלחמה דער פעאָדאַלער וועלטאַנשויונג, פונקט ווי אינם געביט פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק האָט די בורזשואַזיע דערקלערט אַ מלחמה דער פעאָדאַל — גוטס־באַזיצערישער געזעלשאַפט. ער האָט אומגעווייניגלעך ענערגיש אונטערגעהאַלטן און אַנטוויקלט די לערע פון ענגלישן פילאָזאָף לאָק וועגן דעם, אַז „דער מענטש האָט נישט קיין איינגעבוירענע אידייען", אַז דאָס גאַנצע פסיכישע אין מענטש איז נאָר „אַ פאָרם — פאַר ענדערונג פון די עמפינדונגען" (דער דאָזיקער טייל פון דער לערע הייסט סענסואַליזם), אַז דאָס דערשפירן איז אַן אייגנשאַפט פון דער מאַטעריע. אינאיינעם מיט דעם האָט געהערשט אַ גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פון דעם מענטשלעכן שכל און פון דער אידיי וועגן בילדונג („ראַציאָנאַליזם"). דאָס אַלץ איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אינדיווידואַליזם, וואָס האָט געפונען זיין אָפּשפּיגלונג אויך אין געביט פון דער „פּראַקטישער פילאָזאָפיע" („רעכט" פונם יחיד, פרייהייט פונם „יחיד" א. א.). די דאָזיקע, אין העכסטן גראַד רעוואָלוציאָנערע פאַר יענער צייט, פילאָזאָפיע איז אַרויסגעדרונגען פון דעֿ רעוואָליוציאָנערער שטעלונג פון דער דעמאָלדיקער בורזשואַזיע, וואָס האָט אומגעוואָרפן די פעאָדאַלע וועלט' אירע אויטאָריטעטן, טראַדיציע. קיוך, רעליגיע, טעאָלאָגישע און קאָנסערוואַטיווע פילאָזאָפיע. די רעוואָליוציאָנערע שטימונג פון דער בורזשואַזיע קען מען לייכט פאַרשטיין פון דער עקאָנאָמיק פון דער געזעלשאַפט פון XVII! י׳ ה.

און פון דעם צושטאנד פון די פראָדוציִרנדיקע כוחות, וואָס האָבן זיך אין דער פריצישער ערד-באַזיצערישער אָרדינונג אָנגעשטויסן אויף באַדייטנדע שטערונגען אין זייער אַנטוויקלונג, און מיט דער הילף פון דער בורזשואַזיע, קליינער בורזשואַזיע, בעלי-מלאכות און האַלב-פראָלעטאריער האָבן זי געמוזט אָפּרוימען די שטערונגען.

כדי מ'זאָל נאָך מער אָפּשאַצן די אָפּהענגיקייט פון דער פילאָזאָפיע פונם גאַנג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלן מיר ברענגען אַלס אַ לעצטן ביישפּיל די פילאָזאָפיע פון דער בורזשואַזיע פון דער ירידה צייט (נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה 1914—18). דער קאָלאָסאַלער מלחמה-קריזיס, דער עקאָנאָמישער קריזיס, דער סאָציאַלער קריזיס, וואָס מאַכט פאַר אונזערע אויגן אַ תל פון קאַפּיטאַליזם און צעטרייסלט ביז צום פונדאַמענט זיין גאַנצן קולטור-בנין, רופט אַרויס ביי די הערשנדיקע קלאַסן אַ פּסיכאָלאָגיע פון פאַרצווייפלונג, אַ טיפן סקעפּטיציזם און פּעסימיזם, נישט גלויבן אין די אייגענע כוחות, אין דער קראַפט פון אינטעלעקט, געבוירט אַ צוריקקער צום מיסטיציזם, אַ דורשט נאָך געהיימניספולעס, אַ נייגונג צו געהיימע קולטן און אוראַלטע רעליגיעס, אינאיינעם מיט דער ליידנשאַפט פון דער היינטצייטיקער פאָרם פון וועלטלעכן כישוף-ספּיריטיזם. מיט אַ סך שטריכן אירע דערמאָנט די דאָזיקע פילאָזאָפיע די פילאָזאָפיע פון די הערשנדיקע קלאַסן פון דער ירידה צייט פון דער רוימישער אימפּעריע. אָט זענען מוסטערן פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע, וואָס באַצייכענען דעם קראַך פון קאַפּיטאַליזם.

פּאַול ערנסט: Paul Ernst: Der Zusammenbruch des deutschen Idealismus". דער מחבר קריטיקירט דאָ די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גורם געווען די מלחמה. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ בלינדע, וואָס האָט דערדריקט דעם

יחיד. „פון וואַנען קען קומען אַן ענדערונג? ס'איז נאָר פאַראַן איין אויסוועג! די מענטשהייט דאַרף זיך איבערקלערן און זיך זאָגן, אַז די העכסטע אויפגאַבע, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך גאָט (!) דעם מענטש, באַשטייט אין דעם, אַז מ'זאָל זיך שטעלן אין זיין טעטיקייט באַשטימטע צילן". דעם אידעאַל פון חכמה דאַרף מען זוכן... אין כינע (!). „מיר דאַרפן זיך קלאָר מאַכן, אַז די סיבה פון די ליידן פון דער מענטשהייט זענען נישט די אינסטיטוציעס, נאָר די אַנשויונגען, וואָס געבוירן די דאָזיקע אינסטיטוציעס". פאַרוואָס האָט זיך אין כינע נישט געגרינדעט דער קאַפּיטאַליזם? צוליב דער פשוטער סיבה, ווייל דער כינעזער האָט ליב און ערט די ערד-אַרבעט, קען שטענדיק דערווערבן (!?) דאָס נויטיקע פאַר אים שטיקל ערד און אויסאַרבעטן אויף איר דאָס, וואָס איז אים, ביי זיינע באַשיידענע באַדערפענישן, נויטיק..." נישט „רעפאָרמען און רעוואָלוציעס זענען אונז נויטיק, נאָר צוריקקער צו דער אמתער מאָראַל"... דער ערשטער מקור פון אַלע צילן... זענען די מענטשן פון דער העכסטער אָרדענונג"... די העכסטע דערגרייכונגען פון מעטאַפיזישן דענקען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט נאַקעט אין די אינדישע וועלדער, געשפייזט זיך מיט רייז-קערנדלעך, וואָס זייערע תלמידים האָבן פאַר זיי אויסגעבעטלט". אַלזאָ: די העכסטע פאָרמען און מעטאָדן פון דערקענטניש זענען דאָ ביי מענטשן, וואָס האָבן פון זייער אייגענעם אָ פּ ל אויסגעגראַבלט די געטלעכע חכמה; די העכסטע פאָרמען פון לעבן — ביי דעם כינעזישן פויער מיט זיין צניעותדיקער פרוי. דער אַנטלויף פון ציוויליזאַציע, וואָס איז אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל — אָט איז דער לאָזונג פון לויפנדן פילאָזאָפישן מאָמענט.

הערמאַן קייזערלינג (Hermann Keyserling: „Reisetagebuch eines Philosophen").

„יעדער אמת שטעלט זיך אין ענד־חשבון פאָר נאָר ווי
אַ סימבאָל; די זון דריקט בעסער אויס דעם כאַראַקר
טער פון געטלעכקייט, איידער דער בעסטער לאָגישער
געבוי". „אלע זון-פאַרערער זענען גערעכט פאַר גאָטט
(דאָס ווערט געשריבן נישט „אויף אַ געלעכטער", נאָר
אין ערנסט! — נ. ב.). „דאָס געטלעכע ווערט אַנטפּלעקט
דעם מענטש שטענדיק אין די ראמען פון זיינע אינטימע
פארורטיילן". די אינדישע פאַקירן — זיי זענען דער
אידעאַל פון גלויבן און דערקענטניש, ווייל „ס'איז נישט
פאראַן קיין מגושמדיקער אבערגלויבן, ווי דאָר
גלויבן אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון דער נאַטירלעכען
באַשטימטקייט". דער מענטש איז לויט זיין אינערלעכ
מהות אַ גייסט, און וואָס מער דאָס ווערט פאַר אים
קלאָר, אַלץ מער קייטן פאַלן אראָפּ פון אים. ס'איז מעג-
לעך, אַזוי אַרום, אַנטשפּרעכנד דעם אינדישן מיטאָס,
באַהערשט די פולקאָמע דערקענטניש אַפילו דעם טויט".
„דער מענטש פון א פאַרענדיקטער ערודיציע, דער ספּי-
ריטואַליסט, באַנוצט זיך מיטן גלויבן לויט זיין פאַרלאַנג,
ווי אַן אינסטרומענט. אויף אַזוי הויך זענען געשטאַנען
די גרעסטע מענער פון אינדיע. זיי... האָבן געוווּסט, אַז
יעדער רעליגיעזער געבוי — שטאַמט פון מענטשן, און
צוזאַמען מיטן דעם, מיט גלויבן אין הארצן, האָבן זיי גע-
ברענגט קרבנות דאָ דעם גאָט, דאָ יענעם"... א. א. וו.
אָסוואַלד שפּענגלער (Oswald Spengler
„Der Untergang des Abendlandes") די סיסטעמאַ-
טישע פילאָזאָפיע איז אונז אומענדלעך ווייט, און די
עטישע פילאָזאָפיע ווידער איז פאַרענדיקט. ס'בלייבט
איבער נאָך א דריטע, אַנטשפּרעכנדיקע דעם העלענישן
סקעפּטיציזם מעגלעכקייט אין די ראַמען פון די אידייען
פון „מערב". דאָס איז — די סקעפּטישע גע-
שיכטע פון דער פילאָזאָפיע. ביים באַטראַכטן די גאַנצע

מענטשלעכע געשיכטע פּאַרטרײַסט שפּיגלט די אידיי פון סיבהדיקייט מיט דער אידיי פון גורל. יעדער געזעלשאַפט איז אָנגעצייכנט געוואָרן צו מאַכן איר קרייז, פון דער יוגנט ביז צו דער עלטער, וואָס ענדיקט זיך אומפאַרמיידלעך מיטן טויט. דער אייראָפּעישער „קולטור-קרייז" האָט אויסגעשעפּט זײַנע שעפערישע כּוחות און גייט צו דער ירידה. פאָרויסזאָגן די דאָזיקע ירידה, צוגרייטן זיך צו דעם אומפאַרמיידלעכן — אָט אין וואָס ס'באַשטייט די אויפגאַבע.

די בורזשואַזע פילאָזאָפן, פּונקט ווי די איבערגעזעצטע רוימישע אויבער-ביוראָקראַטן און די אָפּגעשוואַכטע פון חשובער אָפּשטאַמונג „חכמים", פאָרן איבער ווײַטע לענדער און זוכן מענטשן, וואָס גייען נאַקעט, כּדי זיך צו באַהעפטן מיטן גרויסן סוד. שפּענגלער זאָגט אָן פאַר אייראָפּע דעם זעלבן גורל, וואָס ס'האָט געהאַט די רוימישע אימפּעריע. אָבער דער חשבון איז געמאַכט געוואָר אָן דעם באַלעבאָס. ווענדנדיק זייערע אויגן אויף כינע און אינדיע, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פון די אויגן דעם פּראָלעטאַריאַט בײַ זיך אין דער היים. אויב אין „אַלטערטום" זענען די נידריקע קלאַסן געווען פעיִק נאָר אויף דעם, אַז זיי זאָלן אויסאַרבעטן א „פילאָזאָפיע" פון קריסטיאַניזם, איז איצט פאַראַן א מאַרקסיסטישער קאָמוניזם, וואָס ווערט נאָר פאַרהאַרטעוועט אין כאַאָס פון דעם אונטערגייענדיקן „מערב". ער האָט זײַן אייגענע פילאָזאָפיע, וואָס איז די פילאָזאָפיע פון טאַט און קאַמף, ווי סנשאַפטלעכער דערקענטניש און רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק.

אַזוי אַרום קומען מיר נאָכאַמאָל צו דעם שלוס, אַז אויך די פילאָזאָפיע איז נישט עפּעס אַן אומאָפּהענגיקעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז אויך זי איז אַ צאָל, וואָס טוישט זיך, אָפּהענגיק פון די ענדערונגען פון פאַר-

שידענע זייטן פון דער געזעלשאַפט, ד. ה. אין ענדחשבון, אָפּהענגיק פון איר עקאָנאָמיק און טעכניק.

איצטער גייען מיר איבער צו אַן אַנדערער ריי פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, נעמלעך: צו דער *קונסט*. די קונסט איז אויך אַזאַ *פּראָדוקט* פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי די וויסנשאַפט, אָדער אַ באַליביקער פּראָדוקט פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע; אויב מיר רעדן וועגן *קונסט־זאַכן*, איז דאָס שוין אַליין באַשיינפּערלעך. אָבער זי איז אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און ווי אַ באַזונדערער מין פון „גייסטיקער" טעטיקייט, פּונקט אַזוי, ווי די וויסנשאַפט, קען זי זיך אַנטוויקלען נאָר ביי אַ באַשטימטן ניוואָ פון דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט. אַז נישט — וועלקט זי אומפאַרמיידלעך און גייט אונטער.

אָבער מיט דעם באַשרענקט זיך נישט דער ענין. מיר וועלן באַלד איבערגיין צום אַנאַליז, ווי אַזוי די קונסט ווערט באַשטימט דורכן גאַנג פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער פריער דאַרפן מיר זיך קלאָר מאַכן, וואָס איז דאָס קונסט און אין וואָס באַשטייט איר שורש'דיקע געזעלשאַפטלעכע ראָל.

מיר האָבן געזען, אַז די וויסנשאַפט סיסטעמאַטיזירט די *געדאַנקען* פון די מענטשן, ברענגט זיי אין אַ סדר, רייניקט זיי, באַפרייט זיי פון סתירות. פון *פראַגמענטן* פון ידיעות, פון שטיקלעך ווערט זי אַ גאַנצן איבערבליק פון וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס און סיסטעמען. אָבער דער געזעלשאַפטלעכער מענטש נישט נאָר וואָס ער דענקט, ער *פילט* אויך: ליידט, געניסט, פאַרלאַנגט, פרייט זיך, טרויערט, גיט זיך אָפּ פאַרצווייפלונג א. א. וו.; זיינע געפילן קענען זיין אומענדלעך קאָמפּליצירט און סובטעל. זיינע גייסטיקע איבערלעבענישן קענען זיין אָנגעצויגן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדערן קאַמערטאָן. טאַקי די קונסט *סיסטעמאַטיזירט* די דאָזיקע געפילן, אויסדריקנדיק זיי אין קינסטלערישע בילדער אָדער אין ווערטער, אָדער קלאַנגען, אָדער באַוועגונגען (למשל. טאַנץ).

אָדער מיט עפּעס אַנדערע מיטלען (טייל מאָל „זייער" מאַטער־יעלע, למשל, אין דער אַרכיטעקטור). מ'קען דאָס זעלבע זאָגן אַ ביסל אַנדערש, בעמלעך: מ'קען זאָגן, אַז קונסט איז אַ מיטל צו „פאַרגעזעלשאַפטלעכן די געפילן", אָדער ווי ס'האָט פּולקאָם ריכטיק באַצייכנט ל. טאָלסטאָי („וואָס איז דאָס קונסט"?), אַ מיטל פון עמאָציאָנעלער 1) „אָנשטעקונג". אויב איר הערט, למשל, אַ מוזיקאַליש ווערק, ווערט איר און אַלע צוהערער אַדורכגעדרונגען מיט דער דאָזיקער שטימונג, איר ווערט „אָנגעשטעקט" פון איר;

דאָס, וואָס ס'איז געווען די שטימונג פון איינעם, איז געוואָרן די שטימונג פון אַ סך, האָט זיך זיי איבערגעגעבן „געווירקט" אויף זיי, „אָנגעשטעקט" זיי מיט דער דאָזיקער שטימונג; דער גייסטיקער צושטאַנד, די געפילן זענען דאָ „פאַר־געזעלשאַפטלעכט" געוואָרן. אָבער אויך דאָס זעלבע קומט פאָר אין געביט פון יעדערער אַנדערער קונסט: מאַלעריי, אַרכי־טעקטור, פּאָעזיע, סקולפּטור א. א. וו.

איצט איז פאַרשטענדלעך, וואָס איז דאָס קונסט. דאָס איז אַ סיסטעמאַטיזירונג פון געפילן און בילדער. ס'איז אויך פאַרשטענדלעך די דירעקטע ראָל פון דער קונסט, ווי אַ מיטל צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די דאָזיקע געפילן. זיי איבערגעבן, זיי פאַרשפּרייטן אין דער געזעלשאַפט.

מיט וואָס־זשע ווערט באַשטימט די קונסט אין איר אַנט־וויקלונג? וואָסערע זענען דאָ די פאָרמען פון אָפּהענגיקייט פונם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג? כדי צו ענטפערן אויף די פראַגן, וועלן מיר נעמען אַ באַליביקן מין פון קונסט, לאָז זיין, די מוזיק, און זי צעגלידערן אויף אירע באַ־שטאַנד־טיילן. דאַן וועלן מיר אויסדרוקן אַזעלכע עלעמענטן אירע:

1) דער זאַכלעך־מאַטעריעלער טייל. אין דער ערשטער ריי די מוזיקאַלישע טעכניק; דאָ אַהער געהערן אויך די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, און אויך די סיסטעמען פון מו־זיקאַלישע אינסטרומענטן (למשל, אין אָרקעסטער, אין קוואַרטעט

---

1) עמאָציאָנעל — פון וואָרט „עמאָציע", וואָס באַטייט גייסטיקע „באַוועגונג".

אי א. וו.; דאָ איז פאַראַן אַ באַשטימטע קאָמבינאַציע פון אינסטרומענטן, ענלעך צו דער קאָמבינאַציע פון מאַשינען און אינסטרומענטן אויף אַן אונטערנעמונג); דאָ אַהער געהערן אויך אַזעלכע זאַכלעכע סימבאָלן און צייכנס, ווי, למשל, נאָטן, זאַמלביכער פון נאָטן א. אַ.; 2) אָרגאַניזאַציע פון מענטשן; צו איר פאַררעכענען מיר כלערליי מינים פון פאַרייניקונג פון מענטשן אין פּראָצעס פון מוזיקאַלישער טעטיקייט (די צעשטעלונג פון די מענטשן אין אָרקעסטער, אין פאָרם, אין פּראָצעס פון מוזיקאַלישן שאַפן. פון דער אַנדערער זייט, כלערליי מוזיקאַלישע קרייזלעך, געזעלשאַפטן א. אי.); 3) „פאָרמעלע עלעמענטן" אין דער מוזיק; דאָ אַהער קענען געהערן אַזעלכע זאַכן, ווי ריטם, האַרמאָניע (אין דער פּלאַסטישער קונסט — סימעטריע) א. אי וו.; 4) ווייטער גייט דער אופן אָדער מין פון קאָמבינאַציע פון פאַרשידענע פאָרמען, „פּרינציפּ פון געבוי", דאָס, וואָס ס'הייסט אין דער קונסט סטיל; אין אַברייטערן זין קען מען רעדן וועגן טיפּ פון דער קינסטלערישער פאָרם; 5) נאָכדעם גייט דער „אינהאַלט" פון דעם קינסטלערישן ווערק אָדער, אויב מיר נעמען אַ גאַנצע שטרעמונג אָדער ריכטונג, דער אינהאַלט פון קינסטלערישע ווערק: דאָ רעדט זיך, הויפּטזעכלעך, נישט ווי אַזוי מ'שילדערט, נאָר וואָס מ'שילדערט. פאָלגלעך, וועגן אויסקלייב פון דער זאַך (אָדער, ווי מען זאָגט, „סיוזשעט") שילדערונג; 6) ענדלעך, צו דער מוזיק קען אויך געהערן, ווי אַ צובוי אין אַ צובוי, די טעאָריע פון דער מוזיקאַלי־שער טעכניק, (למשל, די לערע פון קאָנטראַפּונקט וכדומה).

איצטער וועלן מיר נאָכפאָרשן די פאַרשידענע אָפּהענגי־קייטן צווישן דער אַנטוויקלונג פון דער מוזיק און דער געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג בכלל, וואָס שטיצן זיך אויף דער עקאָנאָמישער און טעכנישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

ערשטנס. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז קודם־כל איז נוי־

ײַק אַ געוויסע מדרגה פון פּראָדוצירנדיקע כוחות, כּדי די קונסט זאָל קענען באַקומען אַ וויפיל-ס'איז ברייטע אַנטוויקלונג. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך אָן ווייטערדיקע פירושים.

צווייטנס, ס'איז נויטיק אַ ספּעציעלע „אַטמאָספער" אין דער געזעלשאַפט, כּדי אַז פון די אַלע אומצײַליקע צובויונגען זאָל זיך אַנטוויקלען טאַקי די קונסט, אָדער אין איר גופא — טאַקי די מוזיק. ביים אַנאַליז פון דער פּראָבלעם וועגן טעכניק און וויסנשאַפט האָבן מיר, למשל, געזען, אַז ביי די גריכן פון 6—5 י. ה. האָבן זיך די טעכנישע- און נאַטור=וויסנשאַפטן בכלל נישט אַנטוויקלט, און די פילאָזאָפישע אויסזויגונגען פון פינגער האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער העכסטער מדרגה. בכלל אנטוויקלען זיך די דובליונגען וואָס שנעלער, וואָס שנעלער ס'אַנטוויקלט זיך די געזעלשאַפטלעכע טעכניק. ס'איז אומבאַשטרייטבאַר אַז פון דעם אַלעם פאָלגט נישט, אַז די צובויונגען גייען כלומרשט פאָרויס (אָדער, לויט די אומשטענדן, צוריק) מיט אַ ג ל ײ כ ן ט ר י ט. דאָס קומט נישט פאָר אַפילו אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע. ס'איז לגמרי נישט קיין מוז, אַז די פּראָדוקציע פון וווּרשט מיט דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות זאָל גיין מיט אַזאַ טריט, ווי דער בוי פון, לאָקאָמאָטיוון, אָדער אויסאַרבעטונג פון ריצין-אײַל. פאַרקערט, געוויינלעך קומט פאָר אַזוי, אַז טייל פּראָדוקציעס אַנטוויקלען זיך שנעלער, אַנדערע פּאַמעלעכער, און ס'קען זיין, אַז טייל מינים פון דער פּראָדוקציע גייען גאָרנישט אונטער צוליב וואָסערע=עס-איז סיבות. דאָס זעלבע געשעט אויך אינם געביט פון די „צובויונגען". אין אַטען פון 5-טן י. ה. האָט די טעכניק געהאַלטן שלעכט, גוט איז געשטאַנען די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע. אין אמעריקע פון 20־טן י. ה, שטייט די טעכניק זייער גוט, און די פילאָזאָפיע — זייער שלעכט. אָדער אַ ביישפּיל פון געביט פון דער מוזיק. פריער איז דאָס ק י ר ל ע כ ע ג ע ז א נ ג (אַ באַשטאַנד טייל פון דער אַלגעמיינער מוזיק) געווען שטאַרק פאַרשפּרייט.

און איצט וואָלט מען געדאַרפט לאַנג נישטערן, כּדי צו

באַגעגנען אַ פּאָר פֿליכעוואַטע זקנים און גאָטספּאָרכטיקע זקנות, פֿון פֿאַרן-מבול, אַזוי גערופֿענע „ליבהאָבער פֿון קירכלעכן געזאַנג". די העכסטע צובויונגען — דאָס זענען גייסטיקע „אָנוווקסן" (ענגעלס) פֿון דער געזעלשאַפֿט, און ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז טאַקי דער דאָזיקער „אָנוווקס" שטופּט אַרויס אַנדערע, וואָס האָבן צוליב וואָסערע-עס-איז סיבות באַקומען מער „זאַפֿט" פֿאַר זייער וווּקס. אין אַטען האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ „נישט איידעלע" זאַך, כמעט שמוציק, וואָס פּאַסט נאָר פֿאַר די טעמפּע „בעלי-מלאכות", צו באַשעפֿטיקן זיך מיט אַ דערפֿאַרענער אויספֿאָרשונג פֿון דער נאַטור אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראַקטיק. פֿון דאַנען איז שוין פֿאַרשטענדלעך געווען די נישט-ליבע צו די נאַטור-וויסנשאַפֿטן. דאָס איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צעשטעלונג פֿון די קלאַסן, דער געזעלשאַפֿטלעכער עקאָנאָמיק, וואָס איז פֿון איר זייט באַשטימט געוואָרן דורך איר טעכניק. דאָס זעלבע איז אויך דאָ. דאָס „קירכלעכע געזאַנג" האָט געקענט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער מוזיק דאַן, ווען די גאַנצע מוזיק איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון רעליגיע און איז געווען איר „דינסט", פּונקט ווי די פֿילאָזאָפֿיע. אָבער דער אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט פּאַסט זי נישט קיין סך בעסער, ווי גענעראַל לודענדאָרפֿס הויזן קליידן דעם הייליקן סערגיי ראַדאָנעזשסקי. היוצא מזה, די שטופֿע פֿון דער ראָל, וואָס די מוזיק שפּילט, הענגט אָפּ פֿון צושטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון דעם, אויף וואָס פֿאַרא טאָן זי איז אָנגעצויגן אין גאַנצן. וואָסערע באַדערפֿענישן, אָנשויונגען, געפֿילן זי האָט. און דאָס דערקלערט זיך מיט דער צעשטעלונג פֿון די קלאַסן, זייער פּסיכאָלאָגיע, וואָס פֿון זייער זייט ווערט דאָס דערקלערט דורך דער געזעלשאַפֿטלעכער עקאָנאָמיק און די באַציונגען פֿון איר אַנטוויקלונג.

דריטנס, די „טעכניק" פֿון דער מוזיק הענגט אָפּ, אין דער ערשטער ריי, פֿון דער טעכניק פֿון דער מאַטעריעלער

פּראָדוקציע. דער ווילדער וועט נישט אומשטאנד זיין צו מאַכן אַ פּאַרטעפּיאַן, און אָן א פּאָרטעפּיאַן קען מען נישט שפּילן אויף אים, נישט פאַרפּאַסן זאַכן, וואָס ווערן געשריבן צום שפּילן טאַקי אויף דעם דאָזיקן אינסטרומענט. מ׳דאַרף נאָר פאַרגלייכן די אורשפּרינגלעכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן (חוץ דעם נאַטירלעכן- ד. ה. די שטימע), געמלעך, די אַנטשטאַנענע פון די באַדער-פענישן פון געיעג האָרן און פייפעריל (Kothe-Prochàzka: Abriss der Algemeinen Musikgeschichte, Leipzig, 1919, S. 4), מ׳ט דער זייער קאָמפּליצירטער קאָנסטרוקציע פון דעם היינטיקן פּאָרטעפּיאַן, כדי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן באַטייט פון די אינסטרומענטן. „מיר זעען, אַז זי (די מוזיק), ווי אַ זעלבסטשטענדיקע קונסט, איז צום ערשטן געוואָרן מעג-לעך נאָר צוזאַמען מיט דער בילדונג און אַנטשטייונג פון אַנט-שפּרעכנדיקע מיטלען, אינסטרומענטן און זייער אנטוויקלונג (Lu Märten: Historisch-materialistisches über Wesen und Veränderung der Künste, S. 18). „דעם מאַסשטאַב פון איינדרוקן קען זי אויסדריקן נאָר אין דעם מאַסשטאַב פון די פאַראנענע אינסטרומענטן” (דאָרט). מיר ווייסן שוין, אַז די פּראָדוקציע פון אַזעלכע זאַכן, ווי טעלעסקאָפּ און פּאָרטעפּיאַן, גייט אריין אין דער געזעלשאַפטלעכער מאַטעריעלער פּראָדוקציע. ס׳איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די מוזיקאַלישע „טעכניק” (אין זין פון אינסטרומענטן) הענגט אָפּ פון דער ט ע כ נ י ק פון דער דאָזיקער מאטעריעלער פּראָ-דוקציע.

פערטנס, די אָרגאַניזאַציע פון מענטשן איז פּונקט אַזוי דירעקט אָדער אומדירעקט אָפּהענגיק פון די יסודות פון דער געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג. און אין אמתן, מ׳ט וואָס, למשל, ווערט באַשטימט די צעשטעלונג פון די מענטשן, וואָס בילדן דעם אָרקעסטער? – פּונקט ווי אויף דער פאַבריק ווערט עס באַש-טימט דורך די אינסטרומענטן און דער קאָמבינאַציע פון די דאָ-זיקע אינסטרומענטן. מיט אַנדערע ווערטער. די צעשטעלונג, די אָרגאַניזאַציע פון מענטשן ווערט דאָ באַשטימט דורך דער

מוזיקאַלישער טעכניק (אין אונזערן באַדינגטן זין) און ד ו ר ך
א י ר ווערט זי פאַרבונדן מיט דעם יסוד גופא פון דער געַ־
זעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, מיט דער טעכניק פון דער מאַטער־
יעלער פראָדוקציע. לאָמיר נעמען די פּראָבלעם וועגן דער
אָרגאַניזאַציע פון מענטשן פון אַן אַנדער געביט, לאָמיר זאָגן,
פון מוזיקאַלישע קרייזלעך. ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז זייער
צאָל, טעמפּ פון זייער טעטיקייט, כאַראַקטער פון דער דאָזיקער
טעטיקייט, באַשטאַנד פון די דאָזיקע קרייזלעך אַ. אַ. וו. — דאָס
אַלץ ווערט באַשטימט דורך אַ ריי באַדינגונגען פונם געזעל־
שאַפטלעכן לעבן, אין דער ערשטער ריי, מיט דער מדרגה פון
נייגונג צו מוזיק (דאָס ווערט באַשטימט דורך דער געזעלשאַפט־
לעכער פּסיכאָלאָגיע, וועגן וואָס מיר האָבן שוין גערעדט), דער
מעגלעכקייט פון פאַרשידענע קלאַסן צו באַפרידיקן די דאָזיקע
נטיה א. אַ. אַ. (דאָס, פון איר זייט, ווערט באַשטימט דורכן
סכום פון דער פרייער צייט ביי פאַרשידענע קלאַסן, ד. ה. דורך
דער קלאַסן-לאַגע און טאַקי פון דער פּראָדוקטיווקייט פון דער
געזעלשאַפטלעכער אַרבעט). אָדער לאָמיר נעמען די פּראָבלעם
וועגן דער צעשטעלונג פון מענטשן אין דעם שעפערישן פּראָ־
צעס. מיר האָבן אויך דאָ פאַרשידענע פאָרמען. למשל, אַלס
עלטסטע ווערט גערעכנט די אומפּערזענלעכע (אַן נאָמען פון
איינצעלנע פּערזאָנען) אַזוי גערופענע: „פאָלקס-שאַפונג". דאָ
ווערט דער פּראָדוקט פון קונסט געשאַפן סטיכיש, דורך טויזנ־
טער נאָמענלאָזע מחברים. ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווען אַן
איינצלנער כאַלער אַרבעט „אויף באַשטעלונג", לויטן פאַרלאַנג
פון אַ פירשט, וואָסער-עס-איז קעניג, גביר. אַנדערש ווידער זעט
די זאַך אויס, ווען דער מאָלער אַרבעט, ווי אַ בעל־מלאכה,
פאַר אומבאַוווסטן מאַרק און איז אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון
מאַרק, פון דעם קויפערישן פּובליקום. ס'קען אויך זיין אַזאַ
מין קינסטלערישע אַרבעט, ווען די לעצטע נעמט אָן די פאָרם
פון געזעלשאַפטלעכער דינסט א. אַ. וו. ס'איז נישט שווער צו
זען, אַז די דאָזיקע פאָרמען פון באַציונג צווישן מענטשן ה ע נ־
ג ע ן ד י ר ע ק ט אָ פּ פ ו ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע־

כער דענונג (ס'זענען געווען אין דער שקלאַפן־ווירטשאַפט אויך שקלאַפן־מוזיקאַנטן; ערשט נישט לאַנג זענען געווען לייב־קנעכט מוזיקאַנטן, וואָס האָבן געשפּילט און געשאַפן נישט אויפן באַפעל פון מאַרק, נאָר אויפן פּריץ'ס באַפעל). די אַלע זייטן, פאַרשטייט זיך, שפּיגלען זיך אויך אָפּ אין דער קונסט.

פּיפּטנס. די „פאָרמעלע עלעמענטן" (ריטם, האַרמאָניע א. א.) שטייען אויך ווידעראַמאָל אין צוזאַמענהאַנג מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'גייט אין דעם, וואָס טייל פון די דאָזיקע עלעמענטן זענען שוין געווען פאַר די געשיכטלעכע צייטן: מ'קען דאָס באַאָבאַכטן אויך ביי די בעלי־חיים. אַזוי, למשל, דערציילט קאַרל ביכער וועגן ריטם־געפיל פון די פערד: „דער ריטם שטעקט אין אָרגאַנישן וועזן פון מענטש. משמעות, אַלס אַ רעגולירנדיקער עלעמענט פון צום מיינסטן שפּאָרזאַמער הוצאה פון די כוחות, רעגירט ער איבער אַלע נאַטירלעכע דערשיינונגען פון טעטיקייט פון דעם לעבעדיקן קערפּער. דאָס לויפנדיקע פערד און דאָס אָנגעלאָדענע קעמל באַוועגן זיך אַזוי ריטמיש, ווי אַ וויאָסלענדיקער שיפער, אָדער ווי אַן אַרבעטנדיקער שמיד. דער ריטם דערוועקט אַן אָנגענעמען געפיל, דעריבער דינט ער נישט נאָר צו פאַרלייכטערן די אַרבעט, נאָר איז אויך אַ קוואַל פון עסטעטישן געניוס און איז דער עלעמענט פון קונסט, וועמענס חוש איז איינגעבוירן ביי אַלע מענטשן, אויף וואָס פאַר אַ מדרגה פון בילדונג זיי זאָלן נישט שטיין" (Karl Bücher: „Arbeit und Rhytmus„) (קאַראַבטשעווסקיס איבערזעצונג, פעטערבורג, ז. 88). דאָס אַליין איז ריכטיק. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער ריטם אַנטוויקלט — ווי עס ווייזט די איבערדערמאָנטע אַרבעט פון ביכערן — אונטערן איינפלוס פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און צום ערשט אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון דער מאַטעריעלער אַרבעט (אויף דעם באָדן איז אַנטשטאַנען דאָס „אַרבעטס־ליד". למשל,

די רוסישע „דובינושקא".(1 דער ריטם איז דאָ געווען אַ מיטל פון דער *אָרגאַניזאַציע* פון אַרבעט).

הייסט עס, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די „פּאָרמעלע עלעמענטן" (ווי ריטם) האָבן געקענט *עקזיסטירן* אויך אין די פּאָרהיסטאָרישע צייטן, ד. ה. נאָך פאַר דעם, איידער דער מענטש איז געוואָרן מענטש, *אַנטוויקלען* זיי זיך ווייטער נישט פון זיך זעלבסט, נאָר אונטערן איינפלוס פון דער *געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג*.

ס'איז דאָ אינטערעסאַנט נאָך איין אומשטאַנד: פאַר מענטשן פון *איין* אַנטוויקלונגס-מדרגה איז צוגענגלעך נאָר אַ נישט-קאָמפּליצירטער ריטם („מאָנאָטאָנער, ווי די געזאַנגען פון אַ מענטשן-פרעסער") ; זיי *הערן נישט* דעם קאָמפּליצירטן ריטם, וואָס ס'פילן מענטשן פון אַ *צווייטער* אַנטוויקלונגס-מדרגה. אין איינעם פון זיינע ווערק וועגן קונסט זאָגט א. וו. *לונאַטשאַרסקי* פאָלגנדיקעס: פון דעם אויבן געזאָגטן (ד. ה. פון דער באַשטימענדער ראָל פון דער עקאָנאָמיק נ. ב.) דרינגט כלל נישט, אַז... די פאָרמען פון שאַפונג האָבן נישט געקענט האָבן זייערע אימאַנענטע (אינערלעכע געהעריקע צו זיי נ. ב.) פּסיכאָ-פיזיאָלאָגישע געזעצן ; זיי האָבן זיי און זיי ווערן דורך זיי *איינגאַנצן* באַשטימט (אונזער קורסיוו נ. ב.) אין איר ספּעציפישער *פאָרם* (דעם מחבר'ס קורסיוו), אין דער צייט, ווען דער *אינהאַלט* (מחבר) באַקומט דאָס זייניקע פון דער סאָציאַלער סביבה". ווייטער פאָלגט, אַז אונטער דעם פאַרשטייט מען: אימאַנענטער פּסיכאָלאָגישער געזעץ פון אַנטוויקלונג פון קונסט... און דער געזעץ פון קאָמפּליצירטקייט. די פאַרשידענע לויט דער קראַפט און קאָמפּליצירטקייט איינדרוקן, וואָס ווערן א סך אַמאָל איבערגעחזרט, הייבן אָן צוווירקן אויף דער פּסיכיק מיט א קלענערער קראַפט און קלענערע קאָמפּליצירטקייט, באַקומען אַ געפיל פון מאָנאָטאָנישקייט, לאַנגווייליקייט — „ווערן צוגעגעסן". פון

1) אַ באַרימט רוסיש רעוואָלוציאָנער. ד.

דאַגעגן שטאַמט די נאַטירלעכע שטרעבונג פון יעדער קינסטלערישער שול צו פאַרקאָמפּליצירן און פאַרשטאַרקן דעם עפעקט פון אירע ווערק". א. וו. ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י: „נאָך וועגן טעאַטער און סאָציאַליזם". זאַמלונג „ווערשיני", ז. 196-197). אַזוי אַרום ווערט דאָ די „פסיכאָ-פיזיאָלאָגיע" אַ נ ט ק ע ג נ ג ע ש ט ע ל ט דער „עקאָנאָמיק". דער עקאָנאָמיק ווערט געגעבן די פולע מאַכט איבער דעם „אינהאַלט" פון דער פסיכאָ-פיזיאָלאָגיע-„פאָרם".

אונדז דאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער קוק איז לכל־הפחות נישט געגוגנט, שוין נישט צו זאָגן, פּשוט נישט ריכטיק. אין אמתן, אויב מיר וועלן זיך צוקוקן צו דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס מיר רופן זיי אָן פאָרמעלע, וועלן מיר זען, אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען ווייט נישט מיט איין אייגהייטלעכן טעמפּ. די מוזיק פון ווילדן, דער סכום פון די דורך אים אַרויסגעבראַנגטע האַרמאָנישע קלאַנגען איז געווען זייער אַ מאָגערער; אָבער די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג גופא האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט שנעלקייט; משמעות, דער דאָזיקער זאַפּאַס האָט געקלעקט אויף אַ לאַנגער צייט, איז נישט „צוגעגעסן געוואָרן". די מענטשן פון אַלטערטום האָבן נישט געוווסט וועגן דער היינטיקער האַרמאָניע און זיי האָבן באַנוצט אוניסאָן; ערשט שטופּנווייז האָבן זיי זיך באַקאַנט מיט דער אָקטאַווע...

ס'איז פאַראַן אַ גרונט צו דענקען, אַז ערשט גאָר נישט לאַנג איז די וואַרטע נישט צוגערעכנט געוואָרן צו די קאָנסאָנאַנטן" („מיטקלאַנגען"). (ל. א ב ע ל ע נ ס ק י „די וויסנשאַפטלעכע יסודות פון שיינקייט און קונסט. ז. 97). אַזוי אַרום גייט די פאַרקאָמפּליצירונג פון די פאָרמעלע עלעמענטן צוזאַמען מיט דער פאַרקאָמפּליצירונג פון

לעבן, ווייל די פּאַרקאָמפּליצירונג פון לעבן ענדערט די

פון דעם ווילדנס שמיצה איז אויך אַזא פונקציע פון דער
געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווי די „סובטעלקייט" פון
דער שמיצה פון אַן איינוווינער פון די גיגאַנטישע קאַפּי-
טאַליסטישע שטעט, מיט זיין אומגעווייגלעך עמפינדלעכער
נערוועזער אָרגאַניזאַציע. די „אימאַנענטע געזעצן" זענען,
אַזוי אַרום, די צווייטע זייט פון דער געזעלשאַפט-
לעכער אַנטוויקלונג. און אַזוי ווי די געזעל-
שאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות,
זענען זיי אויך אין „ענד־חשבון" א פונקציע פון די
דאָזיקע פּראָדוצירנדיקע כוחות. ווייל דער מענטש ענדערט
זיין נאַטור, ווירקנדיק אויף דער אויסער-
לעכער וועלט.

זעקסטנס. אי דער טיפּ פון דער פאָרם, אי דער סטיל
ווערט אויך אַזוי באַשטימט דורכן גאַנג פונם געזעלשאַפטלעכן
לעבן. ער איז — אַ פאַרקערפּערונג פון דער הערשנדיקער
פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע, ער איז — איין אויסדרוק פון די
געפילן און געדאַנקען פון דער שטימונג און רעליגיע, פון די
איינדרוקן און פון די גרויסע און קליינע אידייען, וואָס „טראָגן
זיך אַרום אין דער לופט". סטיל — דאָס איז נישט בלויז אַן
אויסערלעכע פאָרם, נאָר אַ באַשטימטער „אינהאַלט מיט אַלע
דאָ צוהער צוגעהעריקע אנשוילעכע סימבאָלן"; אין דער געשיכטע
פון סטילן ווערט פאַרקערפּערט די „געשיכטע פון די לעבנס-
סיסטעמען" („der Lebenssysteme". Fritz Burger:
„Weltanschaungs-probleme und Lebenssysteme in
der Kunst der vergangenheit. Delphin-Verlag, Mün-
chen. 23). „דער סטיל פון דער פאָרם (Formenstyl) —
דאָס איז די אָפּשפּיגלונג, דער רעפלעקס פון דער לעבנס=סיס=
טעם פון דער געזעלשאַפט der sozialen Vitalität; Wil-
helm Hausenstein: „Die Kunst und die Ge-
selschaft. München. Verl. Piper. S. 32). די רעליגיעזע

מוזיק פון די אַלט-אינדישע הימנען (ווערעס) האָט נישט דעם זעלבן „סטיל״, איז געבויט נישט אַזוי ווי, לאָמיר זאָגן, דאָס פראַנצויזישע קאַבאַרעט-ליד, אָדער דאָס קאַמפּס-ליד פון דער רעוואָלוציע — די מאַרסעליעזע. די דאָזיקע זאַכן זענען אויסגעוואַקסן אין גאָר פאַרשידענע אומשטענדן אויף אַ פולשטענדיק פאַרשידענעם געזעלשאַפטלעכן באָדן, און דעריבער איז אפילו זייער פאָרם אַ פאַרשידענע: דער רעליגיעזער הימן, דער מלחמה-מאַרש, דאָס שענק-ליד קענען נישט זיין איינהייטלעך געבויט. זיי דריקן אויס מיט זייער פ אָ ר ם פאַרשידענע געפילן, געדאַנקען און אָנשויונגען. און דער דאָזיקער אונטערשיד דרינגט אַרויס פון דעם אונטערשיד אין דער לאַגע פון די אנטשפּרעכנדיקע געזעלשאַפטן און זייערע קלאַסן, — אַן אונטערשיד, וואָס דערקלערט זיך מיט די באַציונגען פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און, פאָלגלעך, מיטן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. מ׳דאַרף נאָך באַמערקן, אַז אויפן סטיל ווירקן אין אַ גרויסער מאָס אויך די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער געגעבענער קינסטלערישער פּראָדוקציע (למשל, אין דער מוזיק — די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן) און דער אופן פון דער קינסטלערישער שאַפונג (זע אויבן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון מענטשן אין דער מוזיק). א. וו. אָבער אויך די אַלע זייטן זענען אויך אָפּהענגיק פון דער יסודות׳דיקער געזעצמעסיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

זיבעטנס. דער א י נ ה אַ ל ט פון קונסט-ווערק (דער „סיוזשעט״), וואָס איז כמעט אומטיילבאַר פון דער פאָרם, ווערט אויף אַ באַשיינפּערלעכן אופן באַשטימט דורך דער געזעלשאַפטלעכער סביבה. דאָס קען מען אָן שום שוועריקייט נאָכפאָרשן אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז אין די קינסטלערישע בילדער ווערט געשילדערט גראָד דאָס, וואָס באַוועגט די מענטשלעכע נשמות אין דעם געגעבענעם מאָמענט און צייט. דאָס, איבער וואָס מ׳גייט אַדורך אומבאַמערקט, וועקט נישט דעם שאַפנדיקן געדאַנק. פאַרקערט, דאָס וואָס שטייט אין צענטער פון דער געזעלשאַפט-

לעכער אויפמערקזאמקייט, אדער פון אירע באזונדערע קלאסן. ווערט באארבעט אין א ספעציעלן געביט פון דער „גייסטיקער ארבעט" — אין דער קונסט. „אין אמת, ס'איז פאראן עפעס א מ א ר א ל י ש ע ר טעמפעראטור, וואס אנטהאלט דעם אל-געמיינעם צושטאנד פון מנהגים און גייסטיקן לעבן". (des esprits) H. Taine Philosophie de lart Paris 1909, Tomme I, p. 55). ...די קינסטלערישע משפחה גופא (אונ-טער דעם נאמען מיינט ט ע ן די געגעבענע קינסטלע-רישע ריכטונג, שטרעמונג, „שול") געפינט זיך אין א גרויסער ברייטערער גאנצקייט, אין דער וועלט, וואס רינגלט זי ארום און וועמעס געשמאק אנטשפרעכן (est conforme) אירע געשמאקן. ווייל דער צושטאנד פון די מנהגים און גייסטיקן לעבן זענען די זעלבע סיי פארן פובליקום, סיי פארן קינסט-לער; די לעצטע זענען נישט קיין איזאלירטע מענטשן" (ibidem, p 4). די דערמאנטע אויספירן פון ט ע נ ע ן זענען אבסאלוט ריכטיק, אבער ער איז נישט ביכולת זיי צו דערפירן ביז צום סוף, ווייל אין קעגנפאל וואלט אים אויסגע-קומען אנצונעמען צו די גאנצע מאטעריאליסטישע אנשויונגען. אין אמת'ן, דורך וואס-זשע ווערט באשטימט די דאזיקע „מא-טעריעלע טעמפעראטור", די „סביבה", וועגן וועלכער ט ע ן רעדט? מיט אזא פראגע, באר אונטער אן אנדער ווערטלעכער אויסדרוקספארם, איז אונז שוין נישט איינמאל אויסגעקומען צו באגעגענען זיך. מיר ווייסן, אז סיי „מנהגים", סיי ס'איבריקע „גייסטיקע לעבן", סיי די געפילן, סיי די שטימונגען אנטוויק-לען זיך נישט פון זיך זעלבסט; מיר ווייסן, אז דאס געזעל-שאפטלעכע באוווסטזיין ווערט באשטימט דורך דעם גע-זעלשאפטלעכן זיין, ד. ה. דורך די באדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאפט און אירע איינצעלנע טיילן (קלאסן און גרופן). פון די דאזיקע עקזיסטענץ-באדינגונגען דרינ-גען ארויס אויך די אנטשפרעכנדקע „געשמאקן". אזוי ארום ווייזט זיך אויס, אז אויך דער א י נ ה א ל ט פון דער קונסט ווערט באשטימט אין ענד-חשבון דורך דער יסודות'דיקער גע-

זעצמעטיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג: ער (דער אינהאַלט) איז אַ פונקציע פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק און צוזאַמען מיט איר אַ פונקציע פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות.

אַכטנס. די טעאָריע פון דער מוזיק הענגט בולט אָפּ דירעקט פון אַלע פריערדיקע אַנאַליזירטע זייטן, און פאָלגלעך אונטערוואַרפט זי זיך, צוזאַמען מיט זיי, דער באַוועגונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות פון דער געזעלשאַפט.

מיר האָבן דאָ געמאָלט אַ יסודותדיק בילד פון די אַלע אָפּהענגיקייטן, וואָס זענען פאַראַן אין דער מוזיק. מ'דאַרף נישט מיינען, אַז מיט דעם שעפּט זיך אַלץ אויס: ערשטנס, איז אַ פראַגע, צי מיר האָבן אויסגעשעפּט אַלע אָפּהענגיקייטן; צווייטנס, אַלע אויבנאויסגערעכנטע עלעמענטן ווירקן איינער אויפן צווייטן. די דאָזיקע זיך-קרייצנדיקע קעגנווירקונגען בילדן אַ מער קאָמפּליצירט און פאַרפלאָנטערט בילד, נאָר זייערע טיילן צעלייגן זיך און גרופּירן זיך אַרום דעם יסודותדיקן געמעל, וואָס מיר האָבן אויבן אָנגעצייכנט. חוץ דעם מוז מען נאָך געדענקען איין זאַך: מיר האָבן גענומען די מוזיק אַלס ביישפּיל. פון דעם אַלעם דרינגט נישט, אַז אין אַנדערע קונסטן קומט פאָר פּונקט דאָס זעלבע. יעדע קונסט האָט וואָסערע-עס-איז זיך אונטערשיידנדיקע אייגנשאַפטן. אין געזאַנג, למשל, שפּילן די מאַטעריעל-זאַכלעכע עלעמענטן אַ מינימאַלע ראָל. (דאָ זענען פאַראַן נאָטן, אָבער דער „מוזיקאַלישער אינסטרומענט” איז איינער, די שטימע); אין דער אַרכיטעקטור איז די ראָל פון דעם מאַטעריאַל, געצייג, די דינסטלעכע באַדינונג פון די געביידעס (טעמפּל, אָדער וווין-הויז, אָדער פּאַלאַץ, אָדער מוזיי) — אַ קאָלאָסאַלע. די זאַך פון אויספאָרשער איז צו געדענקען וועגן דעם. אָבער אין אַלע פאַלן, ביי אַן אויפמערקזאַמער באַטראַכטונג פונם ענין, אַנטפּלעקן מיר איינס און דאָס זעלבע: אויף פאַרשידענע אופנים, דירעקט אָדער אומדירעקט, פשוט אָדער דורך פילפאַכיקע צווישן-רינגען ווערט די קונסט באַשטימט — און דערביי פון פאַרשידענע זייטן—

דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט און ביווא פון דער געזעל-שאַפטלעכער טעכניק

ט'איז פאַרשטענדלעך, אַז אויף די ערשטע שטאַפּ[illegible]ן פון איר אנטוויקלונג, ווען די מענטשלעכע געזעל-שאַפט האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן צו שאַפן אַן הוספהדיקן פּראָדוקט, האָט די קונסט דירעקט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דעם פּראַקטיש-מאַטעריעל לעבן. די עלטסטע פאָרמען פון די קונסטן זענען געווען טענץ און מוזיק, טיילוויז פּאָעזיע, נאָך צונויפגעגאָסן בייזאַמען. די איינהייטלעכקייט פון דער שטימונג, די צוגרייטונג צו וואָסער-עס-איז מעשים (עפּעס ענלעכע צו איבונג אָדער רעפּעטיציע פון דער אמתער פּראַקטיק) — אָט דאָס איז זייער אורשפּרינגלעכער זין. אזעלכע זענען, למשל, ביי טייל „ווילדע" שבטים די „טענץ פון בעראַטונג", „אָפּשרעקנ-דיקע מלחמה-טענץ" א. א. וו., וואָס זענען באַגלייט געוואָרן דורכן פּאַטשן מיט די הענט, און שפּעטער דורכן באַנוצן פּרימיטיווע אינסטרומענטן. דער ריטם אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דער אַרבעט, אַלס איר אָרגאַני-רנדיקער יסוד, ווי דאָס האָט אויסגעצייכנט דערוויזן ק. ביכער. אַלס ביישפּיל פון „רעפּעטיציע" קען דינען דער „אַרויסרופנדיקער" טאַנץ פון די ניי-זעעלאַנדער, וואָס ווערט באַגלייט מיט די שרעקלעכסטע גרימאַסן און דראָ-אונגען, וואָס דאַרפן אַרויסרופן שרעק ביים קעגנער (יו. ליפּערט: „קולטור-געשיכטע", ז. 114). נאָכהער טענץ און לידער, וואָס שילדערן געיעג, פיש-פאַנג א. א. א באַזונדערס גרויסע ראָל האָט געשפּילט דאָס אַזוי-גע-רופענע אַרבעטס-ליד, וואָס שטיצט זיך אויפן ריטם פון דער אַרבעט, און לויט די ווערטער ווערט עס אויס-געאַרבעט פון די זעלבע אַרבעטס-קלאַנגען, וואָס רייסן זיך ניעט ווילנדיק אַרויס ביי דער דאָזיקער אַרבעט. די לי-דער פון פּאַסטוכער, די לידער פון די בעדואינען, מיט

וועלכע „רעגולירן די טריט פון די קעמלען״, אין
דער צייט פון די איבערגענג אין דער מדבר — דאָס
אַלץ פאַרייניקט זיך ד י ר ע ק ט צו דעם אַרבעטס-לעבן.
צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און
מיט דעם באַווייזן זיך פון אַנדערע אידעאָלאָגיעס, מיטן
וווּקס פון דער „קולטור״ א. א. וו., איז זעלבסטפאַר-
שטענדלעך, אַז די קונסט נעמט אין זיך אַריין אויך די
דאָזיקע עלעמענטן. און, אַזוי אַרום, הערט זי אויף ד י-
ר ע ק ט צו קומען אין באַריר מיט דעם מאַטעריעל-פּראָדוצירנ-
דיקן לעבן. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער
רעליגיע, למשל, הויבן אָן די מוזיק, טאַנץ א. א. אין
אַ גרויסער מאָס צו באַדינען די באַדערפענישן פונם
ק ו ל ט. אין מ צ ר י ם האָבן די הערשנדיקע קלאַסן
געמאַכט פון דער מוזיק אַ מין געהיימניס. די כּוהנים
זענען געווען געלערנטע מוזיקאַנטן; די רעליגיעזע מו-
זיק איז ביי זיי דער עיקר; פאַרקערט, די פאַרשקלאַפ-
טע האָבן אַנטוויקלט די מוזיק „אין דער היים און אויפן
פעלד״ (K o t h e, 1 c., S. 11); דאָס זעלבע איז גע-
ווען ביי די א י נ ד י ע ר, וווּ די מוזיקאַנטן זענען געווען
אַ פּריווילעגירטע קאַסטע (ספּעציעלע משפּחות פון מוזי-
קאַנטן און זינגערס); ביי די א ש ו ר - ב ב ל ע ר, וועלכ-
ס'איז אויסגעקומען מלחמה צו האַלטן מער ווי אַנדערע
פעלקער, טראָגט די מוזיק, הויפּטזעכלעך, אַ מלחמה- און
מלחמה-רעליגיעזן כאַראַקטער (דאָס זעט מען אויך לויט
די אינסטרומענטן: ליטאַוורעס, פּויקן א. א. וו.). די
פּריסטע (אונז באַקאַנטע) מוזיקאַלישע ווערק פון די גריכן
זענען געווען אַרבעטס-, פּאַסטוכערישע, שפּעטער מלחמה-
לידער (אַזוי גערופענע „נצחון לידער״), שפּעטער לידער
פון געזעלשאַפטלעך - פאַמיליען-כאַראַקטער (חתונה, לויה
א. א.). ביי די ר ו י מ ע ר, הויפּטזעכלעך,—פּאַסטוכערישע,
ערד אַרבעטערישע (אַלס אינסטרומענט האָט געדינט אַ
פּאַסטוך-פייפערל „fistula״) און מלחמה-לידער (די רוי-

מער האָבן די ערשטע אויסגעאַרבעט הויכקלינגנדיקע, רופּנידיקע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פון מעטאַל: מעטאַלישע טרומפּייט tula, קרומער האָרן lituus, א מין טראָמבאָן buccina א. א.) אַזוי אויך האָבן אַנדערע מינים פון קונסט אַ פּראַקטישן שורש. די אורשפּרינגלעכע מאַלעריי, אָ ר נ אַ מ ע נ ט י ק, האָט, למשל, געהאַט איינע פון אירע מקורים די טעפּעריי-פּראָדוקציע. „די אָרנאַמענטן דערמאַנען נאָך אַלץ דעם פריערדיקן צוזאַמענהאַנג פון טאָפּ מיט אַ געפלאָכטן קיישל". ר. א יי ס ל ע ר: אַלגעמיינע געשיכטע פון דער קולטור" ז. 39); פון דער אַנדערער זייט, איז דער אָנהויב פון דער מאַלעריי אויך די התחלה פון דער ש ר י פ ט: „דער ערשטער שריט אויפן וועג צו דער אנטוויקלונג פון שריפט זענען געווען בילדער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרן זכרון. נישט נאָר די אינדיאַנער, נאָר אפילו די בושמענער פרוון צו מאָלן אויף שטיין פאַרשידענע געזעענע דורך זיי זאכן" (ל פּ ע ר ט). די העראגליפן=שריפט פון די מצריים, די מעקסיקאַנישע צייכנס — זענען קודם=כל שילדערונגען פון זאַכן.

נאָענט לויט דעם באַטייט שטייט דאָס מאָלן דעם קערפּער, טאַטויִרן א. א. וו. „די שריפט האָט זיך אַנטוויקלט פון די פּרימיטיווסטע פאָרמען. לכתחילה טרעפן מיר זיך מיט פיגור-בילדער אויפן אייגענעם קערפּער (טאַטואירן), וואָס האָבן, חוץ רעליגיעזע ווירקונגען (אָפּשפּיגלונג פון גייסטער א. א. וו.), דעם צוועק צו ווייזן דעם שבט, באַרוף, וווקס א. א. פון דעם טאַטואירטן" (ר. א יי ס ל ע ר ז. 36 .l. c). דאָ אַהער געהערן די אָפּשרעקנדיקע מלחמה=באַמאָלונגען און באַצירונגען. „אַזוי ווי די אַלע באַצירונגען האָבן געהאַט דעם צוועק צו באַוווּנדערן און מאַכן אַן איינדרוק, זענען זיי באַנוצט געוואָרן ס'רוב אין דער מלחמה". (ל י פּ ע ר ט, l c, ז. 113). אַזוי זענען, למשל, די „קריגס=מאַסק::ס" פון

דייטשן שבט, וועלכע זענען, לויט ט א צ י ט ן, באנוצט געוואָרן אין דער מלחמה (דאָ האָבן מיר שוין די געבורט פון סקולפטור). דעם אממייסטן „טעכנישן“ כאַראַקטער טראָגט, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, די אַ ר כ י ט ע ק ט ו ר. אורשפּרינגלעך איז דאָס פּשוט א געבוי פון נוצלעכע אין מאַטעריעלן זין געביידעס. „די גריכישע טעמפּלען און די גאָטישע געוועלבן זענען נאָר געווען אַ פּעסטערע, לאַנגדויערנדיקע רעפּראָדוקציע פון די נוצלעכע הילצערנע געביידעס“. (ד ז ש אָ ן ר ע ס ק י ן: „ליעקציעס וועגן קונסט“. קאַגאַנס איבערזעצונג. מאָסקווע 1900, ז. 47—46). „די אַלע שיינע פאָרמען האָבן זיך אנטוויקלט אויף וועלטלעכע און פּריוואַטע געביידעס, ערשט נאָך דעם האָט מען זיך מיט זיי אָנגעהויבן באַנוצן אין גראַנדיעזע סכומים מיט רעליגיעזע צילן“ (דאָרטן 134—133). ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דאָ ווייזט זיך באַזונדערס שטאַרק די ד י ר ע ק ט ע ווירקונג פון די פּראָדוקציע=באַדינגונגען. אין מצרים, למשל, „האָבן אויף דער דויערהאַפטיקייט פון די געביידעס מיט איינגעבויגענע ווענט געווירקט די אויסגוסן פון נילוס. אַזעלכע ווענט האָבן בעסער געשטעלט א ווידערשטאַנד דעם אָנגריף פון וואסער“ (ר ע ר ב ע ר ג: „קורצער קורס פון דער געשיכטע פון קונסט); די זיילן אָבער האָבן זיך באַוויזן, ווי אַן אונטערשפּאַרער, ווייל מ'האָט נאָך נישט געוווּסט פון די געוועלבן; די „נאַאָסן“ פון די גריכישע טעמפּלען זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, „ווייל די גריכן האָבן נישט געוווּסט פון די געוועלבן און זיי האָבן נאָר געקענט באַדעקן דעם סופיט, לייגנדיק האָריזאָנטאַל שטיינער אָדער הילצערנע בעלקעס פון איין וואַנט, פון איין זייל אויף דער צווייטער“, דאָרטן ז. 42).

כדי צו דערווייזן די אָפּהענגיקייט פון דער פ אָ ר ם און פאָלגלעך דעם ס ט י ל פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, וועלן מיר ברענגען אַ ריי ביישפּילן פון דעם

דאָזיקן געביט. שטיצנדיק זיך, הויפּטזעכלעך, אויף די
אינטערעסאַנטע אויספאָרשונגען פון ווילהעלם הויזנ-
שטיין. אין דער פּרימיטיווער פּלאַסטישער קונסט קע-
נען מיר צוויי פּעריאָדן: פון ריינעם נאַטוראַליזם (ד.
ה. די שילדערונג פון די זאַכן, אַזוי ווי זיי זעען אויס).
פון אַ זייט, סטיליזירטע אָרנאַמענטן, סימבאָלישע בילדער,
וואָס זענען ווייניק ענלעך צו דער ווירקלעכקייט — פון
דער צווייטער. אין ערשטן פאַל האָבן מיר בילדער פון
ביזאָנען, פערד, מאַמאָנטן, הירשן, סצענעס פון יעגער
לעבן א. א. וו. אויף די ווענט פון די היילן, אויף די
ביינער פון פערד, אויף די ציין פון מאַמאָנטן, אויף די
הערנער פון הירשן א. א. וו. אין צווייטן — הויפּט=
זעכלעך געצן, פיגורן פון מענטשן און חיות א. א. אין
אַ סטיליזירטער פאָרם. מאַקס פערוואָרן —
דערקלערט דעם דאָזיקן אונטערשיד אַזוי אַרום: „דער
פּאַלעאָליטישער יעגער פון די עלטסטע צייטן האָט, אויף
וויפיל מיר ווייסן, נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דער
אידיי פון אַ נשמה... ער האָט גאָרנישט געזוכט מחוץ
די זאַכן (די ה. ער איז נאָך נישט געוועזן אַן אַנימיסט
נ. ב.) ער האָט גישט געוווסט פון קיין שום מעטאַפי=
זיק. ער האָט פּשוט גענומען אין אַכט דאָס, וואָס ער
האָט דירעקט אויפגענומען (wahrnam). אין אַלץ איז
ער געווען ענלעך צו אַ בושמען”... פאַרקערט, „אַלע
פעלקער, ביי וועלכע די באַגריפן וועגן נשמה אין רע-
רעליגיעזע אידייען האָבן פאַרפלייצט (überwucherten)
דאָס גאַנצע לעבן, למשל, די נעגער, אינדיאַנער, די
איינוווינער פון די אויסטראַלישע אינזלען, ווייזן אונז אַ
אַ זייער אידיי=פּלאַסטישע (די ה. סימבאָלישע, נישט
„נאַטירלעכע”, אָדער, ווי פערוואָרן דרוקט זיך
אויס, נישט קיין „פיזאָ=פּלאַסטישע” נ. ב.) קונסט”.
(Max Vervorn; „Zur Psy chologie der
primitiven Kunst“. Naturwissenschaftlicbe Wo-

chensch ·ift, neue Folge, Band v I, Jena 1907;
אויך ציטירט ביי הויזנשטיין l. c, ז. 38). הויזנשטיין,
זעענדיק, אַז פ ע ר ו ואָ ר ן דערפירט נישט דעם ענין
ביז צום סוף, האַלט, אַז דער שורש פון די זאַכן ליגט אין
דעם, וואָס דער יעגער איז אַ גרעסערער אינדיווידואַליסט,
דער ערד־אַרבעטער — אַ גרעסערער קאָלעקטיוויסט.
„אין אמת'ן אָבער, ליגט דאָ דער שורש אין דעם, וואָס
די „אידיי פלאַסטישע" קונסט באַווייזט זיך, ווי די רע־
ליגיע, צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון ספעציעלע
באַזונדערע פראָדוקציע באַציונגען, נעמלעך: באַציונגען
פ ו ן ה ע ר ש אַ פ ט, פ ו ן א יי ן ז יי ט, א ו ן א ו נ־
ט ע ר ט ע נ י ק יי ט פ ו ן ד ע ר צ ו יי ט ע ר. אין
דער פ ע אָ ד אַ ל ע ר עפאָכע באַקומט די דאָזיקע באַ־
ציונג אין דער פראָדוקציע און אין דער פאָליטיק ריזיקע
פאָרמען. די דיסטאַנץ צווישן שקלאַף און דעספאָט —
אָט דאָס איז איר מאָס. פון דאנען קומט דער באַזונ־
דערער סטיל פון אַלע פעאָדאַלע י. ה. וואָס איז גרויס־
ארטיק אנאַליזירט געוואָרן דורך ה ו י ז נ ש ט יי נ ע ן. די
מאַכט און הערשאַפט פון די געטלעכע דעספאָטן, פון די
מעכטיקע פעאָדאלע קיסרים, פרעה'ס, זייער נישט דער־
גרייכבאַרע הויך, העלדישקייט, מוט א. א. וו. אין סתירה צו
די געוויינלעכע שטערבלעכע — אָט איז דער יסוד, וואָס
דריקט זיך אויס אין די פעאָדאַלע סטילן ביי די מצריים,
אַשור־בבלער, אין דער עלטסטער עפאָכע פון די גריכן,
כינעזער, יאפאַנער, מעקסיקאַנער, פערואַנער, אינדיער און
פון דער ראמאנישער און פרי־גאָטישער קונסט פון מערב־
אייראָפּע. (Hausenstein: „versuch einer Sozio-
logie der bildenden Kunst" Archiv für Sozial-
wissenschaft und Sozialpolitik Mai-Heft 1913.
SS. 778-779) און טאַקי, לאָמיר ד ע ר מ אַ נ ע ן די
ל י ט ע ר אַ ר י ש ע דענקמעלער פון דער דאָזיקער
עפאָכע.

אַט, למשל, דער סוף פון געזעץ=זאַמלונג פון בבלישן
קיסר כאַמוראַבי, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט:
„איך — כאַמוראַבי, דער אומפאַרגלייכלעכער קיסר... מיט
מעכטיק געווער, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן דורך
זאַמאַבאַ און אינאַנאַ, מיט חכמה, וואָס איז מיר געשאָנ-
קען געוואָרן דורך עא, מיט פאַרשטאַנד, וואָס מאַרדוק
האָט מיר באַשאָנקען, איך האָב אויסגעהרגעט די שונאים
פון צפון (פון דער הויך) און דרום (פון אונטן), איינ-
געשטילט די מחלוקות'ן, געגעבן דעם לאַנד וווילשטאַנד...
די גרויסע געטער האָבן מיך גערופן: איך בין דער
גנעדיקער פאַסטוך... איך, כאַמוראַבי, קיסר פון אמת,
וועמען שאַמאַש האָט געגעבן די גערעכטיקייט. מיינע
ווערטער זענען אומגעווייגלעך. מיינע טאַטן זענען אומ-
פאַרגלייכלעך, דערהאַבן... זיי זענען — אַ ביישפּיל
פאַרן חכם, כדי צו דערגרייכן רום" (ציטירט לויט טו-
ראַיעוון 1 ב., 110—114). און אָט איז דער לויב-
הימן צו אַ פּרעה אויף איינעם פון די מצרישע קברים:
„לויבט דעם קיסר אין אייערע קערפּער, טראָגט אים
אין אייערע הערצער. ער — איז דער גאָט פון חכמה,
וואָס לעבט אין די הערצער... ער איז — די שטראַלנ-
דיקע זון, וואָס באַשיינט ביידע ערדן מער ווי דער זונ-
ליכטיקייט; ער גרינט מער ווי דער גרויסער נילוס;
ער פילט אָן ביידע ערדן מיט כוח; ער איז דאָס לעבן,
וואָס גיט אָטעם... דער קיסר איז שפּייז; זיין מויל —
פרוכטבאַרקייט, ער איז — דער פּראָדוצירער פון דעם
עקזיסטירנדיקן, ער איז — כאַנום, דער פאָטער פון די
מענטשן... קעמפט פאַר זיין נאָמען" א. אי ו. (דאָרטן,
ז. 253). פאַרקערט, אין דער אַזוי גערופענער „אָרנט-
לעכער געזעלשאַפט" זענען די נידעריקע שטעלעס גע-
ווען פאַראַכטעט. אין איין מיצרישער פאָטערלעכער
באַלערונג רופט זיך אַזוי אָפּ דער פאָטער, וועלכער וויל
אַז זיין זון זאָל ווערן אַ הויף-שרייבער, וועגן די נידע-

ריקע פראָפעסיעס: כ'האָב נישט געזען, אז א שמיד און א יובילער זאָלן זיין אמבאסאדאָרן, נאָר איך האָב געזען א שמיד, אן ארבעטנדיקן ביים אויוון, זיינע פינגער זענען ענלעך געווען צו דעם קראָקאָדיל'ס הויט, ער האָט ארויסגעגעבן א ריח, ערגער פון פארפולטע רויגן.

דער ערד=ארבעטער האָט אן אייביק בגד (ד. ה. ער בייט דאָס קיינמאָל נישט — נ. ב.) זיין געזונט איז, פונקט ווי פון א מענטש, וואָס ליגט אונטער א לייב... דער וועבער אין ווארשטאט איז שוואַכער ווי א פרוי. זיינע פיס האַלט ער אויפן בויך; ער אטעמט נישט איין קיין לופט. אויב ער מאכט נישט די באשטימטע פארן טאָג פּאָרציע, שלאָגט מען אים, ווי דעם לאטאס אין דער בלאָטע" א. א. וו. (דאָרט, 231). דער מצרישער פּרעה, יאכמאס, רעדט וועגן זיך אזוי: „די אזיאטן דערנענטערן זיך מיט שרעק און שטייען פאר זיין משפט; זיין שווערד דרינגט אריין אין נוביע, זיין שרעק — אין לאַנד פון פענעק; די מורא פאר זיין גרויסקייט אויף אונזער ערד איז ענלעך צו דערזעלבער, וואָס ס'רופט ארויס דער גאָט מין (דאָרט, 272). אָט ווי אזוי ס'כאראקטעריזירט די אלט=מצרישע, ד. ה. די פעאָדאלע קונסט פריטץ בורגער: (Fritz Burger: Weltanschauungsprobleme und Lebenssystem in der Kunst der Vergangenheit, S.S. 43, 44) די מצרישע קונסט איז אן אנשוילעך בילד פון דער אומשטערבלעכקייט=אידיי, אָבער נישט ווי א סימבאָל, נאָר ווי א ווירקלעכקייט (די „אייביקע" פּיראַמידן פון אן אומגעוויינלעכער דויער־האפטיקייט, סטאטוען א. א. וו. — נ. ב.)... פון אירע ווערק גייט ארויס די היפּנאָטישע פּרעטענזיע אויף מאַכט, זיי הייסן זיך קניען, אין זיי איז פאראן עפּעס באפעלערישעס, וואָס רופט ארויס כבוד צו דעם פארקערפּערטן אין זיין העכסטן וועזן; זיי רעדן וועגן דיסציפּלינירטער קראפט פון לעבן

אין זיין שרעקלעכער אָנשטרענגונג, וועגן דעם שטאָלץ פון דער איבערפּערזענלעכער אייביקער קראַפט, וואָס הייסט שטיין אָפּגערוקט אויף אַ בכבודיקער שטרעקע, וועגן דער אומברחמנותדיקער גרויזאַמקייט פון דעם גלייכגילטיקן צו אַלעס קליינלעכעס וועזן; זיי שפּיגלען אָפּ דעם וייטן, ווי שטערן, גלאַנץ פון זייער הער". דעריבער, „יעדע פעאָדאַלע קונסט פּראָפּאַגאַנדירט דעם קולט פון ס כ ו ם". Hausenstein: „Kunst und die Gesellschaft", 36). די גיגאַנטישע פּיראַמידן, די קאָלאָסאַלע סטאַטועס פון די פּרעה'ס אָדער אשור-בבלישע קיסרים, — דאָס איז די פאָרם פון מאַכט און גרויסקייט: מאָנומענ-טאַלע און פּראָנטאַזיווע קונסט — די פעאָדאַלע באַציונגען וואָלטן נישט געקענט אנטשפּרעכן דער בורזשואַזער „צימער קונסט"; די פּאָזיציע פון די פיגור פון די הערשנדיקע ווערט געמאַכט אויף אַ געוויסן באַשטימטן אופן: גלייך זיצן, נישט קיין נאַטירלעכער, נ׳ר האַלב-געטלעכער, אין קעגנזאַץ צו די שקלאַפן און די פּשוטע שטערבלעכע (די אַלטע גריכן — האָבן גערופן די גע-ווינהייט צו האַלטן שקלאַפן „proskynesis" ד. ה. „הינטיש קריכן"); איינער פ׳ן די גרעסטע קענער פון מצרים, ע ר מ א ן, באַהויפּטעט, אַז אין דער מצרישער מאַלעריי ווערט דער מענטשלעכער קערפּער געשילדערט אין פאַרשידענע פּאָזעס, אָפּהענגיק פון די סאָציאַלע ראַנגעס: נאַטוראַליסטיש — ביי די פּשוטע שטערבלעכע, סטיליזירט — ביי די הערשנדיקע; די קראַפט פון מאַנספּערזאָן דריקט אויס די ברייט פון דער ברוסט, וואָס ווערט נישט פאַרקלענערט. טראָץ דער פּערספּעקטיוו; ביי די מצריים, אַפילו ווען דער מענטש ווערט פאַרגע-שטעלט אין פּראָפיל, ווערט די ברוסט געמאָלט אין איר גאַנצער ברייט. דער זעלבער גייסט האָט געהערשט אין דער אַרכאַאישער, פעאָדאַלער, אַ ל ט ג ר י כ י ש ע ר קונסט (הערויִשע, „ענערגישע קראַפט פון דער אַטטישער פרייער

קונסט״, די שטרענגע ענערגיע פֿון די דאָריער״, דער אַזוי-גערופֿ. „דאָרישער סטיל״ זע: „(Entcwickelungs-geschichte der Stilarten“ von B Haendcke Bielefeld — Leipzig, 1913, S. 10) דאָס זעלבע אַן ערך געפֿינען מיר ביי די אינדיער, פּערואַנער, מעקסיקאַנער, כינעזער און יאַפּאַנער. „ווען די מעקסיקאַנישע מלוכה פֿון די אַצטעקן איז פֿארניכטעט געוואָרן דורך די קאָנקוויסטאַדאָרן (אַזוי האָבן געהייסן די שפּאַנישע קאָלאָניאַלע דעראָבערער ג. ב.) בראש מיט קאָרטעצן, האָט דער סטיל פֿון דער דאָזיקער מלוכה, סיי סאָציאַל, סיי עסטעטיש דערמאָנט אָן דעם סטיל פֿון דער אַשורישער פֿעאָדאַלער דעספּאָטיע״. (Hausenstein, 1 c. 77) (אין דער ליטעראַטור, חוץ די לויב־הימנען פֿאַר די קיסרים אויף די אויפֿשריפֿטן א. א. וו. בליט דער העראָאיש-מלחמה עפּאָס און די העראָאיש=ריטערלעכע דראַמע: אַזעלכע זענען ביי די גריכן „איליאַדע״ און „אָדיסיי״, ביי די יאַפּאַנער — די ריטערלעכע דראַמע, אין וועלכער ס'ווערט באַזינגען די געטרייקייט פֿון די סאַמורייס צו זייער העכסטן פֿעאָדאַלן הער, ביי די אינקן — אויך די העראָאישע דראַמע א. א.). די געטלעכע און נישט=צווטריטלעכע צו א פשוטן שטערבלעכן גרויסקייט און שטרענגע מאַכט אַנטפּלעקט אויך די מיטאַלטערלעכע אייראָפּעאישע קונסט, קודם־כל די אַרכיטעקטורן פֿון די גריכן, וואָס זענען במשך פֿון לאַנגע יאָרן נעבויט געוואָרן דורך מאַסעס אומבאַקאַנטע מענטשן (שפּעטער, אין דער בורזשואַזער עפּאָכע, האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די דאָזיקע פֿינצטערע-פֿייערלעכע געביידעס ווי „באַסטיליעס פֿון גייסט״).

דער איבערגאַנג פֿון דעם פֿ ע אָ ד אַ ל ן סטיל צו דער ב ו ר ז ש ו אַ ז ע האָט זיך אומעטום אָנגעהויבן צוזאַמען מיטן וווקס פֿון האַנדל, סוחרשן קאַפּיטאַל, האַנדלס=קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען אין אַטען פֿון V י. ה.

אין די האַנדלס=שטעט פון די איטאַליענישע רעפּובליקן (עפּאָכע פון רענעסאַנס), שפּעטער אין די האַנדלס-שטעט פון דער איבריקער אייראָפּע. דער ענטגילטיקער איבערברוך איז געקומען צוזאַמען מיט דער ירידה פונם פעאָדאַליזם אויף שטענדיק, ד. ה. נאָכן נצחון פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789-1793. אַנשטאָט דער מאַסע, וואָס איז געבונדן דורך דער פעאָדאַלער אָרדענונג אין לייטער פון היעראַרכישע באַציונגען, טרעט אויף דער בורזשואַזער אינדיווידואום, דער סוחרי־שער, וואָס ציילט אויף אַ רעכענער און פירט מיט ריווח האַנדלס-אָפּעראַציעס, „דער מענטש און בירגער". אָט ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען די לאַגע אין געביט פון מוזיק: „אַזש ביזן XVI י. ה, האָט געהערשט דער פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכקייט. (ד. ה. לויט אונזער באַגריף, פעאָדאַל צוזאַמענגעבונדענע, לייבשקלאַפּערישע, אָבער דאָך אָרגאַניזאַציע נ. ב.); דער אינדיווידואום איז פולשטענדיק אָפּגעטרעטן אין אַזייט, ער איז צעשווימען געוואָרן אין דער משפּחה, געמיינדע, קירך, גילדע (סוחרישע אָדער בעל־מלאכישע אָרגאַניזאַציע נ. ב.), ברודערשאַפט אָדער מלוכה. דער לאַגע האָט אַנטשפּראָכן דאָס הערשנדיקע כאָר=געזאַנג. איצט אָבער האָט אויך דער אינדיווידואום געוואָלט זיך אַדורכשלאָגן אַ וועג (ד. ה. דער פאָרשנדיקער, ענערגישער, אויסגערעכנטער, פּראַקטישער און לעבנס=לוסטיקער, דאָן נאָך „יונגער" בורזשואַזער אינדיווידואום נ. ב.), און אַזוי אַרום איז אינם געביט פון דער קלאַנגקונסט אַנטשטאַנען דאָס סאָלאָ=געזאַנג Einzel-gesang) און... די „מוזיקאַלישע דראַמע" (Kothe, 1. c, 159,) דער נייער מוזיקאַלישער סטיל (Stile représentative), ד. ה. דער סטיל, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג אין טעאַטער, דער אָפּערע־דראַמאַטישער סטיל), האָט לויט זיין וועזן פאַרגעשטעלט דעם איבער-

גאנג פון דעם אזוי גערופענעם רעטשיטאַטיוו, ד. ה. צו דעם האלב=זינגען, האלב־רעדן: מעלאָדיע, ריטם א. אז. וו. אלץ איז געווען אונטערגעוואָרפן דער נאַטירלעכקייט פונם ווערטלעכן טעקסט (ס'זענען אין דער העכסטער מאָס אינטערעסאַנט — שרייבט Kothe, 1c, 161 — די זייטיקע אומשטענדן, ביי וועלכע דער דאָזיקער נייער מוזיקאַלישער סטיל שווימט אויף איינצייטיק פון דריי זייטן.. אַזוי, אַז עס איז שווער צו זאָגן, וועלכן דערפינדער מ'דאַרף אונטערטראָגן אַ קראַנץ". (פאַרגלייכט מיט דעם באַרדאָס דערקלערונג וועגן דער וויסנשאַפט, וועלכע מיר האָבן ציטירט ביים אַנאַליז פון דעם דאָזיקן „צובור".). דעם קייזערלעך=פריצישן רעליגיעזן פּאָן האָט דער געבילדעטער סוחר פּאַרטוי;ט אויף דער דורשט פון אַ ערדישן, אינדיווידועל=מענטשלעכן. לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, איינער פון די גרעסטע קינסטלער פון אַלע ציטן און פעלקער און איינער פון די מערקווירדיקסטע מענטשן, וואָס האָבן ווען עס איז געלעבט, האָט אויף אַ גענימאַלן אופן אויסגעדריקט די נייע אידייאישע ריכטונג אין פאַרשידענע געביטן: ווי אַ פילאָזאָף, דערפינדער, נאַטור־פאָרשער, מאַטעמאַטיקער, אַ נישט פאַרגלייכלעכער לויט דער קראַפט מאָלער און אפילו דיכטער. „לעאָנאַרדאָ קערט זיך אָפּ פון יעדן מיסטיציזם. ער דערקלערט דעם פאַקט פון מענטשלעכן לעבן מיטן געזעץ פון בלוט=צירקולאַציע, וועלכע ער קאָן געניי און מאָלן דאָס אויף אַ בילד. ער אַנאַליזירט מיט אַ דרייסטער אָפּוועזנהייט פון וואַסער־עס=איז פאַרערונג די סטרוקטור=געזעצן פון דער וועלט פון די מענטשלעכע פאָרמען, און מיט אַ מגושמדיקייט (Brutalitàt) וואָס איז פרעמד אַלע סענטימענטן פון אינטעלעקט (שכל ג, ב.) גיט ער אַ גראַפישע שילדערונג פון דער מעכאַניק פון געשלעכטס=אַקט... צו דער פּראָבלעם פון ליכט (אין דער מאָלעריי. ג. ב) איז ער געגאַנגען אויפן וועג פון דערקענטניש; דער איינפלוס פון ליכט

און אַטמאָספער אויף דער פאָרם ווערט אַ פּראָבלעם פון
עקספּערימענטאַלער אָפּטיק. דער ריטם פון דער קינסט=
לערישער קאָמפּאָזיציע — איז פאַר אים דער סוד פון
געאָמעטריע; דאס ווונדערבארע בילד פון דער הייליקער
אַננע, מאַדאָננע, דעם קינד יעזוס און דאס שעפעלע איז,
בלי ספק, אַ רעזולטאַט פון מאַזאָלע מאַטעמאַטישע אויס=
רעכענונגען, אַ זאָרגפעלטיקע אַדורכטראַכטונג פון דער טע-
אָריע פון קרומע ליניעס" (הויזנשטיין, 1, c 100–102)
דער נאַטוראַליזם, רעאַליזם, ראַציאָנאַליזם, אינדיווידואַליזם —
אָט דאס זענען די כאַראַקטעריסטישע „איזמען" פון דער
רענעסאַנס עפּאָכע. אין דער ליטעראַטור (פּאָעזיע) זענען
די איבערגענג פון מיטלאַלטערלעכן=גאָטישן סטיל צו דעם
נייעם געגאַנגען דורך דאַנטען, פּעטראַרקע'ן, באָ-
קאַטשיאָ און אַנדערע. קריטיק פון פעאָדאַלער קירכ-
לעכקייט לויטן אינהאַלט און דאס אפּוואַרפן דעם פעאָ=
דאַלן סטיל לטובת דעם בעלעטריסטיש-וועלטלעכן און
רעאַליסטישן, אָבער אין דערזעלבער צייט דער פּערזענלע-
כער אינדיווידואַליסטישער, — אָט איז דער „זין" פון
דער דאָזיקער קונסט. דער צוזאַמענהאַנג מיטן געזעלשאַפט-
לעכן לעבן טרעט דאַ אַרויס אויסערגעווייניך בולט.

מיר קענען זיך נישט אָפּשטעלן אויף די ווייטער=
דיקע פאָרמען, למשל, אויפן באַראָק-סטיל (וועגן דעם
איז פאַראַן אַ גוט מאַרקסיסטיש ווערק פון דעם זעלבן
הויזנשטיין: „וועגן באַראָקאָ-גייסט". „Vom Geist
des Barock", München, 1920, Piper-Verl.).
און מיר גייען איבער צו דער „נייער צייט". דירעקט פאַר דער
גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט געהערשט דער
אַזוי=גערופענער ראָקאָקאָ-סטיל. זיין געזעלשאַפט=
לעכער סוד איז געווען די הערשאַפט פון דער פעאָדאַ-
לער אַריסטאָקראַטיע און פינאַנציעלער אָליגאַרכיע („haute
finanse"). אויפגעקומענע, וואָס האָבן זיך איינגעקויפט
הערצאָגישע און פירשטלעכע טיטלען און זיך אויסגע=

לערנט אַריסטאָקראַטיש-פּריצישע מאַניערן. דאָס פּאַכטן
די שטייערן, בערזע-מאַכינאַציעס, פאַרדעכטיקע פינאַנציע=
לע אָפּעראַציעס, האַנדלס=קאָלאָניאַלע פּאָליטיק, הערשנדי=
קע פּריצנטום, וואָס האָט זיך געגוויטיקט אין געלט און
וואָס האָט פאַרקויפט טיטלען, די גבירים פון דער בורזשוא=
אַזיע, וואָס האָבן געקויפט די דאָזיקע טיטלען (צוזאַמען
מיט די פירשטלעכע זין, אַלס מענער פון די גבירימס טעכ=
טער) א. אַ. וו.; — אָט איז די סביבה אין די „הויכע
ספע'ן". פון דאַנען שטאַמען די אייגנאַרטיקע מנהגים
פון דער דאָזיקער „גאַלאַנטער עפּאָכע". אַלץ האָט אָנ-
געפילט די ליבע, נישט שטאַרקע ליידנשאַפט, נאָר ליבע,
וואָס איז געוואָרן אַ פּראָפעסיע פון די עלעגאַנטע לייי-
דיקגייערס. דער אידעאַלער טיפּ איז געווען דער טיפּ
ספּעציאַליסט פון אויפקומען די יונג-פּראָווינציעלקייט, („de'=
verginateur"), גאַלאַנטע לערע וועגן „גליקלעכן מאָ=
מענט" פאַר דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז געווען שיר
נישט די אידייאישע אַקס פון יענעם יאָרהונדערט; וועגן
„גליקלעכן מאָמענט" האָט מען מער גערעדט, ווי
וועגן „לויפנדיקן מאָמענט" אין דער עפּאָכע פון אונזער
רעוואָליוציע. ראָקאָקאָ — דער דאָזיקער קינסטלערישער,
מאַניערישער, דורכאויס עראָטישער סטיל — האָט אויס=
געצייכנט אָפּגעשפּיגלט די אַלע שטריכן פון דער געזעל=
שאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע. זע: Hausenstein „Rokoko:
Französische und deutsche Illustratoren des
achtzehnten Jahrhunderts", München, 1918. Pi=
per.-Verlag). צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער בורזשוא=
אַזיע, מיט איר קאַמף און נצחון האָט זיך ווידער איינ=
געבירגערט אַ נייער סטיל, וועמענס בעסטער אויסדרוקער
איז אין דער פראַנצויזישער מאַלעריי דאַוויד. דער דאָ=
זיקער סטיל איז געווען אַ פאַרקערפּערונג פון די ביר=
גערלעכע מעלות פון דער רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע:
די אַנטיקע „פשטות" פון איר פאָרם האָט אַנטשפּראָכן

איר „אינהאַלט", וועגן וועלכן דידראָ האָט געשריבן, אַז די קונסט דאַרף האָבן איר אויפגאַבע „צו פאַרייביקן די גרויסע און שיינע טאַטן, די אומגליקלעכע און געשענדעטע צניעות, שטעמפּלען די גליקלעכע עבירה, אָנ־יאָגן אַ שרעק אויף די טיראַנען". דערזעלבער דידראָ האָט געעצה'ט די דראַמאַטורגן „צו דערנענטערן זיך צום ווירקלעכן לעבן" און ער גופא האָט אין דער ליטעראַטור געמאַכט אַ וועג פאַר דער אַזוי־גערופענער „בירגער־לעכער דראַמע": (Fr. M ü c k l e: „Das Kultur-problem der französischen Rewolution. 1 Teil. s. 77. ff.), וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „ערלעכער זשאַנר" („Le genre honnéte") אַלס ביישפּיל קען דינען באָ מ אַ ר ש ע'ס: „פיגאַראָ'ס חתונה"). די געזעלשאַפטלעכע מקורות פון דעם דאָזיקן „נייעם זשאַנר" קען מען אָנטאַפּן מיט די הענט. אַזוי בולט טרעטן זיי אַרויס. „אויב מיר וועלן זיך אומקערן... נאָכדעם, ווי מיר וועלן אַ קוק טון אויף וואַטטאָ'ס בילד (וואַטטאָ — אַ מאָלער פון ראָקאָקאָ — נ. ב.), צו אונז אין שטוב אַריין און אויפמישן די „נייע עלאָאיזע" (זשאַן־זשאַק־רוסאָ — נ. ב.), וועלן מיר פילן, גלייך ווי מיר וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערער ספערע: G. Brandes: Die Hauptströmungen der Literatur des neunzehnten Jahrhunderts, 1 Band. Leipzig, S. 27) די דאָזיקע אַנדערע קינסטלערישע ספערע אַנטשפּרעכט געוויס דער אַנדערער געזעלשאַפטלעכער ספערע: אויפן אָרט פון די אויסגעצערטלטע סאַלאָן זומער־ייגעלעך פון דער אַריסטאָקראַטיע איז דער קליין־בירגער און בורזשוי געוואָרן דער העלד און אָנגעהויבן צו שאַפן זיין אייגענעם „ערלעכן זשאַנר".

און איצט אַלס קאָנטראַסט וועלן מיר אַ קוק טון אויף דער קונסט פון דער גוססדיקער בורזשואַזיע. די דאָזיקע קונסט האָט באַקומען אַ באַזונדערס בולטן

אויסדרוק אין דייטשלאַנד, ווי נאָך דער מפּלה פון דער
מלחמה און ווערסאַלער שלום, פון איין זייט, און שטענ־
דיקער דראָונג פון אַ פּראָלעטאַרישן אויפשטאַנד, פון
דער צווייטער זייט, איז דער אַלגעמיינער טאָן פון דעם
לעבן פון די בורזשואַזע קרייזן מער נידערגעשלאָגן, ווי
דער קאַפּיטאַליסטישער מעכאַניזם צופאַלט זיך וואָס שנע-
לער, ווי ס׳גייט דער בער שנעלער דער דעקלאַסירונג=
פּראָצעס, די פאַרוואַנדלונג פון דע־ בורזשואַזער אינטע=
ליגענץ אין „מענטשלעכן שטויב", אין יחידים, וואָס זע־
נען אַראָפּ פון וועג צוליבן גאַנג פון די גראַנדיעזע גע-
שעענישן. אַט דער דאָזיקער צעפּאַלונגס=צושטאַנד דריקט
זיך אויס אין וווּקס פון אינדיווידואַליזם און מיסטיציזם.
מ׳זוכט איבערגעוואַלט אַ נייעם „סטיל", נייע פאַראַלגע־
מיינערטע פאָרמען און מען געפינט נישט: יעדן טאָג
וואַקסט אויס אַ נייע „אידיי", וואָס ווערט שנעל פאַרעל־
טערט: נאָכן אימפּרעסיאָניזם האָט זיך באַוויזן דער נעאָ־
אימפּרעסיאָניזם א. א. וו. אַ תהום פון ריכטונגען און
פּרוּוון, און אַ תהום פון ליטעראַרישע ט ע אָ ר י ע ס,
און קיין שום ס י נ ט ע ז, וואָס זאָל ווי־עס־איז זיין אַ
פעסטער. דאָס קומט פאָר אי אין דער מאַלעריי, אי אין
דער מוזיק, אי אין דער פּאָעזיע, אי אין דער סקולפּטור,
מיט איין וואָרט — אויפן גאַנצן פראָנט פון דער קונסט.
אָט ווי אַזוי עס שילדערן דעם דאָזיקן פּראָצעס די בור-
זשואַזע אַלטגלויביקע, וואָס קוקן מיט שרעק אויפן צער־
פאַל פון זייער קולטור, זייער קלאַס: ס׳אַנטוויקלט זיך
דער גלויבן אין געהיימניספולעס, ס׳וואַקסט דער גלויבן
אין כשוף און זנאַכאַרישקייט, ספּיריטיזם און טעאָזאָפיע:
„דער אָנפירער פון איין גרופּע, די אַזוי־גערופענע א ו י ס־
פ א ר ש ע ר פ ו ן ג ע ה י י מ נ י ס פ ו ל ע ס („Geheim-
forscheren") שרייבט אַ בוך נאָך אַ בוך און לייענט
אַ רעפעראַט נאָך אַ רעפעראַט... די ענערגישע ספּיר-
טאַליסטן (betriebsame), די באַשווערער, די טעאָזאָ

דערציילן א סך, אָבער זיי גופא זענען נישט אנטציקט פון זייערע כלומרשטע אַנטפּלעקונגען, און זיי באַגייסטערן נישט... אַנדערע. (Max Dessoir: „Die neue Mystik und die neue Kunst in Einführung in die Kunst der Gegenwart“, Leipzig 1920, Verl. von Seemann, S. 130). „פונקט אַזוי באַהויפּטן אונזערע נייעסטע מאָלער, אַז זייער שאַפונג איז אַן אויסדרוק פון געהיימניספול־אינטואיטיוו („visionär“) קורסיוו פון מחבר. נ. ב.) געזעענע פאַקטן און אַז יעדעס קונסט=ווערק באַשטייט פון „עקסטאַטישע זשעסטן פון דער נשמה; דאָס איז אַן אויסדרוק פון „זנאַכאָרישן אידעאַליזם“ (des magischen Idealismus); אין דער פּאָעזיע איז מען מקריב דעם זאַץ לטובת אַ וואָרט אָדער אַפילו (מ׳פּרעדיקט) דאַדאַ-איזם 1); אין דער מאַלעריי און סקולפּטור בליט די נאַרישע קינדישע שפּיל... באַשווערער, אַסטראָלאָגן א. א. פאַרדרייען דעם אמת, אַז חכמה ברענגט לגמרי נישט צו דער לאָגיק פון באַגריפן, פאַרוואַנדלען אים (דעם אמת) אין אַ הימן לכבוד דער פאַרלאַגישער (vorbegriffliche) מעטאַפיזיק פון די נעגערס“ (דאָרטן 133־134); ס׳ ייבט זיך אָן אַ דרשענען פון פאַרשלאָטענע, קליינע „געמיינדעס, קרייזלעך, קליקעס“, אין וועלכע די קינסטלער וועלן זיך איבערגעבן דער געהיימניספולער באַקוקונג פון יענזייטיקער וועלט און די פריידן פון דער דאָזיקער משונה־דיקער שאַפונג. צוגלייך מיט דעם איז פאַראַן א נטיה צו אַן אָפּגעגאַרטן מיסטישן „קאָמוניזם פון געפילן“ (די רוסן רופן דאָס אַן „סאָבאָרנאָסט“) — א סימן פון טיפער ירידה פון דער בורזשואַזיע אַלס אַ קלאַס. דער

1) „דאַדאַיזם“ דער נאָמען פון איינער פון די נייעסטע ריכטונגען אין דער קונסט; שטאַמט פון דעם זינלאָזן קלאַנג „אַ־דאַ“, וואָס ווערט כלומרשט אַרויסגעגעבן אַפילו דורך א זויג קינד; די דאָזיקע ריכטונג פּרעדיקט טאַקי א קינדישע באַציִונג צו דער וועלט.

מיסטיציזם טריומפירט אזוי אַרום. זשול ראָמען
Jules Romain: „Manuel de deification"
ציטירט ביי דעסואר'ן, ז. 137) פאָדערט אַ מיסטי־
שע באַלויכטונג, ווי אַן אומפאַרענדערלעכן תנאי פאַר דער
קינסטלערישער דעראָבערונג פון דער וועלט". און אָנ־
קוקנדיק זיך אויף דאָס דאָזיקע בילד, דריקט דעסואַר
אויס נאָר איין האָפענונג: אַז אַזא נישט=געזונטער מיס=
טיציזם וועט געלונגען איבערצופירן אויף די רעלסן...
פון גלויבן אינם גאָט פון די פריצרדיקע צייטן! (138),
איינער פון די טעאָרעטיקער פון דעם עקספרעסיאָניסטיש
סטיל, טעאָדאָר דויבלער Theodor Däubler:
Der neue Standpunkt 1919 Insel-Verlag, Leip-
zig S. 180) דריקט אויסגעצייכנט אויס דעם דאָזיקן
לויטן מהות, טיף=אינדיווידואַליסטישן שטאַנדפונקט פון די
צעשאָטענע סאָציאַלע אטאָמען: דער צענטער Mittel-
punkt) פון דער וועלט — איז אין יעדן איך, אַפילו
אין יעדער זאַך, וואָס איז דורך איך — בארעכטיקט
berechtigte) ich — דויבלער שרייבט מיט אַ ביסל
„צו=קלוגער" שפראַך נ. ב.) פאַרשטייט זיך, אַזא שטאַנד־
פונקט ברענגט אומפאַרמיידלעך צום מיסטיציזם.

„איצט הערט מען אומעטום אַ געשריי: אַוועק
פון דער נאַטור. וואָס ער באַטייט אין זין פון דער
עקספרעסיאָניסטישער פּאָעזיע און דער פּלאַסטישער קונסטן,
איז אונז באַקאַנט. דאָס איז אַן אפקער פון דעם, וואָס
ווערט באַשטעטיקט דורך אונזערע חושים, אַרויסגאַנג אי־
בער די גרעניצן פון חושימדיקער דערפאַרונג, מיט אַ
טענדענץ אויפצוהייבן זיך צו דעם, וואָס ליגט אונטער
די זאַכן, צום „גייסטיקן". אין דער מוזיק ברענגט דאָס
זעלבע צו דע „איבערמוזיק" און „אַנטימוזיק", אַן האַר־
מאָניע, ריטם, מעלאָדיע א. א. וו. Arnold Sche-
ring: „Die expressionistische Bewegung in
der Musik“ אינם ציטירטן זאַמלבוך Einführung in

die Kunst der Gegenwart“. אַן אַלגעמיינע סאָציאַלע
אָפּשאַצונג פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער
קולטור גיט דעם אַלעם מ אַ ק ס מ אַ ר ט ע ר ש ט י י ג
(„Das Jüngste Deutschland in Literatur und
Kunst. אין זעלבן זאַמלבוך, ז. 25) „די עקסטאַזן, וועל-
כע ס'איז אויסגעקומען איבערצולעבן, אָפּליידנדיק אומ-
געהויערע יסורים, דאַרפֿן אויפֿוועקן דעם פֿאַרשטאַנד. קיין
שום מלחמהדיקער פּסיכאָז אָדער פּסיכאָז פֿון עמפּערונג
קען שוין מער נישט פֿאַרענטפֿערן דאָס גאָרנישט צערי-
סענע און אַנאַרכישע“, און דער מחבר רופֿט צו דער
„ה ע כ ס ט ע ר פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט“. אָבער די דאָזיקע
רופֿן וועלן נישט ווירקן: ווייל אינם צערפֿאַלענעם טעמפּל
פֿון קאַפּיטאַליזם קען מען נישט געפֿונען קיין ניי-גרויס-
אַרטיקע סינטעזן: דאָ וועלן אומפֿאַרמיידלעך זיין שטיק-
לעך און ברעקלעך, א צוזאַמענהאַנגלאָזער מיסטישער גע-
פּלאַפּל און „עקסטאַזן“ פֿון טעאָזאָפֿישע סעקטאַנטן. אַזאַ
איז שטענדיק געווען אַ קולטור, וואָס איז פֿאַרמשפּט
געווען צו אַ שנעלן טויט.

דאָ איז נייטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער
מ אָ ד ע, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין דערמאַנט אין די
פֿריערדיקע אויספֿירן. מיט טייל שטריכן אירע טרעפֿט זיך די
מאָדע צענויף מיט דער קונסט (מיט איר „סטיל“: למשל, קליי-
דער און קאָסטיומען פֿון דער ראָקאָקאָ עפּאָכע אַנטשפּרעכן
געניי דער דאָזיקער ריכטונג אין דער קונסט), מיט אַנדע-
רע שטריכן טרעפֿט זי זיך צענויף מיט די נאָרמען פֿון
אויפֿפֿירונג, מיט די כּללים פֿון „העפֿלעכקייט“, "פֿיינקייט",
מנהג א. אַז. וו.

די מאָדע, פֿאָלגלעך, אַנטוויקלט זיך אויך אָפּהענגיק
פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער פּסיכאָלאָגיע. די ענדערונג פֿון
אירע פֿאָרמען, דער טעמפּ פֿון דער דאָזיקער ענדערונג
הענגט ווידער אַמאָל אָפּ פֿון כאַראַקטער פֿון דער געזעל-
שאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. דאָ ליגט, למשל, די אומגע-

הייער שנעלע פאַרענדערלעכקייט פון דער מאָדעביים סוף
פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. „אונזער אינער=
לעכע ריטמיק (וואס אַנטשפּרעכט דעם ווילדן טעמפּ פון
לעבן. ג. ב.) פאָדערט אַלץ מער קורצע פּעריאָדן אין דער
ענדערונג פון איינדרוקן" G. Simmel „Die Mode"
„Philosophische Kultur" 2 Auflage, Alfred Krö-
ner, verl. in Leipzig, 1919, S. 35) אין וואס זשע
באַשטייט דער געזעלשאַפטלעכער באַטייט פון דער מאָדע?
וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט זי אין שטראָם פון געזעלשאַפט-
לעכן לעבן? אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערט זייער גוט
ג. זיממעל: „זי איז אַ פּראָדוקט פון קלאַסן=איינטיילונג
און שפּילט די זעלבע ראָל, ווי דער קבוץ פון אַנדערע
שאַפונגען, קודם כל, ווי כבוד, וואס האט אַ צווייאיקע פונק-
ציע: פאַרייניקן איין מין מענטשן ארום זיך און אין דער
זעלבער צייט אָ גרענעצן אים פון אַנדערע... אַזוי ארום
באַטייט די מאָדע, פון איין זייט, די אָנגעהעריקייט צו
אַ קרייז פון גלייכע לויט דער לאַגע, אחדות פון אַ זיך=
אונטערשיידנדיקער גרופּע, און צוזאַמען מיט דעם אַן אָפּ-
גרענעצונג פון דער דאָזיקער גרופּע אין באַצוג צו נידער-
ריקער שטייענדיקע גרופּעס (דאָרט ז. 29 28).

אַלס פונקציעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג
זעען אויך צוויי אַממייסטן אַלגעמיינע אידעאָלאָגישע צובויונגען,
נעמלעך: שפּראַך און דענקען. אין דער מאַרקסיסטישער
אָדער האַלב=מאַרקסיסטישער סביבה האָט מען נישט זעלטן גע=
האַלטן פאַר אַ סימן פון אַ גוטן טאָן צו זאָגן, אַז די פראַגן
וועגן אָפּשטאַמונג פון די דאָזיקע זאַכן האָבן נישט קיין שייכות
צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. קויטסקי, למשל, האט זיך
אַזוי דערעדט, אַז ער האָט ארויסגעשטעלט אַ באַהויפּטונג, אַז
די דענקפעיקייטן פון מענטשן טוישן זיך כלומרשט נישט.
דאָס איז, אָבער, דאָך נישט אַזוי. אויך די פאָרמען פון דער אי-
דעאָלאָגיע, אויסערגעוויינלעך וויכטיקע און וועזנטלעכע, וואָס שפּילן
אַ קאָלאָסאַלע ראָל אינם לעבן פון דער געזעלשאַפט, שטעלן מיט זיך
נישט פאָר סיי אין זייער אַנטשטייאונג, סיי אין זייער אַנטוויקלונג, אויס

נאָמען פון דער ריי פון די איבריקע פסיכאָלאָגישע „צובויונגען".

מיר דאַרפן, אָבער, ענטפערן אויף איין הקדמהדיקע פראַגע, לייגן איין ספק, וואָס קומט באַלד אונטער, קוים האָבן מיר געשטעלט די פּראָבלעם וועגן שפּראַך און דענקען. „גוט — וועט מען אונז זאָגן — מיר זענען מסכּים, אַז שפּראַך האָט אַ שייכות צו געזעלשאַפט: זי איז אַ געצייג פון פאַרקער פון מענטשן, איינער מיטן צווייטן, אַ מיטל פון זייער צוזאַמענהאַנג; ריכטיק האָט מאַרקס באַהויפּטעט, אַז ס'איז אידיאָטיש צו רעדן וועגן דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך, בעת ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו שמועסן. אָבער דענקען? צי טראַכט נישט דער איינצלנער מענטש? צי האָט נישט דער איינצלנער מענטש אַ געהירן? און צי פאַלן מיר נישט אַליין אַריין אין געביט פון מיסטישער טפּשות, ווען מיר ווילן זוכן די שרשים פון דער דאָזיקן דענקען פון איינצלנעם מענטש אין דער געזעלשאַפט? אויף דער פראַגע וועלן מיר ענטפערן בקיצור. דאָס דענקען קומט שטענדיק פאָר דורך דער הילף פון ווערטער, הגם נישט אַרויסגערעדטע, דאָס איז „רייד אָן קלאַנגען". ווען דער מענטש דענקט, הייסט דאָס, אַז ס'קומט פאָר אַ פּראָצעס פון דער אָדער יענער קאָמבינאַציע פון באַגריפן, וואָס ווערן דערביי שטענדיק באַצייכנט דורך זייערע ווערטלעכע סימנים. אָפט קומט, למשל, פאָר, אַז אַ מענטש, וואָס האָט זיך גוט אויסגעלערנט אַ באַליביקע אויסלענדישע שפּראַך, הייבט אָן צו דענקען אויף דער דאָזיקער שפּראַך. יעדער קען אָן שוועריקייט זיך איבערצייגן לויט זיך, אַז דער פּראָצעס פון דענקען, פון טראַכטן, קומט פאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון ווערטער. און אויב דאָס איז אַזוי, און אויב ס'איז אין דער זעלבער צייט קלאָר, אַז אַ „וואָרט", „רייד", שפּראַך, זענען פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפט נישט נאָר אין זייער אַנטוויקלונג, נאָר אויך אין זייער אַנטשטייונג, איז אויך קלאָר, אַז אויך מיטן דענקען קען עס נישט אַנדערש פאָרקומען. און טאַקי, די פאַקטן באַשטעטיקן, אַז די

אנטוויקלונג פון דענקען איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך. איינער פון די גרעסטע פילאָ-לאָגן ל י ו ד וו י ק נ ו א ר ע, האָט געשריבן: „שפּראַך און לעבן פון שכל זענען אַרויסגעפלאָסן פון דער בשותּפותדיקער טעטי-קייט, וואָס איז געווען געריכטעט צום דערגרייכן אַ געמיינזאַמען ציל פון פּרימיטיווער אַ ר ב ע ט (אונזער קורסיוו — נ. ב.) פון אונזערע אבות" („Ursprung der Sprach", Mainz, S. 331) פּונקט ווי די מוזיק אין געזאַנג האָבן זיך אַנטוויקלט פון אַרבעט, אַזוי האָט זיך אויך דאָס ריידן אַנטוויקלט פון די אַרבעטס-אויסרופן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן בעת דער אַרבעט. די לערע וועגן שפּראַך ווייזט, אַז דער אורשפּרינגלעכער יסוד פון די ווערטער זענען געווען די אַזוי-גערופענע „טעטיקע שרשים", אַז די ערשטע ווערטער זענען געווען ווערטער, וואָס האָבן קודם כּל באַ-טייט ט אַ ט (ד. ה., לויט אונזערע באַגריפן, „צייטווערטער"), און אַז ערשט אין לויף פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָבן זיך באַוויזן באַצייכענונגען פון זאַכן (ד. ה. „הויפּט-ווערטער"), און דאָס אויך אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די זאַכן האָבן זיך אויסגעטיילט אין דער מענטשלעכער אַ ר ב ע ט ס - פּ ר אַ ק ט י ק אין דער ערשטער ריי האָבן זיך אויסגעטיילט די געצייג פון אַרבעט, וואָס האָבן באַקומען צונעמען, נעמען, אָפּהענגיק פון די נעמען פון אַנטשפּרעכנדיקע טאַטן. פּאַראַלעל מיט דעם, האָט זיך פון דער גאַנצער מאַסע, וואָס האָט, בילדלעך גערעדט אָנגעפילט דעם געהירן פון מענטש, געקלונגען ביי אים אין די אויערן, געשווינדלט אין די אויגן, אויסגעטיילט אויך מער האַר-טערע ב אַ ג ר י פ ן. דער באַגריף טאַקי איז דער י ס ו ד, פ ו ן ד ע נ ק ע ן.

מיטן דענקען און שפּראַך קומט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פאַר דאָס זעלבע, וואָס מיט די איבעריקע אידעאָלאָ-גישע צובויונגען.

זיי אַנטשטייען אונטער דער ווירקונג פון דער אַנט-וויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. צוזאַמען מיט דער דאָ-זיקער אַנטוויקלונג פאַרוואַנדלט זיך די אויסערע וועלט פון אַ

וועלט פאר זיך אין א וועלט פארן מענטש, פון א פשוטערע מאטעריע — אין א מאטעריאל פאר דער מענטשלעכער ־ראקטיק; מיט „מגושמדיקע", און שפעטער אלץ מער סובטעלערע געצייגן פון דער מאטעריעלער ארבעט, וויסנשאפטלעכער דערקענטניש, אומצייליקע פינגערס פון מאשינען, טעלעסקאפּן, שארפע געדאנקען, ציט די געזעלשאפט אריין אין די איבערארבעט אן אלץ גרעסערן טייל פון דער אויסערלעכער וועלט, וואס אנטפלעקט זיך פאר אים אין דער ארבעט און דערקענטניש. אזוי ארום באווייזט זיך א גיגאנטישע מאסע פון נייע באגריפן, און, פאלגלעך, פון נייע ווערטער: ס'קומט פאר א „בערייכערונג פון דער שפראך", וואס נעמט ארום דעם גאנצן קבוץ פון דעם, וואס מענטשן דענקען, וועגן וואס זיי „רעדן", ד. ה, וואס זיי גיבן איבער איינער דעם צווייטן.

דאס „רייכקייט פון לעבן" רופט ארויס נאך זיך „רייכקייט פון שפראך", ביי טייל פאסטוכישע שבטים (אזוי גערופענע „איינזאמע פאסטוכער") ווערן כמעט אלע זייערע שמועסן געפירט וועגן דער זאך. דאס קומט פאר דערפאר, ווייל דער נידעריקער ניווא פון די פראָדוצירנדיקע כוחות ברענגט כמעט דאס גאנצע לעבן צוב פראָדוציר־פראָצעס, און די שפראך געפינט זיך דא אזוי ארום אין א דירעקטן צוזאמענהאנג מיט דעם דאָזיקן פראָצעס. ווען אויפן באָדן פון וווקס פון די פראָדוצירנדיקע כוהות פון דער ריזיקער קאָמפליצירטקייט וואקסט אויס אן אידעאָלאָגישער צובוי, דאן, פארשטייט זיך, הייבט די שפראך אָן דאָס ארומצונעמען, ד. ה. איר צוזאמענהאנג מיט דעם פראָדוצירנדיקן פראָצעס ווערט וואס אמאָל אומדירעקטער: די שפראך הענגט אָפּ פון דער פראדוצירנדיקער טעכניק שוין דורך דער אָפּהענגי׳ייט (אויך אין גרעסטן טייל אומדירעקט) פון פארשידענע צובויונגען פון דער טעכניק.

אלס ביישפיל פון וווקס פון דער שפראך קען דינען דער ריזיקער וווקס פון „פרעמד־ווערטער", וואָס איז פארבונדן מיטן וווקס פון דער אלוועלטלעכער ווירטשאפט און מיטן באווייזן זיך פון א מאסע אלץ איינע זאכן אין פארשידענע לענדער

אָדער חיכטיקע פאַר אַלע, לויט זייער באַטייט, געשעענישן (טעלעפאָן, אַעראָפּלאַן, ראַדיאָסטאַציע, „פעלקער־ליגע", „קאָמאינטערן", „באָלשעוויזם", סאָוויעטן" א. א., וו.). מ'וואָלט געקענט ווייזן, אַז אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן ענדערט זיך אויך דער כאַראַקטער פון דער שפּראַך, איר „סטיל", אָבער דאָס וואָלט אונז צו ווייט פאַרפירט. דאָך איז נויטווענדיק דאָ צו דערמאַנען, אַז די קלאַסן־ גרופּן־, פּראָפעסיאָנעלע־איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט לייגט איר שטעמפּל אויך אויף דער שפּראַך. יעדער ווייסט, אַז די שפּראַך פון די „שטאָטישע" שיידט זיך שטאַרק אונטער פון די „דאָרפישע", די „ליטעראַרישע" פון דער „המונישער". טיילמאָל דערגרייכט דער דאָזיקער אונטערשיד אַזאַ מדרגה, אַז די מענטשן פאַרשטיין נישט בוכשטעבלעך איינער דעם צווייטן. אין אַ ריי לענדער הערשן המונישע „דיאַלעקטן", וואָס זענען ווינציק פאַרשטענדלעך פאַר די „געבילדעטע און פאַרמעגלעכע." אַזאַ איז די קלאַסן פאַרצווייגונג פון דער שפּראַך. דאָס זעלבע באַמערקט זיך אין באַצוג צו די פּראָפעסיעס. ס'איז באַקאַנט, למשל, אַז געלערנטע פילאָזאָפן, וואָס זענען געוווינט צו לעבן אין דער וועלט פון בלויזע סובטעלע חקירות, שרייבן (און אָפט רעדן זיי) אין אַזאַ שפּראַך, פון וועלכער דער קאָ״ טוט ווי׳ און וועלכע קיינער פאַרשטייט נישט, חוץ די כוהנים פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע. אין דעם פאַרלאַנג אַזוי צו רעדן שטעקט אָפט די זעלבע סיבה, וואָס אין דער מ א ד ע: אָפּגרענצונג פון קרייז פון די „פּשוטע שטערבלעכע". דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען, ווען עפּעס אַ רוסישער פּריצל האָט געבערענגט צופירן פון פאַריזש „אויסלענדישע מלבושים", אַ טייערע געליבטע און אַ פאַרדרייטע רוסישע אויסשפּראַך, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעטיילט ווי אַ מענטש פון דער „העכסטער מאַרקע". דאָ אַהער געהערט אויך די עקלהאַפטע אויסשפּראַך פון די פּוריטאַנער (ענגלישע רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרן — די פאָרשטייער פון דער זיך בילדנדיקער בורזשואַזיע): פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן זיך אָנגערופן מיט די נעמען פון די פּאַטריאַרכן און נביאים, אַזוי אויך האָט זייער

אויסשפּראַך נאָכגעמאַכט יענע עקלהאפטע אויסשפּראַך, צעצויגן, מיט וועלכער ס'ווערט נאָך היינט געלייגט די העברעאישע ביבל אין די סינאַגאָגן". (וו. וווּנדט: „די פּראָבלעמען פון פעלקער פּסיכאָלאָגיע"). בכלל דאַרף דער שפּראַך־קענער באַהאַנדלען די שפּראַך נישט ווי אַן איזאָלירטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט לעבנס־דערשיינונג; פאַרקערט, די השערות וועגן דער אַנטוויקלונג פון די לעבנס־פאָרמען דאַרפן... זיין בהסכם מיט אונזערע אַנשויונגען וועגן אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון מענטש גופא, וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די פאָרמען פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן די התחלות פון מנהגים און רעכט (דאָרט, ז: 65).

מ'דאַרף אויך נישט מיינען, אַז דאָס **דענקען** איז שטענדיק געווען א דענקען פון איין און דעמזעלבן טיפּ. אויבן האָבן מיר געזען, ווי טייל געלערנטע דערקלערן די אַנטשטייונג פון דער ווייסנשאַפט דורך דער געהיימניספולער און אומעטומיקער נייגונג צו א סיבהדיקער דערקלערונג, נישט דערלויבנדיק זיך אפילו צו פרעגן, פינוואַנען ישע נעמט זיך די דאָזיקע אין דער העכסטער מדרגה אָנגענעמע נייגונג, בעת איצט קען מען האַלטן אַלס פולקאָם באַוויזן די **פאַרענדערלעכקייט פון די טיפּן פון דענקען**. אַזוי, למשל, כאַראַקטעריזירט **לעווי בריל** (Lévy — Brühl: Les functions mentales dans les sociétés inferieures“, Paris 1910; מיר דערקלערן דאָ היפּאָטעזעכלעך לויט פּראָפעסאָר א **פאַגאַדין**: „ביי דער גרענעץ פון דעם חיה'שן און מענטשלעכן" — „נייע אידייען אין דער סאָציאָלאָגיע". זאַמלבוך № 4), אין א בוך, וואָס איז ספּעציעל געווידמעט דעם אופן פון דענקען ביי די ווילדע, דאָס דאָזיקע דענקען נישט אַזוי, ווי דאָס היינטצייטיקע „לאָגישע" דענקען; ער רופט דאָס אַן פאַרלאָגיש (preloguiqe) דענקען. דאָ שיידט זיך אָפּט נישט אונטער דאָס איינצלנע פריוואַטע פון דעם אַלגעמיינעם, א טייל פון גאַנצן, איין זאַך פון דער צווייטער. די גאַנצע וועלט ווערט פאַרגעשטעלט נישט ווי א נעץ פון זאַכן, נאָר פון זיך באַוועגנ-

דיקע כוחות, איינער פון וועלכע איז דער מענטש גופא; דערביי ווערט דער איינצעלנער מענטש נישט אויסגעטיילט, ווי א יחיד: דער יחיד איז דורך און דורך סאציאליזירט: ער ווערט דערטרונקען אין דער געזעלשאפט און גרעניצט זיך נישט אפ פון איר. דער הויפט „געזעץ פון דעם דאזיקן דענקן איז נישט דער באגריף וועגן דער סיבה'דיקער געזעצמעסיקייט, נאר דאס, וואס לעווי-בריל רופט אן געזעץ פון „מיטאנטייל" אדער „אנטייל" („loi de la participation") ווען מ'קען ווירקן אויף עפעס ביי באדינגונגען, וואס שליסן אויס לויט אונזער שטאנדפונקט די דאזיקע מעגלעכקייט. „דער געזעץ פון מיטאנטייל דערלויבט אויך איינצייטיק צו דענקן אינדיווידועל אין קאלעקטיוו און קאלעקטיוו אין אינדיווידועל, אן שום שווע-ריקייט. צווישן ביזאן און די ביזאנען, בער און בערן, לאקס און לאקסן שטעלט די דאזיקע פסיכאלאגיע פעסט אמיסטישן (א פאגאדין) באמערקט גאנץ ריכטיק, אז דאס ווארט מיסטיש „פאסט דא פולשטענדיק נישט" — נ. ב.) מיטאנטייל, און נישט די קאלעקטיווקייט פון מין, נישט די באזונדערע עקזיס-טענץ פון די אינדיווידואומען האבן נישט פאר דער דאזיקער פסיכאלאגיע דעם זעלבן זין, וואס פאר אונז". לעווי-בריל גופא שטעלט דעם דאזיקן טיפ פון דענקען אין צוזאמענהאנג מיט א באשטימטן טיפ פון א סאציאלן זין, ווען דער יחיד טייט זיך נישט אויס פון דער געזעלשאפט, ד. ה. פארבינדט אים מיטן פרימיטיוון קאמוניזם.

און ווייטער? ווייטער זעען מיר ווידער-אמאל נישט אונ-זער סיבהדיקייט, נאר די אזוי-גערופענע אנימיסטישע סיבהדיקייט. דאס הייסט, אז ביי די מענטשן איז געווען א נטיה אומעטום אויסצוגעפינען דאס גייסטיק-געטלעכע אדער דעם דעמאנישן יסוד. אלץ, וואס זאל זיך נישט טרעפן, געשעט לויט עמיצנס „באפעל".

די סיבה גופא איז נישט עפעס אנדערש, ווי א באפעל,

וואָס גייט אַרויס פון עפּעס אַ העכער=שטייענדיקן גייסט. די סיבהדיקע געזעצמעסיקייט — דאָס זענען געזעצן פון אַ העכער וועזן, אַ גייסטיקער רעגירער (אָדער גייסטיקע רעגירער) פון דער אַלוועלט. דאָס איז אַן אַנדערער טיפּ פון דענקען: די שטרעבונג ביי מענטשן אויסצוגעפינען די סיבות איז, אמת, פאַראַן, נאָר זיי זוכן אָבער סיבות פון אַ באַזונדערער אייגנשאַפט, און טאַקי פון אַזאַ, ווען די סיבה איז אַ דערשיינונג פון עמיצנס אַ העכערער קראַפט. ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער דאָזיקער טיפּ דענקען איז פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ער איז טיפּיש פאַר דער געזעלשאַפט, וווּ ס'איז שוין פאַראַן אַ פּראָדוצירנדיקע און סאָציאַל-פּאָליטישע היעראַרכיע.

דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, וועגן וואָס מיר האָבן שוין טיילווייז גערעדט ביים באַטראַכטן די פראַגע וועגן פילאָזאָפיע. פאַר אונז וועלן איצט גענוג זיין די אויבנגעבּרענגטע ביישפּילן, כּדי צו זאָגן, אַז דענקען און זיינע פאָרמען זענען אויך אַזוי אַ פאַרענדערלעכע צאָל, און אַז די דאָזיקע ענדערונג איז פאַרבונדן מיט דער ענדערונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, איר אַרבעטס-אָרגאַניזאַציע און איר טעכנישער חוט=השדרה.

א צטער דאַרפן מיר מאַכן אַ סך=הכּל. פון דעם פריער=געזאָגטן דרינגט, ווי מיר זעען, די פולע ריכטיקייט פון דער אַלטער געניאַלער פאָרמולירונג פון מ אַ ר ק ס ן („צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער פילאָזאָפיע”):

„אין דער אויספירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע פון זייער לעבן טרעטן מענטשן אַריין אין באַשטימטע, פון זייער ווילן אומאָפּהענגיקע, באַציונגען — פּראָדוצירנדיקע באַציונ-

נען, וואָס אנטשפּרעכן אַ באַשטימטער מדרגה פון דער אַנטוויק־
לונג פון זייערע מאַטעריעלע פּראָדוצירנדיקע כוחות.

דער קיבוץ פון די דאָזיקע פּראָדוצירנדיקע באַציונגען בילדעט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, אַ רעאַלער יסוד, אויף וועלכן ס'הייבט זיך אויף דער רעכטלעכער און פּאָליטישער צובוי, און וועלכן ס'אַנטשפּרעכן באַשטימטע פאָרמען פונם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין. דער אופן פון דער פּראָדוצירונג פון דעם מאַטעריעלן לעבן באַדינגט מיט זיך דעם פּראָצעס פון סאָציאַלן, פּאָליטישן און גײַסטיקן לעבן בכלל. נישט דאָס באַוווסטזיין פון די מענטשן באַשטימט זייער זיין, נאָר, פאַרקערט, זייער געזעלשאַפטלעך זיין באַשטימט זייער באַ־
וווּסטזיין".

מיר האָבן געזען, אז א ריזיקער „צובוי", וואָס ליגט איבער דעם עקאָנאָמישן יסוד פון דער געזעלשאַפט, איז געווען קאָמפּליצירט לויט זיין אינערלעכן געבוי, לויט זיין „סטרוק־טור". דאָ זענען פאַראַן אי מאַטעריעלע זאַכן (געצייג, אינסטרו־מענטן); דאָ זענען פאַראַן אויך פאַרשידנאַרטיקע מענטשלעכע אָרגאַניזאַציעס; דאָ זענען אויך פאַראַן שטרענג־סיסטעמאַטי־זירטע קאָמבינאַציעס פון אידייען און אופנים; דאָ זענען אויך פּאַ אַן צעשווימענע, נישט סיסטעמאַטיזירטע געדאנקען און גע־פילן; דאָ זענען, צום סוף, פאַראַן אויך אידעאָלאָגיעס פון א „צווייטער אָרדענונג", די וויסנשאַפטן פון די וויסנשאַפטן, די וויסנשאַפטן וועגן קונסט א. א. אָט פאַרוואָס מיר מוזן ביי אַן אויספירלעכן אַנאַליז מאַכן אַ געוויסע אָפּגרענצונג ... באַגריפן.
...ע
אונטערן באַגריף „צובוי" וועלן מיר ...
פאָרם פון די געזעלשאַפטלעכע דערשי...

בערן עקאָנאָמישן באַזיס: דאָ, למשל, געהערט, אי די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע, אי די סאָציאַל-פּאָליטישע אָרדענונג מיט אלע זירע מאַטעריעלע טיילן (למשל, הארמאַטן), אין דער מענטשלעכער אָרגאַניזאַציע (היעראַרכיע פון באַאַמטע), און אַזעלכע דערשיינונגען, ווי שפּראַך און דענקען. צוגוי איז, פּאָלגלעך, אַן אַלגעמיינער באַגריף. אונטערן באַגריף געזעלשאַפטלעכע **א י ד ע אָ ל אָ ג י ע**, וועלן מיר פאַרשטיין די **ס י ס ט ע ם** פון געדאַנקען, געפילן, אָדער כללים פון אויפפירונג (נאָרמען).

דאָ אהער, פּאָלגלעך, געהערן אַזעלכע דערשיינונגען, ווי דער אינהאַלט פון דער וויסנשאַפט (אָבער ס'געהערט נישט, למשל, דער טעלעסקאָפּ אָדער די אָרגאַניזאַציע פון מענטשן אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע), קונסט, קבוץ פון נאָרמען, פון מנהגים אָדער מאָראַל א. א. וו.

אונטערן באַגריף געזעלשאַפטלעכע **פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ע** וועלן מיר פאַרשטיין נישט סיסטעמאַטיזירטע אָדער ווייניק סיסטעמאַטיזירטע געפילן, געדאַנקען און שטימונגען, וואָס זענען פאַראַן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, קלאַס, גרופּע, פּראָפעסיע. צו דער באַטראַכטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע טרעטן מיר טאַקע צו.

§ 39 די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע און די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע. בעת מיר האָבן באַטראַכט די וויסנשאַפט און די פילאָזאָפיע, רעכט און מאָראַל א. אז. וו. האָבן מיר שוין געהאַט געוויסע פאַרבונדענע **ס י ס ט ע מ ע ן** פון בילדער, געדאַנקען, כללים פון אויפפירונג א. א. וו. וויסנשאַפט — דאָס זענען פאַרבונדענע, צוגעפּאַסטע איינע צום אַנדערן, סיסטעמאַטיזירטע געדאַנקען, וואָס נעמען אַרום אין האַרמאָנישע רייען אַ באַליביקע זאַך פון דערקענטניש. קונסט — דאָס איז אַ סיסטעם פון דערשפּירן געפילן, בילדער. מאָראַל — דאָס זענען אינערלעך-איבערצייגנדיקע כללים פון אויפפירונג, ווידער אַמאָל מער-ווייניקער צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אַנדערע אידעאָלאָגיעס. אָבער אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן באַאָבאַכטן מיר אַ ריזיקן געביט פֿון נישט אַדורכגעטראַכטעס, נישט סיסטעמאַטיזירטעס, וווּ ס'איז נאָך בכלל נישט אומבאַדינגט צונויפֿ דערפֿירט איין עק מיטן צווייטן. נעמט, למשל, דאָס אַזוי גערופֿענע „אַלטעגלעך דענקען" וועגן אַ באַליביקער זאַך אין קעגנזאַץ צום „וויסנשאַפֿטלעכן" דענקען. דאָס ערשטע — דאָס זענען ברעקלעך פֿון געוויסע ידיעות, אָרדנונגסלאָזע, צעוואָרפֿענע געדאַנקען; דאָ וועט זיין אַ מאַסע סתירות, נישט אַדורכגעטראַכטעס, משונהדיקייטן. דאָס אַלץ דאַרף איבערגעאַרבעט ווערן, גענומען ווערן אונטער אַ קריטיש אויג, דורכקאָנטראָלירט, באַפֿרייט פֿון סתירות, — נאָר דאַן באַקומען מיר אַן איבערגאַנג צו דער וויסנשאַפֿט. אָבער געוויינלעך לעבט מען דאָך מיטן „אַלטעגלעכן". אינמיטן אומענדלעך פֿול קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן מענטשן, פֿון וועלכע ס'לייגט זיך צונויף דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, אין קרייז פֿון פּסיכישן פּאַרקער מיט מענטשן עקזיסטירט אַ מאַסע פֿון אַט אַזעלכע נישט־סיסטעמאַטיזירטע עלעמענטן, אָפּגעריסענע געדאַנקען, אין וועלכע סדריקן זיך פּאַרט אויס געוויסע ידיעות פֿון געפֿילן, פֿון פֿאַרלאַנגען אין געביט פֿון פּאַרקער צווישן מענטשן, געשמאַקן, אופֿנים פֿון דענקען, נישט אַדורכגעטראַכטע, „האַלב באַוווסטזיניקע", רויעריקע פֿאָרשטעלונגען וועגן „גוטן" און „שלעכטן", וועגן „גערעכטן" און „אומגערעכטן", „שיינעם" און „מיאוסן", לעבנס־לעבנסשטייגעריש־געוווינהייטן און אנשויונגען; שטרעבונגען און אידייען אין באַצוג צום גאַנג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, געפֿילן פֿון פֿרייד אָדער טרויער, אומצופֿרידנהייט און כּעס, דורשט נאָך קאַמף אָדער פֿינסטערע פֿאַרצווייפֿלונג, פֿאַרשידנאַרטיקסטע אָפּשאַצונגען און אומעטיקע האָפֿענונגען און אידעאַלן; קריטישע און בייסנדיקע געדאַנקען וועגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג אָדער כּסדרדיקע אָנגענעמע געפֿילן, אַז „אַלץ איז שיין אין דער בעסטער פֿון אַלע וועלטן"; געפֿילן פֿון דורכפֿאַלן און אַנטוישונגען, דאגות וועגן שלעכטע צייטן און: פֿאַרלאַנגען צו פֿאַרהויליען דאָס לעבן, אי

לוזיעס און האָפּענונגען אויף דער צוקונפט און שרעק פאר דער דאזיקער צוקונפט און אזוי ווייטער אָן א סוף. אָט די דאָזיקע דערשיינונגען, אין זייער געזעלשאפטלעכן מאסשטאב, הייסן געזעלשאפטלעכע פסיכאָלאָגיע. דער אונטער־שיד פון דער געזעלשאפטלעכער (אָדער, ווי מ'זאָגט אנדערש, „קאָלעקטיווער" אָדער „סאָציאַלער") פסיכאָלאָגיע פון דער אידעאָלאָגיע באַשטייט, ווי מיר זעען, אין דעם גראַד פון סיסטעמאַטיזירונג.

די געזעלשאפטלעכע פסיכאָלאָגיע דערשיינט נישט איינמאָל אין דער בורזשואַזער וויסנשאפט אונטער אַ זייער געהיימניספולן מאנטל פון דעם אַזוי-גערופענעם „פאָלקס-גייסט" אָדער „גייסט פון דער צייט", וואָס איז אין אמתן עפּעס אַן אַל-איינהייטלע־כע געזעלשאפטלעכע נשמה אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט. אָבער, פאַרשטייט זיך, קיין שום „פאָלקס=נשמה" עקזיסטירט נישט אין דעם זין, פונקט אַזוי ווי ס'עקזיסטירט ני״ט קיין געזעלשאַפט, ווי אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם מיט אַן איינהייטלעכן צענטער פון באַוווסטזיין. מיר האָבן שוין גע־זאָגט, אַז ס'איז לעכערלעך זיך פאָרצושטעלן די געזעלשאַפט אַלס וואַלפיש פון דער מעשה פון „פערדל=הויקער", ס'איז לע=כערלעך צו מיינען, אַז אינמיטן פון דער אויסערלעכער וועלט

„...ליגט
דאָס גרויסע וווּנדער, דער וואַלפיש
אַלע זיינע זייטן זענען אויסגעלעכערט
אי״ן די זשעברעס זענען אַריינגעשטעקט פיילן
און אין דער נידער, צווישן די וואָנסעס,
זובן מיידלעך שוואָמען.

אָבער קוים איז נישטאָ אַזא וועזן, קען שוין דעריבער נישט זיין אַזא געהיימניספולע „פאָלקס-נשמה" אָדער „פאָלקס=גייסט" אין דעם דאָזיקן מיסטישן באַטייט. אָבער דאָך רעדן מיר וועגן דער געזעלשאַפטלעכער פסיכאָלאָגיע, אונטערשיידנדיק

זי פון דער פערזענלעכער. אין וואָס האַנדלט זיך? און ווי אַזוי ווערט דאָ דערקלערט די דאָזיקע סתירה? זייער פשוט. די ק ע ג נ ז י י ט י ק ע ו ו י ר ק ו נ ג פון מענטשן שאַפט אַ באַזונדערע פסיכאָלאָגיע ביי דעם א י י נ צ ע ל נ ע ם מענטש. דאָס „סאָציאַלע" לעבט נישט צווישן די מענטשן, נאָר א י ן ד י ק ע פ פ ו ן ד י מ ע נ ט ש ן. אָבער דאָס, וואָס לעבט אין די דאָזיקע קעפ, איז אַ פּראָדוקט פון קעגנזייטיקע איינפלוסן, זיך קרייצנדיקע קעגנזייטיקע מעשים. דעריבער איז נישט פאַראַן קיין שום פסיכיק, חוץ די, וואָס איז פאַראַן ביי איינצעלנע, וואָס געפונען זיך אין אַ כסדרדיקן קעגנזייטיקן טאַט, „פ אַ ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ט ע" מענטשן: די געזעלשאַפט איז דאָך אַ קיבוץ פון פאַרגעזעלשאַפטלעכטע מענטשן, און נישט אַ לויתן, וועמעס אָרגאַנען זענען איינצעלנע מענטשן.

ז י מ מ ע ל האָט גרויסאַרטיק דערקלערט אין וואָס דאָ גייט: ווען אַ המון מענטשן צעשטערט אַ הויז, אָדער גיט אַרויס אַ פסק, אָדער צעשרייט זיך, — דאַן סומירן זיך די טאַטן פון איינצעלנע מענטשן אין אַ געשעעניש, וועלכע מיר באַצייכענען אַלס אַן א י י נ ה י י ט ל ע כ ע ווי אַ פאַרווירקלעכונג פון איין באַגריף. און מאַקי, אַטאַ דאָ קומט פאָר אַ גרויסער פאַרטויש פון באַגריפן: דער ג אַ נ צ ע ר אויסערלעכער ר ע ז ו ל ט אַ ט פון פילפאַכיקע, אָביעקטיווע גייסטיקע פּראָצעסן ווערט אויסגעטייטשט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנצן גייסטיקן פ ר אָ צ ע ס, נעמלעך אַ פּראָצעס אין דער קאָלעקטיווער נשמה". (G. Simmel: „Soziologie" Untersuchungen über die Formen der Vergeselschaftung", Leipzig, 1908. Verlag Duncker und Humboldt, S. 595-560). אָדער — אַן אנדערער ביישפּיל: ווען פון די קעגנזייטיקע ווירקונגען פון מענטשן באַקומט זיך עפּעס אַ ב י י ע ס און אַ גרעסערס, ווי די פשוטע סומע פון זייערע איינצעלנע שטרעבונגען אָדער מעשים.

ביי אַ גענויער אויספאָרשונג (Genau ausgere-

...chen) רעדט זיך אין אַזעלכע פֿאַלן וועגן אופֿן פֿון
די טאַטן פֿון די אינדיווידואומען, וואָס גע-
פֿונען זיך אונטערן איינפֿלוס פֿון דעם, וואָס
יעדער איז אַרומגערינגלט מיט אַנדערע; אַ דאַנק דעם
אומשטאַנד איז פֿאַראַן די נערוון-אינטעלעקטועלע, היפּ-
נאָטישע (suggestive) מאָראַלישע איבערשטימונג -Um)
stimmungen) פֿון זייער גייסטיקער קאָנסטיטוציע לויטן
פֿאַרגלייך מיט אַזעלכע צושטאַנדן, ביי וועלכע ס'זענען
נישט פֿאַראַן אַנטשפּרעכנדיקע איינפֿלוסן. אויב די לעצ-
טע, באַאיינפֿלוסנדיק איינער דעם צווייטן, ענדערן -mo)
difizieren) אויף אַן איינהייטלעכן אופֿן אַלע מיטגלי-
דער פֿון דער גרופּע, דאַן, פֿאַרשטייט זיך, וועט זייער
בשותּפֿות'דיקער טאַט (Totalaktion) אויסזען אַנדערש,
ווי דער טאַט פֿון יעדן אַלס יחיד, ווען ער וואָלט זיך
געפֿונען אין אַן אַנדערער, איזאָלירטער לאַגע". (דאָרט,
ז. 560).

דאָך איז אין אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „צייט-גייסט" אָדער
„פֿאָלקס-גייסט" פֿאַראַן אַ געוויסער זין: די דאָזיקע אויסדרוקן
ווייזן ריכטונג אָן אויף צוויי פֿאַקטן, וואָס מ'קען באַאָבאַכטן או-
מעטום און שטענדיק: ערשטנס, אויף דעם, אַז אין יע-
דער געגעבענער צייט איז פֿאַראַן אַ געוויסע
הערשנדיקע ריכטונג פֿון געדאַנקען, געפֿילן
און שטימונגען, אַ הערשנדיקע פּסיכאָלאָגיע
וואָס באַפֿאַרבט דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט; צווייטנס,
אַז די דאָזיקע געזעלשאַפֿטלעכע פּסיכאָלאָגיע ענדערט זיך
אָפּהענגיק פֿונם „כאַראַקטער פֿון דער עפּאָכע".
ד. ה. לויט אונזערע באַגריפֿן, פֿון די באַדינ-
גונגען פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער
אַנטוויקלונג.

די הערשנדיקע אין דער געזעלשאַפֿט פּסיכאָלאָגיע ווערט
דערפֿירט צו צוויי הויפּט עלעמענטן: ערשטנס צו די אַל-
געמיינע פּסיכאָלאָגישע שטריכן, וואָס

קענען זיין ביי אַלע קלאסן פון דער געזעלשאַפט, ווייל, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער פארשידנאַרטיקייט אין דער לאַגע פון די דאָזיקע קלאַסן, קענען זיין אויך ענלעכע שטריכן אין דער דאָזיקער לאַגע; צווייטנס, צו דער פסיכאָלאָגיע פון דעם הערשנדיקן קלאַס, וועלכער „רוקט זיך" אַרויס אין דער געזעלשאַפט, אַז ער גיט אַן אַנטשיידענעם טאָן .דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אונטערווארפנדיק איר איינפלוס אויך אַנדערע קלאַסן. אַלס ביישפיל פון ערשטן קענען דינען די פעאָדאַלע עפאָכן: דאָ זענען אי ביי דעם פעאָדאַלן גוטסבאַזיצער, אי ביי דעם פויער פאַראַן געמיינזאַמע פסיכאָלאָגישע שטריכן: צוגעבונדנקייט צו דעם אַלטן, רוטין-טראַדיציע, בוקן זיך פאַרן אויטאָריטעט, „מורא פאַר גאָט", אָפּגעשטאַנענקייט פון די געדאַנקען, נישט-ליבע צו אַלץ, וואָס איז ניי א. א. וו. פאַרוואָס קומט דאָס אַזוי פאָר? פון איין זייט, ווייל ביידע קלאַסן לעבן אין אַן אָפּגעשטאַנענער געזעלשאַפט, אַ ווינציק באַוועגלעכע: די באַוועגלעכע פסיכאָלאָגיע קומט שפּעטער פון שטאָט אַרויס. פון דער צווייטער זייט — ווייל אין דער צייט, ווען דער פעאָדאַל איז דער „קייסר-פאָטער" אין זיין באַזיץ, איז דער פויער-„קייסר-פאָטער" אין דער משפחה, די משפחה, ווי מיר ווייסן, איז איינע פון די אַרבעטס-אָרגאַניזאַציעס פון יענער צייט. די משפחה-אַרבעטס פאַרבינדונגען אין דער פויערישער ווירטשאַפט שפּילט נאָך היינט אַ ריזיקע ראָל. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז די פּאַטריאַרכאַלע אָרדענונג פון די משפחה-אַרבעטס באַציונגען, דער אומבאַדינגטער אויטאָריטעט און מאַכט פון „פאַמיליע-פאָטער" האָט אויך אַרויסגערופן די אַנטשפּרעכנדיקע פסיכאָלאָגיע: „די אַלטע ווייסן בעסער".

דער קאָנסערוואַטיזם פון דעם פעאָדאַלן פרייטום און פאַרשקלאַפטן פויערנטום — דאָס איז געווען דער „גייסט פון דער צייט" אויף דער באַשטימטער מדרגה פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. געוויס, צוזאַמען און אין איין ריי מיט דעם אין דער הערשנדיקער געזעלשאַפטלעכער פסיכאָלאָגיע האָבן

זיך ארויסגעריזן אויף אַנדערע מאָמענטן, וואָס זענען געווען אייגנטלעך נאָר די פּעדאַל אין וועלכע האָבן זיך פאַר־שפּרייט נאָר אַ דאַנק דער הערשנדיקער לאַגע פון דעם פּעאָ־דאַלן פּריצטום.

פון דער צווייטער זייט, טרעפן מיר עפטערס פאַלן, ווען די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע, ד. ה. די *הערשנדיקע* געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע, איז אַ פּסיכאָלאָגיע פון דעם *הערשנדיקן קלאַס*. *מאַרקס* באַמערקט אין „*קאָמוניסטישן מאַניפעסט*": „די הערשנדיקע אידייען פון אַ באַליביקער צייט זענען שטענדיק געווען נאָר די אידייען פון דעם הערשנדיקער קלאַס". ("Manifest der Kommunistischen Partei", S, 36). דאָס זעלבע קען מען, למשל, אויך זאָגן וועגן דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע, וואָס הערשט אין אַ באַשטימטער צייט. מיר האָבן שוין ביים אַנאַליז פו די אידעאָלאָגיעס געבראַכט פאַרשידענע ביישפּילן פון די הערשנדיקע אין דער געזעלשאַפט געפילן, געדאַנקן, און שטימונגען. איצט וועלן מיר זיך פרעגן, וואָס האָט באַטייט, למשל, די פּסיכאָלאָגיע פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע מיט איר ליבע צו ערדישע געניסן, פאַרגעניגנס פון אַ סובטעלער אייגנשאַפט, דאָס צאַצקען זיך מיט דער לאַטיינישער און גריכישער שפּראַך, מיט איר העפלעכער געלערנטקייט. אַ ליידנשאַפט צו דעם אויס־טיילן זיך אין די אייגענע פּערזאָן פון דעם „המון" דורך העפ־לעך־גרינגשעצנדיקע באַציונג צו די מיטלאַלטערלעכע אַבער־גלויבנס א. א. וו.? ס'איז קלאָר, אַז אַזאַ פּסיכאָלאָגיע האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס, למשל, מיט דער פּסיכאָ־לאָגיע פון דעם דעמאָלדיקן *פּויערנטום*. דאָס איז גע־ווען אַ פּראָדוקט פון די האַנדלס־שטעט, און אין די שטעט — אַ פּראָדוקט פון דער *פינאַנס־האַנדלענדיקער אַריס־טאָקראַטיע*. אָבער די שטאָט האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו הערשן איבערן דאָרף, אין דער שטאָט האָבן געהערשט די באַנקירן, וואָס האָבן זיך משדך געווען מיט דעם יחוסדיקן פירשטלעכן פּריצטום. און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם דאָזיקן

שיכט ווערט גערעכנט אלס הערשנדיקע: א י ר פאַרקערפּערונג זעען מיר אין פלערליי דענקמעלער פון יענער עפּאָכע. מ׳דאַרף נאָך באַצייכענען, אַז צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות ביי דעם הערשנדיקן קלאַס באַווייזן זיך מעכטיקע באַוועגער, וואָס פאַרמירן „מאַכן" פּסיכאָלאָגיע אין דער סביבה פון די אַנדערע קלאַסן. „אין אמתן... דריי אָדער פיר וועלט-צייטונגען וועלן אין דער צוקונפט באַשטימען די מיינונג פון די פּראָווינציעלע צייטונגען, און צוזאַמען מיט דעם אויך דעם „פאָלקס-ווילן", — דערקלערט נישט אן אָפּגעהערציקייט דער פילאָזאָף פון דער היינטצייטיקער דייטשער בורזשואַזיע ש פּ ע נ ג ל ע ר (1. c., S. 49)

דאָך איז פולשטענדיק קלאָר, אַז אין אַ קלאַסן-געזעלשאַפט איז נישט פאַראַן אַ צ ו ז אַ מ ע נ ג ע ש ל אָ ס ע נ ע, איינהייטלעכע, גאַנצע „געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע". אין בעסטן פאַל זענען נאָר פאַראַן געוויסע אַלגעמיינע שטריכן, וועמעס באַטייט מ׳טאָר אָבער בשום אופן נישט פאַרגרעסערן.

דאָס דאַרף מען אויך באַמערקן אין באַצוג צו דעם אַזוי-גערופענעם „פאָלקס-כאַראַקטער", „פאָלקער-פּסיכאָלאָגיע" א. א. וו. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס׳געהערט נישט צו די מ אַ ר ק ס י ס ט ן .נ ע ג י ר ן, אַזוי צו זאָגן, „פּרינציפּיעל" געוויסע געמיינזאַמע שטריכ׳, וואָס קענען זיין ביי פאַרשידענע קלאַסן פון דעם איינעם און זעלבן פאָלק. אין איין אָרט, למשל, רעכנט זיך מ א ר ק ס אפילו מיטן איינפלוס פון דער ר אַ ס ע. אָט וואָס ער שרייבט: ... דערזעלבער עקאָנאָמישער באַזיס — דערזעלבער אין זיינע הויפּט-באַדינגונגען, קען אַנטפּלעקן, אַ דאַנק אומצייליקע, פאַרשידנאַרטיקע עמפּירישע אומשטענדן, די באַדינגונגען פון דער אויסערלעכער נאַטור, ראַסן-באַציונג, פון אויסן-ווירקנדיקע היסטאָרישע איינפלוסן א. א. וו. אומענדלעכע וואַריאַציעס (ענדערונגען נ. ב.) און שטופעס אין זייער דערשיינונג וועלכע מ׳קען נאָר פאַרשטיין דורכן אַנאַליז פון די דאָזיקע עמפּיריש

געגעבענע אומשטענדן". (K. Marks: „Das Kapital",
III. S 324). מיט אַנדערע ווערטער: אויב צוויי
באַליביקע געזעלשאַפטן לעבן איבער איין און דעמזעלבן
גראַד פון אַנטוויקלונג (זאָגן מיר פעאָדאַליזם), וועט פאָרט
ביי זיי זיין וואָכערע=עס·איז (הגם נישט באַזונדערס באַ=
דייטנדיקע, נישט אין די „הויפּט=שטריכן") אייגנאַרטי-
קייטן. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייטן קומען פאָר אַ דאַנק
געוויסע אָפּנייגונגען אין די באַציונגען פון אַנטוויקלונג
און אַ דאַנק באַזונדערע אַנטוויקלונגס באַדינגונגען
אין דעם עבר. אָפּלייקענען די דאָזיקע אייגנאַרטיקייטן איז
נאַריש, פונקט ווי ס'איז נאַריש אָפּצולייקענען געוויסע אייגנאַר-
טיקייטן אין „נאַציאָנאַלן כאַראַקטער", „טעמפּעראַמענט" א.א.וו.
געוויס, די פאַראַנענקייט פון דער ק ל אַ ס ן-פּסיכאָלאָגיע
דינט גאָרנישט אַלס באַווייז פון געוויסע אייגנאַרטיקע
„נאַציאָנאַלע" שטריכן (מאַרקס, למשל, האָט גערעדט וועגן
פילאָזאָף בענטאַם ווי אַ „ספּעציפיש=ענגלישע" דערשיינונג.
ע נ ג ע ל ס האָט אָנגערופן דעם סאָציאַליזם פון עקאָנאָ=
מיסט ר אָ ד ב ע ר ט ו ס „פּרייסיש·יונקערישער סאָציאַ-
ליזם" א. א. וו.). דעריבער איז גערעכט ד"ר ע. ה ו ר-
וו י ט ש, דער איצטיקער חבר קו נ אָ וו ' ס אין דער אַרבעט
ביים פאַרניכטן די באָלשעוויקעס, ווען ער שרייבט, אַז
„די פּראָפעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגיע שליסט נישט אויס די
פאָלקס·פּסיכאָלאָגיע" און אַז „פּונקט אַזוי ווי ס'איז דער
פאַל מיט דער פּסיכאָלאָגיע, אַזוי איז עס מיט דער
שטאַנדן·פּסיכאָלאָגיע: אַז זי שטערט נישט דער עקזיס-
טענץ פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע". E. Hurwicz:
„Die Seelen der Völker", Verlag Fr. Perttes,
Gotha, 1920, ss. 14-15) אָבער ס'גייט אין דעם, וואָס
די מאַרקסיסטן ד ע ר ק ל ע ר ן די דאָזיקע נאַציאָנאַלע
אייגנאַרטיקייטן מיט דעםווירקלעכן גאַנג פון דער גע-
זעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, און ווייזן נישט אָן פּשוט
מיטן פינגער; צווייטנס, זיי שעצן נישט איבער די דאָ-

זיקע אייגנאַרטיקייטן און זיי זעען די ביימער פון
וואַלד, דאַן ווען די פאַרערער פון דער „נאַציאָנאַלער
פסיכאָלאָגיע” און אַנדערע זעען נישט דעם דאָזיקן וואַלד;
דריטנס, זיי שרייבן נישט קיין ט פ ש ו ת, וואָס עס פאַרפאַסן
די געלערנטע און נישט-געלערנטע פלוידערער און פיליס-
טערן אויף דער טעמע וועגן דער „פאָלקס=נשמה”. יעדער,
למשל, ווייסט, אַז אַ באַליביקער רוסישער בירגער האָט
געהאַלטן אַלס אַן אייביקע און שטענדיקע אייגנשאַפט
פון יעדן דייטש דאס זיין אַ בירגער. די דייטשע
אַרבעטער ווייזן איצט, אַז דאָס איז נישט אַזוי. יעדער
ווייסט אויך, וואָס פאַר אַ „פינצטערע טפשות” איז גע=
שריבן געוואָרן אויף דער טעמע פון דער „סלאַווישער
נשמה” („ame slave“). ווען, למשל, דערזעלבער הור-
וויטש רעדט מיט אַנטציקונג וועגן דעם, אַז באָלשעוויזם
איז אַ פאַרקערטער צאַריזם, אַז דאָ זענען אויך דאָ די זעל-
בע רעגירונגס־מעטאָדן א. א. וו., אַנטפּלעקט ער קלאָר,
נישט די אייגנשאַפטן פון דער „רוסישער נשמה”, וואָס
באַשטימט כלומרשט די דאָזיקע ענלעכקייט, נאר די אייגנ=
שאַפטן פון דער נשמה פון אַן אָנגעשראָקענעם דורך
דער רעוואָלוציע אינטערנאַציאָנאַלן ב י ר ג ע ר, וואָס
איז אַ שטיץ־פונקט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַר=
טייען.

די קלאַסן-פסיכאָלאָגיע אָבער שטיצט זיך אויף דעם קבוץ
פון די לעבנס-באַדינגונגען פון די אַנטשפּרעכנדיקע קלאַסן, און
די דאָזיקע לעבנס-באַדינגונגען ווערן באַשטימט דורך דער לאַגע
פון די קלאַסן אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סאָציאַ-
לער סביבה - באַשטאַנד. דערביי דאַרף מען אין זינען האָבן
די ק אָ מ פּ ל י צ י ר ט ק יי ט פון יעדער געזעלשאַפטלעכער
פסיכאָלאָגיע. למשל, די שאַרף קעגנזעצלעכע לויט זייער א י נ-

האלט קלאסן=פסיכאָלאָגן קענען אנטפלעקן גרויסע (ענלעכע) שטריכן פון ענלעכקייט לויט דער פאָרם. ווען, זאָגן מיר, ס'קומט פאָר אַ פאַרביטערטער קלאַסנקאַמף, אַ קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט צווישן צוויי קלאַסן, דאַן איז קלאָר, אַז דער אינהאַלט פון די צילן, שטרעבונגען, האָפענונגען, גלויבן, פאַרלאַנגען, אילוזיעס א. א. וו. וועט זיין אַ גאָר אַנדערער ביי די קעגנזעצלעכע קלאַסן: און די פאָרם פון זייער פסיכיק — אומגעווייגלעכע ליידנשאַפטלעכקייט, היציקייט, פאַנאַטיזם פון קאַמף, אפילו די אייגנאַרטיקע פאָרם פון העלדישער פסיכאָלאָגיע קען זיין גענוג ענלעך.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז די קלאַסן=פסיכאָלאָגיע ווערט באַשטימט דורכן קבוץ פון די לעבנס=באַציונגען פון קלאַס, וועלכע האָבן אַלס זייער יסוד די לאַגע אין זייער געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין זיין עקאָנאָמיק. דעריבער קען מען בשום אופן נישט צורעכענען די קלאַסן=פסיכאָלאָגיע צו זיין אינטערעס, ווי מ'טוט דאָס טיילמאָל. ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז דער קלאַסן=אינטערעס איז דער לעבנס-נערוו פון קלאַסן=קאַמף. אָבער מיט דעם שעפּט זיך נישט אויס די קלאַסן-פסיכאָלאָגיע. מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז אין דער ירידה-צייט פון דער רוימישער אימפעריע האָבן די פילאָזאָפן פון דעם הערשנדיקן קלאַס געפרעדיקט זעלבסטמאָרד, און דאָס דאָזיקע פרעדיקן האָט געהאַט דערפאָלג, ווייל דאָס האָט אַנטשפּראָכן דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם דאָזיקן הערשנדיקן קלאַס, אַ פּסיכאָלאָגיע פון איבערזעטיקייט מיטן לעבן און פאַרצאַטונג צו אים אויפן באָדן פון דער דאָזיקער איבערזעטיקייט. מיר קענען זיך גאַנץ גוט געבן צו דערקלערן, פאַרוואָס ס'איז אַנטשטאַנען אַזאַ פּסיכאָלאָגיע: מיר זעען, אַז איר שורש שטעקט אין פאַראַזיטיזם פון דעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס האָט גאָרנישט געטון, נאָר געלעבט אויסשליסלעך מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגענוצט, אַלץ אויספּרובירט און אַלץ איז אים שטאַרק דערעסן. און דאָס דערקלערט זיך מיט זיין עקאָנאָמי-

שער לאַגע, זיין ראָל (אָדער אָפּוועזנהייט פון ראָל) אין דער באַלעבאַטישקייט פון לאַנד.

די פּסיכאָלאָגיע פון איבערזעטיקונג און טויט איז געווען אַ קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע. פונדעסטוועגן קען מען נישט זאָגן, אַז פּרעדיקנדיק טויט, האָט סענעקא אויסגעדרוקט דעם קלאַסן־אינטערעס. אָבער, פון דער צווייטער זייט, פאָלגט גאָרנישט פון דעם ביישפּיל, אַז יעדער אַקט פון זעלבסטמאָרד אָדער עפּעס ענלעכעס צו דעם שטייט קיינמאָל נישט אין צוזאַמענהאַנג מיטן קלאַסן־אינטערעס. די הונגער־שטרייקן אין די רוסישע תּפיסות זענען, למשל, געווען אַקטן פון קלאַסן־קאַמף, אַ מיטל פון פּראָטעסט און צופּלאַקערונג פון דעם דאָזיקן קאַמף, אַ סימבאָל פון סאָלידאַרישקייט און געווער פון צונויפבינדן די קעמפנדיקע. און דער קאַמף איז באַוויגן געוואָרן טאַקי דורך די אינטערעסן פון די קלאַסן. טיילמאָל באַהערשט די מאַסן אָדער גרופּן אַ פאַרצווייפלטע שטימונג נאָך אַ גרויסער מפּלה אין קלאַסן־קאַמף. דאַ איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג מיטן קלאַסן־אינטערעס, נאָר דער דאָזיקער צונאַמענהאַנג איז אַן אייגנאַרטיקער: דער קאַמף איז געפירט געוואָרן דורך געהיימע ספּרוזשינקעס פון די אינטערעסן, נאָר אָט איז די קאַמפס־אַרמיי צעקלאַפּט, צעשלאָגן; אויף דעם באָדן קומט צערפאַל, פאַרצווייפלונג, האָפנונגען אויף נסים, רוף צו אַנטלויפן פון מענטשן, אָנשטרענגען די בליקן צום הימל. נאָך דער מפּלה פון די גרויסע פאָלקס־באַוועגונגען אין רוסלאַנד פון 17-טן י. ה., וואָס זענען אין אַ באַדייטנדער מאָס געגאַנגען אונטער דער רעליגיעזער פאָן, אַנטוויקלען זיך פאָרמען פון פּראָטעסט, „זייער פאַרשידנאַרטיקע, וואָס אַנטשטייען אונטערן איינפלוס פון אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג"; דאָס פּרעדיקן צו אַנטלויפן אין דער מדבר, אַליין פאַרברענען זיך. „הונדערטער און טויזנטער קומען אום אויף די שייטערהויפנס... מיר טרעפן עקסטאַטיקער, וואָס לייגן זיך אין ריינע תּכריכים און פון פריער צוגעגרייטע קברים און וואַרטן אויפן אונטערגאַנג פון דער וועלט". (ס. מעלגונאָוו: „די רעליגיעזע־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון רוסישן פאָלק אין 17-טן י. ה. לייי-

ען-בוך פאר דער געשיכטע פון דער נייער צייט. אויסגאבע פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע פון דער וויסנשאפטלעכער אָבטיילונג פון דער א. ר. ט. ז., 1-טער באנד, ז. 619). די דאזיקע פסיכאָלאָגיע איז געלונגען אייסגעדריקט אין צוויי ציטירטע דורך מ ע ל ג ו נ אָ ו ן לידער פון יענער עפּאָכע:

דו, שיינע מוטער פונם מדבר,
נעם מיך אוועק פון די דאגות
פון דער וועלט,
צי וועט מען מיך
אויך פון דיר ארויסטרייבן?
דו, שיינע מוטער פונם מדבר,
ליבע — טרייב מיך נישט ארויס.

אָדער:

אין דעם הילצערנעם סאָסנע-ארון
דאָרטן וועל איך ליגן,
און אויפן שופרס קול ווארטן

מיר זעען אזוי ארום, אז ביים באַטראַכטן די קלאסן-פסיכאָלאָגיע האבן מיר ווידער צו טון מיט א זייער קאָמפּליצירטער דערשיינונג, וואס לאָזט זיך נישט דערפירן צו א בלויזן אינטערעס, אָבער דאָך ווערט זי שטענדיק דערקלערט דורך דער קאָנקרעטער סביבה, אין וועלכער ס'איז ארייגעפאלן דער געגעבענער קלאס

אין דעם פסיכאָלאָגישן געבוי פון דער געזעלשאפט, ד. ה. אין מיטן פון פארשידענע מינים פון געזעלשאפטלעכע פסיכאָלאָגיעס, געפונען זיך אויך גרופן-פסיכאָלאָגיע, פראָפעסיאָנעלע א. א. אין דער קלאס גופא קענען זיין פארשידענע גרופן; למשל, אין דעם בורזשואזיע: יז פאראן א פינאנציעל-קאפיטאליסטישע בורזשואזיע, א האנדלס-בורזשואזיע, און אינדוסטריעלע בורזשואזיע א. א. וו.; אין דעם ארבעטס-

קלאס האָבן מיר אַ הויך־קוואַליפיצירטע ארבעטער־אַריסטאָקראַטיע באַגלייך מיט פשוט־געלערנטע און לגמרי נישט געלערנטע אַרבעטער (שוואַרצע אַרבעטער). יעדע פון די דאָזיקע גרופּעס האָט אירע געוויסע ספּעציעלע אינטערעסן און געחיסע אונטערשיידנדיקע שטריכן: למשל, דער הויך־קוואַליפיצירטער אַרבעטער, פון איין זייט, האָט ליב זיין אָרט, ער איז אַ בעלן זיך צו רימען, אַז ער איז א גוטער מייסטער אין פאַרגלייך צו אַנדערע; פון דער צווייטער זייט — ציט אים טייל מאָל צו העכער־שטייענדיקע, און צוזאַמען מיטן אָנגעקראָכמאַליעוועטן קאָלנער באַקומט ער אַ בורזשואַזן געשמאַק. אויך לייגט די *פּראָפעסיע* אַרויף איר חותם: ווען, למשל, מ'זידלט די ביוראָקראַטן, האָט מען טאַקי אין זין געוויסע נעגאַטיווע *פּראָפעסיאָנעל* פּסיכאָלאָגישע שטריכן: רוטינירטקייט, געוווינהייט צו שרייבן אַ סך פּאַפּירן, געבן דעם פאָרצוג דער פאָרם פאַר דעם אינהאַלט (פאָרמאַליזם) א. א. ס'אַנטשטייען פּראָפעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגישע *טיפּן*, וועמעס גייסטיקע אייגנאַרטיקייטן פליסן גלייך אַרויס פון דער אַרט באַשעפטיקונג, און פון די דאָזיקע אייגנאַרטיקייטן, פון דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגיע וואַקסט טאַקי די אַנטשפּרעכנדיקע באַפאַרבונג פון דער *אידעאָלאָגיע*. אַזוי, למשל, שרייבט *ענגעלס*: „ביי די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער, ביי די טעאָרעטיקער פון מלוכה־רעכט און ביי יוריסטן, ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון בירגער־רעכט... ווערט פאַרלוירן דער צוזאַמענהאַנג מיט די עקאָנאָמישע פאַקטן. אַזוי ווי אין יעדן איינצעלנעם פאַל דאַרפן די עקאָנאָמישע פאַקטן אָננעמען די פאָרם פון יורידישע מאָטיוון, כדי זיי זאָלן סאַנקציאָנירט ווערן אין פאָרם פון געזעצן, און אַזוי ווי ביי דעם, פאַרשטייט זיך, איז נייטיק צו נעמען אין באַטראַכט אויך די גאַנצע שוין עקזיסטירנדיקע סיסטעם פון רעכט, דעריבער דאַרף די יורידישע פאָרם (לויט דער מיינונג פון די דאָזיקע מענטשן. נ. ב.) באַטייטן אַלץ, און דער עקאָנאָמישער אינהאַלט — גאָרנישט". („ליודוויק פייערבאַך"). די פּראָפעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגיע גיט אויס דעם מענטש אין משך פון אַ

קורצער צייט ; נאָך אַ פּאָר מינוט שמועסן קענט איר באַשטימען, צי פאַר אייך שטייט אַ האַנדלס-אָנגעשטעלטער, אָדער קצב, אָדער זשורנאַליסט א. א. וו. דעריבער איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די דאָזיקע שטריכן זענען אינטערנאַציאָנאַלע : מ'קען זיי באַגעגענען און זעען אין די פאַרשידנסטע לענדער. אזוי אַרום, באַגלייך מיט דער קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע, אַלס די שאַרפסטע בולטסטע און באַדייטנדסטע פאָרם פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע, עקזיסטירט גרופּן-פּסיכאָלאָגיע, פּראָפעסיאָנעלע א. אַ. דאָס זיין באַש ימט מיט זיך דעם באַוווסטזיין. און אין דעם זין קען מען זאָגן, אַז יעדע גרופּירונג פון מענטשן (כאָטש דאָס איז אַפילו אַ קרייז פון ליבהאָבער פון שאַך-שפּיל אָדער פון כאָר-געזאַנג) לייגט אַרויף אַ געוויסן — אפשר, אַן אומבאַדייטנדן — חותם. אָבער אַזוי ווי די עקזיסטענץ פון אַ באַליביקער מענטשלעכער גרופּירונג איז דאָך פאַרבונדן מיט דער עקאָנאָמישער אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט, הענגט פון איר אָפּ אין ענד. חשבון, דעריבער. כאָלגלעך, זענען אַלע מינים פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע אַ צאָל, וואָס איז אָפּהענגיק פון אופן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, פון דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט.

אויב מיר וועלן איצט שטעלן אַ פראַגע, אין וואָסער שייכות ס'געפינט זיך די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע צו דער געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, וועט נאָך דעם אויבנגעזאָגטן זיין גענוג גרינג צו ענטפערן. די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע איז אַ מין רעזערוואַר פאַר דער אידעאָלאָגיע. מ'קען זי פאַרגלייכן צו אַ זאַלץ-שטאָף, פון וועלכן ס'זעצן זיך ביסלעכווייז אָפּ קרישטאַלן פון אידעאָלאָגיע. אין אמת'ן, שוין אין אָנהייב פון דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף האָבן מיר געזען, אַז די

אידעאָלאָגיע שיידט זיך אונטער מיט דער גרויסער סיס-
טעמאַטיזירטקייט פון אירע עלעמענטן, ד. ה. גע־
דאַנקן, געפילן, עמפינדונגען, איינדרוקן בילדער א. א. ווי
וואָס־זשע סיסטעמאַטיזירט די אידעאָלאָגיע? זי סיסטעמאַטיזירט
טאַקי דאָס וואָס איז ווייניק אָדער גאָרנישט סיסטעמאַטיזירט,
ד. ה. די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע. אידעאָלאָגיעס — דאָס

זענען קאָנדענסירונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע.

מיר וועלן ברענגען, לויט אונזער געוווינהייט, עטלעכע ביי=
שפּילן. נאָך בייב טאָגן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג איז ביים
אַרבעטער=קלאַס געווען א געפיל פון אומצופרידנהייט, געדאַנקן
וועגן „אומגערעכטיקייט" פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג,
אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען צוועקצושטעלן אויף איר אָרט עפּעס
אַן-אַנדערע. אָבער דאָס אַלץ איז געווען נישט=קלאָר, צוזאַמענ=
האַנגלאָז. דאָס איז נאָך נישט געווען אַן אידעאָלאָגיע. אָבער
אַט דאָס נישטקלאָרע האָט אָנגענומען געוויסע פאָרמולירונגען,
איינס האָט זיך געבונדן מיטן צווייטן, ס'האָט זיך באַוויזן א
סיסטעם פון פאָדערונגען (פּראָגראַם); ס'האָט זיך באַוויזן דער
„אידעאַל" א. א. וו. אַט דאָס איז שוין אידעאָלאָגיע.
אָדער שטעלן מיר זיך פאָר, אַז די געפילן פון ליידן און
ס'שטרעבן צו דעם אַרויסרייסן זיך פון דעם איצטיקן צושטאַנד,
ווערן באַפעסטיקט אין וואָסער=עס-איז קונסט-ווערק. דאָס איז
אויך אידעאָלאָגיע. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז נישט שטענדיק
קען מען דאָ אָנווייזן אויף דער גענויער גרענעץ. די אידעאָ־
לאָגיע איז נישט אָפּגעטיילט פון דער פּסיכאָלאָגיע דורך אַ
גרענעץ-סלופּ מיט דער אויפשריפט: „איינגאַנג שטרענג פאַר-
באָטן". פאַרקערט, אין דער אמתן קומט שטענדיק פאָר אַן
אומאיבעררייסענער פּראָצעס פון פאַרהאַרטעוועטקייט, פאַרפעס־
טיקונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע אין דער גע-
זעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע. דעריבער איז נישט קיין וווּנ=
דער, וואָס צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון דער געזעלשאַפט-

לעכער פּסיכאָלאָגיע קומט אויך פאָר אַן ענדערונג אין דער

געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, ווי מיר האָבן שוין דאָס נישט איינמאָל געזען אין פריערדיקן פּאַראַגראַף. די געזעלשאַפטלע-כע פּסיכאָלאָגיע גופא ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון די עקאָנאָמישע באַציונגען, ווייל אין פּראָצעס פון דער דאָזיקער ענדערונג קומט פאָר אַכדרדיקע איבערגרופּירונג פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, געבורט פון נייע באַציונגען, און דערביי אויף א נייעם ניווא פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן געבריינגט אַ ריי ביישפּילן ביים אַנאַליז פון די אידעאָלאָגיעס, האָט עס שוין נישט קיין זין דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף דער ענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע און אויף איר צוזאַמענהאַנג מיט די ענדערונגען פון די אידעאָלאָגיעס. מיר ווילן נאָר אָנווייזן, אַז אין דער נייעסטער ליטעראַטור ווערט איצט זייער אינטענסיוו באַאַרבעט די פראַגע וועגן דעם אַזוי גערופענעם „גייסט פון קאַפּיטאַליזם", ד. ה. וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון די אונטערנעמער. דאָס זענען די אַרבעטן פון וו. זאָמבאַרט („דער בורזשוי", נייע אויסגאַבע פון („der Moderne Kapitaliomus"), מאקס וועבער און אין דער לעצטער צייט הערמאַן לע-וי: Prof. Dr. Hermannn Levy: „Soziologische Studien über das englische Volk". Jena. Gustav Fischer 1920) מאַרקס האָט אַמאָל געשריבן (נאָך אין ערשטן באַנד פון „קאַפּיטאַל"): „דער פּראָטעסטאַנ-טיזם שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם אויפקום (Ge-nesis) פון קאַפּיטאַליזם, שוין דערפאַר אַליין צוליב דער אומוואַנדלונג פון כּלערליי טראַדיציאָנעלע ימים-טובים אין אַרבעטס-טעג" („Das Kapital" I s. 239). ער האָט אויך נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז די צבועקישע, קאַרגע, שפּאָרזאַמע, און אין דער זעלבער צייט אַרבעט-זאַמע, עקשנותדיקע, וואָס האָט נישט ליב דעם קאַטויילישן גלאַנץ און פּאַראַד, פּראָזאַאישע און ניכטערע פּסיכאָ-

לאָגיע פון פראָטעסטאַנטיזם איז די פסיכאָלאָגיע פון דער
אויפוואַקסנדיקער בורזשואַזיע. דאַן האָט מען פון איר
חוזק געמאַכט. און איצט אַנטוויקלען די בעסטע בור-
זשואַזע געלערנטע טאַקי די דאָזיקע טעאָריע מאַרקסנס,
אָבער, פאַרשטייט זיך, מיט זייער אַ קליינער דאַנקבאַר-
קייט צו איר אמתן מחבר. זאָמבאַרט ווייזט, ווי די
פאַרשידנאַרטיקסטע שטריכן (גיריקייט צו געלד, אַן ענגט-
שולדיקטער אוואַנטוריזם, גייסט פון דערפינדערישקייט
באַגלייך מיט דער חשבונות-פירונג און פאַרנונפ-
טיקער און אויסגערעכנטער ניכטערקייט) האָבן, אַנזאַמלענדיק
זיך, געשאַפן דעם אַזוי-גערופענעם קאַפּיטאַליסטישן
גייסט". ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער
גייסט האָט זיך נישט אַנטוויקלט פון זיך זעלבסט. נאָר
זיך פאַרמערט צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון די גע-
זעלשאַפטלעכע באַציונגען: פּאַראַלעל צום וווקס פון
דעם קאַפּיטאַליסטישן „גוף" איז שטאַרק געוואָרן אויך
זיין „גייסט"; אַלע הויפט-שטריכן פון דער ווירטשאַפט-
לעכער פּסיכאָלאָגיע זענען איבערגעדרייט געוואָרן מיטן
קאָפּ אַראָפּ: אין דער פאַר-קאַפּיטאַליסטישער צייט איז
די גרונט-ווירטשאַפטלעכע אידיי פון פריער געווען די
אידיי פון „העפלעכן", אַ פּאַסיקן פאַר דעם שטאַנד לעבן;
„געלט עקזיסטירט, כדי מ'זאָל עס אויסגעבן", האָט גע-
שריען טאָמאַש פון אַקווין; די ווירטשאַפט
איז געפירט געוואָרן שלעכט, נישט ראַציאָנעל, אָן אַ
רעגלמעסיקער בוכהאַלטעריע; ס'האָט געהערשט די טראַ-
דיציע און רוטין; דער לעבנס-טעמפּ איז געווען אַ פאַ-
מעלעכער. (כמעט אַ העלפט ימים-טובים) — ס'האָט גע-
פעלט איניציאַטיוו, ענערגיע; די קאַפּיטאַליסטישע פּסי-
כאָלאָגיע אָבער, וואָס האָט פאַרנומען ס'אָרט פון דער
פריציש-פעאָדאַלער, איז געבויט אויף איניציאַטיוו, ענער-
גיע, שנעלקייט, אַוועקוואַרף פון רוטין, ראַציאָנעלער אויס-
רעכענונג און באַטראַכטונג, תאווה צום זאַמלען א. א. ד ער

פולער איבערקער אין די מוחות איז געגאנגען צוזאמען מיטן פולן איבערקער אין די באציונגען פון דער פראָ־דוקציע.

§ 40. אידעאָלאָגישע פּראָצעסן, ווי אַ דיפערענצירונגס־אַר־בעט. צו דער פראַגע פון די אידעאָלאָגיעס און צובויונגען בכלל קען מען און מען דארף נאָך צוגיין אויך פון דעם אַנדערן עק, כדי צו פארשטיין די דאָזיקע אויסערגעוויינלעך־וויכטיקע גע־זעלשאַפטלעכע דערשיינונג. מיר ווייסן שוין, אַז לויט זייער געבוי שטעלן די צובויונגען מיט זיך פאָר אַ קאָמפּליצירטע צאָל, אין וועלכער ס'גייען אריין סיי זאַכן, סיי מענטשן; אייגנטלעך אָבער שטעלן די אידעאָלאָגיעס מיט זיך פאָר אַ מין אידייאישן פּראָדוקט. אויב דאָס איז אַזוי — און דאָס איז אומבאַדינגט אזוי – גייען מיר צו צו דער באטראכטונג פון די צובויונגען אין זייער באַוועגונג (און, פאָלגלעך, אויך די אידעאָלאָגישע פּראָצעסן), ווי אַ ספּעציעלער מין פון געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט (אָבער נישט פון מאַטער־יעלער פּראָדוקציע, וואָס מ'טאָר בכלל נישט אויס־מישן). אין אָנהייב פון דער „מענטשלעכער געשיכטע", ד. ה. בעתן חסרון פון מערוועדט אַרבעט, איז כמעט נישטאָ קיין אי־דעאָלאָגיע. ערשט שפּעטער, צוזאמען מיטן באַווייזן זיך פון דער דאָזיקער מערווערט אַרבעט, „אין איין ריי מיט דער ריזיקער מערהייט, וואָס איז אויסשליסלעך פארנומען מיט פיזישער אַרבעט, בילדעט זיך אַ קלאַס, וואָס איז באַפרייט פון דירעקטער פּראָ־דוצירנדיקער אַרבעט אין וואָס פירט אָן מיט די געזעלשאַפט־לעכע ענינים: אָנפירערשאַפט אין דער אַרבעט, מלוכה־פירונג, גערעכטיקייט, וויסנשאַפטן, קונסטן א. א. וו. פאָלגלעך, אין יסוד פון דער צעטיילונג אויף קלאַסן (און אויך אינם יסוד פון באַ־ווייזן זיך פון דער אידעאָלאָגיע, ווי מיר זעען פון דעם. נ. ב.) שטעקט דער געזעץ פון אַרבעטס־איינטיילונג". פ. ענגעלס: „אַנטוויקלונג פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם ביז צו אַ וויסנשאַפט־לעכן"). אין איין אָרט רופט מאַרקס אָן די גלחים, יוריסטן,

מלוכהשע גרופּן א. א. ווי „אידעאָלאָגישע שטאַנדן" („ideolo-
gische Stände") מיט אַנדערע ווערטער: די אידעאָלאָגישע
פּראָצעסן קענען מיר באַטראַכטן, ווי א באַשטימטע פאָרם פון
אַרבעט אין דער אַלגעמיינער אַרבעטס־סיסטעם. די דאָזיקע
אַרבעט איז נישט א מאַטעריעלע פּראָדוקציע. זי איז אַפילו
נישט א טייל פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע. אָבער, ווי
מיר ווייסן פונם אנאליז פון די אידעאָלאָגיעס, וו אַ ק ס ט זי
אויס פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, טיילט זיך אויס פון
איר און טיילט זיך אָפּ פון איר אַלס זעלבסטשטענדיק געביט
פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דער וווּקס פון דער אַרבעטס-
איינטיילונג דריקט אויס דעם וווּקס די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון
דער געזעלשאַפט. טאַקי דעריבער קומט פאָר, צוזאַמען מיט
דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, די אַרבעטס-
איינטיילונג אין געביט פון דער מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר פּראָדוקציע
פון איין זייט, די א ו י ס ט י י ל ו נ ג פון דער אידעאָלאָגישער
אַרבעט און איינטיילונג א י ן א י ר — פון דער צווייטער.
...די אַרבעטס-צעטיילונג איז נישט נאָר אַן אייגנשאַפט פון דער
עקאָנאָמישער וועלט; מ'קען באַטראַכטן איר וואַקסנדיקן איינ-
פלוס אין די פאַרשידנאַרטיקסטע געביטן פון דער געזעלשאַפט.
די פּאָליטישע פונקציעס, די אַדמיניסטראַטיווע, יורידישע ספּעצ-
יאַליזירן זיך וואָס אַמאָל מער. דאָס זעלבע קומט פאָר אויך
אינם געביט פון דער קונסט און וויסנשאַפט". (Emil Durk-
heim: „De la division du travail social", Paris
1843. p, 2) פון דעם שטאַנדפּונקט שטעלט זיך די גאַנצע
געזעלשאַפט פאָר אַלס א ריזיקער אַרבעטס „מעכאַניזם" מיט
פאַרשידענע טיילן פון איינגעטיילטער קבוצדיקער געזעלשאַפט-
לעכער אַרבעט. די דאָזיקע קבוצדיקע געזעלשאַפטלעכע אַר-
בעט טיילט זיך קודם-כּל אויף צוויי גרויסע קלאַסן: ערשטנס,
מ אַ ט ע ר י ע ל ע אַ ר ב ע ט, אַנדערש גערעדט „פּראָדוקציע";
צווייטנס, אַלע מינים אַרבעט, וואָס געהערט צו די „צובויונגען":
די אַרבעט אין אָנפירונג, אייגנטלעך די א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע
אַרבעט. די אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע פון דער דאָזיקער אַרבעט

גייט אין זעלבן וועג, איז אין אלגעמיין גבעויט לויט דעם זעלבן
מוסטער ווי די אָרגאַניזאַציע פון דער מאַטעריעלער אַרבעט
און אויך דאָ איז פאַראַן די קלאַסן — היעראַרכיע, און אויך
דאָ שטייען אין דער הויך מענטשן, וואָס באַהעררשן די פּראָ=
דוקציע-מיטלען, און אונטן — די „אומפאַרמעגלעכע". פונקט
אַזוי, ווי די אין פּראָצעס פון דער מאַטעריעלער פּראָדקציע שטיי=
ענדיקע פון אויבן שפּילן, ערשטנס אַ ספּעציעלע ראָל אין דעם דאָזיקן
פּראָצעס, דערביי, צווייטענס איז די ראָל פאַרבונדן מיט דעם, וואָס
אין זייערע הענט געפינען זיך די פּראָדוקציע־מיטלען און, דריטענס
צוליב דעם אַלעם שטייען זיי אין דער הויך אין פּראָצעס פון
דער פּראָדוקציע=איינטיילונג, -- אַזוי אויך, אין כמעט אַלע גע=
ביטן פון צוגוי אַרבעט. מיר האָבן דאָס שוין געזען ביי
דע אַרמיי, אָבער דאָס זעלבע קומט פאָר אי אין דער וויסנ=
שאַפט, אי אין דער קונסט. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזע־
זעלשאַפט, למשל, זענען די גרויסע טעכנישע לאַבאָראַטאָריעס
אויפגעשטעלט לויט זייער אינערלעכער אָרגאַניזאַציע, אַ
פאַבריקס־אונטערנעמונג. אָדער נעמט דעם קאַפּיטאַליסטישן
טעאַטער: דער טעאַטער אייגנטימער, דער דירעקטאָר, די אַר-
טיסטן, סטאַטיסטן, טעכניקער, דינער, שוואַרצאַרבעטער — אַלע
דערמאָנען אין דער העכסטער מאָס אָן אַ פאַבריק. פאָלגלעך,
(אויף וויפיל ס'רעדט זיך וועגן אַ קלאַסן-געזעלשאַפט), זענען
דאָ פאַראַן פאַרשידענע מינים מענטשן, מיט פאַרשידענע ראָלן
וואָס זענען באַפעסטיקט סאָציאַל דורך די דאָזיקע מענטשן

מיט דער העכסטער שטעלונג איז פאַרבונדן, אַזוי צו זאָגן, די
„גייסטיקע פּראָדוציר מיטלען", וואָס געפינען זיך אין קלאַסן=
מאָנאָפּאָל פון פּריוואַט=אייגנטום; און פון
דאַנען דרינגט, אַז ביי די פּראָדוקטן איינטיילונג פון דער מאַ-
טעריעלער פּראָדוקציע (ווייל דירעקט לעבן מענטשן מיט
דער קאָנסומירונג פון די מאַטעריעלע גיטער) באַקומען די אייגנ-
טימער פון די דאָזיקע „גייסטיקע פּראָדוקציע=מיטלען" אַגרעסערן

טייל פונם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט, ווי די, וואָס שטייען
נידעריקער פון זיי

מיר ווייסן ווי קאָנוועלסיוו ס׳האָבן זיך געהאַלטן די
הערשנדיקע קלאַסן ביי דעם מ אָ נ אָ פּ אָ ל פ ו ן ד י
ו י ס נ ש אַ פ ט ן. אין אַלטערטום האָבן די כוהנים, וואָס
זענען געווען די מאָנאָפּאָליסטן פון דער וויסנשאַפט, פאַר-
שלאָסן דעם איינגאַנג אין די „טעמפּלען פון דער וויסנ=
שאַפט” און אַהין אַריינגעלאָזט אַ נישט=גרויסע צאָל אויס-
דערוויילטע, דערביי איז די וויסנשאַפט גופא אַרומגערינגלט
געוואָרן מיט אַ שלייער פון געטלעכן און שרעקלעכן סוד
וואָס איז נאָר צוגענגלעך פאַר די חכמים און צדיקים.
ווי אַזוי ס׳ווערט געשאַצט דער דאָזיקער מאָנאָפּאָל דורך
די הערשנדיקע קלאַסן, זעט מען, למשל, פון אַזעלכע
חקירות פון באַוווסטן דייטשן אידעאַליסטישן פילאָזאָף פ.
פ א ו ל ס ע ן: „פאַר דעם דאזיקן, וועלכער איז צוליב די סאָצ-
יאַלע באַציונגען צוגעבונדן צו דער פּראָפעסיע און צו
דער לעבנס-לאַגע פונם פיזישן אַרבעטער. וואָלט נישט
געווען קיין שום באַקוועמלעכקייט, ווען ער וואָלט באַקו=
מען די בילדונג פון א געלערנטן; די דאָזיקע בילדונג
וואָלט נישט נאָר נישט פאַרגרינגערט, נאָר פאַרקערט,
פאַרשווערט אים ס׳לעבן”.
(Friedrich Paul-
sen: „Das Moderne Bildungswesen in Kultur
der Gegenwart, B. 1, S. 75. אגב, די דאָזיקע רי=
זיקע אויסגאַבע פון דער „היינטצייטיקער קולטור”, אין
וועלכער ס׳האָט גענומען אַן אַנטייל דער גלאַנץ פון דעם
דייטשען פּראָפעסאָרנטום, איז געווען געווידמעט... ווילה=
העלמען דעם 2=טן!). אַזוי אַרום באַטראַכט דער געער=
טער פילאָזאָף=אידעאַליסט דעם מענטש, נאָך אין זיין מו-
טערס בויך, אַלס צוגעבונדענעם צו דער קאַטאָרזשנער
קאַפּיטאַליסטישער טאַטשקע און נעמט פון אים אַוועק די
בילדונג נאָך פריער, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו
לעבן.

דער מאָנאָפּאָל־כאַראַקטער פון דער בילדונג איז געווען די הויפּט־סיבה פאַרוואָס דער רוסישער אינטעליגענץ האָט זיך די האָר געשטעלט אויפן קאָפּ בעת דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. פאַרקערט, איינע פון די הויפּט־דעראָבערונגען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז געווען די פאַרניכטונג פון דעם דאָזיקן מאָנאָפּאָל.

אויב מיר באַטראַכטן די מאַטעריעלע פּראָדוקציע, זעען מיר, אַז זי טיילט זיך אויף אַ גאַנצע ריי געביטן; פריער פאַר אַלעם, אויף אינדוסטריע און אַגראַר־ווירטשאַפט, און נאָכדעם אויף אַ ריזיקן (אין אַן אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער־געזעלשאַפט) סכום פון מער קלענערע אונטער־חלקים, אָנהייבנדיק פון בערג־אַרבעט און דער פּראָדוקציע פון תבואה און ענדיקנדיק מיט דער אויסאַרבעט פון שפּילקעס או פּאַרזעצן סאַלאַטן. דאָס זעלבע איז אויך אין געביט פון די „צובויונגען": דאָ זענען פאַראַן גרויסע אונטערטיילונגען (זאָגן מיר, למשל, די וואָס זענען אַנאַליזירט געוואָרן פריער, ד. ה. געביט פון פּאַרהאַלטונג, אויסאַרבעט פון נאָרמען, וויסנשאַפט, קונסט, פילאָזאָפיע, רעליגיע א. א. וו.), פון דער צווייטער זייט, יעדער פון די דאָזיקע אונטער־חלקים צעפאַלט, אין זיין ריי, אויף אַ ריי געביטן (די וויסנשאַפט, למשל, פאַרצווייגט זיך איצט אויף אַ ריזיקן סכום פון פאַרשידנאַרטיקע ספּעציאַליטעטן, פּונקט ווי די קונסט). ווייטער, אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, ווי מיר האָבן עס געזען, דאַרף זיין, אויב די געזעלשאַפט עקזיסטירט, אַ געוויסע, כאָטש אַפילו זייער אַ מגושמדיקע, פּראָפּאָרציאָנעלקייט צווישן פאַרשידענע פּראָדוקציע־געביטן — אַנדערש וואָלט די געזעלשאַפט נישט געקענט עקזיסטירן. אויב מ'זאָל אַפילו נעמען אַ בלינדע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וווּ ס'איז נישט פאַראַן קיין געזעלשאַפטלעכער פּלאַן פון דער פּראָדוקציע, וווּ ס'איז, פאַרקערט, דאָ, אַזוי גערופענע „אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע", ד. ה. נישט פּראָפּאָרציאָנעלקייט צווישן פאַרשידענע פּראָדוצירנדיקע געביטן, אַפילו דאַן פאַרבעסערט זיך כסדר די

דאָזיקע „אנאַרכיע", און דאס גראבע עובר זיין אויף די פראָ-
פּאָרציאָנעלקייט גלייכט זיך אויס — אמת, דורך גרויזאַמע צע-
טרייסלונגען און נישט אויף לאנג — אבער דאך אויף אַ געווי-
סער צייט ווערט דאס אויסגעגלייכט: אויב ס'וואלט אזוי נישט
געווען, וואלט דער קאפּיטאַליזם געפּלאצט ביי דעם ערשטן בעסטן
אינדוסטריעלן קריזיס. איצט וועלן מיר זיך פרעגן: צי קען
הערשן אַזאַ זאכלאַגע אין דער געזעלשאפט, אַז צווישן דער
מאַטעריעלער פּראָדוקציע און די אנדערע, נישט מאטעריעלע
מינים פון דער ארבעט זאָל נישט זיין קיין שום אנטשפּרעכנ-
דעס? אויף דער פראַגע קען מען אזוי ענטפערן: אזא לאַגע
קען זיין, נאָר דאַן קען זיך נישט די געזעלשאפט אנטוויקלען
און זי גייט באַרג־אַראָפּ. אויב, למשל, ס'גייט אוועק צו-פיל
ארבעט אויף אויסצוהאלטן די מעאַטערן, אָדער דעם מלוכה-אַפּאַ-
ראַט, אָדער די קירכע, אדער אפילו די קונסט — דאן הייבן
אומפאַרמיידלעך אָן צו פאַלן די פּראָדוצירנדיקע כוחות. פארוואס?
טאַקי צוליב דער פּשוטער סיבה, צוליב וועלכן ס'וואלט גע-
פאלן די פּראָדוקציע אין אן ארטעל, אין וועלכער איינער וואָלט
געארבעט, און זיבן וואלטן זיך באַשעפטיקט מיטן אויסרעכענען,
וואס דער איינער האט געטון, צוויי וואָלטן געזינגען און אים
דערמוטיקט, און איינער וואלט זיי אלע קאָנטראָלירט. אזוי ווי
ביי אַזאַ צושטאנד וועלן דאך אלע עסן, נישט נאָר דער איינער
ארבעטנדיקער אליין, איז קלאָר, אַז אַזאַ אַרטעל וואלט נישט
לאנג עקזיסטירט. פון דער צווייטער זייט, איז אויך קלאָר, אַז
אויב קיינער וואלט נישט גערעכנט דאס אויסגעארבעטע און
נישט פאַרייניקט דעם דאָזיקן ארטעל, און קיינער און נאָרנישט
(נישט אַלע צוזאַמען, נישט עמיצער) וואָלט נישט קאארדינירט
די טאַטן פון זיינע איינצעלנע מיטגלידער, אויב ס'וואָלט אַפילו
נישט געווען, ווער עס זאָל קומען אין קאנטאַקט מיט דער אוי-
סערלעכער וועלט — וואָלט דער ענין אויך נישט זיך גערירט
פון אָרט, ווי ס'וואָלטן זיך נישט באַמיט אונזערע אַרבעטכזאַ-
מע חברים. דאָס זעלבע קומט, למשל, פאָר אויך אין דער גאַנ-
צער געזעלשאפט. פאַלגלעך, אויב די געזעלשאַפט עקזיסטירט,

ד ו י ע ר ה אַ פ ט י ק, איז אין איר דאָ אַ צושטאַנד פון אַ
געוויסער, הגם פון אַ זייער באַוועגלעכער, גלייכגעוויכט צווישן
דער קיבוצדיקער מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר ארבעט און דער קיבוצ-
דיקער אַרבעט פון א צ ו י ב ו י א י ש ן כאַראַקטער. שטעלן
מיר זיך אוועק פאָר, אַז אין די היינטצייטיקע פּאַרייניקטע
שטאַטן וואָלטן אין איין נאַכט פאַרשוווּנדן אַלע געלערנטע: מאַ-
טעמאַטיקער, מעכאַניקער, כימיקער, פיזיקער א. א. וו. די פּראָ-
דוקציע פון דעם היינצייטיקן טיפּ וואָלט געווען אוממעגלעך,
אוממעגלעך, ווייל היינט איז זי באַגרינדעט אויף אַ וויסנשאַפט-
לעכער אויסרעכענונג. די פּראָדוקציע וואָלט אָנגעהויבן צו
גיין צוריק. שטעלן מיר זיך פאָר, פון דער צווייטער זייט,
אַז 99 פּראָצענט פון די איצטיקע אַרבעטער זענען דורך עפּעס
אַ נס געוואָרן געלערנטע מאַטעמאַטיקער, וואָס נעמען נישט קיין
אָנטייל אין דער פּראָדוקציע. דאַן באַקומען מיר אַ פולן
חורבן: די געזעלשאַפט גייט דאַן גלייך צום גרונט, ווי אַ
שליסל, וואָס מ'וואַרפט אין וואַסער אַריין. נאָר אויב אין יע-
דער געזעלשאַפט דאַרף זיין אַ געוויסע פּראָפּאָרציאָנעלקייט
(כאָטש, חזרן מיר איבער, די וואַקלונגס-גרעניצן וואָלטן געווען
זייער ברייטע) צווישן דער גאַנצער מאַטעריעלער אַרבעט און
דער גאַנצער ארבעט, וואָס איז פאַראַן אין „צובויונגען", איז
נישט, פון דער צווייטער זייט, פולשטענדיק נישט קיין חילוק
די ארבעטס-איינטיילונג אין די צובויונגען גופא, ד. ה. די אַר-
בעטס-איינטיילונג צווישן די פאַרשידענע געביטן פון דער „גייַ-
סטיקער", אָנפירנדיקער א. א. וו. טעטיקייט. פּונקט אַזוי, ווי
צווישן פאַרשידענע מינים פון דער מאַטעריעלער אַרבעט איז
פאַראַן אַ געוויסע גלייכגעוויכט (איינצעלנע געביטן פון אַרבעט
„שטרעבן צו גלייכגעוויכט", ווי מ אַ ר ק ס דריקט זיך אויס אין
III ב. פון „קאַפּיטאַל", ז. 165, רוסישע איבערזעצונג), אַזוי
אויך צווישן די געביטן פון דער אידעאָלאָגישער ארבעט און
בכלל „צובויערישער" אַרבעט דאַרף זיין כאָטש אַ מינימום פון
אַזאַ גלייכגעוויכט. די איינטיילונג ווידער פון די דאָזיקע אי-

דעאָלאָגישע „פּראָדוקציע געביטן" ווערט באַשטימט, אין ענד-חשבון, דורך דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. אין אמתן, פאַרוואָס, למשל, איז דער גיגאַנטישער סכום פון דער פאָלקס-אַרבעט אין אַלטן מצרים אַוועקגעגאַנגען אויף דעם בוי פון קאָלאָסאַלע דענקמעלער פון דער פעאָדאַלער קונסט: פּיראַמידן, קאָלאָסאַלע סטאַטועס פון די פּרעהס א. א. וו.? דערפאַר, ווייל די דענצמאָלדיקע געזעלשאַפט, מיט דער עקאָ-נאָמישער סטרוקטור, וואָלט זיך נישט געקענט האַלטן, אויב מ'וואָלט נישט אַריינגעפּלאַנצט אין די הערצער פון די שקלאַפן און פויערן אויף שריט און טריט די גרויסקייט און די געט-לעכע מאַכט פון די הערשנדיקע. ס'איז דענצמאָל נישט געווען קיין צייטונגען און טעלעגראַפן-אַגענטורן. די קונסט האָט גע-דינט אַלס אידעאָלאָגישער-פאַרייניקונגס-פונקט. זי איז, אַזוי אַרום, געווען אַ לעבנס-נויטווענדיקייט פאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפט, און ס'איז נישט קיין וואונדער, וואָס אין דעם אַרבעטס-בודזשעט פון לאַנד איז אויף זיין חלק אויסגעפאַלן אַזאַ גרויסע צאָל. פאַרוואָס האָט זיך אין גריכנלאַנד פון סוף פון 5-טן י. ה. אין געביט פון דער אידעאָלאָגישער אַרבעט אַרויסגערוקט אויבן אָן „די עטיק", די אויסאַרבעטונג פון מאָראַלע נאָרמען? דערפאַר ווייל ביי דעם ריזיקן סכום פון די לעבנס-סתירות צווישן די פאַרשידענע קלאַסן, גרופּן און אונטער-גרופּן אין פּעריאָד, ווען ס'איז צעשטערט די סאָציאַלע גלייכגעוויכט און די אַלטע „פונ-דאַמענטן" האָבן געציטערט, געפּלאַצט, איז, נאַטירלעך, דער געביט פון באַציונגען צווישן מענטשן, באַציונגען פון מענטש צו מענטש און די פּראָבלעמען וועגן דער רעגולירונג פון די דאָזיקע באַציונגען געוואָרן באַזונדערס שאַרף, אין דער היגזיכט אויך פאַר די הערשנדיקע קלאַסן, וועלכע ס'איז מיט אַלע מיטלען נויטיק געווען צוצוקלעפּן די געפּלאַצטע געזעל-שאַפטלעכע פאַרבינדונגען. פאַרוואָס איז אין דער היינטצייט-טיקער אַמעריקע אַזוי ווייניק אַנטוויקלט די קונסט, בעת זי איז דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט אין דער גאַנצער ברייט אַרויס-גערוקט די לערע וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע

טיילאריזם, פּסיכאָטעכניק, פּסיכאָפיזיאָלאָגיע פון דער ארבעט און
אנדערע געביטן פון וויסנשאפטן? דערפאר, ווייל קונסט פּאַרן
פאָלק איז נישט נויטיק דעם אמעריקאנער קאַפּיטאליסטישן מע=
כאַניזם: די מוחות ווערן באארבעט דורך דער אמעריקאנער קאַ-
פּיטאליסטישער צייטונג, וואָס איז אין דעם דאָזיקן ענין דעגאַנגען צו
ווירטואָזישקייט. דערפאר אָבער דארף די פּראָבלעם וועגן דער ראַציאָ-
נאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד פון טרעסטן אומפּאַר-
מיידלעך שפּילן אַ ראָל: די „וויסנשאפטלעכע פארוואַלטונג"
(scientific manegement) איז איינע פון די גרויסע לעבנס-
פּראָבלעמען פון אַזאַ סיסטעם.

אַלזאָ, אויך אינם געביט פון דער „צובויאישער" (און
פאָלגלעך, אויך פון יעדער אידעאָלאָגישער) ארבעט האָבן
מיר אומפּארמיידלעך א געוויסע פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון די טיילן,
אויף וויפיל די געזעלשאפט געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון
גלייכגעוויכט, דערביי ווערט די דאזיקע פּראָפּאָרץ, אין וועלכער
ס'קומט פאָר א פונאַנדערטיילונג פון פארשידענע געביטן פון
דער גייסטיקער ארבעט, באַשטימט דורך דער עקאָנאָמישער
סטרוקטור פון דער געזעלשאפט און דורך די באַדערפענישן
פון איר טעכניק.

די געבערענגטע באַטראַכטונגען באַשטעטיקן זיך, איבריקנס,
דורך איין געביט פון דער אידעאָלאָגישער ארבעט, נעמליך,
דורך דער שול. אין אמת, וואָס איז דאָס שול בכלל,
ד. ה. אי די הויך-מיטל און נידריקע שול? דאָס איז אַזאַ גע-
ביט פון בשותפותדיקער געזעלשאפטלעכער ארבעט, ווו „מען
לערנט", ד. ה. מען גיט דער ארבעטס-קראַפט אַ באַשטימטע
קוואליפיקאציע, אַ ספּעציעלע „געשולטקייט", פון דער
פּשוטער ארבעטס-קראַפט מאכט מען אַ ספּעציעלע ארבעטס-
קראַפט. אויפן פּראָסטן לשון דריקט מען זיך אויס: ער שטו-
דירט „אויף אַ דאָקטער, אַדוואָקאַט, אָפיציר, אינזשעניר, טעכניקער"
א. א. וו. אָבער דאָס זעלבע קומט פאָר אויפן גאַנצן פּראָצעס
פון אויסשולונג, ד. ה. אויף דעם ספּעציעלן פּראָצעס, ווו
מענטשן קומען צונויף באַזונדערע איינגעשאַפטן, וואָס מאַכן זיי

סויגלעך אויסצופירן באַזונדערע מער=ווייניק ספּעציעלע אַרבעטס-פונקציעס. אין דער היגזיכט איז נישט קיין אונטערשיד צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער שול, פון וועלכער ס'גייען ארויס שלאָסער, און דער גייסטלעכער אקאַדעמיע, פון וואנען ס'ווערן ארויסגע-לאָזט „געלערנטע פּאָטערס", אָדער צווישן די צארישע קאַדעטן-קאָרפּוסן, פון וואנען ס'זענען ארויסגעגאַנגען אָפיצירן=שלעגער. פון דינען פאָלגט, אַז דער בוי פון דער שול, איר צעגלי=דערונג אויף פארשידענע מינים (האנדלס-שול, האנטווערקער=שול, קאַדעטן=קאָרפּוס, הויכע טעכנישע שול, אוניווערסיטעט א. א. וו.) דריקן מיט זיך אויס די באַדערפענישן פון דער געגעבענער געזעלשאַפט אין פארשידענע מינים פון געשולטער-מאַטעריעלער און גייסטיקער־ארבעט.

אָט זענען עטלעכע ביישפּילן, וואָס דערקלערן דעם דאָזיקן געדאַנק:

אין מיטלאַלטער, למשל, איז די שול אינגאַנצן גע-שטאַנען אונטערן צייכן פון די גלחים. די פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט נישט געקענט לעבן אָן דער אומדער=הערטער אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע. אָט פאַרוואָס די „מאָנאַסטירישע" סאָבאָרישע שולן, אַן איבערוויגנדיקע צאָל אוניווערטיטעטן, דאָס לערנען אין די בורסעס און דאָס לערנען קונסט אויפן פאַקולטעט — דאָס אַלץ האָט געטראָגן אַ מאָנאַכישע, מאָנאַסטישע באַפאַרבונג, דאָס אַלץ איז צוגעטראַכט און איינגעאָרדנט געוואָרן לויט דעם קירכלעך־טעאָלאָגישן גייסט". (פּראָפ. ט. ציגלער: „האַנטבוך צו דער געשיכטע פון דער פּעדאַגאָגיק", פאַר-לאַג „סאטרודניק", פּעטראָגראַד—קיעוו, ז. 39). חוץ נישט קיין צאָלרייכע ספּעציעלע מעדיצינישע און יורידישע שולן, האָט די מערהייט פון די אוניווערסיטעטן, ווי אויך די נידעריקע שולן, געדינט הויפּטזעכלעך אַלס צוגרייטונג

פון ק ל ע ר (ד. ה. גייסטלעכע. נ. ב.). אין ריי

מיט דעם האָט עקזיסטירט אַ שול פאַר דער צוגרייטונג פון קריגס=ריטער. ביי די לעצטע אין ע̇ וין די „בילדונג" באַשטאַנען אין דער אויסאַרבעטונג נישט פון אַ גלח שער „אַרבעט-קראַפט", נאָר ריטערלעכער. די ייִנגלעך האָט מען, הויפּטזעכלעך, געלערנט זיבן „מצוות" (protitades) „איבריקנס, צו די זיבן ריטערישע מצוות זײַנען צוגערעכנט געוואָרן, חוץ די זעקס פיזישע קונסטן (equitare, natare, sagittare, cestibus certare, aucupari scacis ludere — רייטן, שווימען, שיסן פון א פיילנבויגן, פעכטן, געיעג, שפּיל אין דאַמקע), אויך די קונסט פון versificare, פאַרפאַסן לידער און מוזיק (singen und sagen)". ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז דאָ איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַנדערער, נוציקער פאַר דער פעאָדאַלער=געזעלשאַפט, מ ע נ ט ש ן - ט י פּ.

אָבער אָט וואַקסט די שטאָט, די האַנדלס=בורזשוּאַזיע א. א. וו. וואָס-זשע קומט דאַן פאָר? אויף דעם גיט אַן ענטפער (און דערביי זייער אַ גוטן) דערזעלבער פּראָפ. צ י ג ל ע ר: „פונדעסטוועגן — שרייבט ער (ז. 42) — זענען אַנטשטאַנען נייע באַדערפענישן פון דער שול אין אַן אַנדער געביט. די סוחרים און האַנטווערקער, (אונזער קורסיוו), וואָס האָבן געוווינט אין בליענדיקע שטעט, האָבן זיך גענויטיקט אין אַ מער פּראַקטיש̇ער בילדונג, ווי די, וואָס ס'האָבן באַקומען די געלערנטע און די ריטער. די שטאָטישע געמיינדעס האָבן אַליין אָנגעהויבן צו גרינדן שולן, ווו די שטאָטישע איינוווינער האָבן באַקומען אַ געהעריקע נויטווענדיקע בילדונג (ציגלער c 1, ז. 40 און ווייטער).

צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און מיט דעם וווּקס פון דעם נאָכפרעג אויף קוואַליפיצירטע אַרבעטער אפילו אין געביט פון דער מאַ=

טעריעלער אַרבעט באַווייזט זיך די אזוי=גערופענע פראָ-
פעסיאָנעלע שול: „כדי אונטערצושטיצן די נאַ=
ציאָנאַלע אינדוסטריע, האָבן די רעגירונגען און פריוואַטע
פערזאָנען אָנגעהויבן צו גרינדן אינדוסטריעלע און האַנט=
ווערקער=שולן, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו געבן
די שילער יענע פראפעסיאָנעלע בילדונג, וואָס זיי האָבן
פריער באַקומען אין וואַרשטאַט פון בעל=מלאכה (נ. קרופ־
סקאיא: „פאָלקסבילדונג און דעמאָקראַטיע". מלוכה־
פאַרלאַג. דריטע אויפלאַגע. 1921, ז. 94) און נאָכדעם
ענדערט זיך ווידער די דאָזיקע שול אין צוזאַמענהאַנג
מיטן וווקס פון דער גרויס־אינדוסטריע און מיטן וווקס
פון די פאָדערונגען אויף „מייסטערס, אויפזעערס, געהילפס-
אינזשענירן א. א. (דאָרט 96). צוגלייך מיט דעם —
קומט פאָר דער קאָלאָסאַלער וווקס פון די מיטלע און
העכערע ספּעציעלע לערן־אַנשטאַלטן. ווו די נאַטור=

וויסנשאַפטן און די מאַטעמאַטיק שפּילן אַ אָנגעזעענע
ראָל, הויכע האַנדלס־אינסטיטוטן, אַגראַר=וויסנשאַפטלעכע
אַקאַדעמיעס א. א.

מיט אַן אָפנהערציקער חוצפּה אַנטפּלעקט דער אויבנ=
דערמאָנטער דייטשער פילאָזאָף — אידעאַליסט פ. פּאַול-
סען דעם זין פון דער קאַפּיטאַליסטישער בילדונג. די
דאָזיקע שטעלן אין זיין ווערקזעגען אויף אַזויפיל באַלערנד
און געבן אַזאַ בולט בילד, און דעריבער ציטירן מיר זיי
איינגאַנצן (פּאולסענס אָפנהערציקייט דערקלערט זיך מיט
דעם, וואָס דאָס אַלץ שרייבט ער אין אַזאַ „דיקן" באַנד
וואָס וועט נישט אַריינפאַלן צו די אַרבעטער אין די
הענט, ער שרייבט, פאָלגלעך, נאָר פאַר די קאַפּיטאַליס=
טישע באַנדיטן און דערביי פּלוידערט ער אויס דעם
אמת): „דער ווירקלעכער צושטאַנד פון דער בילדונג
אין איר הויפּט=יסוד ווערט שטענדיק און אומעטום באַ=
שטימט דורך דער פאָרם פון דער געזעלשאַפט און איר

צעגלידערונג... אין דעם צושטאַנד פון/דער געזעלשאפט=
לעכער בילדונג שפיגלט זיך אָפּ... דער צושטאַנד פון
דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זי אַרויסגערופן. די גע-
זעלשאַפט האָט אומעטום אַ צווייאיקע צעגלידערונג: אַ
צעגלידערונג לויט די פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלע=
כער ארבעט און לויט די באַציונגען פון דער הערשאַפט
(ריכטיקער, אייגנטום ג. ב.) די ערשטע צעגלידערונג איז
די איינטיילונג אויף פּראָפעסיעס, פון דעם אונטערשיד
פון הערשאַפט אַנטשטייט די טיילונג אויף געזעלשאַפט-
לעכע קלאַסן. די ביידע טיילונגען האָבן אַן איינפלוס
אויף דעם אויעקשטעל פון דער בילדונג...; דורך די
פאָרמען פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און דער
פּראָפעסיאָנעלער שטעלונג (beruflicher Lebensstelung)
ווערן אין אַלגעמיין באַשטימט די מינים פון די זאַכן
וואָס מען לערנט; דורך דער קלאַסן-שטעלונג אָדער
דעם צושטאַנד פון דעם פאַמיליען אייגנטום -(der Be
sitzstand der Familie) ווערט אין אַ באַדייטנדיקער
מאָס באַשטימט דער גראַד פון צוטריט פון דער יוגנט צו
די פאַרשידענע שול=קורסן... די געזעלשאַפט נויטיקט
זיך און פאַרמאָגט באַוועגנדיקע, פאַרוואַלטערישע און גייס-
טיק=שעפערישע און אָנפירנדיקע פונקציעס און אָרגאַנען —
די ערשטע גרופּע נעמט אַרום די אַלע, וועמעס אַרבעט
פאָדערט, הויפּטזעכלעך, פיזישע קראַפט און געשיקטקייט;
דאָ אַהער דאַרף מען צורעכענען די אינדוסטריעלע אַרבע-
טער און אַלערליי האַנטווערקער, אַ גראָר-ווירטשאַפטלעכע
אַרבעט און דאָס קליין-פויערנטום, ענדלעך, די, וואָס זע-
נען אינם האַנדל און טראַנספּאָרט פאַרנומען אַלס די
לעצטע אויספיר-אָרגאַנען. די צווייטע גרופּע נעמט אַרום
די .לע, וועמעס פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט באַשטייט אין

אָנפירן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן ארבעטס-פּראָצעס און אין דעם אינסטרואירן און אָנפירן מיט די פיזישע אַרבעטער; דאָ אהער געהערן פאבריקאַנטן און טעכניקער, אָנפירער פון גרויסע אַגראַר-ווירטשאַפטלעכע אינטערנעמונגען, סוחרים און באַנקירן, העכערע משרתים אינם האַנדל און טראַנספּאָרט, ווי אויך די נידעריקע באַאמטע פון דער מלוכה און מוניציפּאַליטעטן. ענדלעך, די דריטע גרופּע נעמט אַרום די פּראָפעסיעס, וואָס הייסן געוויינלעך „געלערנטע“ פּראָפעסיעס, וועמעס פונקציאָנירן פאָדערט אַ זעלבסטשטענדיקע געשולטקייט און אנטוויקלונג פון וויסנשאַפטלעכער דערקענטניש; דאָ אהער געהערן אויספאָרשער און דערפינדער, ווייטער מענטשן, וואָס פאַרנעמען די העכסטע פּאָסטנס אין דער בירגערלעכער אָדער מיליטערישער דינסט, אין דער קירך און שול, ווייטער דאָקטוירים, טעכניקער אויף די אָנפירנדיקע פּאָסטנס א. א. וו. (Paulsen: Kultur der Gegenwart, SS, 64-65). די דאָזיקע דריי גרופּן אַנטשפּרעכט אויך די איינטיילונג פון דער שול: דאָ, פון איין זייט, ווערט אויסגעאַרבייט אין די נויטיקע קוואַנטומס די נויטיקע צאָל פון די אַרבעטס-קרעפטן פאַר יעדער מאַטעריעלער און גייסטיקער אַרבעט; צווייטנס, די העכסטע אידעאָלאָגישע פונקציעס ווערן שטענדיק פאַרפעסטיקט דורך באַשטימטע קלאַסן, דורך וואָס עס האַלט זיך אויך דער מאָנאָפּאָל פון דער בילדונג און צוזאַמען מיט איר אויך די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. פּאַולסען שטעלט אָבער בחנם זיך און זיינע קאָלעגן העכער איבער די פאַבריקאַנטן און באַנקירן, וועמעס שטיוול די געלערנטע מענטשן פוצן, ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף נישט.

די שול, אַזוי אַרום, אַנטפּלעקט פאַר אונז, ערשטנס, די פּראַקטישן זין, דעם פּראַקטישן שורש פון אַלע אידעאָלאָגיעס, אויב וואָסער-עס-איז מאַטעמאַטיקער וועט אויפגערעגט ווערן

פון דעם, וואָס, לויט אונזער מיינונג, זיין „ריינע לערע" האָט א נאָר, גאָר אַנדערן ערדישן זין, דאַרף מען אים פרעגן: אָבער פאַרוואָס לערנט מען די דאָזיקע מאַטעמאַטיק די סוחרישע זונדלעך אין די האַנדלס־שולן, די צוקונפטיקע ערד־מעסטערס — אין די אַגראָנאָמישע לערן־אַנשטאַלטן, די צוקונפטיקע טעכניקער — אין די טעכנישע שולן א. א. וו.? און ווען ער וועט אָנווייזן, אַז דאָס טוען נאָר די קליינע פערדאַלעך אין דער וויסנשאַפט, וועלן מיר אים פרעגן: אָבער פאַרוואָס לייענען די „ריינע מאַטעמאַטיקער", וועלכע, באמת, פאַרשטיין גאָר נישט אין דער פּראַקטיק און זיי קענען אָנטון הויזן אויפן קאָפּ, פאַרוואָס לייענען זיי לעקציעס פאַר מענטשן, וואָס לערנען זיך „אויף אינזשענירן" אָדער „אויף ערדמעסטער"? און ווען ער וועט אָפּטרעטן פון נאָך א פּאָזיציע און זאָגן, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע געלערנטע, וואָס בילדן קיינעם נישט און זיי לייענען נישט קיין שום לעקציעס, וועלן מיר ווידער צושטיין: יאָ, אָבער צי שרייבט דען נישט אַזאַ מענטש ביכער? און איז דען נישט אמת, אַז די דאָזיקע ביכער לייענען, לאָמיר זאָגן, פּראָפעסאָרן, וואָס לערנען די צוקונפטיקע אינזשענירן, און די לעצטע מיט דער הילף פון זייערע ידיעות מאַכן חשבונות און פּלענער ביים בויען בריקן, אָדער דאַמפּ־קעסלען, אָדער עלעקטרישע סטאַנציעס א. א. וו.?

צווייטנס, די שול אַנטפּלעקט אונז די דורכשניטלעכע באַדערפעניש פון דער געגעבענער געזעלשאַפט אין פאַרשידענע מינים פון דער געשולטער אַרבעט, אַזש ביז דער גאָר העכסטער".

לויטן מהות פון דעם ענין זענען אַלע וויסנשאַפטן אַזוי אַרום פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער, מיט דעם זעלבן אַרבעטס־באַוואַוסטזיין, ווי די פאַרשידענע געביטן פון דער מאַטעריעלער אַרבעט. אַזוי אויך זענען מיט זיי געבונדן אַנדערע געביטן פון דער אידעאָלאָגישער אַרבעט. די מאַטעריעלע אַרבעט אָבער איז זייער שטענדיקער און אַלגעמיינער יסוד.

§ 41. דער באַטייט פון די „צוגעבויען“. מיר זענען שוין דאָ דערגאַנגען צו אַ מער אויספירלעכער באַטראַכטונג פונם באַטייט פון כלערליי „צוגעבויען“, בתוכם אויך די אידעאָלאָגיעס. דעם דאָזיקן באַטייט מעגלעך, קען מען בעסער פאַר אַלץ דערקלערן מיט דער הילף פון קריטיק פון די טענות, וואָס ווערן געוויינלעך אַרויסגעשטעלט דורך די קעגנער פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. דאָ באַגעגענען מיר זיך, קודם כל, מיט די טענות קעגן די פּראַקטישע וואָרצלען פון דער אידעאָלאָגיע, קעגן דער הנחה, אַז „צוגעבויען“, און בתוכם די אידעאָלאָגיעס, האָבן אַ דינסטלעכן באַטייט. דערביי ווייזט מען אָן אויף דעם, אַז די געלערנטע אָדער מאָלער קלערן גאָרנישט אַפילו זייער אָפט וועגן דעם, אַז זייערע געדאַנקען אָדער בילדער שפּילן וואָסער־עס־איז פּראַקטישע ראָל.

פאַרקערט, דער געלערנטער שטרעבט צום „ריינעם אמת“, זוכט אים לשם דעם אמת אַליין; ער איז פאַרליבט אין דער דאָזיקער שיינער מאַדאַם־וואָרהייט, און ס'איז בחינם דאָס אַריינמישן דאָ אַהער פּראַקטישע אויסרעכענונגען: דאָ איז אַ התונה אויס ליבע, נישט אויס אויסרעכענונג. אַזוי אויך שאַפט דער אמת'ער מאָלער, ווי דער פויגל זינגט: ער ליבט די קונסט לשם קונסט. פאַר אים איז זי — דער העכסטער ציל, אין איר, און נאָר אין איר, איז דער זין פון לעבן. און פונקט ווי די יוריסטן האָבן אויסגערופן: זאָל די וועלט אונטערגיין, אַבי ס'זאָל אָפּגעהיטן ווערן די גערעכטיקטע געזעצלעכקייט (vivat justicia, pereat mundus) אַזוי אויך וואָלט דער אמת'ער מוזיקאַנט איינגעטוישט די גאַנצע וועלט אויף איין וווּנ־דערבאַרע סימפאָניע. דער אמת'ער קינסטלער לעבט פאַר דער קונסט, דער געלערנטער — פאַר דער וויסנשאַפט, דער געזעצ־געבער — פאַר דער מלוכה (ביי העגעלן, למשל, איז די פרייסישע יונקערישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה אַ העכסטע אַנט־פּלעקונג פון דעם וועלט־גייסט אין דער מענטשלעכער געשיכטע — ווי אַזוי קען מען דאָ נישט שרעקן ס'לעבן פאַר איר?) א. א. וו.

קודם כל, צי איז אמת, אַז די קינסטלער און געלערנטע מיינען און פילן אַזוי? עס קען גאָר זיין, אַז זיי, ווי מ'דריקט זיך אויס, שיטן זאַמד אין די אויגן דעם געערטן פּובליקום, און אין אמת'ן נאַרן זיי זי בייזוויליק אָפּ? טיילמאָל, פאַרשטייט זיך, איז אַזוי. מ'קען אָבער בשום נישט אופן אַזוי באַהאַנדלען דעם ענין. באמת האָט דער אמתער געלערנטער, קינסטלער, געלערנטער יוריסט־טעאָרעטיקער ליב זיין זאַך, אַזוי ווי זיך און ער קלערט נישט וועגן דער פּראַקטישער זייט פון דער זאך

דאָס ליגט נישט אונטער קיין שום ספק אין ס'וואָלט געקאָנט באַשטעטיקט ווערן דורך טויזנטער פּלערליי אָבער ביישפּילן נישט אין דעם האַנדלט עס זיך. וואָרום די סוביעקטיווע פּסיכאָלאָגיע פון די אידעאָלאָגן איז עפּעס אַנדערש און די אָביעקטיווע ראָל פון די אידעאָלאָגיע — איז עפּעס אַנדערש. ס'איז אין זאַך, וואָס דער מענטש דענקט וועגן זיין אַרבעט, און ס'איז אַן אַנדערע זאַך, וואָסערע ראָל וואָסער באַטייט זיין אַרבעט האָט פאַר דער געזעלשאַפט. דאָס זענען צוויי פאַרשידענע זאַכן, ווי יעטוועדער איינער פאַרשטייט גאַנץ גרינג. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די זאַך קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט. ווי מיר האָבן שוין געזען, איז די אידעאָלאָגיע (זאָגן מיר: מאַטעמאַטיק) אַרויסגעוואַקסן, בלי ספק, פון די פּראַקטישע באַדערפענישן, נאָר אט האָט זי זיך ספּעציאַליזירט און צעפּאַלן אויף אַ ריי געביטן; דער ספּעציאַליסט, וואָס אַרבעט אין איין געביט, הייבט דאָ גאָרנישט אָן צו זען, אַז זיין וויסנשאַפט באַפרידיקט די פּראַקטישע באַדערפענישן. ער גופא טוט זיך „זיין זאַך”, און וואָס מער ער ליבט די דאָזיקע זאַך, אַלץ פּראָדוקטיווער איז ביי אים די אַרבעט, אַלץ ווייטער רוקט ער זיך פאָראויס. אין דער פּראַקטיק אָבער ווערן אָן זיין טעאָריע אַנדערע מענטשן, וואָס אַרבעטן אין אַנדערע געביטן. פריער, ווען ס'איז נאָך נישט געווען אַזאַ ספּעציאַליזירונג, איז דער פּראַקטישער זין פון דער וויסנשאַפט געווען קלאָר פאַר יעדן, איצט איז ער פאַרלוירן בעגאַנגען,

די אנטוויקלונג פון וויסן האט פריער אויך אין די קעפּ פון די מענטשן געדינט דער פּראַקטיק. אפט דינט זי אין דער ווירקלעכקייט אויך דער פּראַקטיק, אָבער אין די קעפּ פון די ספּעציאַליסטן, וואס זענען אָפּגעריסן פון דער פּראַקטיק, שטעלט זיך פאָר ווי אַ זאַך, וואס איז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דער פּראַקטיק. עס איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואס. אויך דאָ ווערט דאס דענקען פון די מענטשן באַדינגט דורך זייער זיין. בעת אַ מענטש אַרבעט נאָר אין איין אידעאָלאָגישן געביט, דאַרף ער זיך אים אומפאַרמיידלעך אויסדולכטן ווי די אַקס פון דער ערד, אַרום וועלכער אַלץ דרייט זיך. ער לעבט שטענדיק אין קרייז פון באַגריפן פון דעם דאָזיקן געביט, וואָרום, — ווי ענגעלס האט דאס זייער גוט באַצייכנט, — אידעאָלאָגיע איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אָפּערירונג, אַרבעט איבער געדאַנקען, ווי איבער אומאָפּהענגיקע, זעלבסטשטענדיק זיך אַנטוויקלנדיקע, אונטערגעוואָרפענע נאָר זייער אייגענע געזעצן וועזנס". (ליודוויק פייערבאַך, ז. 52). פריער, פאַר דער ספּעציאַליזירונג, האט דער מענטש זיך געטראַכט אַזוי: אָט דאָ דאַרף מען אַ ביסל אַ טראַכט געבן איבער דער „געאָמעטריע", כדי אין צווייטן יאָר זאָל בעסער גיין דער אויסמעסט פון די חלקים ערד ביים ברעג". און איצט זאָגט זיך דער ספּעציאַליסט־מאַטעמאַטיקער: מ'דאַרף וואס זאָל נישט זיין לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע — אין דעם איז דער ציל פון מיין לעבן. ע. מאַך דריקט אויס דעם זעלבן געדאַנק אַ ביסל אַנדערש, אָבער דער עצם ענין בלייבט דער זעלבער. ער שרייבט: „פאַר דעם האַנטווערקער, און נאָך מער פאַר דעם פאָרשער. ווערט די קורצסטע, פּשוטסטע, דערגרייכבאַרע דורך אַמווייניקסטן גייסטיקע אָנשטרענגונגען דערקענטניש פון אַ באַשטימטן געביט פון די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פּראָצעסן אַליין פאַר זיך אַן עקאָנאָמישער ציל, דערביי — כאָטש זי איז לכתחילה געווען נאָר אַ מיטל צום ציל — האָבן זיך אַנטוויקלט אַנטשפּרעכנדיקע גייסטיקע נטיות און זיי פאָדערן זייער באַפרידיקונג, לגמרי שוין נישט טראַכטנדיק פון דער

קערפערלעכער באפרידיקונג. (E. Mach: Geschichte der Mechanik. 4 Aufl. s. 7. אונזער קורסיוו נ. ב.) אזוי ארום, איז די סיסטעם פון צוגעבויען, פון די סאָציאַל-פּאָליטישע און די פילאָזאָפישע איינשליסלעך, פארבונדן מיט דעם עקאָנאָמישן בּאזיס אין דעם טעכנישער סיסטעם פון דער געגעבּענער געזעלשאפט, ווי א נויטווענדיק רינגל אין דער קייט פון די געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען.

ענגלס האט מכח דעם ענין געשריבן צו פראנץ מערינגען אין א בריוו פון 14 יולי 1893: די אידעאָלאָגיע איז א פּראָצעס, וועלכער, אמת, ווערט פּראָדוצירט דורך דעם אזוי גערופענעם דענקער באוווסטזיניק (mit Bewusstsein), אָבער מיט א פאלשן באוווסטזיין (aber mit einem falschen bewusstsein) די אמתע באוועגלעכע כחות, וואס ברענגען זי אין באוועגונג בּלייבּן פאר אים אומבאקאנט, ווארום אנדערש וואלט דאס נישט געווען אן אידעאָלאָגישער פּראָצעס. אזוי ארום, שטעלט ער זיך פאָר (imaginiert sich) פאלשע אָדער זיך דאלטנדיק באוועגלעכע כחות. אזוי ווי דאס איז א דענקענדיקער פּראָצעס, פירט ער (leitet ab) ארויס זיין אינהאלט און זיין פאָרם פון דעם ריינעם דענקען, אָדער פון זיין אייגענעם, אָדער גאָר פון דענקען פון זיינע פאָרגייערס. ער ארבעט אויס-ליסלעך מיט א דענקענדיקן מאַטעריאַל (mit blossen Gedankenmaterial), וועלכן ער נעמט נישט קריטיש (unbesehen) אָן אלס פּראָדוקט פון דענקען און ער פאָרשט נישט ווייטער, ביז א מער ווייטערן, פון דענקען אומאָפּהענגיקן, פּראָצעס; דאס אלץ דאכט זיך אים אויס און פאר זיך פארשטענדלעך, ווייל אים דאכט זיך יעדער טאַט — ווארום זי איז אָנגענומען געוואָרן דורכן דענקען — אין דער לעצטער אינסטאנץ אלס א באגרינדעטע אין דעם דענקען"... פון דאנען שטאמט דער דאָזיקער מיראַזש (dieser schein) פון דער זעלבסטשטענדיקער געשיכטע פון די מלוכה'שע

קאָנסטיטוציעס, רעכטלעכע סיסטעמען, אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען אין יעדן געגעבענעם ספּעציעלן געביט, וועלכער, קודם כּל, פאַרבלענדעט אַ סך מענטשן". זע: (Mehring: Geschichte der deutschen sozialdemokratie. 5. Aufl. Stutgart, 1913. Erster Band, S. 386).

די אַנדערע געוויינלעכע טענה קעגן אונזער טעאָריע איז די דאָזיקע אויסטייטשונג: אין אמתן, כּלומרשט, עקזיסטירט נאָר איין עקאָנאָמיק, און די רעשט איז בלויז נאַרישקייטן, אַ מין אילוזיע, אַ נעפּל, אַ מיראַזש, וואָס פאַרבלענדט די אויגן, און באמת שטעלט זי מיט זיך גאָר נישט פאָר; אַנדערש גערעדט, — די דאָזיקע אָנשויונג פאַרטייטשט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אַזוי: ס'עקזיסטירן פאַרשידענע „פאַקטאָרן" (ווירקנדיקע כּוחות) אין דער געשיכטע: עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, קונסט א. א. וו.; טייל פון די דאָזיקע פאַקטאָרן זענען זייער וויכטיק, טייל — נישט וויכטיק: דער עקאָנאָמישער „פאַקטאָר" איז דער איינציק וויכטיקער „פאַקטאָר", און די איבעריקע ווי אַ פינפט ראָד ביי אַ וואָגן. אויסטייטשנדיק אויף אַזאַ אופן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, הייבט מען נאָכדעם אָן מיט היץ אָפּצולייקענען, דערווייזנדיק, אַז ס'זענען פאַראַן זאַכן, חוץ דער עקאָנאָמיק, וואָס האָבן אויך עפּעס אַ באַטייט. אַזאַ קוק אויפן באַטייט פון דער אידעאָלאָגיע איז אַבסאָלוט נישט ריכטיק, — פון גרונט פאַלש. די „צוגעבויען" זענען לגמרי נישט קיין „קליינקייט", וואָס האָט נישט קיין שום באַטייט. מיר האָבן שוין געברענגט ביישפּילן וועגן דעם ענין: צעשטערט די קאַפּיטאַליסטישע מלוכה—וועט איר אוממעגלעך מאַכן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע; פאַרניכטעט די היינטצייטיקע וויסנשאַפט—וועט איר מיט דעם פאַרניכטן די גרויסע פּראָדוקציע מיט איר טעכניק; רוימט אַראָפּ פון וועג די מיטלען פון מענטשלעכן פאַרקער, שפּראַך און ליטעראַטור — וועט די געזעלשאַפט נישט קענען עקזיסטירן און זיך צעפאַלן. הייסט עס, ס'איז זינלאָז

די באַהויפּטונג, אַז די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם לייקנט כלומרשט אָפּ דעם באַטייט פון די צוגעבויען בכלל און פון די אידעאָלאָגיעס בפרט. פאַר די אָנהענגער פון אונזער טעאָריע (טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם) באַשטייט די פראגע לחלוטין נישט אין דעם, אַז מ׳זאָל „אָפּלייקענען" די אידעאָלאָגיעס און צוגעבויען בכלל, האַלטן זיי פאר אַ נישט־עקזיסטירנדיקע גרויס אָדער אַ גרויס, וואָס האָט נישט קיין שום באַטייט, נאָר אין דעם, אַז מ׳זאָל זיי דערקלערן. און דאָס איז ווייט נישט דאָס זעלבע, ווי מיר ווייסן שוין פון קאַפּיטל וועגן דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם.

דאָס זעלבע איז אויך נישט ריכטיק דאָס חקרענען זיך, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט פון דער וויכטיקייט פון די „פאַקטאָרן": די עקאָנאָמיק איז טאקי א וויכטיקער „פאַקטאָר", און, זאָגן מיר, די פּאָליטיק אָדער אַן אַנדערער פאקטאָר איז נישט „וויכטיק". אַזאַ אַוועקשטעל פון דער פראַגע קען אַרויס־רופן א סך מיספאַרשטייענישן. וואָרום, אין אמתן, וואָס זאָל מען זאָגן וועגן דער וויכטיקייט פון די „פאַקטאָרן", ווען אָן דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק קען נישט עקזיסטירן די קאַפּיטאַ־ליסטישער עקאָנאָמיק? אַרויסרוקן אין סאַמע אויבנאָן די פראַ־גע וועגן וויכטיקייט, איז דאָס זעלבע, ווי שטעלן, למשל, אַזעלכע פראַגן: וואָס איז וויכטיקער, דאָס ציגל, צי די קאָלבע? די לינקע האַנט אָדער דער רעכטער פוס? די ספּרוזשינקע פונם זייגער, אָדער זיין צאָניק רעדעלע? א. א. וו. אמת, אין טייל פאַלן קען מען רעדן וועגן דעם, אַז איינס איז וויכטיקער פאַרן צווייטן (למשל, די עקאָנאָמ ק איז, בלי ספק, וויכטיקער פון טאַנצן) און אין טייל פאלן קען מען אָבער נישט רעדן וועגן דעם. דאָס קומט פאר דערפאר, ווייל אין יעדער סיסטעם קענען זיין טיילן, וואָס זענען גלייך נויטווענדיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער זאַך. דאָס ציגל איז אַזוי וויכטיק, ווי די קאָלבע (אין אַ ציגל ביקס, פאַרשטייט זיך) טיילמאָל איז אַ קליין שרייפעלע אין אַ מעכאַניזם אַזוי וויכטיק, ווי יעדער אַנ־דערער נויטווענדיקער טייל, וואָרום אָן דעם דאָזיקן שרייפעלע

איז אונזער מעכאַניזם — נישט קיין מעכאַניזם. אַזאַ ענטפער װעלן מיר באַקומען, אויב מיר װעלן באַטראַכטן, װי מיר האָבן דאָס אויבן געטון, די „צוגעבויאישע אַרבעט, װי אַ טייל פון אַ בשותּפותדיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. װאָס איז װיכטיקער פאַר דער היינטצייטיקער אינדוסטריע: מעטאַלורגיע אָדער בערג־אַרבעט? די פראַגע איז אַן אומגעלומפּערטע: „ביידע זענען װיכטיק". װאָס איז װיכטיקער: דירעקטע, מאַטעריעלע אַבעט אָדער די אַרבעט צו פאַרװאַלטן מיט אַ באַלעבאַטישקייט? איינס איז אָן צװייטן אומדענקבאַר פאַר באַשטימטע סטאַדיעס פון דער אַנטװיקלונג. פאָלגלעך, ס'איז נישט ריכטיק צו דערקלערן דעם ענין אַזוי, גלייך װי ס'גייט כּלומרשט װעגן „פאַקטאָרן", װאָס האָבן נאָר אַ פאַרשידענעם באַטייט אין זין פון װיכטיקייט. דאָס איז אַ נישט־ריכטיקער, פאַרפלאָנטערטער אװעקשטעל פון דער פראַגע, װאָס פירט אַראָפּ פון װעג. „אין דער געשיכטע פון דער אַנטװיקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער װיסנשאַפט האָט די דאָזיקע טעאָריע (ד. ה. די טעאָריע װעגן פאַקטאָרן. נ. ב.) געשפּילט די זעלבע ראָל, װי די טעאָריע פון די איינצלנע פיזישע קרעפטן אין דער נאַטור־װיסנשאַפט.

די דערפאָלגן פון דער נאַטורװיסנשאַפט האָבן דערפירט צו דער לערע װעגן דער א י י נ ה י י ט ל ע כ ק י י ט פון די דאָזיקע קרעפטן, און צו דער היינטצייטיקער לערע װעגן דער ענערגיע. אַזוי אויך די דערפאָלגן פון דער געזעלשאַפטלעכער װיסנשאַפט האָבן געדאַרפט דערפירן צו דעם פאַרבייט פון דער טעאָריע פון פאַקטאָרן, די פּראָכט פון דעם געזעלשאַפטלעכן אַנאַליז, צו דעם סינטעטישן קוק אויף דעם געזעלשאַפטלעכן

ל ע ב ן". נ. ב ע ל ט אָ װ : „װעגן דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס־באַנעמונג". קריטיק פון אונזערע קריטיקער" ז. 313)

אַזוי אַרום קומט אויס אָפּצולייקענען די טעאָריע פון די פאַקטאָרן. אָבער װאָס פאַראַ זין בלייבט־זשע דאַן אין דער פאַנאַנדערגרענעצונג פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע און צוגע־

בויען? און ווי אַזוי דאַרף מען דעמאָלט פאַרשטיין די מיט־שייכותן צווישן זיי?

דער גאַנצער ענין באַשטייט אין דעם פאַרשידענעם כאַראַקטער פון די פונקציעס. דער פאַרוואַלטונגס־געביט פון דער פראָדוקציע שפּילט אַן אַנדערע ראָל, ווי דער געביט פון דער פראָדוקציע גופא. וואָס פאַרא ראָל? זי רוימט אָפּ רייבונגען, מילדערט די סתירות, סיסטעמאַטיזירט און קאָאָרדינירט די איינצעלנע אַרבעטס־עלעמענטן, אָדער, פשוט גערעדט, שאַפט אַ באַשטימטע אַרבעטס־איינאָרדנונג, אַ באַשטימטע „אָרדענונג". דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין אַנדערע געביטן. מיר האָבן, למשל, געזען, אַז מאָראַל, מנהגים און נאָך אַזעלכע ענלעכע נאָרמען קאָאָרדינירן די טאַטן פון מענטשן, האַלטן זיי אין געוויסע ראַמען אַזוי, אַז די געזעלשאַפט צעפאַלט זיך נישט אויף אירע באַשטאַנד־טיילן. די וויסנשאַפט? אויך! דער דאָזיקער אַרבעטס־געביט ווייזט אָן אין ענד־חשבון (אויב ס'רעדט זיך וועגן נאַטור־וויסנשאַפטן) די וועגן פאַר דעם פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס, אויפהייבנדיק זיין עפעקט און רעגולירנדיק, ברענגנדיק אין אָרדענונג זיין גאַנג. און די פילאָזאָפיע? מיר האָבן שוין געזען, אין וואָס עס באַשטייט איר אמתער באַטייט. די אַרבעטס־איינטיילונג צווישן די וויסנשאַפטן געבוירט פאַרשידענע סתירות צווישן זיי. די פילאָזאָפיע קאָאָרדינירט זיי, טראָגט אין זיי אַריין אָרדענונג און פאַרבינדקייט (אָדער פּרובט אַריינברענגען די דאָזיקע אָרדענונג).

זי גופא וואַקסט אַרויס פון די וויסנשאַפטן, פונקט ווי די פאַרוואַלטונג מיט דער פּראָדוקציע וואַקסט אויס פון דער פּראָדוקציע, גענומען אַליין פאַר זיך. אין דעם זין איז דאָס נישט אַן „אַלערערשטע", נאָר אַ „צווייטע", נישט אַ „יסודותדיקע", נאָר אַן „אָפּשטאַמענדיקע" דערשיינונג; אָבער פון דער צווייטער זייט, פאַרוואַלטעט זי ביז אַ געוויסער מדרגה מיט די וויסנשאַפטן, וואָרום זי טראָגט אַריין אין זיי —

דעם אזוי גערופענעם „אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט“, אָדער מע טאָד“ א. א. וו.

אָדער לאָמיר נעמען נאָך איין, שוין געבּרענגטן דורך אונז, ביישפּיל: שפּראַך. די שפּראַך, ווי מיר האָבּן געזען, וואַקסט אַרויס פון דער פּראָדוקציע, אַנטוויקלט זיך אונ־טערן איינפלוס פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ד. ה. אין איר אַנטוויקלונג ווערט זי באַשטימט דורך דער געזעצמעסיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אָבער אין וואָס באַשטייט איר ראָל? זי גלייכט אויס (קאָאָרדינירט) די טאַטן פון די מענטשן: ווייל די קעגנזייטיקע פאַרשטענ־דעניש איז אויך דער פּשוטסטער אופן פון הסכּמה און קאָאר־דינירונג פון די באַציונגען, מעשים, טיילווייז געפילן א. א.

די דאָזיקע ביישפּילן זענען גענוג, כּדי צו זען דעם גרונט־זין פון דער פאַנאַנדערגרענצונג צווישן געביט פון מאַ־טעריעלער פּראָדוקציע און דעם געביט פון דער אידעאָלאָגישער אין יעדער „צובויאישע“ אַרבעט, וואָרום די שייכות צווישן זיי באַשטייט אין דעם, וואָס די אידעאָלאָגישע אַרבעט, זייענדיק אַן אָפּשטאַמענדיקע גרויס, איז אין דער זעלבער צייט אַ רעגולירנ־דיקער יסוד. אין באַצוג צו דער גאַנצער בשותּפותדיקייט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן ליגט דער חילוק אין דעם אונ־טערשייד פון די פונקציעס. פון דאַנען ווערט פול־שטענדיק קלאָר אויך די צווייטע פראַגע, נעמלעך, די פראַגע וועגן דער „פאַרקערטער ווירקונג“ פון די צוגעבויען אויף דעם עקאָנאָמישן באַזיס און די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון דער גע־זעלשאַפט. זיי גופא (די צוגעבויען) זענען געבוירן געוואָרן פון די עקאָנאָמישע באַציונגען און די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, וואָס באַשטימען די דאָזיקע באַציונגען. אָבער צי ווירקן זיי (די צו־געבויען) פון זייער זייט אויף זיי? נאָך דעם אויבנגעזאָגטן איז קלאָר, אַז זיי קענען נישט ווירקן. זיי קענען זיין אַן אַנטוויקלונגס־קראַפט, ביי באַשטימטע באַדינגונגען קענען זיי ווערן אַ שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג. אָבער אזוי צי אַזוי זיי ווירקן שטענדיק צוריק, סיי אויפן עקאָנאָמישן באַזיס, סיי

אויפן צושטאַנד פון די פּראָדוציר־נדיקע כּוחות. מיט אַנדערע ווערטער: צווישן די פאַרשידענע רייען פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס פון קעגנזייטיקער ווירקונג. די סיבה און דער פּועל־יוצא בייטן זיך מיט די ערטער.

נאָר אויב מיר אנערקענען די קעגנזייטיקע ווירקונג, וואָס־זשע וועט ווערן מיט די עיקרים פון דער מאַרקסיסטישער טע־אָריע? אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער קעגנזייטיקער ווירקונג שטייען דאָך ס'רוב בורזשואַזע געלערנטע. און וואָס וועט דאַמאָלט זיין מיט דעם, וואָס אַלס יסוד פון דעם אַנאַליז דאַרפן דינען די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און די פּראָדוקציע־באַציונגען? צי מאַכן מיר נישט אַ תּל מיט אונזערע אייגענע הענט פון דעם, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט אין די פריערדיקע בלעטלעך?

די דאָזיקע ספקות, פאַרשטייט זיך, קענען באַלד באַפאַלן דעם לייענער. פונדעסטוועגן זענען דאָס נישט קיין ערנסטע ספקות. ווארום, ביי אַלע קעגנזייטיקע ווירקונגען, אַ דורכפלעכטנ־דיקע ווירקונגען א. א. וו. בלייבט אומפאַרענדערט איינס: אין יעדן געגעבענעם מאָמענט ווערט דער אינערלעכער בוי פון דער געזעלשאַפט באַשטימט דורך דער באַציונג פון דער געזעלשאַפט צו דער אויסערלעכער נאַטור, ה. ה. דורכן צו־שטאַנד פון די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריעלע פּראָדוצירנדיקע כּוחות; די ענדערונג ווידער פון דער פאָרם ווערט באַשטימט דורך דער באַוועגונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. די „טע־אָריע פון קעגנזייטיקער ווירקונג" באַגרענעצט זיך מיט דעם, וואָס זי אַנערקענט די דאָזיקע קעגנזייטיקע ווירקונג. ווי־טער פון דעם גייט זי נישט. מיר זעען אָבער, אַז אַלע אומ־צייליקע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט, די אומענדלעך זיך אַדורכקרייצנדיקע ווירקונגען, צוזאַמענשטויסן

פאַרפלעכטונג פון די כוחות און געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן — אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין די אַלגעמיינע ראַמען וואָס ווערן געשאַפן דורך דער מיט שייכות צווישן געזעלשאַפט און נאַטור. זאָלן אונזערע קעגנער פרוון אָפּלייקענען די דאָזיקע באַהויפּטונג, וואָס איז אין אַן אַלגעמיינער פאָרם שוין געווען באַקאַנט געטע'ן, וועלכער האָט געשריבן אין די „מעטאַמאָרפאָזעס פון די חיות":

Alle Glieder bilden sich aus nach ew'gen Gesetzen.
Und die seltenste Form bewahrt im Geheimen das Urbild.
Also bestimmt die Gestalt die Lebensweise des Tieres.
Und die Weise zu leben, sie wirkt auf alle Geschtalten.
Màchtig zurück. So zeigt sich fest die geordnete Bildung.
Welche zum Wechsel sich neiσt durch äusserlich wirkendes Wesen.

די דאָזיקע באַהויפּטונג איז נישט-אָפּלייקנבאַר. און מיט דעם זעלבן איז שוין קלאָר, אַז דער אַנאַליז דאַרף זיך אָנהייבן טאַקי פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות: אַז די אומענדלעכע קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייטן צווישן פאַרשידענע טיילן פון דער געזעלשאַפט שאַפן לגמרי נישט אָפּ די עיקרדיקע (די ווירקנדיקע אין „ענד-חשבון), די טיפסטע אָפּהענגיקייטן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות; אַז די פילפאַכיקייט פון סיבות, וואָס ווירקן אין דער געזעלשאַפט, איז לגמרי נישט סותר דער עקזיסטענץ פון דער איין איינציקער געזעצמעסיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

מיר קענען דאָ נישט ברענגען די איינצעלנע טענות פון די פֿאַרשידענע בורזשואַזע געלערנטע: זיי זענען אַ לעגיאָן. בעצם קייען זיי לאַנגווייל איבער ביזן טויט אַריין אַלץ דאָס זעלבע. אַלס אַ ביישפּיל וועלן מיר ברענגען איינע פון די לעצטע קריטישע פּרוּוון. אָט ווי אַזוי פּראָפֿ. ה. מ. כוואָסטאָוו טייטשט אויס מאַרקסנס טעאָריע: „זי באַשטייט, אין אַלגעמיין, אין דעם, וואָס צווישן אַלע היסטאָרישע פֿאַקטאָרן (!) ווערט אויפֿן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט דער עקאָנאָמישער פֿאַקטאָר (!)... אַלע איבעריקע דערשיינונגען ווערן אָפּגעלייגט אונטער דער איינזייטיקער (!) ווירקונג פון די עקאָנאָמישע באַציונגען" (פּראָפֿ. וו. מ. כוואָסטאָוו; „טעאָריע פון היסטאָרישן פּראָצעס". ז. 315) נאָך דעם געזאָגטן אין טעקסט, איז שוין גאָרנישט צו זאָגן, ווי געטריי ה. כוואָסטאָוו טייטשט אויס מאַרקס'נס טעאָריע. אין די אינטערעסן פון אמת דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין אויסנאַם, פֿאַרקערט, מיט וואָס מער געלערנטקייט לייקנט אָפּ מאַרקסין, אַלץ מער עם-האַרציש ווערט דאָס אויסגעטייטשט.

און אָט איז אַ מוסטער פון „אָפּלייקענונג" (דורכן זעלבן פּראָפֿעסאָר): „איך מיין, אַז דער מענטש האָט אַ נטיה צו פֿאַרשידענערליי שטרעבונגען. ערשטנס, ער זאָרגט פֿאַרן אונטערהאַלטן זיין פֿיזישער עקזיסטענץ און דערביי נעמט ער אָן געוויסע מיטלען. צווייטנס, ער זאָרגט וועגן דער דערקענטעניש פון דער אַרומיקער וועלט און זיך גופֿא. און די דאָזיקע שטרעבונג ליגט אין אים, אומאָפּהענגיק פון וואָסערע-עס-איז מאַטעריעלע אויסרעכענונגען. דריטנס, דער מענטש האָט אויך אַזעלכע באַדערפֿענישן, ווי, למשל, די שטרעבונג צו מאַכט, צו פֿרייהייט. ס'זענען פֿאַראַן ביי מענטשן רעליגיעזע באַדערפֿענישן, עסטעטישע, באַדערפֿענישן אויף סימפּאַטיע פון אַנדערע א. א. וו. (דאָרט 319) געבנדיק אַזאַ פּאָרציע פון באַדערפֿענישן, קומט ה' כוואָסטאָוו צום אויספֿיר, אַז די מאָניסטישע (ד. ה. גאַנצע,

ארויסגייענדיק פון איין זאַך. נ. ב.) דערקלערונג „איז אוממעגלעך“, דערווייל אָבער קען מען אויף דעם איינעם ביישפּיל מיט כוואַסטאָוון אָנווייזן אויף דער גאַנ־ גאַנצער טפּשות פון כוואַסטאָווס אָוועקשטעל פון דער פראַגע (וואס איז אויסערגעוויינלעך פאַרשפּרייט צווישן די „געלערנטע“ פון דער גאַנצער וועלט) און דער נויטווענ־ דיקייט פון דער מאַניסטישער דערקלערונג. אין אמתן, וואָס איז דאָס. אַז נישט חוזק מאַכן פון ווינסשאַפטלעכן געדאַנק, ווען רעליגיע, מאַכט א. א. ווערן גענומען אַלס אייביקע קאַטעגאָריעס? דעם מחבר פאַלט גאָרנישט איין צו שטעלן די פראַגע וועגן זייער דערקלערונג. ס'עקזיסטירט אויף דער וועלט רעליגיע. מיט וואָס דער־ קלערט ויך דאָס? טאַקי מיט דער רעליגיעזער באַדער־ פעניש. ס'איז איז דאָ אויף דער וועלט מאַכט, פאַרוואָס? ווייל ס'עקזיסטירט דאָך אַ באַדערפעניש אין מאַכט. צי איז דאָס נישט אַ „דערקלערונג“ פון שלאָף מיט דער הילף פון אַן איינשלעפנדיקן כוח“? צי דערקלערט דאָס כאָטש עפּעס? אַזוי קען מען „אָן שטערונג“, נישט טראַכטנדיק אַ רגע, „דערקלערן“ אַלץ, וואָס איר ווילט: די מלוכה דערקלערט זיך מיט דער באַדערפעניש אין א אַ מלוכה, קונסט — מיט דער באַדערפעניש אין קונסט, צירק — מיט דער באַדערפעניש אין אַ צירק, כוואַסטאָווס דערקלערונג — מיט דער באַדערפניש אין כוואסטאווס דערקלערונג, דאָס גיין צופיס—מיט דער באַדערפעניש צו גיין צופיס א. א. וו. ביז דער אומענדלעכקייט. אָבער אַזא „טעאָריע פון היסטאָרישן פראָצעס“ איז נישט ווערט קיין צעבראָכענער שילינג. „דער מענטש האָט אַ נטיה צו שטרעבן צו פרייהייט“. אָבער דאָס איז דאָך נישט אמת! נעמט אַלס ביישפּיל ניקאָלאַי דעם II אין דער צייט פון זיין הערשאַפט. צי האָט ער און זיין קלאַס געהאַט אַ נטיה „צו שטרעבן צו פרייהייט“? געוויס, ניין. הייסט עס, אַז נישט ביי אַלע מענטשן, טראָץ כוואסטאוון,

איז פאַראַן אַ נטיה צו דער דאָזיקער אײדעלער שטרעבונג. און קוים האָט איר דאָס געזען, שטעלט זיך באַלט אַלײן די פראַגע: פאַרװאָס-זשע איז בײ טײל מענטשן דאָ די שטרעבונג, און בײ טײל — נישט? און דאַן קומט אויס צו װענדן זיך — אוי, אַ שרעק! — צו די באַדינגונגען פון זײער עקזיסטענץ א. א. װ. דאָס זעלבע איז מיט אַנדערע כװאַסטאַװ'ס „פאַרשידנאַרטיקע באַדערפעניש". פראָטעסטירנדיק קעגן דער מאַניסטישער (גאַנצער) דערקלערונג, פראָטעסטירן די געלערנטע פון דער בורזשואַזיע בעצם קעגן יעדער דערקלערונג בכלל.

§ 42. די פאָרמירנדיקע פּרינציפּן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר זענען איצט צוגעקומען צו אײן אַלגעמײנער פּראָבלעם, װאָס שװימט אויף פאַר אונז נאָך די אַלע אויבנגעבראַכטע באַטראַכטונגען. די דאָזיקע פּראָבלעם באַשטײט אָט אין װאָס. מיר האָבן געזען, אַז די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע, אידעאָלאָגיע, עקאָנאָמיק שײדן זיך אונטער מיט געװיסע טיפּישע שטריכן. צי קען מען נישט אָנטאַפּן די דאָזיקע שטריכן? צי קען מען נישט פון דעם כאַאָס, פון דעם אמחן ים פון װירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע געזעלשאַפטלעך-פּסיכאָלאָגישע, אידעאָלאָגישע דערשײנונגען אויסטײלן דאָס עיקר'דיקע, דאָס אַנטשײדנדע, אויסגעפונען דאָס, װאָס איז דער אונטערשײדנדיקער שטריך — פון דער „געגעבענער צײט", פון דער געגעבענער עפּאָכע? צי װעט זיך דאָ נישט אויסװײזן, אַז דער צוזאַמענהאַנג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשײנונגען צװישן זיך װעט זיך אַנטפּלעקן אין דעם, װאָס פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע דערשײנונגען װעלן האָבן צװישן זיך עפּעס געמײנזאַמעס? מיר האָבן דאָך געזען, אַז זײ אַלע װערן אין „ענד-חשבון" באַשטימט דורך די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען? װי אַזוי זאָל מען בקיצור אויסדרוקן דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג? און װי אַזוי צוצוטרעטן צו דער אויפגאַבע?

לאָמיר נעמען איינע פון די „סובסטעלסטע" און „קאָמפּלי-
צירטסטע" דערשיינונגען פון גייסטיקן לעבן, די קונסט. מיר
האָבן געזען, אַז אין יעדער געגעבענער עפּאָכע האָט זי איר
אייגענעם „סטיל", ד. ה. אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס איז
אויסגעדרוקט אין ספּעציעלע פאָרמען. די דאָזיקע
פאָרמען (מיר ווילן, למשל, דערמאָנען די מצרישע קונסט) אַנט-
שפּרעכט אַ ספּעציעלער אינהאַלט, דעם דאָזיקן אינהאַלט — אַ באַשטימ-
טע אידעאָלאָגיע, דער אידעאָלאָגיע — אַ באַשטימטע פּסיכאָלאָגיע,
דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגיע — אַ באַשטימטע עקאָנאָמיק, דער דאָזי-
קער עקאָנאָמיק — אַ באַשטימטע שטופע פון פּראָדוצירנדיקע כוחות.
אָבער אויב מיר זעען אַלע געביטן פונם געזעלשאַפטלעכן
לעבן אַ באַשטימטקייט פון פאָרמען, צי קענען מיר
נישט זאָגן, אַז אַלע געביטן פונם לעבן האָבן זייער אייגענעם
„סטיל"? געוויס, מיר קענען. מ'קען פונקט מיט אַזאַ רעכט
רעדן וועגן „סטיל" פון דער וויסנשאַפט, ווי וועגן סטיל פונם
לעבן, ד. ה. וועגן די טיפּישע ספּעציעלע פאָרמען פון דעם
דאָזיקן לעבן (זע, למשל, וועגן „סטיל פון לעבן" ביי זימעל:
(Philosophie des Geldes, s. 480;) אין אַ געוויסן זין קען
מען רעדן וועגן סטיל פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק,
— און דאַן וועט מען אונטערן סטיל פון דער עקאָנאָמיק פאַר-
שטיין נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס מאַרקס רופט
אָן „פּראָדוקציע באַציונגען", אופן פון דער פּראָדוק-
ציע, אָדער „עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט".
אַזוי ווי דער סטיל פון וואָסער עס איז בוי ווערט באַשטימט
דורך דער באַשטימטער קאָמבינאַציע פון די עלעמענטן פון דעם
בוי, אַזוי אויך דער „סטיל" פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָ-
נאָמיק דריקט זיך אויס אין די ספּעציעלע פּראָדוקציע באַצי-
ונגען אין „אַ ספּעציעלן מין און אופן", דורך וועלכע ס'זענען
פאַרייניקט די עלעמענטן פון דער געזעלשאַפטלעכער גאַנצקייט
(„ספּעציעלער מין און אופן, אין וועלכע ס'ווערט פּראָדוצירט
ר* דאָזיקע פאַראייניקונג, שיידט אונטער ספּעציעלע עקאָנאָמישע
(K. Marx: — "עפּאָכן פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור

Das Kapital, II, s. 12) אָבער אין איין ריי מיטן אופן פון פראָדוקציע (Produktionsweise) עקזיסטירט אויך אַן „אופן פון פאָרשטעלונג" ("Vorstlelungsweise") ווי מאַרקס רופט דאָס אָן)· דאָס איז דער „סטיל" פון דער אידעאָלאָגיע פון דער געגעבענער עפּאָכע בכלל, ד. ה. יענער באַזונדערער אופן פון קאָמבינאַציע פון אידייען, געדאַנקען, געפילן, בילדער, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאר דער באשטימטער עפּאָכע, „די איינהייטלעכקייט פון פאָרמען (Gleichförmigkeit) פון דעם וויסנשאַפטלעכן דענקען, פון דער וועלטאַנשויונג און קוק אויפן לעבן. (Der Welt- und Lebensauffassung) „ווי ס'דריקט זיך אויס פראָפ. מאַרבע: (Karl Marbe: Die Gleichförmigkeit in der Welt. Untersuchungen zur Philosophie und positiven Wissenschaft. Beckiche Verlagsbuchhandlung München 1916, s. 86) אַזוי אַרום זענען מיר דערגאַנגען צו דעם, אַז מ'זאָל אנטקעגנשטעלן צווישן זיך דעם „אופן פון פּראָדוקציע" — פון איין זייט און דעם „אופן פון פאָרשטעלונג" פון דער צווייטער. מיט אַנדערע ווער־טער: מיר זענען דערגאַנגען צו דעם אנטקעגנשטעלן דעם עקאָנאָמישן „סטיל" פון דער געגעבענער געזעלשאַפט מיט איר אידעאָלאָגישן „סטיל". צי איז דערלאָזבאַר אַזא אַנטקעגנשטע־לונג? פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געזען ביים באטראַכטן די צוגעבויען בכלל און די אידעאָלאָגיעס בפּרט, דרינגט אַרויס מיט דער אַבסאָליוטער אָנצווייפלדיקייט, אַז מיר האָבן אויף דעם פולע רעכט.

מיר ווען דאָס דערקלערן מיט א משל. לאָמיר נעמען די פעאָדאַלע געזעלשאַפט· איר עקאָנאָמישן „סטיל" קען מען אויסדרוקן דורכן פּרינציפּ פון א פעסטער היעראַרכיע אָדער, וואָס איז דאָס זעלבע — די אידייען פון ראנג. אָט ווי אַזוי מאַרקס כאַראַקטעריזירט דעם פעאָדאַליזם: „אנשטאט אַן אומאפהענגיקן מענטש געפונען מיר דא יעדן איינעם אין צושטאַנד פון אומאָפּ־הענגיקייט — לייב־קנעכט און ערד־באַזיצער, וואס ‧לן און סעניאָרן, (Lehnsgeber) וועלטלעכע און גלחים. די פערזענלעכע אָפּ־

העגגיקייט כאראקטעריזירט אין דער זעלבער אַנטשיידענער מדרגה
(ebenso sehr) די געזעלשאפטלעכע באַציונגען פון דער מאַ=
טעריעלער פראָדוקציע, ווי די אויפגעבויטע אויף איר (אַנדערע)
ספערן פון לעבן". („קאַפּיטאַל" I ב. ז. 43) די דאָזיקע כאַ־
ראקטעריסטיק פון דער עקאָנאָמיק און אַנדערע „ספערן פון לעבן"
איז דאס טאקי דער „סטיל" פון דער עפּאָכע. די היעראַרכישע
אפּהענגיקייט (ראַנג) אין דער עקאָנאָמיק, די היעראַרכישע אָפּ=
הענגיקייט אין אנדערע „ספערן פון לעבן", דער היעראַרכישער
„סטיל" פון דער. ג אַ נ צ ע ר אידעאָלאָגיע. אין אמתן, צי האבן
מיר נישט געזען, אז דאָס גאַנצע דענקען פון די מענטשן איז
געווען א רעליגיע? פון די רעליגיע איז דאָך אַזאַ סיסטעם פון
געדאַנקען, ווו אַלץ ווערט דערקלערט אויפן א ו פ ן פון היעראַר-
כיע, ר אַ נ ג. די וויסנשאפט איז אַדורכגעדרינגען מיט דער
אידיי פון ראַנג, די קונסט איז אַדורכגעדרינגען מיט דער אידייע
פון ראַנג, וואָס געפינט איר אויסדרוק אויך אין איר סטיל.
ראַנג — דאָס איז דער „סטיל" פון ג אַ נ צ ן לעבן. אויך אין
דער איינהייט פון דעם דאָזיקן סטיל ווייזט זיך די אָפּהענגיקייט,
„אופן פון פאָרשטעלונג" (Vorstellungsweise) פון דעם „פּראָ-
דוקציע אופן", די אידייען־סיסטעם פון די „מענטשן-סיסטעם",
וואָס ווערט פון איר זייט באַשטימט דורך די „סיסטעם פון זאַכן",
ד. ה. געזעלשאַפטלעך=מאַטעריעלע פּראָדוצירנדיקע כוחות. אָט
אַזאַ וואָרצל פון סטיל, ווי אין געגעבענעם פאַל די היעראַרכיע,
אָדער ראַנג, קען מען אָנרופן פ אָ ר מ י ר נ ד י ק ע ר פ ר י צ י פ
פ ו נ ם ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ן ל ע ב ן". מיר זעען, אַז דאָ
האָט ער אַלס זיין יסוד די פ ר אָ ד ו ק צ י ע = ב אַ צ י ו נ ג ע ן.

די דאָזיקע איינהייט פון לעבנס „סטיל ווארפט
זיך אַזוי אין די אויגן, אַז צו דער דאָזיקער פּראָבלעם
זענען הארט צוגעגאַנגען אפילו בורזשואַ ע געלערנטע.
אַזוי, למשל, באַשאפט ק א ר ל ל א מ פ ר ע כ ט אַ טע=
אָריע וועגן „דאָמינאַנט", ד. ה. וועגן הערשנדיקן טיפ
פון פסיכאָלאָגיע, וואָס ענדערט זיך צוזאַמען מיט די

באַדינגונגען פון דער עפּאָכע, דערביי ווערט דער אַלטער
דאָמינאַנט צעשטערט און דערנאָך באַווייזט זיך אַ נייער
„סטיל פון לעבן" זע Karl Lamprecht:
Moderne Geschichte wissenschaft. 3, Auflage
Berlin 1920.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָבלעם וועגן די
פּאָרמירנדיקע פּרינציפּן ווערט גאָר פּשוט געלייזט די
פּראַגע, וואָס האַממערמאַכער האָט געשטעלט.
דער דאָזיקער געלערנטער רוקט אַרויס אַזאַ הויפּט-טענה
קעגן דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם: די
גאַנצע צייט בלייבט שטיין די פּראַגע פאַרוואָס נאָר די
עקאָנאָמישע באַדינגונגען געפינען זיי אַ צוטריט צו דער
היסטאָרישער נשמה". Emil Hammermacher: Das philosofhisch-ökonomische System
des Marxismus Leipzig. Duncker und Humblot,
1909, S. 178) דער באַשייד פון דער רעטעניש איז
אַ פּשוטער. אויף די מענטשן ווירקן נישט נאָר עקאָנאָ-
מישע ווירקונגען. נאָר אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין דער
ספּערע פון זייער דערפאַרונג. די אַלגעמיינע פּאָר-
מירנדיקע פּרינציפּן אָבער ווערן באַשטימט
דורך די פּראָדוקציע באַציונגען, וועלכע „שפּיגלען" זיך
טאַקי דעריבער אָפּ אין די אידעאָלאָגישע געביטן. אַמ-
בעסטן קען מען דאָס זען ביי דער רעליגיע. פאַרשטייט זיך,
אַז די זון-ליכט, אַז דער דונער, אַז דער טויט, אַז דער
שלאָף, אַז אַנדערע דערשיינונגען, — דאָס אַלץ, האָט
געהאַט אַ צוטריט צו דער היסטאָרישער נשמה". אָבער
די אידייַ פון „גאָטהייט, פון „העכסטער קראַפט„ „ראַנג"
אין דעם וועלט-געבוי האָט זיך באַוויזן ערשט צוזאַ-
מען מיט דער דערשיינונג פון דער ראַנג אינם געזעל-
שאַפטלעכן לעבן. אין דער דאָזיקער ראַם זענען
איינגעפּאַסט געוואָרן אַלע „אונטערקומענדיקע" (פּאַסיקע)
דערשיינונגען, בתוכם דער שלאָף און דער טויט. אדער

אין די בלוטיקע דעספאָטיעס איז אָפט דער הויפּט-גאָט
געווען דער גאָט פון מלחמה. אַזוי ווי ער איז גע־
ווען דער גאָט פון מלחמה, דעריבער איז ער אין זיין
וועגס געוואָרן דער גאָט פון דונער און בליץ, אַלס די
שרעקלעכסטע „קריגערישע" נאַטור=קרעפטן. דער שטורם
א. א. האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אין דער „היסטאָרישער
נשמה", אָבער די ראַמען פון די געזעלשאַפטלעכע באַ=
ציונגען האָבן פּאָרמירט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל.
מ׳קען שטעלן אַ פראַגע, פאַרוואָס זשע פאָרמירן די גע־
זעלשאַפטלעכע באַציונגען דעם דאַזיקן מאַטעריאַל? ווי
זענען דאָ די אינערלעכע צוזאַמענקייטלונגען? זייער פשוט.
דאָס קומט פאָר דערפאַר, ווייל די געזעלשאַפטלעכע סביבה
האָט איר גאַנצן לעבנס־יסוד אין די פּראָ=
דוקציע-באַציונגען. ... „די גלייכקייט פון די פאָרמען פון
די פסיכישע דערשיינונגען קען מען דערפירן צו דער
גלייכקייט פון די פאָרמען אין די באַציונגען פון די
דאָזיקע דערשיינונגען". אַ רייע פאַקטן פון דעם דאָזיקן
געביט זענען פּראָדוקטן פון דער קולטור". הובער האָט
געוויזן, אַז ביי דערפאַרונגען מיט אַסאַציאַציעס פון דער
איכות פון ווערטער=רעדוקציע הענגט זי צווישן אַנדערן אָפּ
פון דער פּראָפעסיע און לעבנס=אופן (Lebensgewohn-
heit) פון די פּערזאָנען וואָס האָבן פאַרזוכט די פּרוון
ד. ה. דערפאַרונג. (ק. מאַרבע. 1. c, ז, 52)
ענטפערן אויף די זעלבע פראגן (למשל אויף דעם פאַר־
שלאַג אָנצורופן עפּעס, אַלץ זיינס וואָסער וואַרט) האָבן
זיך באַקומען עפּטערס אָפּהענגיק פון לעבנס־אופן" פון די
געפּרוּווטע פּערזאָנען. צי איז נאָכדעם אַ ווונדער, וואָס
די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע הענגען
אָפּ פון „פּראָדוקציע=אופן פון דעם מאַטעריעלן לעבן"
און צוזאַמען מיט זיי פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות?

§ 43. טיפן פון עקאָנאָמישע סטרוקטורן און טיפן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטן.

באַטראַכטנדיק די פּראָבלעם וועגן געזעלשאַפטן, שטויסן מיר זיך אָן אויף באַשטימטע היסטאָרישע טיפּן פון דער געזעלשאַפט. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז ס'עקזיסטירט נישט געזעלשאַפט „בכלל"; אַז אין אמתן עקזיסטירט די געזעלשאַפט *שטענדיק* אין עפּעס אַ באַשטימטער היסטאָרישער שאָל, טראָגט אויף זיך, אויב מ'זאָל זיך אויסדריקן אויפן באַאַמטן-לשון דעם מונדיר פון איר צייט. דאָס איז פולקאָם פאַרשטענדלעך. מיר ווייסן, אַז געזעלשאַפט (אַ באַליביקע געזעלשאַפט), איז אַקבוץ פון מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אַ כסדרדיקער קעגנזייטיקער ווירקונג, דערביי שטיצן זיך די דאָזיקע פילצאָליקע קעגנזייטיקע ווירקונגען, ווי אויף זייער יסוד, אויף די *אַרבעטס* קעגנזייטיקע ווירקונגען פון מענטשן, אויף *דער סיסטעם פון פּראָדוקציע-באַציונגען*, אויב מ'זאָל נעמען די אַרבעטס-קעגנזייטיקע ווירקונגען אין יעדן געגעבענעם מאָמענט. אָבער די דאָזיקע סיסטעם פון פּראָדוקציע-באַציונגען איז אַ קבוץ פון צעשטעלטע אויף *אַ באַשטימטן מאַניער* מענטשן, וואָס זענען פאַרבונדן נישט בלויז מיט אַן אַרבעטס-בונד, נאָר מיט *אַ באַשטימטן טיפּ* פון אַרבעטס-בונד. דעריבער איז קלאָר, אַז געזעלשאַפט עקזיסטירט נאָר אויף *אַ באַשטימטן* אַרבעטס-באַזיס און אַזוי, ווי דעם דאָזיקן באַשטימטן באַזיס, דעם באַשטימטן „פּראָדוקציע אופן", אַנטשפּרעכט אויך אַ באַשטימטער „אופן פון פאַרשטעלונג", דעריבער איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז מיט דעם זעלבן איז אויך געגעבן דער טיפּ פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט אין איר גאַנצקייט, און נישט נאָר אין איר מאַטעריעל-פּראָדוקטיוון, אָדער עקאָנאָמישן טייל. די געזעלשאַפטלעכע טעכניק איז פאַרבונדן מיט דעם פּראָדוקציע אופן, דער פּראָדוקציע אופן — מיטן אופן פון פאַרשטעלונג און דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג פון דער מאַטעריעל-זאַכלעכער מענטשלעכער און גייסטיקער סיסטעם מאַכט פון דער געזעל-

שאַפט אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן טיפ. פונקט אַזוי ווי אין דער חיות־וועלט שיידן מיר אונטער פאַרשידענע מינים פון חיות, פאַרשידענע סאָרטן משפחות א. א. וו. אַזוי אויך אין דער סאָציאָלאָגיע שיידן מיר אונטער פאַרשידנאַרטיקע מינים פון געזעלשאַפטן. וועגן דעם האָבן מיר פריער נישט איינמאָל גערעדט. דאָ־זשע דאַרפן מיר אונטערשטרייכן דעם עיקר געדאַנק פון דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף, נעמלעך דאָס, אַז דער אונטערשיד פון די געזעלשאַפטלעכע „סאָרטן” פון געזעלשאַפטלעכע טיפּן קען אַן אַרבעט אָנגעטאַפּט ווערן נישט נאָר אין דער עקאָנאָמישער ספערע, נאָר אויך אין אַ באַליביקער ריי פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. דעם טיפּ פון דער געזעלשאַפט קען מען דערקענען סיי לויט איר אידעאָלאָגיע, סיי לויט איר עקאָנאָמיק. פון דער פעאָדאַלער קונסט קען מען ציען אַ שלוס וועגן די פעאָדאַלע באַציונגען, פון די פעאָדאַלע פּראָדוקציע באַציונגען קען מען ציען אַ שלוס וועגן דער פעאָדאַלער קונסט, אָדער רעליגיע, אָדער דעם כאַראַקטער פון דענקען בכלל א. אי וו. א. א. וו. דעריבער, למשל, אַנטציפערנדיק וואָסערע־עס־איז ליטעראַרישע דענקמעלער, וואָס ווערן אויסגעגראָבן דורך די אַרכעאָלאָגן, קען מען זיך מאָלן פאַרשידענע זייטן פון לעבן פון אונטערגעגאַנגענע פעלקער, משער זיין זיך וועגן זייער לעבנס־אָ נאָרדענונג. לעזנדיק כאַמוראַבּיס קאָדעקס, זענען מיר מחיה־מתים דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן פון בבל, לויט דער איליאַדע און אדיסיי קען מען אורטיילן וועגן דער אוראַלטער גריכישער געשיכטע א. א.

אַזוי אַרום, באַרירן די היסטאָרישע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, די באַשטימטקייט פון די דאָזיקע פאָרמען, נישט נאָר דעם עקאָנאָמישן באַזיס, נאָר דעם גאַנצן קבוץ פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, ווייל די עקאָנאָמישע סטרוקטור באַשטימט מיט זיך אי די פּאָליטישע סטרוקטור, אי די

אידעאָלאָגישע. קוים איז איין זאַך געגעבן, איז שוין מיט דעם
געגעבן די צווייטע. פון דעם, פאַ שטייט זיך, פאָלגט נישט,
אַז איין טיפּ פון געזעלשאַפט איז אָפּגעטיילט פון דער צוויי-
טער מיט אַזעלכע שאַרפע גרעניצן, ביי וועלכע ס'איז ביי די
דאָזיקע פאַרשידענע געזעלשאַפטן נישט פאַראַן קיין שום גע-
מיינזאַמע עלעמענטן. „אַבסטראַקט-שמאָלע גרעניץ-ליניעס פאַ-
נאַנדערגרעניצן אַזוי ווינציק די עפּאָכן פון דער היסטאָריע פון
דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי די עפּאָכן פון דער „גע-
שיכטע פון דער ערד" („קאַפּיטאַל" 1, ז. 335). פאַרקערט, אין
ווירקלעכן לעבן געפינען מיר טיילמאָל אין יעדן נייעם געזעל-
שאַפטלעכן טיפּ, ביי יעדער נייער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור
זייער גרויסע רעשטלעך, וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָל, יעשט-
לעך פון די אַלטע עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס. אויב מיר ווען,
למשל, נעמען די היינטצייטיקע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט,
וועלן מיר געפינען אַ מאַסע רעשטלעך פון די פריערדיקע עקאָ-
נאָמישע פאָרמאַציעס. אַ גאַנץ ברייטער שיכט פון פויערנטום
מיט זיין ווירטשאַפטלעכן לעבנסשטייגער איז, פאַקטיש, אַ רעשטל
פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע; דאָס זעלבע איז מיט דער האַנט-
ווערקעריי א. א. וו. דער „ריינער" קאַפּיטאַליזם איז משער די
עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, און
ער איז נ י ש ט משער די פויערים, האַנטווערקער א. א. וו.
קוים איז אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור נישטאָ און ס'קען
נישט זיין אַזאַ „ריינקייט", איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך
אין אידעאָלאָגישן געביט וועט אומפאַרמיידלעך באַוווּסט זיין „אַן
אויסמיש פון אידייען". מיט אַנדערע ווערטער: אין דער קאַ-
פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קען מען געפינען וויפיל מ'וויל נאָך
שפּורן פון דער פ ע אָ ד אַ ל ע ר אידעאָלאָגיע, למשל, ביי דער
ערדבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע און ביי דעם פויערנטום, ביי
די „דאָרפישע קלאַסן". וואָס שטיצן זיך אויף די פריערדיקע
אַגראַר-באַציונגען, וואָס האָבן נאָך אויפגעהיטן ווי נישט-עס-איז
אַלטע שטריכן. ...אין דער טעאָריע איז מען זיך משער (דאָ
רעדט זיך וועגן דער טעאָריע פון דער קאַפּיטאַליסטישער

ווירטשאַפט. נ. ב.), אַז די געזעצן פון קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוק־ציע אופן אַנטוויקלט זיך אין אַ רייכער פאָרם (sich rein entwikeln), אין אמתן אָבער איז שטענדיק פאַראַן גאָר אַ בקירוב. אָבער דער דאָזיקער בקירוב איז אַלץ גרעסער, וואָס גרעסער ס'איז אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק־ציע אופן און וואָס מער ס'פאַרשווינדט דאָס פאַרזומפּיק־טע און פאַרפלאָכטענע מיט די רעשטלעך פון די פריערדיקע עקאָנאָמישע צושטאַנדן" („Kapital" III, s. 158).

אָבער צוזאַמען מיט דער פאַרפלעכטונג פון די ווירט־שאַפטלעכע פאָרמען וועט אומפאַרמיידלעך זיין די פאַרפלעכטונג פון די אידעאָלאָגישע פאָרמען. אָט פאַר־וואָס ס'איז קיינמאָל נישט פאַראַן נישט קיין נאָך מער אבסאָ־ליוט גאַנצער „פּראָדוקציע אופן", נישט קיין אַבסאָליוט גאַנצער „אופן פון פאָרשטעלונג" (מיר זאָגן „נאָך מער", ווייל דער „אופן פון פאָרשטעלונג" איז פאַרשידן ביי פאַרשידענע קלאַסן, וואָס געהערן אפילו צו דער איינער און זעלבער עקאָנאָמישער סטרוקטור, גענומען אין איר יונג=פרווילעכער ריינקייט). אָבער פון דעם אַלעם דרינגט לגמרי נישט, אַז מיר קענען נישט און מיר דאַרפן נישט אונטערשיידן איינצלנע טיפן פון פּראָדוקציע=באַצי=יונגען און אידעאָלאָגישע פאָרמען. וואָרום, אין אַ באַליביקער ווירקלעך עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט הערשט שטענדיק אַ באַשטימטער טיפּ פון פּראָדוקציע=באַציונגען, און דעריבער הערשט אויך אַ באַשטימטער „אופן פון פאָרשטעלונג". אַזוי אַרום איז גערעכט וו. זאָמבאַרט, ווען ער זאָגט: „איך שייד אונטער די עפּאָכע אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן אָפּהענגיק, לויט זיין גייסט, פון דעם, צי אין דער באַשטימטער צייט האָט געהערשט אַ באַשטימטער גייסט" (W. Sombart: Der Burge-ois S. 6).

פונקט אַזוי האָט מאַרקס, רעדנדיק וועגן קאַפּיטאַליזם, געזאָגט וועגן דער „געזעלשאַפטלעכער פאָרם, אין וועלכער ס'הערשט (vorherschaft) דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אופן", פאַרגלייך: („Theorien über den Mehrwert", I, S. 424)

אזוי ווי אין דער חיות-וועלט שיידן מיר אונטער די מאַלפּע
פון מענטשן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ביי זיי זענען דאָ
ענלעכע שטריכן, אַזוי אויך ביים באַטראַכטן די געזעלשאַפטלעכע
פאָרמען שיידן מיר אונטער איין פאָרם פון דער צווייטער, נישט
קוקנדיק אויף דעם, וואָס ביי די „העכסטע" פאָרמען באַגעגנען
מיר אָפט אַפילו פולשטענדיק נוצלאָזע, אויפן ערשטן בליק אומ-
פאַרשטענדלעכע, רעשטלעך פון די אַלטע מינים, אַזוי גערופענע
„פונדאַמענטן".

אין דריטן קאַפּיטל פון אונזער [illegible] האָבן מיר שוין
גערעדט וועגן דעם, אַז ביים באַטראַכטן די געזעלשאַפט
דאַרף מען אונטערשיידן איר געזעלשאַפטלעכע פאָרם,
וואָס שטעקט אין די אייגנאַרטיקייטן פון דער עקאָנאָמי-
שער סטרוקטור. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט נישט
איין מאָל אַרויסגערופן אן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד מצד
דער אָפיציעלער בורזשואַזיע, וועלכער ס'האָט געעקלט
פון געדאַנק וועגן אַ גרונטלעכן איבערבוי פון געזעלשאַפט-
לעכע באַציונגען, אַז דער עצם ענין איז אַזוי, אַנער-
קענען דאָס די בורזשואַזיע געלערנטע גופא. אַזוי שרייבט
Dr. Bernard Oderbreit מאַרקס „ווי
דאָס איז פולשטענדיק נאַטירלעך פאַר
די רעוואָלוציאָנערן", האָט געהאַט אַ באַ-
זונדערעס שאַרף אויג אויף דעם היסטאָרישן, פאַרביי-
גייענדיקן כאַראַקטער פון די אַלע געזעלשאַפטלעכע אַנ-
שטאַלטן. צו דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם בליק אין געביט
zu dieser algemein ge- פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן
selschaftswissenschaftlichen Einsicht) פאַרייניקט
זיך באַוווסטזיניק אַ קריטישער קוק (Besinung) אויף
מער שמעלערע געביטן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע...
Plenge: Staatswissenschaftliche Beiträge Heft
1. B. Odenbreit. Die vergleichende Virtschaftstheorie bei Karl Marx, Essen a. d.

אונזער קורסיוו R., Verl. Baeredect 15 S. 1919).
אָט טאקי אזא שאַרף אויג אויף דעם, וואָס ענדערט
זיך, העלן אומפאַרמיידלעך האָבן נאָר די רעוואָלוצ=
יאָנערן. אין דעם, ווי מיר ווייסן, ליגט איינע פון די
הויפּט=סיבות פון דער איבערוואָג פון די געזעלשאַפטלעכע
וויסנשאַפטן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאַט אי-
בער די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן פון דער קאָנטר=
רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע.

אויב מיר וועלן נעמען די פריסטע פון די באַוווסטע
פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, דעם אזוי גערופענעם „פּרימי=
טיוון קאָמוניזם", וועט דעם טיפּ פון דער פּראָדוקציע-
באַציונגען, ווי דיווירטשאַפטלעכע „פּערזענלעכקייט" האט זיך
נאָך נישט אויסגעטיילט פון דער „האַרדע", אַנטשפּרעכן אויך
„די פאָרמען פון באַוווסטזיין": ס'איז נישטאָ קיין רעליגיע,
קיין אידייִ וועגן ראַנג. ס'איז אפילו נישט פאַראַן די אידייִ
וועגן פּערזענלעכקייט, וועגן איינצעלנעם, אינדיווידועלן. און גיט
אַ קוק אויף דער אזוי גערופענער „פעאָדאַלער געזעל-
שאַפט", „וועמענס וועזנטלעכע שטריכן באַשטייען, פון איין
זייט, אין דער צערברעקלונג פון לאַנד אין מערערע זעלבסט=
שטענדיקע באַזיצן, פּירשטנטומס און פּריוועליגירטע פּריצישע
סעניאָראַטן און, פון דער צווייטער זייט, אין דער פאַרייניקונג
פון די באַזיצן דורך אָבמאַכערישע וואַסאַלישע פאַרבינדונגען".
(נ. פּ. סילוואַנסקי: „פעאָדאַליזם אין אלטן רוסלאַנד"
פּעטערבורג, 1907, 45). דאָ איז דער סטיל פון דער עקאָנאָמיק –
אַ היעראַרכישער; דער סטיל פון דער „פּאָליטיק" — אויך אַ
היעראַרכישער, דער סטיל פון דער אידעאָלאָגיע — אויך אַ
זעלכער. ווי מיר האָבן שוין געזען, הערשט אין אלץ די אידייִ
וועגן ראַנג. אינם יסוד ליגט דער גרויסער ערד=באַזיץ
(„nulle terre sans seigneur" — „נישטאָ קיין ערד אָן הער-
שער באַלעבאָס" — דאס איז דאס שפּריכוואָרט, וואָס כאַראַק=
טעריזירט די דאָזיקע עקאָנאָמישע אָרדענונג), און אוממעכט=

קער און אומבאוועגלעכער. די עקאָנאָמישע פארבינדונגען — פארבינדונגען צווישן גוט-באַזיצער און לייב-קנעכט, זענען פעסטע, אומבאוועגלעכע, אומפארענדערלעכע פון שטאנדפונקט פון די מיטגלידער פון דער פעאָדאַלער געזעלשאפט: אלץ איז „פארפעסטיקט", „צוגעבונדן" צו זיין אָרט אין דער היעראַרכישער סיסטעם: יעדער דארף זיך היטן זיין הויקער. דאס זעלבע איז געווען אויך אין פּאָליטישן צוגעבוי, וועלכער האט אויסגעדרוקט די דאזיקע פראָדוקציע-באציונגען.

די היעראַרכיזירנדיקע טענדענץ פונם פעאָדאַלן לעבן איז דערהויבן געוואָרן צו דער שטופע פון א טעאָריע און סיסטעם דורך די יוריסטן פון 13-טן י. ה. (דא רעדט זיך וועגן אייראָפּעישן פעאָדאַליזם) פאר די גלחים איז קלאָר די האַריזאָנטאַלע איינטיילונג פון דער געזעלשאפט, ווי א גאנצעס, הגם זי צעפאַלט זיך אויף פריצים און כאַמעס. זיי ווייזן אָן די קנעכט אויף די חערטער פונם אפּאָסטאָל, וואס באפעלט די קנעכט צו זיין געהארכזאם זייער באַלעבאָס. גאָט האט פעסטגעשטעלט אויף דער ערד „קעניגן, הערצאָגן און אנדערע מענטשן, וועלכע ער האט געהייסן, אז זיי זאָלן באַפעלן מיט די איבעריקע. זיי זענען געשטעלט געוואָרן דורך גאָט, כדי די קליינע זאָלן זיין אָפּהענגיק פון די שטארקע" (ל. פּ. קארסאווין: די קולטור פון מיטלאלטער. פארלאג „אָגני", פּעטראָגראַד 1918, ז. 99) די גאנצע וועלט-באַנעמונג איז רעליגיעז, ד. ה. אדורכגעדרונגען מיטן פּרינציפּ פון דער ראַנג, אָדער, ווי מ'דרוקט זיך אויך אויס, אויטאָריטאַריש; פון דאן שטאמט טאקי נאר אומבאוועגלעכקייט, טראדיציאָנאליזם (הערשאפט פון דער טראַדיציע, איין מאָל פאר אלע מאָל געגעבענע, פעסטגעשטעלטע); די וויסנשאפט איז, הויפטזעכלעך, אן אויסטייטשונג פון דער מסורה און דער הל. שריפט. די קונסט — „געטלעך" און זי דערהויבט אין דער פאָרם און אינהאַלט די „העכסטע" כוחות, די הימלישע און ערדישע; די הערשנדיקע מאָראַל און מנהג — די מאָראל פון פעאָדאַלער געטרייקייט, פּריצישער שטאלצקייט, פארערונג די הערלעכע מצוות פון די פעטער,

אכטונג פאר דער „איידלקייט" און „יחוסדיקן אָפּשטאַם";
„quod licet Jowi, non licet bowi" (וואס איז דערלויבט
יופּיטערן, איז נישט דערלויבט דעם ביק) מיט איין וואָרט מיר
האבן דא פאר זיך א ספּעציעלן „געזעלשאַפטלעכן מין",
א ספּעציעלע פאָרם פון דער געזעלשאַפט, אָנהייבנדיק פון זיין
מאטעריעלן באזיס און ענדיקנדיק מיט די גאָר „העכסטע" פאָר־
מען פון געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין.

איצטער וועלן מיר כאַפּן א בליק אויף דער קאַפּי־
טאַליסטישער געזעלשאַפט. איר עקאָנאָמישער יסוד
דינט א גאָר אַנדערן טיפּ פון באַציונגען, „די קעגנזעצלעכקייט
צווישן דער מאַכט פון דעם ערד־באַזיצערישן אייגנטום, וואָס
עס צט זיך אויף די פּערזענלעכע באַציונגען פון הערשאַפט און
קנעכטשאַפט (Knechtschaft und Herschersverhältnissen)
און די אומפּערזענלעכער מאַכט פון געלט איז אויסגעצייכנט
אויסגעדרוקט (ist klar gefasst) אין צוויי פראַנצויזישע שפּריכ־
ווערטער: „Nulle terre sans seigneur. L'argent n'a pas
de maitre" (נישטאָ קיין ערד אָן הערשער־באַלעבאָס, געלט
האט נישט קיין באַלעבאָס. מאַרקס: „קאַפּיטאַל" 1) אין דער
דאָזיקער באַהויפּטונג מאַרקסנס איז אויפגעדעקט איינע פון די
הויפּט עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער
געזעלשאַפט, נעמלעך, דער צוזאַמענהאַנג פון די אונטערנעמונגען
דורכן מאַרק, פונוואַנען עס וואַקסט אויך אויס די אומ־
פּערזענלעכע קראַפט פון דעם דאָזיקן מאַרק און די אומפּער־
זענלעכע „אַבסטראַקטע" קראַפט פון געלט. ס'איז אָבער פאַראַן
אַן אַנדערע זייט פון דעם ענין. די אומפּערזענלעכע געזעלשאַפט־
לעכע קראַפט פון געלט, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין קאַפּי־
טאַל, געפינט אָבער פונדעסטוועגן א באַלעבאָס, אויף וויפיל די
פּשוטע האַנדלס־פּראָדוקציע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַפּי־
טאַליסטישער פּראָדוקציע.

פונקט ווי אין גאָלד ווערן אָפּגעמעקט אַלע איכותדיקע אונטערשידן פון סחורות, אַזוי מעקט (דאָס גאָלד) פון זיין זייט, אָפּ, ווי אַ ראַדיקאַלער לעוועלער 1), אַלערליי אונטערשידן. אָבער געלט — איז סחורה, אַן אויסערלעכע זאַך, וואָס קען ווערן ס'אייגנטום פון יעדן מענטשן. די געזעלשאַפטלעכע קראַפט ווערט אַזוי אַרום אַ פּריוואַטע קראַפט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן (דאָרטן, קאַפּיטל וועגן געלט, § וועגן בילדן אוצרות). און פון דאַנען דרינגט דער צווייטער שטריך פון דער עקאָנאָמיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איר ה י ע ר א ר כ י ש קייט. דער דאָזיקער שטריך איז אויך גלענצנד כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך מ אַ ר ק ס ן. אין קאַפּיטל וועגן קאָאָפּעראַציע שרייבט ער („קאַפּיטאַל”, I, ב.): לויט איר פאָרם איז די קאַפּיטאַליסטישע אָנפירונג אַדעספּאָטישע. לויט דער מאָס פון אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין אַ ברייטן מאַסשטאַב אַנטוויקלט אויך דער דאָזיקער דעספּאָטיזם אייגנאַרטיקע, אים געהעריקע פאָרמען... דער קאַפּיטאַליסט באַפרייט זיך פון דער האַנט-אַרבעט, באַלד ווי זיין קאַפּיטאַל דערגרייכט נאָר יענע מינימאַלע גרויס, ביי וועלכער עס ווערט מעגלעך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין אייגנטלעכן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט. אויך אין ענלעכן אויפן גייט דערנאָך איבער אי די פונקציע פון דירעקטער און כסדרדיקער אויפזיכט איבער די איינצעלנע אַרבעטער און גרופּן-אַרבעטער צו אַ ספּעציעלער קאַטעגאָריע פון געדונגענע אַרבעטער. פונקט אַזוי ווי די אַרמיי נויטיקט זיך אין אַ ה ע ר א ר כ י ע (אויבער קורסיוו ג. ב.) פון מלחמה-קאָמאַנדירן, אַזוי אויך זענען פאַר דער מאַסע אַרבעטער, וואָס זענען פאַראייניקט

1) לעוועלער האָבן געהייסן די ענגלישע רעוואָלוציאָנערן — „אויסגלייכער”.

דורך דער בשותּפותדיקער אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון דעם זעלבן קאַפּיטאַל, נויטיק אינדוסטריעלע אויבער־אָפיצירן (פאַרוואַלטער manager) און אונטעראָפיצירן (מייסטער foremen, overlookers, contremaîtres) וואָס שאַפן אין דער צייט פון אַרבעטס־פּראָצעס אין נאָמען פון קאַפּיטאַל. די אַרבעט פון דער אויפזיכט ווערט באַפעסטיקט, ווי זייערס אַן אויסשליסלעכע פונקציע".

אזוי אַרום טראָגט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אופן אַ צווייאיקן כאַראַקטער: פון איין זייט, איז דאָס אַ קיבוץ פון איינצלנע, פּריוואַטע ווירטשאַפטן, „אינטערנעמונגען", וואָס זענען פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן מיט דעם היעראַר־כישן מאַרק-צוזאַמענהאַנג דורכן אויסטויש, דערביי הערשט די סטיכיישע קראַפט פון מאַרק איבער יעדער ווירטשאַפט באַזונדער; פון דער צווייטער זייט, — איז דאָס אַ היסטאָרישע סיסטעם פון דער „קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַל". ס'איז נישט קיין וואונדער וואָס אויפן יסוד פון אַזאַ פּראָדוקציע אופן וואַקסט אויך אויס אַן אַנטשפּרעכנדיקער אופן פון פאָרשטעלונג. זיין „סטיל" דאַרף אין זיך אָפּשפּיגלען דאָזיקע צווייאיקייט. און אין אמתן, דער „ופן פון פאָר־שטעלונג" און דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט שיידט זיך אונטער, פון איין זייט, מיט דעם, וואס מאַרקס האָט אָנגע־רופן סחורה פעטישיזם, פון דער צווייטער זייט — מיט דעם זעלבן פּרינציפּ פון „ראַנג", וועלכע מיר באַאָבאַכטן אויך אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. פון דער קאָמבינאַציע פון די דאָזיקע „פאָרמירנדיקע פּרינציפּן" באַקומט זיך טאַקי דער גרונט־סטיל פון דעם הערשנדיקן אין דער קאַפּיטאַליסטי־שער וועלט „אופן פון פאָרשטעלונג".

וואָס איז דאָס אַזוינס דער סחורה־פעטישיזם?

אין דער סחורה-קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַרבעט די אונטערנעמונג „זעלבסטשטענדיק" פאַר אומבאַוווסטן מאַרק. בעצם איז דאָ יעדע אַרבעט אַ טיילעכל פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און יעדעס טיילעכל איז אָפּהענגיק איינס פון צווייטן.

אָבער דאָס קומט פאָר אין אַזאַ פאָרם, אַז דער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענהאַנג צווישן מענטשן, וועלכע אַרבעטן פאַקטיש איינער פאַרן צווייטן, איז פאַרהוילן פון מענטשלעכן אויג. אויב מיר וואָלטן געהאַט פאַר זיך א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווו אַלץ ווערט געטון לויט א פלאַן, דאַן וואָלט פאַר אַלע געווען קלאָר, אַז מענטשן אַרבעטן איינער פאַרן צווייטן, אַז יעדער איינצעלנער מין פון דער אַרבעט איז נאָר אַ טיילעכל פון דער בשותפותדיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט א. א. וו. די באַציונגען צווישן די מענטשן וואָלטן געווען קלאָר, דאָ וואָלט נישט געווען קיין שום פאַרנעפלטקייט. גאָר אַנדערש שטייט די זאַך אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דאָ זעט מען נישט דעם דאָזיקן אַרבעטס־צוזאַמענהאַנג צווישן די מענטשן. ער איז פאַרהוילן פון די מענטשן — מיט וואָס זשע איז ער פאַרהוילן? מיט דעם יריד פונם מאַרק. אויפן מאַרק באַוועגט מען זיך, מען קויפט און מען פאַרקויפט זאַכן, סחורות. אָבער נישט מענטשן הערשן שכלדיק איבערן מאַרק, נאָר דער מאַרק הערשט מיט זיינע פרייזן איבער די מענטשן. די מענטשן זעען די באַוועגונג פון זאַכן און דעריבער פאַרשטייען זיי נישט, אַז זיי אַרבעטן איינער פאַרן צווייטן, אַז זיי אַלע זענען פאַרבונדן מיט אַן אַלגעמיינעם אַרבעטס־צוזאַמענהאַנג. דער דאָזיקער אַרבעטס־צוזאַמענהאַנג שטעלט זיך זיי פאָר אין פאָרם פון א ספּעציעלער ווונדערלעכער קראַפט פון סחורות־זאַכן, אין געשטאַלט פון פרייז פון די דאָזיקע סחורות. די באַציונגען צווישן מענטשן שטעלן זיי זיך פאָר אַלס באַציונגען צווישן זאַכן. אָט דאָס איז דער סחורה־פעטישיזם, דאָס צושרייבן ווונדערלעכע אייגנשאַפטן די זאַכן, אונטער וועמענס באַוועגונג ס׳איז אין אמתן באַהאַלטן די קעגנזייטיקע אַרבעט פון מענטשן. אָט דער דאָזיקער פעטישיזם, ווען א באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע באַציִונג פון די מענטשן גופא...ן זעט אויס אין זייערע אויגן ווי א פאַנטאַסטישע פאָרם פון באַציונג צווישן זאַכן" (מאַרקס) — איז די אונטערשיידנדיקע אייגנאַרטיקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן „אופן פון פאַרשטעלונג". מיר האָבן שוין

געזען, ווי די בורזשואזע געלערנטע, מאלער, פילאָזאָפן א. א. וו. רעגן זיך אויף, ווען מען רעדט וועגן די געזעלשאַפטלעכע וואָרצלען פון דער וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע. זיי זענען דערכאויס פעטישיסטן. וואָרום זיי זעען נישט דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג; זיי קענען נישט פאַרשטיין, אַז זייער באַגייסטערטע, געטלעכע אַרבעט איז אויך א טייל פון דער בשותפותדיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער פעטישיזם פון דער קאַפיטאַליסטישער וועלט איז אויסערגעוויינלעך בולט פאָרגעשטעלט אין דעם געביט פון די אַזוי גערופענע מאָראַלע נאָרמען אָדער „עטיק“, וועגן וועלכער ס'האָבן מער פאַר אַלץ ליב צו רעדן די געלערנטע פּראָפעסאָרן. מיר האָבן שוין אויסגעטייטשט, אַז די ערשטע נאָרמען זענען כללים פון אויפפירונג, וואָס זענען נויטווענדיק פאַר דער דערהאַלטונג פון דער געזעלשאַפט, אָדער קלאַס, אָדער פּראָפעסיאָנעלער גרופּע א. א. וו. זיי האָבן א נויטווענדיקן געזעלשאַפטלעכן, דינסטלעכן באַטייט. דערווייל אָבער ווערט דער דאָזיקער באַטייט זייערער, דער מענטשלעכער און געזעלשאפטלעכער, נישט אַנערקענט אין דער פעטישיסטישער געזעלשאַפט. פאַרקערט, די דאָזיקע נאָרמען ד. ה. די טעכנישע כללים פון אויפפירונג, ווערן פאָרגעשטעלט ווי אַ „פליכט“ וואָס הענגט איבער די מענטשן, ווי עפּעס אַן אויסערלעכע געטלעכע צוואַנגס קראַפט. דער דאָזיקער אומפאַרמיידלעכער פעטישיזם פון דער עטיק איז אויסגעצייכנט אויסגעדריקט ביי דעם בורזשואַזן געניאַלן פילאָזאָף אי. קאַנט אין זיין לערע וועגן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו.

גאָר אַנדערש דאַרף אויף דעם קוקן דער פּראָלעטאַריאַט. ער קען נישט זיין א פּרעדיקער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פעטישיזם. פאַר אים זענען די נאָרמען פון זיין אויפפירונג די אייגענע טעכנישע כללים, ווי

פארן סטאָלער, וואָס מאַכט א טאַבורעטקע. אויב דער סטאָלער וויל מאכן אַ טאַבורעטקע, דאַרף ער היבלעווען, זעגן, צוקלעבן א. א. וו. דאָס דרינגט פון דעם אַרבעטספראָצעס גופא. ער וויל נישט קוקן אויף די כללים פון דעם אויסארבעטונג פון האָלץ, ווי אויף עפּעס א פרעמדע פאַר אים זאַך, וואָס איז גענומען געוואָרן פון עפּעס אַ יענעזייטיקער וועלט, וואָס באַפעלט מיט אים. דאָס זעלבע איז מיטן פּראָלעטאַריאַט אין זיין געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אויב ער וויל אויסקעמפן דעם קאָמוניזם, דאַרף ער טון דאָס און דאָס, ווי דער סטאָלער, וואָס מאַכט א טאַבורעטקע, און דאָס, וואָס איז צוועקמעסיק פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, דאַרף מען טון. די „עטיק“ ווערט ביי אים ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט אין פשוטע און פארשטענדלעכע טעכנישע כללים פון אויפפירונג, וואָס זענען נויטיק פארן קאָמוניזם, און דעריבער הערן זיי אויף לויטן עצם ענין צו זיין עטיק, ווארום דער וועזן גופא פון דער עטיק באַשטייט טאַקי אין דעם, וואָס דאָס זענען נאָרמען, וועלכע זענען אַרומגענומען מיט אַ פעטיסישטישער שאָל. פעטישיזם איז דער וועזן פון דער עטיק. דאָרטן, ווו ס׳פארשווינדט דער דאָזיקער פעטישיזם, דאָרטן פארשווינדט אויך די עטיק. ס׳וועט קיינעם נישט איינפאלן, למשל, אָנצורופן די סטאטוטן פון א קאָאָפּעראַטיוו-געוועלב אָדער פון א פאַרטיי „עטישע“ אָדער „מאָראַלישע“. ווייל דא איז יעדן איינעם פארשטענדלעך זייער מענטשלעכער זין. עטיק אָבער האָט אַ פעטישיסטישן נעפּל, אין וועלכן אַ סך פארלירן דעם וועג. אזוי אַרום זענען דעם פּראָלעטאַריאַט נייטיק נאָרמען פון אויפפירונג און דערביי זייער גענויע אָבער ס׳איז אים כלל נישט נויטיק די „עטיק“, ד. ה. דער פעטישיסטישער סאוס צו א נוצלעכער שפּייז. ס׳איז זעלבספארשטענדלעך, אַז אויך דער פּראָלעטאַריאַט באַפרייט זיך נישט מיט אַמאָל פונם פעטי-

שיזם פון דער סוחרישער געזעלשאפט, אין וועלכער ער לעבט. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדערע פראגע.

דער פעטישיזם פון דער סוחרישער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע בינדט זיך מיטן פּרינציפּ פון „ראנג", און די דאָזיקע צוויי גרונט-פאַרמירנדיקע פּרינציפּן בילדן דעם שורש פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אופן פון פארשטעלונג, יענע ראַם, אין וועלכער ס'ווערט איינגעפּאַסט דער אידעאָלאָגישער מאַטעריאַליזם. אַזוי אַרום איז אויך די קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַ ספּעציעלער מין פון געזעלשאַפט, מיט ספּעציעלע, כאַראַקטעריסטישע טעריכן אין „אַלע" מדרגות פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ענדיקנדיק מיט די העכסטע אידעאָלאָגישע געבויען. אַזוי אַרום באַשטימט פון פאַרויס דער טיפּ פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור אויך דעם טיפּ פון דער סאָציאַל-פּאָליטישער סטרוקטור, פון דעם טיפּ פון דער אידעאָלאָגישער סטרוקטור. די געזעלשאַפט האָט איין גרונט „סטיל" אין אַלע הערשנדיקע דערשיינונגען פון איר לעבן.

§ 44. דער סתּירות'דיקער כאראקטער פון דער אנטוויקלונג; די אויסערלעכע און אינערלעכע גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאפט.

אין די פריערדיקע פּאַראַגראַפן האָבן מיר באַטראַכט די דערשיינונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט. אָבער מיר דאַרפן דערביי אויף אַ מינוט נישט אַרויסלאָזן פונם געדאַנק, אַז מיר רעדן וועגן דער באַוועגלעכער גלייכגעוויכט, ד. ה. וועגן אַ זאַך צושטאַנד פון זאַכן, ווען די גלייכגעוויכט ווערט בסדר געשטערט, אויפסנייַ צוריקגעשטעלט שוין אויף אַן אַנדערן יסוד, אויפסנייַ געשטערט א. א. וו, מיט אַנדערע ווערטער: מיר האָבן פאַר זיך אַ סתּירותדיקן פּראָצעס, מיר האָבן פאַר זיך נישט קיין צושטאַנד פון רו און נישט קיין צושטאַנד פון אַבסאָלוטער צוגעפּאַסטקייט, נאָר אַ קאַמף פון קעגנזעצלעכקייטן, אַ דיאַלעקטישער פּראָצעס פון באַוועגונג. דעריבער, ווען מיר באַטראַכטן דעם

געבוי פון דער געזעלשאפט, ד. ה. די באציונגען צווישן אירע טיילן, דארפן מיר לגמרי זיך נישט פארשטעלן עפעס א פולע הארמאניע צווישן די דאזיקע טיילן, ווארום יעדע סטרוקטור האט אירע אייגענע סתירות, און אין יעדער קלאסן-געזעלשאפטלעכער פארם זענען די דאזיקע סתירות אויסערגעוויינלעך שטארק. דערווייל אבער פארשטייען לגמרי נישט יענע פון די בורזשואזע סאציאלאגן, וואס זעען דעם צוזאמענהאנג פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען איינער מיט דער צווייטער, די אינערלעכע סתירותדיקייט פון די געזעלשאפטלעכע פארמען.

אין דעם פרט איז טשעקאווע די גאנצע שול פון דעם יסוד-לייגער פון דער בורזשואזער סאציאלאגיע, אגיוסט קאנט. דער צוזאמענהאנג פון אלע געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען איז ביי אים דא (דער אזוי גערופענער „קאנסענזוס"), און אין דעם דרוקט זיך אויס די „ארדענונג". אבער די סתירות פון דער דאזיקער ארדענונג" און באזונדערס אזעלכע סתירות, וואס דערפירן די דאזיקע ארדענונג צו אן אומפארמיידלעכער מפלה, זענען נישט א זאך פון אנאליז. פארקערט, פאר די אנהענגער פון דיאלעקטישן מאטעריאליזם איז די דאזיקע זייט פון ענין איינע פון די זייער וועזנטלעכע, אויב נישט פון וועזנטלעכסטע זייטן, ווארום, ווי מיר ווייסן שוין, טאקי די סתירות פון דער געגעבענער סיסטעם זענען דאס, וואס „באוועגט", דאס, וואס דערפירט צו דער ארדענונג פון די פארמען, צו דער אייגנארטיקער ענדערונג, פארוואנדלונג („טראנספארמאציע") פון די מינים אינם פראצעס פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג אדער געזעלשאפטלעכער ירידה.

ביים באטראכטן דעם געזעלשאפטלעכן געבוי האבן מיר געזען, אז אירע ענדערונגען זענען פארבונדן מיט דער ענדערונג פון דער באציונג, וואס הערשט צווישן דער געזעלשאפט און דער נאטור. די לעצטע גלייכגעוויכט האבן מיר מיט א תנאי אנגערופן אויסערלעכע גלייכגעוויכט, אין דער צייט האבן מיר די גלייכגעוויכט צווישן די פארשידענע רייען געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען אנגערופן אינערלעכע

גלייכגעוויכט פֿון דער געזעלשאַפֿט. אויב מ׳זאָל איצט קוקן אויף דער גאַנצער געזעלשאַפֿט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער סתירות־דיקייט פֿון דער אַנטוויקלונג, וועט פֿאַר אונדז באַלד אויפֿשווימען אַ ריי פֿראַגן: קודם כּל וועלן מיר זען, אַז אין יעדער ריי פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען זענען פֿאַראַן אייגענע סתירות (למשל, אין דער עקאָנאָמיק — די סתירות צווישן פֿאַר־שידענע אַרבעטס־פֿונקציעס, אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער סטרוק־טור – סתירות צווישן קלאַס, אין דער אידעאָלאָגיע — סתירות צווישן די קלאַסן־אידעאָלאָגישע סיסטעמען א. א. וו. שוין אָפּ־גערעדט פֿון אַ ריי אַנדערע סתירות); דערנאָך וועלן מיר אָן שוועריקייט אונטערשיידן סתירות צווישן דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק (ווען, למשל, די רעכטלעכע נאָרמען זענען געבליבן „הינטערשטעליק" לגבי דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און עס ווערט רייף, זאָגן מיר, עפּעס אַ „רעפֿאָרם"). צווישן דער עקאָ־נאָמיע און אידעאָלאָגיע, צווישן דער פּסיכאָלאָגיע און אידעאָ־לאָגיע (ווען, למשל, ס׳פֿילט זיך שוין, אַז מ׳דאַרף עפּעס אַ נייע זאַך, און דאָס נייע איז נאָך נישט איינגעאָרדנט געוואָרן, נאָך נישט אויסגעגאָסן זיך אין אַן אידעאָלאָגישער פֿאָרם), צווישן דער וויסנשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע א. א. וו. דאָס זענען סתירות צווישן די רייען פֿון פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען, סיי די ערשטע, סיי די צווייטע געהערן צו דער אינערלעכער גלייכגעוויכט. נאָר ס׳איז פֿאַראַן אַ סתירה צווישן דער געזעלשאַפֿט און נאַטור, די שטערונג פֿון גלייכגעוויכט צווישן דער געזעלשאַפֿט און דער אַרומיקער סביבה, וואָס געפֿינט איר אויסדרוק אין דער באַוועגונג פֿון די פּראָ־דוצירנדיקע כּוחות. דאָס איז דער געביט פֿון אויסערלעכער גלייכגעוויכט. מיר ווייסן שוין, אַז ס׳איז פֿאַראַן נאָך איין אויסערגעוויינלעך וויכטיקער פֿאַל פֿון סתירה.

דאָס איז די סתירה צווישן דער באַוועגונג פֿון די פּראָ־דוצירנדיקע כּוחות און דער געזעלשאַפֿטלעכן = עקאָנאָמישער

און צוזאמען מיט דעם אויך יעדע אנדערע) סטרוקטור פון דער געזעלשאפט. דא טרעט אריין אין א קאנפליקט די באציונג, וואס עקזיסטירט צווישן דער געזעלשאפט און נאטור, מיט די באציונגען, וואס זענען אנטשטאנען אין דער געזעלשאפט גופא. ס'איז נישט שווער צו זען, אז דער דאזיקער קאנפליקט, די דאזיקע סתירה דארף אומפארמיידלעך שפילן א זייער וועזנטלעכע ראל אינם לעבן פון דער געזעלשאפט, ווארום ־ורך איר ווערן אנגערירט די „יסודות פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג", די „וואלפישן". אויף וועלכע ס'שטיצט זיך די געגעבענע אָרדענונגען פון זאכן.

מיר האָבן נאָר דאָ אָנגעמערקט די הויפט-פראָבלעמען, וואס שטייען אין צוזאמענהאנג מיט די געזעלשאַטלעכע סתירות. אנאליזירן די דאזיקע פראָבלעמען — דאָס איז די אויפגאבע פונם פאָלגנדיקן קאפיטל, ווו מיר וועלן באטראכטן די געזעלשאפט אין איר באוועגונג; ביז איצט האָבן מיר, הויפטזעכלעך, באטראכט דעם געבוי פון דער געזעלשאפט, דעם געבוי פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאפטלעכער פאָרם. ווייטער וועט אונז אויסקומען צו רעדן, קודם־כל, וועגן די איבערגאנגען פון איין „געבוי", פון איין סטרוקטור אין א צווייטער. דאָ איז פאר אונז וויכטיק נאָך איינמאָל אונטערצושטרייכן, אז דער געזעץ פון דער געזעלשאפטלעכער גלייכגעוויכט איז א געזעץ פון באוועגלעכער גלייכגעוויכט, וואָס נישט נאר ער שליסט נישט אויס, נאָר, פארקערט, פארשטעלט די אנטאגאניזמען, סתירות, גישטצוגעפאסטקייט, קאָנפליקטן, קאמף, און — וואָס איז באזונדערס וויכטיק — ביי באשטימטע באדינגונגען, די אומפארמיידלעכקייט פון קאטאסטראָפעס און רעוואָלוציעס. אונזער מארקסיסטישע טעאָריע איז א רעוואָלוציאָנערע טעאָריע.

ליטעראטור צום זעקסטן קאַפּיטל.

מארקס: קאפיטאל, באזונדערס דעם 1-טן ב. זיינס: צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאנאָ-מיע. זיינס: Einleitung zu einer Kritik der Polit. Oekonomie. קויטסקי: פאָרוואָרט צו סאָלוויאָליטש בוך „וועגן קאפיטאליזם אין אַלטערטום". לענין; מלוכה און רעוואָלוציע *). ענגעלס: די אָפּשטאַמונג פון דער פאמיליע. אלעקסאַנדראָוו; מלוכה, ביוראָקראטיע, אבסאָלוטיזם. קאָרסאק: רעכטלעכע געזעלשאַפט און אַרבעטס-געזעלשאַפט. אין זאמלבוך „אָטשער-קי ריעאַליסטיטשעסקאָוואַ מיראָוואָזרעניא". קויטסקי: עטיק און די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס-אויפפאסונג. קונאָוו: אנטשטייונג פון רעליגיע. קויטסקי: אנטשטייונג פון קריסטנטום *) (אנטיקע וועלט, יידנטום און קריסטנטום). סטעפאַנאָוו: ווערק וועגן רעליגיע. פאקראָווסקי: אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכ-טע פון דער רוסישער קולטור. ענגעלס: וועגן הי-סטאָרישן מאַטעריאַליזם. פלעכאַנאָוו: אַרטיקלען וועגן קונסט, אין זאמלבוך „זא 20 ליעט", „קריטיק פון אונזע-רע קריטיקער". ווערק פון לונאַטשאַרסקי, פ. ס. קאָגאַן, וו. מ. פריטשע. ק. ביכער: אַרבעט און ריטם. W. Oderbreit: Die Vergleichende Wirtschaftstheorie bei K. Marx. (אַ גוטע צונויפ-שטעלונג פון ציטאַטן פון מאַרקסן וועגן די טיפן פון די געזעלשאַפטן). א. באָגדאַנאָוו: קורצער קורס פון דער אידעאָלאָגישער וויסנשאַפט. Kunow: Die Marx-sche Geschichts-Gessellschafts- und Staatstheorie, צוויי בענד.

*) דערשיינט אין קורצן, אין יידיש, אין אונזער פארלאג,

קאפיטל 7

די צעשטערונג און צוריקשטעלונג פון דער געזעלשאפטלעכער גלייכגעוויכט.

§ 45. דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען און די פּראָדוצירנדיקע כּוחות.

דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען שטייט, ווי מיר ווייסן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענדערונג אונם צו־שטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. די דאָזיקע באַוועגונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און די פאַרבונדענע מיט זיי באַוועגונג און איבערגרופּירונג פון אַלע עלעמענטן פון דער גע־זעלשאַפט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער פּראָצעס פון דער בּסדרדיקער צעשטערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט און איר צוריקשטעלונג. אין אמתן, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ פּראָגרעסיווער באַוועגונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, קודם־כּל, אַז צווישן דער געזעל־שאַפטלעכע טעכניק און דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק וואַקסט אַ סתירה: די סיסטעם גייט אַרויס פון גלייכגעוויכט די פּראָדוצירנדיקע כּוחות האָבן באַקומען אַ געווייסן צוּוואוקס. היוצא מזה: ס'דאַרף פאָרקומען אַ געוויסע איבערגרופּירונג פון מענטשן. פאַרוואָס? ווייל אין קעגנפאַל איז נישט פאַ־ראַן קיין שום גלייכגעוויכט ד. ה. די סיסטעם קען אין אַזאַ

פאָרם לאַנג נישט עקזיסטירן. די דאָזיקע סתירה ווערט געלייזט.
ווי אַזוי? אַ דאַנק דעם וואָס עס קומט צושטאַנד אָט די
זעלבע איבערגרופּירונג פון מענטשן: די עקאָנאָמיק „פּאַסט
זיך צו" צו דעם צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, צו
דער געזעלשאַפטלעכער טעכניק. אָבער די איבערגרופּירונג
פון מענטשן אינם ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס האָט אויך אין זיך
די נויטווענדיקייט פון אַ מענטשן = איבערגרופּירונג אין דער
סאָציאַל-פּאָליטישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט (אַן אַנדע=
רע קאָמבינאַציע פון פּאַרטייען. אַן אַנדערע קאָמבינאַציע פון
זייער קראַפט א. א. וו.); ווייטער, דער זעלבער אומשטאַנד
רופט אַרויס אויך די נויטווענדיקייט פון דער ענדערונג פון די
נאָרמען (רעכטלעכע, מאָראַלע, כלערליי אַנדערע). ווארום נאָר
אויף אַזאַ אופן ווערט געלייזט די סתירה אָדער, וואָס איז דאָס
זעלבע, ס'ווערט צוריקגעשטעלט די גלייכגעוויכט צווישן דער סיס-
טעם פון די דאָזיקע נאָרמען. אָבער דאָס זעלבע איז אויך
עייך דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט. אויך
צו איר גאַנצער אידעאָלאָגיע. דאָס איז אויסגעצייכנט פאָרמו=
לירט געוואָרן דורך פּלעכאַנאָוון: „דורך דער אַנטשטייונג,
ענדערונג און צעשטערונג פון די אַסאָציאַציעס פון אידייען,
אונטערן איינפלוס פון דער אַנטשטייונג, ענדערונג צעשטערונג
פון געוויסע קאָמבינאַציעס פון געזעלשאַפטלעכע כוחות דער-
קלערט זיך אין אַ באַדייטנדער מאָס די געשיכטע פון די אי=
דעאָלאָגיעס. (נ· בעלטאָוו: „וועגן דער מאַטעריאַליסטישער
געשיכטס=אויפפאַסונג. קריטיק פון אונזערע קריטיקער. 333
דעם מחבר'ס קורסיוו). צווישן אַ נייער „קאָמבינאַציע", ד. ה. אַ
נייע ריי פון מענטשן, און אַן אַלטער קאָמבינאַציע פון אידייען
(מיט אַלע אַסאָציאַציעס פון אידייען) ברעכט אויס אַ קאָנפליקט.
דאָס איז צעשטערט געוואָרן די איגערלעכע גלייכגעוויכט. זי
ווערט צוריקגעשטעלט אויף אַ נייעס יסוד, ס'אַנטשטייט אַ נייע

„קאָמבינאַציע" פון אידייען, ד. ה. די געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע און די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע פּאַסן זיך צו איינע צו דער צווייטער, כּדי די גלייכגעוויכט זאָל אויפסניי צעשטערט ווערן א. א. וו.

דאָ שווימט אויף אַ זייער וויכטיגע פראַגע, וואָס האָט אַ געוואַלטיקן טעאָרעטישן און פּראַקטישן באַטייט.

אין אמת'ן. מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אַז די צוריקשטעלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט איז דענקבאַר אין צוויי פאָרמען: אין דער פאָרם פון אַ לאַנגזאַמער (עוואָלוציאָנערער) צופּאַסונג פון די פאַרשידענע עלעמענטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן גאַנצן איינער צום צווייטן און אין א פאָרם פון שטורמישע איבערקערענישן. פון דער געשיכטע ווייסן מיר, אַז ס'זענען געווען און ס'קומען פאָר רעוואָלוציעס, דאָס זענען היסטאָרישע פ אַ ק ט ן. ווען זשע קומען פאָר? ווען קומט פאר א לאַנגזאַמע קעגנזייטיקע צופּאַסונג פון פאַרשידענע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט און ווען קומט פאָר דער אויפרייס? און ווו שטעקט דער ווערן פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט, פון דעם צוזאַמענשטויס, וואָס דרוקט זיך אויס אין אַ רעוואָלוציע.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם שטייט אַן אַנדערע ריי פראַגן וועגן דער דינאַמיק פון דער געזעלשאַפט. נעמלעך, מיר ווייסן, אַז אַ באַליביקע געזעלשאַפט געפינט זיך אין אַ פּראָצעס פון אומאויפהערלעכע ענדערונגען, אינערלעכע איבערגרופּירונגען, ענדערונגען פון דער פאָרם און אינהאַלט א, א. וו. מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס שטייט אין צוזאמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. דאָך זעען מיר, פון איין זייט, די ענדערונגען אין די ג ר ע נ י צ ן פון איין און דערזעלבער געזעלשאפטלעך-עקאָנאָמישער סטרוקטור; פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר דעם א י ב ע ר ג אַ נ ג פון איין „מין" פון געזעלשאַפט אין אַן אַנדערן, אַ פאַרבייט פון איין „פּראָדוקציע אופן" אויף אַן אַנדערן „פּראָדוקציע אופן". ווען איז פאַראַן דאָס ערשטע און ווען מוז קומען ס'צווייטע? אייף דעם דאַרף מען אויך געבן אַ תשובה.

אַן אַלגעמיינע באַשרייבונג פון דעם פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג איז פאַראַן ביי מאַרקסן אין דער „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“. אָט ווי אַזוי מאַרקס באַשרייבט דעם דאָזיקן פּראָצעס:

„אויף אַ געוויסער מדרגה פון זייער אַנטוויקלונג זענען די מאַטעריעל-פּראָדוצירנדיקע כוחות פון דער געזעלשאַפט סותר די פאַראַנענע פּראָדוקציע באַציונגען, אָדער, וואָס ס'איז דער יורידישער אויסדרוק פון דעם זעלבן, מיט די פאַרמעגנס-באַציונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך ביז צו דער צייט באַוועגט. פון די אַנטוויקלונגס-פאָרמען פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות ווערן די דאָזיקע באַציונגען פאַרוואַנדלט אַלס זייערע קייטן. דאַן קומט אָן די עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון עקאָנאָמישן יסוד קומט פאָר מער-ווייניק שנעל אָדער פּאַמעלעך דער איבערקער (wältzung) אין דעם גאַנצן ריזיקן צוגעבוי. בעתן באַטראַכטן אַזעלכע איבערקערן דאַרף מען שטענדיק אונטערשיידן צווישן דעם מאַטעריעלן איבערקער אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע, וואָס מ'קען קאָנסטאַטירן מיט אַ נאַטור-יסנשאַפטלעכער גענויקייט, און די יורידישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע אָדער פילאָזאָפישע, קורץ גערעדט, אידעאָלאָגישע פאָרמען, און וועלכע די מענטשן אָנערקענען דעם דאָזיקן קאָנפליקט און לעבן אים אַ דורך אינעם פאַרלויף פון קאַמף (und ihn ausfechten). אַזוי ווי מ'קען ווייניק אורטיילן וועגן אַן אינדיווידואום לויט דעם, וואָס ער גופא טראַכט זיך, אַזוי ווייניק קען מען אורטיילן וועגן אַזעלכע עפּאָכן פון איבערקערענישן אויפן גרונט פון זייער באַוואוסטזיין: מ'דאַרף, פאַרקערט, דערקלערן דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין אויפן גרונט פון דעם פאַראַנענעם קאָנפליקט צווישן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען“.

אַזוי אַרום, לויט מאַרקסן, קומט אַן איבערקער, די רעוואָלוציע, דענסטמאָל, ווען ס'איז צערשטערט געוואָרן די גלייכ-

גצוויכט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון דער געזעלשאַפט און די גרונט=שטריכן פון איר עקאָנאָמישער סטרוקטור׳ אין דעם טאַקי באַשטייט דער מהות פונם קאָנפליקט, וואס די רעוואָלוציע דארף לייזן. דא רעדט זיך, הייסט עס, וועגן אי׳בערגאַנג פון איין פאָרם אין א צווייטער. כּל זמן די עקאָנאָמי׳שע סטרוקטור גיט די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען די פּראָדו׳צירנדיקע כּוחות, אזוי לאנג נעמען די געזעלשאפטלעכע ענדע׳רונגען נישט אָן דעם כאראַקטער פין איבערקער: זיי ענדערן זיך אין אַן „עוואָלוציאָנערער אָרדענונג".

ווייטער וועלן מיר אויספירלעכער אַנאַליזירן די פּראָבלעם. איצטער וואָלטן מיר נאָר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף איין פונקט: לויט מאַרקסן שטעקט די סיבה פון דער רעוואָלוציע לגמרי נישט אין דעם צוזאַמענשטויס פון דערווירטשאַפט (עקאָ׳נאָמיק) און רעכט, ווי ס׳באַהויפּטן זייער פיל קריטיקער פון מאַרקסיזם, נאָר אין דעם צוזאַמענשטויס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און דער „ווירטשאַפט" (ד. ה. עקאָנאָמיק). און דאָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך. אין דער פאָלגנדיקער לעקציע וועלן מיר זען, פארוואָס דאָס איז אַזוי.

§ 46. די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און די געזעלשאַפטלעך׳עקאָנאָמישע סטרוקטור. מיר האָבן געזאָגט, אַז די סיבה פון דער רעוואָלוציע, פון אַ שטורמישן איבערגאַנג פון איין טיפּ פון דער געזעלשאַפט אין אַ צווייטן, דארף מען זוכן אין דעם קאָנפליקט, וואָס ברעכט אויס צווישן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, מיט זייער וווקס פון איין זייט, און דער עקאָנאָמישער סטרוק׳טור פון דער געזעלשאַפט, ד. ה. די פּראָדוקציע=באַציונגען, פון דער צווייטער זייט. אויף דעם קען מען למשל, טענהן אַזוי. צי איז די עוואָלוציע פון די פּראָדוקציע־באַציונגען נישט

אַ תּנאי פון דער באַוועגונג פון די פּראָדוציִרנדיקע כּוחות? און צי איז נישט די בהדרגהדיקע ענדערונג פון די פּראָדוקציע־באַציונגען אַ רעזולטאַט פון אַ קאָנפליקט צווישן די פּראָדוציִרנדיקע כּוחות און די אַלטע („פאַרעלטערטע") פּראָדוקציע־באַציונגען? לאָמיר זיך פאָרשטעלן דעם וווּקס פון די פּראָדוציִרנדיקע כּוחות אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מיר ווייסן, אַז צוזאַמען מיט דעם וווּקס זענען פאָרגעקומען אויך באַדייטנדיקע איבערגרופּירונגען פון מענטשן אין דעם ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס. ס'איז אונטערגעגאַנגען דער אַלטער „מיטל־שטאַנד", ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן די האַנטווערקעריי, ס'איז אויסגעוואַקסן דער פּראָלעטאַריאַט, ס'האָבן זיך באַוויזן גרויסע און גאָר גרויסע אונטערנעמער. די פּראָדוקטיווע מענטשלעכע געוועב האָט זיך געענדערט אומאויפהערלעך. נאָך מער, צי איז איין פאָרם פון קאַפּיטאַליזם נישט איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטער. — למשל, דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם אין אַ פינאַנציעלן — אָן שום רעוואָלוציעס? דערווייל אָבער האָבן די אַלע ענדערונגען טאַקע אויסגעדרוקט די כּסדרדיקע צעשטערונג פון גלייכגעוויכט (קאָנפליקט) צווישן די פּראָדוציִרנדיקע כּוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען. ווען ס'זענען געוואַקסן די פּראָדוציִרנדיקע כּוחות, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף די האַנטווערקערישע באַציונגען, די גלייכגעוויכט איז צעשטערט געוואָרן: די עקאָנאָמיק פון האַנטווערקעריי האָט שוין מער נישט אַנטשפּראָכן דער אַלץ וואַקסנדיקער טעכניק. די צעשטערטע גלייכגעוויכט איז כּסדר צוריקגעשטעלט געוואָרן שוין אויף אַ נייעם יסוד, וואָרום פּאַראַלעל איז אויך געוואַקסן אַ נייע עקאָנאָמיק, וואָס האָט „אַנטשפּראָכן" דער פאַרענדיקטער טעכניק, א. א. וו. פון דעם דרינגט מיט דער פולער באַשיינפּערלעכקייט, אַז נישט יעדער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוציִרנדיקע כּוחות און פּראָדוציִרנדיקע באַציונגען רופט אַרויס אַ רעוואָלוציע. אַז דאָ, פאָלגלעך, איז דער ענין אַ סך קאָמפּליצירטער. כּדי צו אַנאַליזירן די פראַגע וועגן דעם,

וואָס פאַראַ קאָנפליקט רופט עס אַרויס דעם רעוואָלוציאָנערן קריזיס, וועט אויסקומען צו ווענדן זיך צום אַנאַליז, צו דער באַטראַכטונג פון פאַרשידענע מינים פון די פּראָדוקציע-באַציונגען.

אונטערן באַגריף פּראָדוקציע-באַציונגען פאַרשטייען מיר ווי ס'איז שוין באַוווּסט, כלערליי און אַלמעגלעכע באַציונגען צווישן מענטשן, וואָס אַנטשטייען אינעם פּראָצעס פונעם ווירטשאַפט-לעך-געזעלשאַפטלעכן לעבן, ד. ה. אינעם פּראָדוקציע-פּראָצעס, וואָס שליסט אין זיך איין אי די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקציע-מיטלען, אי די פאַנאַנדערטיילונג אינעם פּראָצעס-פּראָדוקטן. ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פּראָדוקציע-באַציונגען זענען זייער פילפאַכיק: דער בערזע-סוחר, וואָס קויפט אין פאַריז אַקציעס פון ניו-יאָרקער קנעפּלעך-טרעסט, טרעט מיט דעם זעלבן אַריין אין אַ באַשטימטער פּראָדוקציע-באַציונג מיט די אַרבעטער און אייגנטימער, מייסטערס און פאַבריקס-אינזשעניערן, וואָס גייען אַריין אין דעם דאָזיקן טרעסט. דער באַנקיר, וואָס האָט בוכהאַלטערן, געפינט זיך אין באַשטימטע פּראָדוקציע-באַציונגען מיט זיי. נאָר דער זעלבער סטאָלער שטייט אין באַשטימטע פּראָדוקציע-באַציונגען מיטן טאָקער, וואָס אַרבעט אויף דער זעלבער פאַבריק, אָדער מיט דער הענדלערין, ביי וועלכער ער קויפט אַ הערינג אויפן מאַרק, אָדער מיטן מייסטער, וועלכער טוט אויף אים אַכטונג. אָבער דער זעלבער סטאָלער געפינט זיך אין באַשטימטע באַציונגען מיטן פישער, וואָס האָט געפאַנגען דעם דאָזיקן הערינג, און מיטן וועבער, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַנדערע געוועבט שטאָף פאַר זיינע הויזן, א. א. וו., א. א. וו, מיט איין וואָרט: מיר האָבן אין אמתן פאַר זיך אַן אומציילבאַרן סכום פון פאַרשידנאַרטיקע, פאַרשידנמיניקע, זיך אונטערשיידנדיקע אייגנע פון דער צווייטער, לויטן טיפ, פּראָדוקציע-באַציונגען:

די אויפגאַבע באַשטייט, פאָלגלעך, אין דעם, וואָס מ'זאָל מאַכן אַ געוויסע פאַנאַנדערגרענעצונג צווישן די פאַרשידענע מינים פון די דאָזיקע און דערגיין דעם קאָנפליקט און מיט

וועלכע פּראָדוקציע־באַציונגען ער דערפירט צו דער רעוואָ־לוציע.

כדי מ'זאָל נישט אויסזויגן פון פינגער אן עגטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, באַר זי לייזן אין איינקלאַנג מיט דערווירקלעכקייט, דאַרף מען אַ קוק טון, ווי אַזוי ס'קומט אין אמתן פּאָר די רעוואָלוציע, ד. ה. ווי אַזוי ס'איז געלייזט געוואָרן די סתירה צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות און דעם עקאָנאָמישן באַזיס פון דער געזעלשאַפט. ס'פאַרשטייט זיך, שטענדיק איז דער דאָזיקער קאָנפליקט געלייזט געוואָרן דורך מ ע נ ט ש ן, און דערביי מיט דער מיטהילף פון אַ פאַר־ביטערטן קלאַסן־קאַמף, וואָס באַקומט זיך נאָכן נצחון פון דער רעוואָלוציע ! ערשטנס, אַן אַ נ ד ע ר ע פּ אָ ל י ט י ש ע מאַכט. צווייטנס, אַן אַנדערע לאַגע פון די ק ל אַ ס ן אין דעם פּראָדוק־ציע־פּראָצעס, אַן אַנדערע פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען, וועלכע (די פאַנאַנדערטיילונג), ווי מיר ווייסן, געפינט זיך אין דעם דירעקטסטן צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַגע פון די קלאַסן. מיט אַנדערע ווערטער: אין דער רעוואָלוציע־צייט קומט פאַר דער קאַמף וועגן דער הערשאַפט איבער די וויכטיקסטע פּראָדוק־ציע מיטלען, וואָס געפינען זיך אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט אין די הענט פון דעם ק ל אַ ס, וואָס פ אַ ר פ ע ס ט י ק ט די דאָזיקע הערשאַפט איבער זאַכן און דורך זיי אויך איבער די מענטשן, דורך דער מאַכט פון איר מלוכהשער אָרגאַניזאַציע.

דאָ זענען מיר צוגעקומען צום אַנטשיידנסטן פּונקט אין אונזערע זוכונגען נאָך די פּראָדוקציע־באַציונגען, וואָס דאַרפן איבערגעריסן ווערן דורך דער רעוואָלוציע, אויב די געזעלשאַפט איז נאָר אומשטאַנד ווייטער צו אַנטוויקלען אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות. אין דריטן באַנד פון זיין „קאַפּיטאַל", שטעלט מאַרקס בולט די פראַגע וועגן דער פאָרם פון דער געזעלשאַפט, אויס־טיילנדיק פון דעם ג אַ נ צ ן קבוץ פון די פּראָדוקציע־באַציונגען דעם י ס ו ד, זיין ספּעציפישן טייל. „די ספּעציפישע עקאָנאָ־

מישע פאָרם, אין וועלכער די נישט־באַצאָלטע מע־ווערט אַרבעט ווערט אויסגעפּאָמפּט פון די דירעקטע פּראָדוצירער, באַשטימט די באַציונג פון הערשאַפט און קנעכטשאַפט, אזוי ווי זי וואַקסט אַרויס דירעקט פון דער פּראָדוקציע גופא און, פון איר זייט, ווירקט אויף איר באַשטימענדיק (bestimmend). אָבער אויף דעם באַזירט די גאַנצע עקאָנאָמישע געשטאַלטונג (gestaltnng) און פון די פּראָדוקציע־באַציונגען גופא אַרויסוואַקסנדיקן עקאָנאָמישן קערפער (Gemeinwesens) און צוזאמען מיט דעם איר ספּעציפישע פּאָליטישע פאָרם. יעדעס מאָל געפינען מיר דעם וועזנטלעכן יסוד, דעם פאַרהוילענעם יסוד פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער קאָנסטרוקציע, און פון דאַנען אויך פון דער פּאָליטישער פאָרם, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די באַציונג פון סוווערעניטעט און אָפּהענגיקייט, קורץ געזאָגט, פון אַ באַזונדערער ספּעציפישער מלוכה־פאָרם... אין דער דירעקטער באַציונג פון די אייגנטימער פון די פּראָדוקציע־מיטלען מיט די דירעקטע פּראָדוצירער" („קאַפּיטאַל", III, 2, ז. 324—325). ווי

אזוי, אַלזאָ, קומט דאָס פאָר? גאָר פּשוט. צווישן אַלע פילע פאַרשידענע פּראָדוקציע־באַציונגען טיילט זיך אויס, לויט זיין באַטייט, איין טיפּ פון די דאָזיקע באַציונגען: נעמלעך, דער, וואָס דריקט אויס די באַציונגען צווישן די קלאַסן, וואָס האַלטן אין זייערע הענט די הויפּט־פּראָדוקציע־מיטלען, און צו אַנדערע קלאַסן, וואָס האָבן אין זייערע הענט צווייטראַנגיקע פּראָדוקציע־מיטלען, אָדער זיי האָבן זיי לגמרי נישט. דער הערשנדיקער קלאַס אין דער עקאָנאָמיק הערשט אויך אין דער פּאָליטיק, באַפעסטיקט פּאָליטיש דעם געגעבענעם טיפּ פון די פּראָדוקציע־באַציונגען, וואָס פאַרזיכערט דעם גייענדיקן עקספּלאָאַטאַציע־פּראָצעס פאַר זיינע נוצן. „די פּאָליטיק איז אַ קאָנצענטרירטער (צונויפגעפּרעסטער, געדיכטער) אויסדרוק פון דער עקאָנאָמיק".

דאס זעלבע קען מען אויך אויסדרוקן מיט אנדערע ווערטער: מיר זעען, אז מיר רעדן דאָ נישט וועגן אלע און וועגן כלערליי פּראָדוקציע-באַציונגען פון דער עקאָנאָמישער הערשאַפט, וואס שטיצט זיך אויף דער באַשטימטער באַציונג מיט זאכן, מיט די פּראָדוקציע-מיטלען. אויב מען זאָל רעדן אויף דער שפּראך פון געזעצגעבער, יוריסטן, רעדט זיך דאָ וועגן די גרונט „פאַרמעגנס-באַציונגען", וועגן די באַציונגען פון דעם קלאַסן-אייגנטום אויף די פּראָדוקציע-מיטלען. די דאזיקע „פאַרמעגנס-באַציונגען" זענען נישט עפּעס, וואס שיידט זיך אונטער פון די גרונט פּראָדוקציע-באַציונגען. דאָס איז דאס זעלבע, נאָר אויסגעדריקט אין אן אנדער לשון, נישט עקאָנאָמישן, נאָר יורידישן. און אָטאָ די באַציונגען זענען פארבונדן אויך מיט דער פּאָליטישער הערשאַפט פון א באַשטימטן קלאַס, זיי ווערן קאָנסערוווירט דורך דער דאָזיקער הערשאַפט, פּאַרפעסטיקט, פּאַרברייטערן זיך ווי ס'זאָל נישט זיין.

אין די דאָזיקע ראַמען קענען פּאָרקומען אַל־מעגלעכע ענדערונגען פון „עוואָלוציאָנערער אָרדענונג"; דאס ארויסגיין פון די דאָזיקע ראַמען קען געמאכט ווערן נאָר דורכן וועג פון א רעוואָלוציאָנערן איבערקער. למשל: אין די גרענעצן פון די קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום-באַציונגען קען אומקומען די האנטווערקעריי, ס'קענען אויפקומען נייע פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, ס'קען ארויסגערופן ווערן צום לעבן פריער נישט געזעענע קאַפּיטאַליסטישע פאַררייניקונגען; איינצעלנע מיטגלידער פון דעם בורזשואַזן קלאַס קענען רואינירט ווערן (באַנקראָטירן); איינצעלנע מיטגלידער פון ארבעטער קלאַס קענען זיך ארויפכאַפּן אלס באַלעבאַטימלעך, און דערנאָך אלס באַלעבאַטים; ס'קענען אָנוואַקסן נייע סאציאַלע איבערשיכטונגען (למשל דער אזוי גערופענער „נייער מיטלשטאנד" ד. ה. די טעכנישע אינטעליגענץ) א. א. וו. אָבער דער ארבעטער קלאַס קען נישט ווערן דער אייגנטימער פון די פּראָדוקציע מיטלען. אָבער דער

ארבעטער קלאס (אָדער זיינע פארטרויונגס־מענער) קען נישט באַזיצן אַן אָנפירנדיקע מאכט אין דער פּראָדוקציע, זיך שאפן מיט די גרונט פּראָדוקציע מיטלען. מיט אנדערע ווערטער: ווי אַזוי ס׳זאָלן זיך נישט ענדערן, אונטערן איינפלוס פון ווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּחות, דאן ברעכט ער זיך. אָט דאָס איז די רעוואָלוציע, וואס פארזיכערט דעם איבערגאנג צו אַן אַנדערער געזעלשאפטלעכער פאָרם. „אויף וויפיל דער ארבעטס־פּראָצעס איז א פּשוטער פּראָצעס צווישן מענטש און נאטור, אויף אזוי פיל בלייבן זיינע פּשוטע עלעמענטן די זעלבע ביי אלע געזעלשאפטלעכע פאָרמען פון זיין אנטוויקלונג. אָבער יעדע באַשטימטע היסטאָרישע פאָ״ם פון דעם דאָזיקן פּראָצעס אנטוויקלט ווייטער זיינע מאטעריעלע יסודות און זיינע געזעלשאפטלעכע פאָרמען. צוקומענדיק צו אַ געוויסער שטופע פון רייפקייט, ווערט די געגעבענע היסטאָרישע פאָרם אָפּגערוימט און זי טרעט אָפּ איר אָרט פאר אַ העכערער פאָרם. אַז ס׳איז אָנגעקומען דער מאָמענט פון אַזאַ קריזיס, באמערקט זיך דאס דעמאָלט, ווען די סתירה און קעגנזעצלעכקייט צווישן די באַציונגען פון פאַנאַנדערטיילונג, און, פאָלגלעך, אויך צווישן דעם באַשטימטן היסטאָרישן מין פון די זיי אנטשפּרעכנדיקע פּראָדוקציע — באַציונגען, פון איין זייט, און די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, פון דער צווייטער, דערגרייכט א געוויסע ברייט און טיף. „דאן אַנטשטייט אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער מאַטעריעלער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע און איר געזעלשאפטלעכער פאָרם („Das Kapital“, III, S. 420).

אַזוי אַרום קומט די רעוואָלוציע פאָר דאַן, ווען ס׳איז פאַראַן אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן די וואקסנדיקע פּראָדוצירנדיקע כּוחות, וואָס קענען זיך שוין נישט האַלטן אין די ראַמען פון דער דאָזיקער שאל פון די פּראָדוקציע באַציונגען, וועלכע איז דער גרונט שטריך פון די דאָזיקע פּראָדוקציע־באַציונגען, ד. ה. „אייגנטום־באַציונגען“, באַזיך באַציונגען אויף די פּראָדוקציע מיטלען. דאן ווערט די דאָזיקע שאל אויפגעריסן („wird gesprecng“).

ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס געשעט גראָד אַזוי. ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס גראָד די פּראָדוקציע באַציונגען שטעלן מיט זיך פאָר דעם אומבאַוועגלעכסטן מין, דעם קאָנסערוואַטיווסטן: זיי דרוקן דאָך אויס די מאָנאָפּאָלישע עקאָנאָמישע הערשאַפט פון דעם קלאַס, פאַרפעסטיקט און אויסגעדרוקט אין זיין פּאָליטישער הערשאַפט. ס'איז נאַטירלעך, וואָס אַזאַ „שאָל", וועלכע דרוקט אויס די גרונט אינטערעסן פון קלאַס, וועט אונטערגעשטיצט ווערן דורך דעם דאָזיקן קלאַס ביז די לעצטע כוחות. אין דער צייט ווען די ענדערונגען אינעווייניק אין דער דאָזיקער „שאָל", ד. ה. טיילווייזע ענדערונגען, וואָס לאָזן איבער אומבאַרירלעך די פּרינציפּיעלע יסודות פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, קענען פאָרקומען און קומען פאָר פאַרהעלטניסמעסיק שמערצלאָז. פון דאַנען איז, צווישן אַנדערן, קלאָר, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין שום „ריין פּאָליטישע" רעוואָלוציעס: יעדע רעוואָלוציע איז א סאָציאַלע (ד. ה. זי רוקט איבער די קלאַסן) רעוואָלוציע; און יעדע סאָציאַלע רעוואָלוציע איז אַ פּאָליטישע רעוואָלוציע. ווארום מ'קען נישט אומוואַרפן די פּראָדוקציע באַציונגען אָן דעם, אַז מ'זאָל נישט אומוואַרפן די פּאָליטישע פעסטונג פון די דאָזיקע באַציונגען; און, פאַרקערט, אויב ס'ווערט אַראָפּגעוואָרפן די פּאָליטישע מאַכט, הייסט דאָס, אַז עס ווערט אַראָפּגעוואָרפן די הערשאַפט פון דעם קלאַס אויך אין עקאָנאָמישן געביט, ווארום „פּאָליטיק איז א קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמיק". מ'וועט אויף דעם זאָגן: פאַרגלייכט אָבער די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אין ערשטן פאַל איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישע רעוואָליוציע, אין צווייטן — אַ סאָציאַלע. ווייל אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָליוציע האָט די פּאָליטיק און פּאָליטישע ענדערונגען נישט געשפּילט קיין גרעסערע ראָל ווי אין דער פראַנצויזישער, און די ענדערונגען אויפן געביט פון די פּראָדוקציע באַציונגען זענען פּשוט אומפאַרגלייכלעך.

די דאָזיקע „טענות" באַשטעטיקן אין אמת'ן דאָס, וואָס

מיר האָבן אויבן געזאָגט. און טאַקי, לאָמיר נעמען די פּאָליטישע זייט פון דער זאַך. ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז בעת דער פראַנצויזישע רעוואָליוציע איז די מאַכט אריבערגעגאַנגען פון די הענט פון די ערשטע אייגנטימער אין די הענט פון אַנדערע אייגנטימער. די בורזשואזיע האָט אומגעוואָרפן די פריציש — סוחרישע מלוכה און אָרגאַניזירט אַ מלוכה פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. אין רוסלאַנד אָבער איז פולשטענדיק אויסגעקערט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון כלערליי אייגנטימער. דער פּאָליטישער איבערקער איז געווען אסך טיפערער. ער איז געווען אויף אַזוי פיל טיפער, אויף וויפיל ס'איז געווען טיפער די איבערריקונג פון די פּראָדוקציע באַציונגען (נאַציאָנאַליזירונג פון דער אינדוסטריע, פערניכטונג פון דעם פריצישן ערד=באַזיץ, די שפּראָצונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט א. א.).

אַלזאָ, די סיבה פון רעוואָלוציעס איז דער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען. וואָס זענען פאַרפעסטיקט אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דעם הערשנדיקן קלאַס. די דאָזיקע פּראָדוקציע באַציונגען שטערן אויף אַזוי פיל דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, אַז זיי דאַרפן אומפאַרמיידלעך אויפגעריסן ווערן אויב די געזעלשאַפט אַנטוויקלט זיך ווייטער. אויב אָבער זיי קענען נישט אויפגעריסן ווערן, דריקן זיי און שטערן די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, און די גאַנצע געזעלשאַפט אָדער זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרגליווערטע, אָדער זי גייט צוריק, ד. ה. זי לעבט איבער א פעריאָד פון ירידה...

פון דעם אויבן געזאָגטן איז קלאָר, פאַרוואָס, למשל, די געזעלשאפט האָט זיך געקענט פאַרוואַנדלען פון אַ פרימיטיוו-קאָמוניסטישער אין אַ פאַטריאַרכאַל־שבטישער געזעלשאפט, פון אַ פאטריאַרכאַל־שבטישער אין אפעאדאַל דורך אַן עוואָליוציע=וועג. דאָ איז נישט דאָ קיין קלאַסן-הערשאַפט איבער די פראָדוקציע מיטלען און אויך אַ פאָליטישע מאַכט, וואָס זאָל זי אָפהיטן. פאַרקערט, סיי די דאָזיקע הערשאַפט, סיי די מאַכט איז עוואָליוציאָנעל אויסגעוואַקסן פון די פרימיטיוו=קאָמוניסטישע פראָדוקציע באַציונגען דורכן וווקס פונם פריוואטן=אייג טום א. א. וו. זענען געוואקסן די פראָדוצירנדיקע כּחות — איז געוואַקסן די דיפערענצירונג, איז געוואַקסן די דערפאַרונג פון די זקנים, איז געוואַקסן דאָס אייננטום, איז געוואקסן די אויסטיילונג פון די שפּראָצונגען פון דעם הערשנדיקן קלאַס. און פריער פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם הערשנדיקן קלאַס, איז אויך נישט געווען זיין מאַכט. דעריבער איז גאָרנישט געווען וואָס צו צעברעכן. דעריבער איז דער איבערגאנג פאָר=געקומען אַן ארעוואָלוציע.

הי קונאָוו, וואָס האָט אין זיין צווייבענדיק ווערק פאַרוואַנדלט מאַרקסן אין אַן אומשולדיק ליבעראַל שעפע=לע, שרייבט וועגן דער רעוואָלוציע בוכשטעבלעך פאָלגנ=דעס: „אויב מאַרקס רעדט אין דער אויבנגעברענגטער פראזע (פון דער „קריטיק פון דער פאָליטישער עקאָנאָ־מיע”. נ. ב.) וועגן די געזעלשאפטלעכע באַציונגען און דער סאָציאלער רעוואָלוציע, פאַרשטייט ער אונטער דעם נישט דעם פאָליטישן קאַמף פון די כּוחות, נאָר דעם אי־בערקער איז די געזעלשאפטלעכע לעבנס־פאַר־הערטנישן, וואָס קומט נאָכן אדורכרייסן זיך פון דעם נייעם געענדערטן פּראָדוקציע־אופן.

אמת, לויט מארקסנס מיינונג, קען די ענדערונג אין דעם פּראָדוקציע-אופן דערפירן צו אַ פאָליטישער רע=

וואָלוציע, אָדער צו אַן אויפרייס מצד די פֿאָלקס-מאַסן (Eruption der Volksmassen) קודם-כל דאַן, ווען די רעגירונג (Staatsregierung) פּרובירט צו דערהאַלטן אויפס כּוח די פֿאַרעלטערטע געזעצן, וואָס האָבן אַנט-שפּראָכן די אַלטע ווירטשאַפטלעכע באַציונגען; אָבער דאָס איז נישט שטענדיק אַ נויטיקער פּועל-יוצא; דער באַוויגטער דורך דער ענדערונג פֿון דער ווירטשאַפטלע-כער סטרוקטור איבערקער אין די פּאָליטישע און סאָציאַ-לע לעבנס-באַציונגען, ווי אויך אין די אידעאָלאָגיעס, קען אויך פֿאָרקומען אָן אויפשטאַנד און גאַסן-קאַמפן, (למשל, אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן וועג: (Heinrich Kunow : Die Marxsche Geschichts-Gesellschafts- und Staatstheorie. Grundzüge der Marxschen Soziologie. II Band. 1921. Buchhandlung „Vorwärts“. Berlin. S. 315). די ציטירטע באַטראַכטונגען פֿון דעם געערטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּראָפעסאָר זעגען אַן אומבּרחמנותדיקער פּלאַנטער פֿון אַ וווּל-גאַר-ליבעראַלן עקלעקטיקער. אין אמתן, אין דער אויבנ-דערמאָנטער „פּראַזע“, ווי מאַרקס האָט גערעדט וועגן דער רעוואָלוציע, האָט ער געהאַלטן אַלס סיבּה, ווי מיר האָבן געזען, דעם קאָנפֿליקט צווישן די פּראָדוצירנדי-קע כּוחות און די פּראָדוקציע-באַציונגען. די רעוואָלוציע, וואָס איז אַ פּועל-יוצא פֿון דעם דאָזיקן קאָנ-פֿליקט, צעבּרעכט טאַקי די דאָזיקע פּראָדוקציע-באַציונגען, און די מלוכה-פֿאָרמען, וואָס דרוקן זיי אויס און בּיי קונאָוון? בּיי קונאָוון איז דער נייער-פּראָדוקציע-אופֿן אַ פּאַרטיקער, מ'ווייסט נישט פֿונוואַנען און ווי אַזוי, און דערנאָך (!) קען ער דערפֿירן צו אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע. דאָס איז אַזוי גרויסאַרטיק און, דאָס וויכטיקסטע, אַזוי „קלוג“, אַז ווייטער קען מען שוין נישט גיין. לויט ה. קונאָוון שטעלט זיך פֿאַר דער ענין מיטן סאָציאַליזם, פֿאָלגלעך, אין אַזאַ פֿאָרם. דער קאַפּיטאַליזם ווערט בּשלום פֿאַר-

ביסן דורכן סאָציאַליסטישן פּראָדוקציע־אופן (און די קאַפּיטאַליסטן זיצן אין דער רעגירונג און קוקן אויף די ווינדער). דערנאָך הייבן זיי אָן מיט געוואַלט (און דאָס נישט אויף זיכער) קעמפן מיט דעם שוין געענדערטן פּראָדוקציע אופן (ד. ה. זיי הייבן אָן, זאָגן מיר, פאָדערן דעם ריווח, וועגן וועלכן אַלע האָבן פאַרגעסן). דאַן וואַרפט זיי דאָס אויפגעברויזטע פאָלק אַראָפּ אין אַ באַריקאַדן קאַמף. דאָס איז אַ בילד פאַר אַ הומאָריסטישן זשורנאַל, אָבער נישט פאַר אַ פּראָפעסאָרישער אַרבעט. דאָ איז ביי קונאָוון פאַראַן אַ הויפן מיט גרייזן. ערשטנס, דער עצם ענין פונם קאָנפליקט איז נישט ריכטיק איבערגעגעבן (דאָ שרייבט קונאָוו איבער פון וו. סטרווע, וועמענס אַרטיקל אין בראַונס „ארכיוו" איז בשעתו גרויס־אַרטיק קריטיקירט געוואָרן דורך ג. פּלעכאַנאָוון); צווייטנס, ס'זענען פולשטענדיק נישט ריכטיק איבערגעגעבן די ווירקלעכע פאַזן פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס; דריטנס, אין דער רעוואָלוציע איז פאַרלוירן געוואָרן די רעוואָלוציע־אַליין. וואָרום, אויב ס'איז אפילו נישטאָ קיין פּאָליטישער איבערקער, אין וואָס־זשע באַשטייט די דאָזיקע רעוואָלוציע? די פאָרבאַדינגטע ענדערונג פון דעם פּראָדוקציע־אופן איז דאָ נישט אַ קאַטאַסטראָפאַלע, נאָר פאַרענדערלעכע פּליסיקע; איר אָפּשפּיגלונג אין דער פּאָליטיק — פאַרלאַמענטאַרישע מאַניפּולאַציעס — אָט דאָס איז עס אינגאַנצן. ה' קונאָוו גיט דאָ איבער די מאַרקסיסטישע טעאָריע אַזוי גרונטלעך און אַזוי אומפּאַרשעמט, ווי ער האָט אין די לעצטע פאַר יאָר איבערגעגעבן און גיט איבער די מאַרקסיסטישע פּראַקטיק. (דאָס הייסט אין דער צייט, ווען אפילו די באַגרעניצסטע בורזשואַזע פּראָפעסאָרן ווילן פאַרשטיין די רעוואָלוציעס, ווי דערשיינונגען, וואָס דרינגען אַרויס „מיט דער אינערלעכער נויטווענדיקייט פונם געגעבענעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט". זע Schriften der Deutschen Gesel-

schaft für Politik an ber Universität Halle
Vittenberg, hg. von Prof. H. Waentag, Heft 1:
Die grossen Revolutionen als Entwikelungser-
scheinungen im leben der Völker) מיר וועלן
בקיצור אַ קוק טון אויף די סיבות פֿון די רעוואָלוציעס.
די בורזשואַזע רעוואָלוציעס, די ענגלישע אין 17=טן
י. ה. און די פראַנצויזישע אין סוף פון 18=טן זענען דורך
מארקסן גלענצנדיק כאַראַקטעריזירט געוואָרן אין אַ
פּאָר שורות: „די רעוואָלוציעס פון 1648 און 1789 זע-
נען נישט געווען ענגלישע און פראַנצויזישע; דאָס זענען
געווען רעוואָלוציעס אין אייראָפּעאישן סטיל. זיי זענען נישט
געווען דער נצחון פון אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן קלאַס
איבער דער אַלטער פּאָליטישער אָרדענונג;
זיי זענען געווען די פּראָקלאַמירונג פון אַ פּאָליטישער
אָרדענונג פאַר דער נייער אייראָפּעאישער געזעל־
שאַפט (ד. ה. נייע פּראָדוקציע באַציונגען) די בורזשו=
אַזיע האָט דענצמאָל געזיגט; אָבער דער נצחון פון
דער בורזשואַזיע איז דאַן געווען דער נצחון פון
דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג,
דער זיג פון דעם בורזשואַזן אייגנטום איבער דעם פע=
אָדאַלן אייגנטום, פון דער נאַציאָנאַליטעט איבערן פּראָ־
ווינציאָנאַליזם, פון דער קאָנקורענץ איבערן צעך, פון
דער צעטיילונג (פון ערד. נ. ב.) איבער מאַיאָראַטן,
פון דער הערשאַפט פון ערד-אייגנטימער איבער דער הער-
שאַפט פון דער ערד איבערן אייגנטימער, פון דער ביל-
דונג איבערן אַבערגלויבן, פון דער משפחה איבער דעם
משפחה־נאָמען, פון דער אינדוסטריע איבער דער העראָ־
אישער פוילקייט, פון דעם בורזשואַזן רעכט איבער די
מיטלאַלטערלעכע פּריווילעגיעס״, (Neue Rheinische
Zeitung“, № von 15 Dez. 1848) (אונזער קורסיוו ג. ב.

אין פעריאָד פון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס זענען די
הויפט-קייטן פון דער אַנטוויקלונג געווען די פאָלגנדע פראָ-
דוקציע-באַציונגען: ערשטנס, דאָס פעאָדאַלע ערד-אייגנטום;
צווייטנס, די צעכן-אָרדנונג אין דער זיך אַנטוויקלנדיקער
אינדוסטרי: דריטנס, די האַנדלס-מאָנאָפּאָלן. דערביי, פאַר-
שטייט זיך, איז דאָס אַלץ געווען באַפעסטיקט מיט אומ-
צייליקע יורידישע נאָרמען. דאָס ערד-אייגנטום
פון די גוטס-באַזיצער האָט דערפירט צו אומענדלעכע
צטייערן: דער גרעסטער טייל פון די פויערים איז גע-
זען געצוווּנגען צו צאָלן אַ „הונגער רענטע"; אַזוי אַרום
איז דער אינערלעכער מאַרק פאַר דער אינדוסטרי אוי-
סערגעוויינלעך קליין. כדי די אינדוסטרי זאָל זיך קענען
אַנטוויקלען, האָט קודם כל געמוזט צעבראָכן ווערן דאָס
פעאָדאַלע ערד-אייגנטום. „די אַרענדע אָפּצאָלן, — שרייבט
ט. ראָדזשערס וועגן ענגלאַנד פון XVIII-ן יאָרהונ-
דערט,—.... הייבן זיך אָן ביי קאָנקורנדיקע אָפּצאָלן כדי
זיי זאָלן גאָר שנעל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הונגער רענ-
טע. אונטערן וואָרט הונגער רענטע פאַרשטיי איך אַזאַ
רענטע, וואָס גיט דעם ערד-אַרבעטער די מעגלעכקייט צו
פירן אַ נעבעכדיק לעבן, אַזוי אַז ער קען נישט אָפּשפּאָרן
און קען נישט איינפירן וואָסערע-עס-איז פאַרבעסערונגען;"
(ציטירט לויט Ed. Bernstein. Socialismus und Demokra-
tie in der grossen englischen Revolution. Stuttgart, 1903
Dietz Verl. S. 10) אין פראַנקרייך פאַר דער רעוואָלוציע
„האָט דאָס פאָלק געקרעכצט אונטער דער שטייערן-משא,
וואָס די רעגירונג האָט אויפגעמאָנט, פון טשינש, וואָס
מ'האָט געצאָלט דעם גוטס-באַזיצער, פון מעשר, וואָס
מ'האָט באַקומען דער קלער, און לייבקנעכטשאַפטלעכע

אַרבעט, וואָס אַלע דריי האָבן געפאָדערט. אין יעדער פּראָ-
ווינץ האָבן זיך אויף די גרויסע וועגן אַרומגעבלאָנקעט
מאַסן פון פינף, צען, צוואַנציק טויזנט מענער, פרויען און
קינדער. אין יאָר 1777 איז אָפיציעל פעסטגעשטעלט גע-
וואָרן די ציפער פון 1,100,000 אָרימעלייט, אין די דער-
פער איז געווען אַ כראָנישער הונגער, וואָס האָט זיך אי-
בערגעחזרט אין קורצע צייט-אָפּשניטן און פאַרוויסט, גאַנ-
צע פּראָווינצן. די פּויערים האָבן מאַסנווייז דאָן פאַרלאָזט
זייערע דערפער א. א. וו. (פ. קראָפּאָטקין, זאַמלונג
פון ווערק, II באַנד. „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלו-
ציע, 1793 – 1789- מאָסקווע, 1919, ז. 16). די שטייערן
און פליכטן זענען געווען אומענדלעך פאַרשידנאַרטיק. (זע,
למשל, קראָפּאָטקין, I, ז. 36, 37 א. וו; ווי אויך ביי לו-
טשיצקי: "דער צושטאַנד פון די ערד-אַרבעטער קלאַסן
אין פראַנקרייך ערב דער רעוואָלוציע און די אַגראַר-רע-
פאָרם פון 1793—1789, קיעוו, 1912). דאָס זענען געווען
פאַרשידענע דערשיינונגען און אויסדרוקן פון דעם פעאָ-
דאַלן ערד-אייגנטום. דאָס גוטס-באַזיצערישע ערד-
אייגנטום, וואָס האָט רואינירט די פּויערים און אין דער-
זעלבער צייט געשטערט דעם וווקס פון דער אינדוסטריע,
האָט בולט שאַרף אַרויסגעוויזן איר ראָל, ווי אַ שטערונג
פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדע-כוחות אויך ביי
אונז, אין רוסלאַנד (די הונגער-אַרענדע, די פאַראָרעמונג
פון דעם פּויערנטום, די שוואַכע אַנטוויקלונג פון אינער-
לעכן מאַרק א. א. וו; די דאָזיקע זייט פון דער זאַך איז
טאַקע געווען איינע פון די הויפּט-סבות פון דער רעוואָ-
לוציע אין יאָר 1905. זע מאַסלאָוו: „די אַגראַר פּראַגע".
באַנד I און II, און אויך די ווערק פון לענינען וועגן
דער אַגראַר פּראַגע אין רוסלאַנד). די צעכן אָרגאַ-
ניזאַציע פון דער אינדוסטרי האָט אויך
אויף יעדן טריט און שריט געשטערט דער אַנטוויקלונג
פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות; למשל, אין דער ענגלי-

שער אינדוסטרי, האָבן חוץ דעם זיבניעריקן טערמין פון דער לער, די כּוחרים און מייסטער אין אַ ריי פּראָדוק־ציע-צווייגן געקענט נעמען אַלס לערן-יונגלעך נאָר זין פון די פרייע בירגער מיט אַ באַשטימטן ערד-צענז. ס'האָט גע־הערשט די קליינלעכע רעגלאַמענטאַציע. ס'איז פאַרשטענד־לעך, אַז ביי דעם צעברעקלטן כאַראַקטער פון דער פּראָ־דוקציע האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין פון אַ פּלאַנמעסיקער ווירטשאַפט. פון דער צווייטער זייט, האָט אַזאַ טיפּ פון די פּראָדוקציע-באַציונגען שרעקלעך קרעמ־פּירט די אינדיווידועלע איניציאַטיוו. דער טעכנישער פּראָ־גרעס איז געבליבן שטעקן אין אַ טעמפּן וויגקל: אויף דער מאַשין האָט מען געקוקט ווי אויף עפּעס אַ שלעכטס. די האַנדלס-מאָנאָפּאָלן זענען אויך געווען אַ שווע־רע משא, ווי אויך די ריזיקע נישטפּראָדוקטיווע מלוכה־הוצאות. די דאָזיקע סיסטעם האָט זיך אינגאַנצן, אַזוי אַרום, פאַרוואַנדלט אין קייטן, און אונטער דעם לאָזונג „פריי־הייט" (קודם-כּל עקאָנאָמישע פרייהייט צו קויפן, פאַרקויפן און עקספּלאָאַטירן) האָט זי געמוזט פאַלן. פאַרשטייט זיך, ביז וואַנען עס איז געפאַלן די דאָזיקע סיסטעם פון פּראָ־דוקציע-באַציונגען, האָבן נייע פּראָדוקציע-באַציונגען, וואָס האָבן אויסגעדרוקט דעם וווקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, זיך געגראָבן אונטער איר, אָבער זיי האָבן נישט געקענט באַקומען אַ גענוגנטע פרייהייט, זיי האָבן זיך נישט געקענט באַפעסטיקן, ווי אַ הערשנדיקע סיסטעם פון באַ־ציונגען. דער דאָזיקער פּעריאָד איז, אַזוי צו זאָגן, געווען אַ פּעריאָד פון צוגרייטונגס-פאַרפוילטקייט פון דער פעאָ־דאַלער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך סאָציאַל אויסגעדרוקט אין „נישטגעלונגענע" אויפשטאַנדן, בונטן א. א. וו. אַזאַ באַטייט האָבן, למשל, געהאַט די פּויערישע מלחמות און

אויפשטאַנדן. למשל, „דער אויפשטאַנד אין יאָר 1381" (וואָט טײלאָרס אויפשטאַנד אין ענגלאַנד. נ. ב.) איז, הויפּטזעכלעך, געווען אַ פּראָטעסט פון ענגלישן פּויערנטום קעגן די הויפּט־שטיצעס פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג מיט איר סאָציאַלער און פּאָליטישער זייט" (ד. פּעטרו־שעווסקי: דער אויפשטאַנד פון וואָט טײלאָר. מאָסקווע, 1914. פאַרלאַג סאַבאַשניקאָווס, פאָרוואָרט). וואָס שייך דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון דעמדאָזיקן פעריאָד, שיל־דערט אים זייער ריכטיק פּראָפעסאָר פּעטרושעווסקי די „אויפלייזונג פון ענגלישן פעאָדאַליזם, ווי ער האָט זיך ענטגילטיק אויפגעלייזט אין דער העלפט פון XIII־ן י. ה., איז פאָרגעקומען פּאַראַלעל מיט דער אויפלייזונג פון יענע ווירטשאַפטלעכע יסודות, אויף וועלכע ער האָט זיך געשטיצט, און איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ווירט־שאַפטלעכער עוואָלוציע פון דער ענגלישער געזעלשאַפט, דער בהדרגהדיקער איבערגאַנג אירער פון נאַטירלעכער, געשלאָסענער ווירטשאַפט צו דער געלט־ווירטשאַפטלעכער, פאָלקס־ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע (דאָרטן, ז. 19)

אויב מיר וועלן זיך איצט ווענדן צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ד. ה. צום איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם פון דער געזעלשאַפט צו דער סאָציאַליסטישער פאָרם (און אין דער אַנטוויקלונג צו איר קאָמוניסטישער פאָרם), דאַן וועלן מיר ווידעראַמאָל זען, אַז די הויפּט־סיבה פון דעמדאָזיקן איבערגאַנג איז דער קאָנפליקט צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוק־ציע־כוחות און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־באַציונגען־ „די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן" (ד. ה. דער מאָנאָפּאָל פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אויף די פּראָ־דוקציע מיטלען. נ. ב.) ווערן קייטן פון פּראָדוקציע אופן, וואָס האָט זיך געבילדעט אונטער איר און צוזאַמען מיט איר. די צענטראַליזאַציע פון די פּראָדוקציע מיטלען און די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער אַרבעט דערגרייכן אזא

פונקט, ווען זיי קענען זיך שוין נישט פאַרטראָגן מיט זייער קאַפּיטאַליסטיש הייטל. דאַן ווערט עס אויפגעריסן (wird gesprengt) עס איז געקומען די שעה פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום. די עקספּריפּריאַטאָרן ווערן עקספּראָפּריאירט". ק. מאַרקס: (ז. 691, Volksausgabe, „Kapital" I). וואָס זאָגט דאָ מאַרקס? ער זאָגט פאָלגנדעס: דער וווקס פון פּראָדוצירנדיקע כוחות איז קודם-כל אַ גיגאַנטישע פאַרטאָפּלונג און צענטראַליזאַציע פון די טעכנישע מכשירים, מאַשינען, אַפּאַראַטן, פּראָדוקציע מיטלען בכלל. דער דאָזיקער וווקס בויטיקט זיך אין דעם, אַז אויך די מענטשן זאָלן איבערגרופּירט ווערן אויף אַן אַנטשפּרעכנדן אופן. טיילווייז קומט דאָס פאָר, אויף וויפל די צענטראַליזאַציע פון די פּראָדוקציע מיטלען פירט צו דער צענטראַליזאַציע פון די אַרבעטער כוחות, אָדער, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס, צו דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון דער אַרבעט. אָבער פאַר דער אינערלעכער גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאַפט איז דאָס נישט גענוג. די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות פאָדערט פּלאַנמעסיקע באַציונגען, ד. ה. באַוווסטזיניק רעגולירטע פּראָדוקציע באַציונגען. אָבער דאָ איז דאָ אַ הויפּט-שטערונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער סטרוקטור, יורידיש זיך אויסגעדרוקט, אין דעם פּריוואַט אייגנטום פון די נאַציאָנאַל-קאַפּיטאַליסטישע גרופּן. דעריבער, אויב די פּראָדוצירנדיקע כוחות וועלן זיך אַנטוויקלען, מוז „אויפגעריסן ווערן" דאָס קאַפּיטאַליסטישע הייטל, און טאַקי די פאַרמעגנס-באַציונגען פון קאַפּיטאַליזם, זיינע הויפּט-פּראָדוקציע באַציונגען, וואָס דריקן זיך יורידיש אויס אין דעם קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום און וועלכע זענען פּאָליטיש באַפעסטיקט אין דער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע פון קאַפּיטאַל. די דאָזיקע הויפּט-סתירה קען אַרויסטרעטן אין פאַרשידענע פאָרמען. אַזוי, למשל, איז די וועלט-מלחמה

געהעכן צו אויסדרוק פון דער דאָזיקער סתירה. די פראָדוצירנדיקע כוחות פון דער וועלט־ווירטשאַפט „פאָדערן“ א וועלט־רעגולירונג, עס איז זיי ענג דאָס „נאַציאָנאַל־קאַפּיטאַליסטישע הייטל“ און דאָס דערפירט צו מלחמה, די מלחמה צו דער צעשטערונג פון דער סאָציאַלער גלייכגעוויכט א. א. ו. די טרעסט־פאָרם פון קאַפּיטאַליזם, די קינסטלעכע פאַרקירצונג פון דער פראָדוקציע, כדי אויפצושרויפן די פאַרדינסטן, די מאָנאָפּאָלן פון די דערפינדונגען (וואָס דרוקט זיך יורידיש אויס אין פּאַטענטן־געזעץ), די פאַרשמעלערונג פון אינערליכן מאַרק (דער נידעריקער לוין א. א. וו.) די קאָלאָסאַלע נישט פּראָדוקטיווע אויסגאַבן, די שטערונגען, וואָס ווערן געמאַכט פון דעם פּריוואַטן אייגנטום פאַר דעם גרויסן טעכנישן פּראָגרעס (למשל פאַר דער עלעקטריפיצירונג, ווען מען קען נישט פאַרלייגן קיין דראָטן און קאַבלען, ווייל אויף דעם איז נישט מסכים דער ערד־אייגנטימער), א. א. וו. — דאָס אַלץ זענען פאַרשידענע אויסדרוקן און פּראָדוצירנדיקע גרויסן פון איין און דער זעלבער הויפּט סתירה צווישן וווקס פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות און דעם „הייטל“ פון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע באַציונגען.

דער רעוואָלוציאָנערער איבערקער ביים איבערגיין פון איין פאָרם פון קלאַסן־געזעלשאַפט אין דער אַנדערער איז א צוזאַמענשטויס צווישן די פּראָדוקציע־באַציונגען. אָבער פרעגט זיך, ווען קומט פאָר דער דאָזיקער איבערקער? די סתירה צווישן די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פאַרמעגנס־באַציונגען פון דער געגעבענער געזעלשאַפט באַווייזט זיך דאָך נישט פּלוצלונג, פאַלט נישט אַראָפּ אומגעריכט, ווי שניי אויפן קאָפּ אַראָפּ. זי ווערט באַמערקט און באַווייזט זיך א סך לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע, אַנטוויקלט זיך א לאַנגע צייט, און נאָר אַלס א רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג ווערט זי געלייזט דורך אַן אויפרייס פון יענע פּראָדוקציע־באַציונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן אַלס פענטעס פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די

פּראָדוצירנדיקע כּוחות. דער דאָזיקער „פּונקט פֿון זידן" קומט דאַן, ווען אין שויס פֿון די אַלטע פּראָדוצירנדיקע באַציונגען זענען שוין רייף געוואָרן אין אַ באַהאַלטענער פֿאָרם נייע. קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע פֿאָרמאַציע קומט קיינמאָל נישט פֿריִער אָן, איידער עס האָבן זיך אַנטוויקלט אַלע פּראָדוצירנדיקע כּוחות, פֿאַר וועלכער זי איז גענוג עלאַסטיש (für die sie weit genug ist) און נייע, העכערע פּראָדוקציע באַציונגען באַווייזן זיך קיינמאָל נישט אויף דער סצענע פֿריִער, איידער זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען פֿון עקזיסטענץ זענען פֿריִער נישט רייף געוואָרן אין די חדרי־חדרים פֿון דער געזעלשאַפֿט גופֿא". (Marx: Zur Kririk, Vorwort, LVI).

וואָס־זשע באַטייט דאָס דאָזיקע „רייף ווערן" פֿון נייע באַדינגונגען אין די חדרי־חדרים פֿון די אַלטע פּראָדוקציע באַציונגען?

די קאַפּיטאַליסטישע סטרוקטור פֿון דער געזעלשאַפֿט שעפּט זיך אַפֿילו נישט אויס אין דער קלערסטער מאָס מיט די באַציונגען אינעווייניק אין דעם קלאַס פֿון די קאַפּיטאַליסטן; פּונקט אַזוי באַשטייט נישט איר „מהות" אין די באַציונגען צווישן אַרבעטער. דער דאָזיקער „מהות" באַשטייט אין דער פֿאַרייניקונג פֿון די ערשטע און די צווייטע פּראָדוקציע באַציונגען. אָט דאָס איז טאַקי די הויפּט פּראָדוקציע באַציונג פֿון קאַפּיטאַליזם, יענער קניפּ, וואָס פֿאַרייניקט און פֿאַרבונדט צוויי גרונט קלאַסן, יעדער איינער פֿון וועלכע שטעלט פֿון זיין זייט מיט זיך פֿאָר אויך אַ קבוץ פֿון פּראָדוקציע באַציונגען (באַציונגען צווישן קאַפּיטאַליסטן — פֿון איין זייט, באַציונגען צווישן אַרבעטער — פֿון דער צווייטער זייט). אויב מיר וועלן איצטער זיך פֿרעגן, אויף וואָס פֿאַראַ אופֿן איז אינערהאַלב דעם באַשטימטן פּראָדוקציע אופֿן „רייף" געוואָרן אַ נייער „פּראָדוקציע אופֿן", דאַן וועלן מיר אַנטפּלעקן פֿאָלגנדיקעס (אַלס ביישפּיל נעמען מיר דעם זעלבן קאַפּיטאַליזם).

אינערהאַלב די פּראָדוקציע באַציונגען פֿון קאַפּיטאַליזם, ד. ה. אינערהאַלב דער צעשטעלונג פֿון די קלאַסן, איז

אַ טייל פון די דאָזיקע פּראָדוקציע באַציונגען אין דער זעל־
בער צייט אויך דער יסוד פון אַ נייער סאָציאַליסטישער אָרדנונג.
אין אמתן, מיר האָבן שוין געזען, וואָס מאַרקס האַלט אַלס יסוד
פון דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. דאָס איז, פון איין זייט, די
צענטראַליזירטע פּראָדוקציע־מיטלען (ד. ה. די פּראָדוצירנדיקע
כּוחות), און דערנאָך (דאָס טאַקי געהערט צו די פּראָדוקציע באַ־
ציונגען) — די פאַרגעזעלשאַפטלעכטע אַרבייט ד. ה. אין דער

ערשטער ריי, די באַדינגונגען אינערהאַלב דעם אַרבעטער־
קלאַס, דער גאַנצער קבוץ פון די פּראָדוקציע־באַציונגען איינערהאַלב
דעם פּראָלעטאַריאַט. (דער פּראָדוקציע צוזאַמענהאַנג צווישן אַלע
אַרבעטער). אָט די דאָזיקע שייכות פון מיטאַרבעטערשאַפט, וואָס
ווערט רייף אינם שויס פון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע באַ־
ציונגען בכלל, איז דאָס יענער גרונט שטיין אויף וועלכן
ס'דאַרף זיך שטיצן די קירך פון דער צוקונפט.

איצט זעען מיר, אַז די דאָזיקע גרונט סתירה גע־
פינט איר אויסדרוק אין דער אָפּשטאַמענדיקער סתירה, נעמ־
לעך, אין דער סתירה צווישן איין טייל פון פּראָדוקציע—באַ־
ציונגען פון קאַפּיטאַליזם און איר צווייטן טייל. און טאַקי,
ס'איז דאָך קלאָר, אַז די געזעלשאַפטלעך־צענטראַליזירטע אַרבעט,
וואָס געפינט איר פאַרקערפּערונג אינם פּראָלעטאַריאַט, ווערט וואָס
אַמאָל ווינציקער צוגעפּאַסט צו דער עקאָנאָמישער (און פאָלגלעך,
אויך דער פּאָליטישער) מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן. די דאָזיקע
„פאַרגעזעלשאַפטלעכע אַרבעט” פאָדערט אַ פּלאַנמעסיקע ווירטשאַפט.
און זי דולדעט נישט קיין אַנאַרכיע צווישן די קלאַסן. זי דרוקט אויס
די אָרגאַניזירטקייט פון דער געזעלשאַפט. און די דאָזי־
קע אָ־גאַניזירטקייט קען נישט דערפירט ווערן ביז צום סוף אין
דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; באַזונדערס קען זי נישט

געפירט ווערן אויף אַ סאָציאַלער ליניע. וואָרום די קלאַסן־געזעל־
שאַפט איז אַ סתירה'דיקע, ד. ה. אַ נישט אָרגאַניזירטע געזעל־
שאַפט. און ס'איז קלאָר, אַז די קאַפּיטאַליסטן קענען נישט, ווילן

נישט פאַרניכטן זייער קלאַסן-הערשאַפט. פאָלגלעך, כדי ס'זאָלן זיין אָפן די מעגלעכקייטן פאַר דער אָרגאַניזירטקייט „אויפן גאַנצן פראָנט" דאַרף פאַרניכטעט ווערן די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן. אַזוי־אַרום איז דאָ פאַרהאַן אַ קאָנפליקט צווישן יענע פּראָדוקציע־באַציונגען, וואָס פאַרקערפּערן זיך אינם פּראָלעטאַריאַט, און צווישן יענע, וואָס פאַרקערפּערן זיך אין דער בורזשואַזיע.

פון דאַנען ווערט פאַרשטענדלעך אָט וואָסער אומשטאַנד.

ס'איז באַוווּסט, אַז מענטשן מאַכן די געשיכטע. הייסט עס, דער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען דרוקט זיך אויס, פאַרשטייט זיך, נישט אין דעם, וואָס די פּראָדוקציע מיטלען, טויטע מאַשינען, זאַכן, „קריכן" אַזוי צו זאָגן, אויף מענטשן, אזא השערה וואָלט געווען אי אַן אומגעהערלעכע, און גלייכצייטיק אַ לעכערלעכע. אין וואָס־זשע גייט עס? ס'גייט, באַשייַנפּערלעך, אין דעם, וואָס די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות שטעלט די מענטשן אין שאַרף קעגנזעצלעכע באַציונגען, און דער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען געפינט זיין אויסדרוק אין קאָנפליקט צווישן מענטשן, אין קאָנ-

פליקט צווישן קלאַסן. איצטער האָבן מיר שוין דערזען, ווי אַזוי דאָס געשעט. וואָרום די באַציונגען פון מיטאַרבעטערשאַפט צווישן די אַרבעטער דרוקן זיך אויס אין לעבעדיקע מענטשן, אינם פּראָלעטאַריאַט, מיט זיינע אינטערעסן, שטרעבונגען, סאָציאַלן כוח און מאַכט. פאַרקערט, דער האַמעווענדיקער, הערשנדיקער יסוד פון די פּראָדוקציע באַציונגען פון קאַפּיטאַליזם דרוקט זיך אויך אויס אין לעבעדיקע מענטשן אין קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן. דער גאַנצער קאָנפליקט באַקומט זיין אויסדרוק אין

דעם פאַרביטערטן קלאַסן־קאַמף — אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף

פון די פּראָלעטאַריער קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

די אָפּאָרטוניסטישע טרובאַדורן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַט-

יע, ווי אַ שטייגער ה׳ קונאָוו, האָבן ליב צו פּלוידערן אויף דער טעמע וועגן דער „נישט רייפקייט" פון די היי־טיקע באַציונגען, און אין זייער פאַרענטפערונג פאַררופן זיי זיך אויך... אויף מאַרקסן, וועלכער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז קיין שום פּראָדוקציע - פאָרם ווערט נישט פאַרביטן דורך איר נייער פאָרם, כל־זמן זי גיט נישט קיין פריי־פעלד פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. אין די דאָזיקע „חכמים" הייבן אָן צו נישטערן אין דער גאַנצער וועלט, כּדי צו באַווייזן, אַז ס׳זענען נאָך אַ דערפער אין צענטראַל - אַפריקע, ווו ס׳זענען נישט שוין קיין בענק, נאָר ס׳זענען דאָ נאַקעטע ווילדע. קעגן דעם קענען מיר אַרויסשטעלן אונזער פאָלגנדיקע באַהויפּ־טונג: „די וועלט מלחמה, דער אָנהייב פון דער רעוואָ־לוציאָנערער ערע א. א. וו. איז גראָד דער אויסדרוק פון

דער אָביעקטיווער רייפקייט, ווען וועלכער עס רעדט זיך•

וואָרום דער דאָזיקער געוואַלטיק אָנגעשטרענגטער קאָנפליקט איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם מאַקסימאַל פאַרביי־טערטן אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט זיך כּסדר רעפּראָדוצירט און געוואַקסן אין די חדרי־חדרים פון דער קאַפּיטאַליס־טישער סיסטעם. זיין אויפטרייסלנדיקע קראַפט איז אַ גע־וויער אָנווייזער פון דער שטופּע פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער אַנטוויקלונג און דער טראַגישער אויסדרוק פון דער פולער נישט צוגעפּאַסטקייט פאַרן ווייטערדיקן וואַקסן פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אונטערן הייטל פון די קאַפּי־טאַליסטישע פּראָדוקציע-באַציונגען. אָט דאָס איז טאַקי דער זעלבער צוזאַמענברוך, וואָס איז נישט איין מאָל פאָרויסגע־זאָגט געוואָרן דורך די שעפער פון וויסנשאַפטלעכן מאַרק־סיזם (נ. בוכאַרין: די עקאָנאָמיע פון איבערגאַנגס-פעריאָד ז. 57).

§ 47 רעוואָלוציע און אירע פאַזעס. (פאַרשי־דענע פעריאָדן). דער אויסגאַנג־פּונקט פון דער רעוואָלוציע איז,

ווי מיר האָבן געזען, דער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען, וואָס שטעלט דעם קלאַס־טרעגער פון דעם נייעם פּראָדוקציע אופן אין אַ באַזונדערער לאַגע, „דעטערמינירט” דורך אַ באַשטימטן אופן זיין באַוווסטזיין און ווילן. הייסט עס, דער פּאַראַפּאָסטן פון דער רעוואָלוציע איז די רעוואָלוציאָניזירונג פונם באַוווסטזיין פון דעם נייעם קלאַס. די אידעאָלאָגישע רעוואָלוציע איז דער קלאַס־קברן פון דער אַלטער געזעלשאַפט.

אויף דעם דאָזיקן פּונקט מיז מען זיך אָפּשטעלן. קודם־כּל דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט אַ מאַטעריעלן יסוד. דערנאָך דאַרף מען גענוי פאַרשטיין, פאַרוואָס עס רעדט זיך דאָ נישט וועגן אַ שטורמישער פאַרענדערונג אינם באַוווסטזיין פון דעם נייעם קלאַס, נעמלעך, וועגן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס. באַטראַכטן מיר אויפמערקזאַם די דאָזיקע פּראָבלעם.

יעדע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ווי מיר ווייסן עס שוין פעסט פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, שטיצט זיך נישט נאָר אויפן עקאָנאָמישן יסוד. וואָרום אויך אַ באַליביקע אידעאָלאָגיע, וואָס הערשט ביי דער געגעבענער אָרדנונג פון זאַכן, איז אַ באַפעסטיקונג, וואָס האַלט די דאָזיקע אָרדנונג.

די אידעאָלאָגיעס זענען נישט עפּעס אַ באַצירונג, נאָר רייפן פון אַ פאַרשידענעם מין, וואָס האַלטן אין גלייכגעוויכט דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קערפּער. איצט פרעגן מיר זיך, וואָס וואָלט געווען, אויב די פּסיכאָלאָגיע און די אידעאָלאָגיע פון די אונטערדריקטע קלאַסן וואָלט געווען שאַרף — פיינטלעך דער הערשנדיקער אָרדנונג פון די זאַכן? ס'איז קלאָר, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט זיך די דאָזיקע אָרדנונג נישט געקענט האַלטן. לאָמיר טאַקע אַ קוק טאָן אויף אַ וואָסער־עס־איז פאָרם פון דער געזעלשאַפט, און מיר וועלן זיך באַלד איבערצייגן, אַז

אויף וויפל די געזעלשאפט עקזיסטירט, אויף אזויפיל הערשן אין
איר, אין אלגעמיין און אין גאנצן, די פסיכאלאגיע און אידע-
אלאגיע פון דער בירגערלעכער וועלט. דאס זעט מען באזונדערס
גוט אין דעם ביישפיל מיטן קאפיטאליזם, אין צ יב מלחמה פון
1918-1914. ווי לאנג האט שוין דער ארבעטער-קלאס געהאט אנט-
וויקלט זיין אידעאלאגיע, אן אומאפהענגיקע פון דער בורזשואז-
יע! און וואס האט זיך אויסגעוויזן? ס'האט זיך אויסגעוויזן, אז
אפילו אין דער סביבה פונם ארבעטער-קלאס איז אויסערגעוויינ-
לעך שטארק געווען דער גלויבן אין דער נישטוואקלבארקייט פון
דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, די צוגעבונדטקייט צו דער
קאפיטאליסטישער מלוכה, די פסיכאלאגיע פון דער בירגערלע-
כער וועלט. ס'איז נויטיק געווען א גאנצע פסיכאלאגישע און אי-
דעאלאגישע רעוואלוציע, כדי איין קלאס זאל אין דער וויר-
קלעכקייט אויפשטיין קעגן א צווייטן קלאס. ווען זשע געשעט די
דאזיקע אידעאלאגישע און פסיכאלאגישע רעוואלוציע? זי געשעט
דעמאלט, ווען די אביעקטיווע אנטוויקלונג שטעלט דעם אונטער-
דריקטן קלאס אין אן „אומדערטרעגלעכער לאגע", ווען דער דא-
זיקער קלאס זעט בחוש און אנערקענט, אז „ביי דער עקזיס-
טירנדיקער ארדנונג איז אוממעגלעך א פארבעסערונג", „ס'איז
נישטא קיין אויסוועג", אז „אזוי לעבן קען מען נישט". דאס
קומט פאר דאן, ווען דער קאנפליקט צווישן וווקס פון די פרא-
דוצירנדיקע כוחות און די פראדוקציע באציונגען האט ארויס-
גערופן דעם קראך פון דער געזעלשאפטלעכער גלייכגעוויכט און
די אוממעגלעכקייט זי צוריקצושטעלן אויפן אלטן יסוד. מיר וועלן

דאס נאכפאלגן אויפן ביישפיל פון דער פראלעטארישער רעווא-
לוציע. דער ארבעטער קלאס, ווי מיר האבן שוין דערמאנט, האט
אויפן שטח פון דעם קאפיטאליסטישן וועג פון דער מענטשהייט
אנטוויקלט א פסיכאלאגיע און אידעאלאגיע, וואס זענען מער-
ווייניק פייגלעך דער עקזיסטירנדיקער ארדנונג. די דאזיקע
אידעאלאגיע האט אין מ א ר ק ס י ז ם באקומען איר שארפסטן,
בעסטן און מערקווירדיק-טיפסטן אויסדרוק. אבער רעאל, אינם

באוווסטזיין פון די מאסן, — טאקע צוליב דעם, וואס דער קאַ־
פיטאַליזם האָט זין נאָך געקענט אַנטוויקלען, וואָס ער האָט
זיך אַנטוויקלט און געקענט אפילו אויסצאָלן אַ העכערן אַרבעטס־
לוין אויפן חשבון פון דער אָנגערויבטער און אומברחמנותדיקער
עקספּלאָטאַציע פון די קאָלאָניעס, — אינם באוווסטזיין פון די
מאסן איז לגמרי נישט געווען „נישט צו דערליידן". נאָך מער,
ביי דעם אייראָפּעאישן און צפון־אמעריקאַנער אַרבעטער־קלאס האָט
זיך אפילו געשאַפן אַ מין „אינטערעסן געמיינזאַמקייט" מיט דער
קאַפּיטאַליסטישער „נאַציאָנאַלער מלוכה". אין דער זעלבער צייט
איז מאַרקס׳נס מאַרקסיזם, וואָס איז אויפגעוואַקסן אויפן באָדן
פון דער רעוואָלוציע פון 1848, פאַרביטן געוואָרן אין די אַר־
בעטער פּאַרטייען דורך אַ ספּעציפישן „מאַרקסיזם פון II אינטער־
נאַציאָנאַל", וואָס האָט פאַרענדערט און פאַרדרייט מאַרקסנס טע־
אָריע וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועגן דער פאַראָרעמונג
פונם פּראָלעטאַריאַט (Verlendungs-Theorie) וועגן דעם אומ־
פאַרמיידלעכן צוזאַמענבראָך פון קאַפּיטאַליזם (Zusammenbruchs-
theorie) וועגן דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט א. א. וו. דאָס אַלץ
האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם פּאַראַט פון די סאָציאַל־
דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אין די פּאַטריאָטישע שטימונגען
ביי דעם אַרבעטער קלאַס אין י. 1914. און נאָך די מלחמה און
אירע פאָלגן, וואָס זענען געווען אַן אויסדרוק פון דער סתירה
פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג האָט אָנגעהויבן צו ווייזן, אַז
„ווייטער קען עס אַזוי נישט זיין". די פּסיכאָלאָגיע און אידעאָ־
לאָגיע פון דער בירגערלעכער וועלט האָבן אָנגעהויבן פאַרביטן
צו ווערן מיט דער פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע פון דעם ביר־
גער קריג, און אין דעם ריין־אידעאָלאָגישן געביט האָט אַנשטאָט
דעם „מאַרקסיזם" פון II אינטערנאַציאָנאַל אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן
דער אמת׳ער מאַרקסיזם, ד. ה. דער וויסנשאַפטלעכער
קאָמוניזם.

אַזוי אַרום, באַשטייט די דאָזיקע אידייאישע רעוואָלוציע

אינם צוזאַמענבראָך פון דער אַלטער פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָ־

ביע (זיי ווערן צעבראָכן דורך די אויפרייסנדיקע פּאַקזן פונם לעבן) און אין דער שאַפונג פון אַ נייער, אמת'ער רעוואָלוציאָנערע פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע מנוולים ווילן דאָס קיינמאָל נישט פאַרשטיין. פאַרקערט: זיי ווילן די זאַכן פאַרשטעלן אַזוי, אַז אויפן באָדן פון נויט און הונגער קען נישט פאָרקומען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דעריבער איז יעדע רעוואָלוציע, וואָס געשעט אויף דעם דאָזיקן באַדן, נישט קיין „אמתע" רעוואָלוציע. ס'איז אינטערעסאַנט אַנטקעגנצושטעלן די דאָזיקע באַהויפּטונגען דאָס, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט וועגן דעם ענין. אין זיין לייט-אַרטיקל פון צווייטן פעברואַר 1854 אין „New-York Tribune" לייענען מיר: „מיר טאָרן נישט פאַרגעסן. אַז אין איראָפּע עקזיסטירט נאָך אַ זעקסטע מלוכה (Macht) וואָס וועט אין אַ באַשטימטן מאָמענט באַפעסטיקן איר הערשאַפט איבער די איבעריקע פינף, אַזוי גערופענע „גרויס-מאַכטן" און זי וועט מאַכן ציטערן יעדע איינע פון זיי. די דאָזיקע מאַכט איז — די רעוואָלוציע. נאָכדעם ווי זי איז אַ לאַנגע צייט געלעגן באַהאַלטן (sich still und zurückgezogen verhielt), וועט זי איצט אַרויסגערופן ווערן אויפן קאַמפּס-פּלאַץ דורכן קריזיס און הונגער. (durch die Krisis und Hungersnot) ס'איז נאָר נויטיק אַ סיגנאַל, כדי די זעקסטע און מעכטיקסטע מאַכט זאָל אַרויסטרעטן אין איר גאַנצער פּרעכטיקער באַוואָפנונג, מיטן שווערד אין דער האַנט... דעם דאָזיקן סיגנאַל וועט געבן די דראָענדיקע איראָפּעאישע מלחמה" מאַרקס האָט אַזוי אַרום זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אידיאָטישע חקירות אויף דער טעמע, אַז נאָך דער מלחמה קען נישט פאָרקומען קיין

פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, אַז אויפן הונגער קען מען נישט אויפבויען די רעוואָלוציע א. א. וו. מאַרקס האָט זיך נאָר טועה געווען אין טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג, אָבער ער האָט אויף א גענויאַלן אופן פאַרויס געזען די גרונט-שטריכן פון די געשעענישן: קריזיס, הונגער, מלחמה. די צווייטע פאַזע פון דער רעוואָלוציע איז די פּאָליטי- שע רעוואָלוציע ד. ה. דער פאַרכאַפּ פון דער מאַכט דורך

דורך דעם נייעם קלאַס. דאָ ווערט די רעוואָלוציאָנערע פּסיכאָ-

לאָגיע פון נייעם קלאַס פאַרוואַנדלט אין אַווירקלעכקייט.

דער אונטערדריקטער קלאַס שטויסט זיך דירעקט צונויף מיט דער קאָנצענטרירטער קראַפט פון דעם הערשנדיקן קלאַס, מיט זיין מלוכהשן אַפּאַראַט. כדי צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד, דעזאָרגאַניזירט דער נייער קלאַס אין פאַרלויף פון קאַמף, רו- אינירט אין אַ גרויסער אָדער קלענערער מאָס די מלוכה׳שע אָר- גאַניזאַציע פונם קעגנער און בויט זיין אייגענע מלוכהשע אָר- גאַניזאַציע, טיילווייז פון די עלעמענטן פון אַלטן, טיילווייז פון נייע עלעמענטן. דאָ מוז מען אָנמערקן און אונטערשטרייכן, אַז דער „פאַרכאַפּ פון דער מאַכט" דורך דעם נייעם קלאַס איז נישט און קען נישט זיין אַ פּשוטער איבערגאַנג פון דער זעלבער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע פון איין האַנט אין די צווייטע. אוא, אין דער העכסטער מאָס, נאַאיווע פאָרשטעלונג איז זייער פאַר- שפּרייט געווען אויך אין די סאָציאַליסטישע קרייזן. אָבער ביי מאַרקסן און ענגעלסן רעדט זיך טאַקע וועגן דער פאַרניכטונג פון דער אַלטער מאַכט און וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער נייער. דאָס איז אין העכסטן גראַד פאַרשטענדלעך. און טאַקי די מלוכה-אָרגאַניזאַציע איז דאָך דער העכסטער אויסדרוק פון דער מאַכט פון דעם אָנפירנדיקן קלאַס, — דאָס איז זיין פעסטונג, זיין קאָנצענטרירטער כוח, דער הויפּט-אַפּאַראַט פון זיין קאַמף, דער הויפּט-וואָפן פון זיין זעלבסט-פאַרטיידיקונג קעגן דעם אונ- טערדריקערישן קלאַס. ווי צזוי-זשע קען דער אונטערדריקטער קלאַס ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם אונטערדריקערישן קלאַס,

לאָזנדיק אומבאַרירט דעם הויפּט־וואָפן פון זיין אונטערדריקונג? ווי אַזוי קען מען באַזיגן דעם שונא, נישט דעזאָרגאַניזירנדיק די כוחות פון דעם דאָזיגען שונא? ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז ס'איז מעגלעך איינס פון די ביידע: אָדער די כוחות פון דעם באַפעלנדיקן קלאַס בלייבן, אין אַלגעמיין און אינגאַנצן, אומבאַשעדיקט — און דאַן איז די רעוואָלוציע, לויט אַן אַלגעמיינעם כלל, פאַרשפּילט; אָדער די רעוואָלוציע האָט געזיגט, און דאָס, לויטן אַלגעמיינעם כלל, באַטייט די דעזאָרגאַניזירונג פאַרניכטונג פון די כוחות (ד. ה. אויפן ערשטן אָרט, די מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון דעם באַפעלנדיקן קלאַס). און אַזוי ווי די מאַטעריעלע קראַפט פון דער מלוכה־מאַכט געפינט איר הויפּט אויסדרוק אין די באַוואָפנטע קרעפטן, ד. ה. אין דער אַרמיי, דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע פאַרניכטונג טרעפט טאַקי שטאַרקער פאַר אַלץ די אַלטע אַרמיי. דאָס האָט אויך געוויזן די ענגלישע רעוואָלוציע פון XVII י. ה. וואָס האָט פאַרניכטעט דעם אַפּאַראַט פון דער מלוכה'שער מאַכט פון די קעניגן־גוטס־באַזיצער, זייער אַרמיי א. א. וו. און געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי פון די פּוריטאַנער און קראָמוועלס דיקטאַטור. דאָס האָט אויך געוויזן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט צעזעצט די קעניגלעכע אַרמיי, און געשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף נייע יסודות. דאָס האָט, צום סוף, דערוויזן אויך די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 און די פאָלגנדיקע יאָרן, וואָס האָט צעקלאַפּט דעם מלוכה'שען אַפּאַראַט פון די גוטס־באַזיצער און פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט צעזעצט און פאַרניכטעט די אימפּעריאַליסטישער אַרמיי און וואָס האָט געשאַפן אַ נייע מלוכה, פון אַ פולשטענדיק נישט געוועזענעם טיפּ און אַ נייע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי.

דאָס אַלץ האָבן טעאָרעטיש קלאָר געזען אי מאַרקס אי ענגעלס. מיר קענען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן, כדי דאָס צו דערווייזן און מיר שיקן אָפּ יעדן, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם דאָזיקן ענין, צו לענינס ווערק:

„מלוכה און רעוואָלוציע 1)". אַז דאָ איז די פּראָבלעם באַלויכטן אויף אַן אָרטאָדאָקסאַל-מאַרקסיסטישן אופן, זענען איצט מודה אפילו די בורזשואזע אויספאָרשער. כסטרוווע באזונדערס פ. י. נאָווגאָראָדצעוו: („וועגן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל". בערלין 1921). צוגעדריקט צו דער וואַנט, זענען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער דעריבער געווען געצווונגען צו קריטיקירן מאַרקסן, אָפן באַהאַלטנדיק די רעוואָלוציאָנערע „צעשטערנדיקע" זייט פון זיין טעאָריע. די דאָזיקע דאַנקבאַרע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען הייבריך קונאָוו. Heinrich Kunow: 1. B. I, s. 310 (Marx kontra Marx)

קונאָוו,- נאָך אַלץ איבערחזרנדיק זאָמבארטס נאַרישע מעשהלע, אַז מאַרקס — דעם געלערנטן האָט אויסערגעוויינלעך געשאַדנט מאַרקס — דער רעוואָלוציאָנער, — שיידט אונטער צווי „אַוועקבויגונגען" אין דער טעאָריע פונם פונדאַמענט-לייגער פונם וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם: פון איין זייט, לויט קונאָווס מיינונג, ווערט ביי מאַרקסן די מלוכה באַטראַכט סאָציאָלאָגיש, ווי עפּעס, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון די באַדינגונגען פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אויס געזעלשאַפטלעכע פונקציעס; פון דער צווייטער זייט, ריין פּאָליטיש, ווי אַ קלאַסן-מאַשין פון אונטערדריקונג, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלדאָס בייז. דער ערשטער שטאַנדפונקט איז אַ שטאַנדפונקט פון אַ געלערנטן, דער צווייטער — פון אַן אָפּטימיסטישן רעוואָלוציאָנער" (!). מיטן לעצטן, לויט קונאָוון איז ביי מאַרקסן פאַרבונדן „די שנאה צו דער מלוכה", און די שטרעבונג צו צעקלאַפּן די מלוכה-מאַשין פון דער בורזשואַזיע.

---

1) דערשיינט אין קורצן אין אונזער פאַרלאַג, אין יידיש.

ס'איז נישט שווער צו זען אין וואָס ס'באַשטייט דער טעות פון קונאָווס אַוועקשטעלן די פּראָבלעם. דעם קלאַסן אונטערדריקערישן כאַראַקטער פון דער מלוכה-מאַשין שטעלט ער פולשטענדיק גרונטלאָז אַנטקעגן „די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס". „פּאָליטיק איז דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמיק". אָן דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה איז אומדענקבאַר די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, און זי פּאָרשטייט זיך, פירט אויס זייער וויכטיקע פונקציעס. אָבער די פראַגע באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע ווארפן די „וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס" אַראָפּ פון זיך איין היסטאָרישן קאָסטיום און טוען אָן אַן אנדערן. דאָס קומט פאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון קלאַסן-איבערוקן, דורך דער פאַרמיטלונג פון אויפרייס פון די אַלטע באַציונגען. קונאָוו חזרט דאָ איבער רעננערס אַפּאָריזמען. דער לעצטער האָט בעת דער מלחמה פאַרטיידיקט דאָס פאָטערלאַנד פון די האַבסבורגער און די רווחים פון די קאַפּיטאַליסטן מיט אַזעלכע חקירות: די וווּלגאַרע מענטשן מיינען, אַז קאַפּיטאַליסטן איז אַ זאַך; מאַרקס האָט דערוויזן, אַז די דאָזיקע באַציונג דערלאָזט מינימום צוויי צדדים: קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער. הייסט עס, — קומט רעננער צום שלוס, — אויב איר רעדט וועגן אַרבעטער, דערלאָזט איר שוין מיט דעם אַליין די עקזיסטענץ פונם קאַפּיטאַליסט; און פאָלגלעך, פאַרטיידיקנדיק דעם אַרבעטער, דאַרפט איר אויך פאַרטיידיקן דעם קאַפּיטאַליסט. וואָרום איינס אָן צווייטן קען נישט עקזיסטירן, דאָס זענען טאַקי די „אינטערעסן פון גאַנצן". אַלע ענלעכע חקירות, ווי יעדער זעט, שטיצן זיך אויף דעם, אַז דער לוין אַרבעטער דאַרף שטענדיק וועלן זיין אַ לוין אַרבעטער. אָבער די מעשה איז טאַקי, וואָס די רעוואָלוציע שטעלט נישט די פראַגע וועגן „רעכט" צו זיין אַ לוין אַרבעטער, נאָר די פראַגע וועגן „רעכט" אויפהערן צו זיין אַ לוין-אַרבעטער.

אַזוי אַרום באַשטייט די פּאָליטישע פאַזע פון דער רעוואָלוציע נישט אין דעם, וואָס דער נייער קלאַס פארכאַפּט די איבערגעבליבענע אלס גאַנצעס אַלטע מאַשין, נאָר אין דעם, וואָס מער-ווייניק (אָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַרא קלאַס ס'פאַר- בייט די אַלטע געזעלשאַפט) צעשטערט ער און בויט זיין אייגענע נייע אָרגאַניזאַציע, ד. ה. צעשטעלט (קאָמבינירט) אויף א ניי- עם אויפן די אנטשפּרעכנדיקע אידייען.

די דריטע שטופע פון דער רעוואָלוציע איז די עקאָנאָמי- שע רעוואָלוציע. זי באַשטייט אין דעם, וואָס דער נייער קלאַס,

וואָס האָט זיך געשטעלט ביי דער מאַכט, נוצט אויס די דאָזיקע מאַכט, ווי אַן אָנטרייבער פון עקאָנאָמישן איבערקער, צעברעכנ- דיק די פּראָדוקציע-באַציונגען פון אַלטן טיפּ, העלפנדיק צו בויען די באַציונגען, וואָס זענען רייף געוואָרן אין די חדרי- חדרים פון דער אַלטער אָרדענונג אין אַ סתירה צו זיי. אָט ווי אַזוי מאַרקס האָט באַצייכנט דעם דאָזיקן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע, בעת ער האָט באַטראַכט די רעוואָלוציע פונם פּראָ- לעטאַריאַט: דער פּראָלעטאַריאַט -- האָט ער געשריבן — וועט אויסנוצן זיין פּאָליטישע הערשאַפט, כדי אַרויסצורייסן (nach uud nach zu entreissen) ביי דער בורזשואַזיע דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, כדי צו צענטראַליזירן אין די הענט פון דער מלוכה, ד. ה. פון אַן אָרגאַניזירטער, ווי א הערשנדיקער קלאַס; פּראָלע- טאַריאַט, אַלע פּראָדוקציע מיטלען און כדי, לויט דער מעגלעכ- קייט, צו פאַרגרעסערן די מאַסע פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות (דאָס לעצטע, ווי מיר זעען, געשעט שפּעטער און געהערט איי- גענטלעך צום נאָכפאָלגנדיקן פּעריאָד נ. ב.) דאָס קען, פאַרשטייט זיך, געשעען נאָר מיט דער הילף פון דעספּאָטישע אַריינרייסונגי-

גען אין אייגנטום־רעכט און אין די בורזשואזע פּראָדוקציע־באַציונגען, פאָלגלעך, מיט דער הילף פון מאָסנאַמען, וואָס זענען עקאָנאָמיש נישט גענוגענט און נישט ראַציאָנעל (unhalbar), נאָר וועלכע גייען ארויס יעדע גרענעץ פון זייערע אייגענע גרעניצן (über sich selbst hinaustreiben) אין פארלויף פון דער אַנטוויקלונג און זענען אומפאַרמיידלעך, ווי אַ מיטל פאַרן איבערקער אין דעם גאַנצן פּראָדוקציע אופן" („קאָמוניסטישער מאַניפעסט"). און אין אַן אַנדערן אָרט אינעם „מאַניפעסט" רעדט מאַרקס וועגן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער, ווי אַ הערשנדיקער קלאַס פארבייט געוואַלטזאַם (gewaltzam) די אַלטע פּראָדוקציע באַציונגען.

דאָ אנטפּלעקט זיך פאר אונז אַ וויכטיקע און אַ גרונט־פראַגע: ווי אַזוי, אין אַ טיפּישן פאַל, קומט פאָר און דארף אומפאַרמיידלעך פאָרקומען די דאָזיקע איבערמאַכונג. די רעאָר־גאַניזירונג פון די פּראָדוקציע־באַציונגען?

די אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאָרשטעלונג מכוח דעם איז געווען זייער אַ פּשוטע. דער נייער קלאַס (אין דער פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע דער פּראָלעטאַריאַט), ווארפט אראָפּ דעם קאָמאַנדירנדיקן ראש אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס און זאָגט: „פּאַשאָל וואָן, שוטה"! די „שוטים" גייען אַוועק, מער אָדער ווייניק אונטערגעשטופּט דורכן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער באַקומט גאַנצהייט און אין אַ נישט צושטערטן צושטאַנד אַ גרייטן, אַ רייף געוואָרענעם ביז גאָר אינגם שויס פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אברהם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקציע אפּאראַט. איבער זיי שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט אויך זיין „ראש" — און פּטור אן עסק. די פּראָדוקציע גייט ווייטער אָן איבעררייס, די אימאויפהערלעכקייט פון רעם פּראָדוקציע פּראָצעס ווערט נישט אָנגערירט, און די גאַנצע געזעלשאַפט שיפט זיך געלאַסן אויפן וועג צו דער ברייט געעפנטער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. לאָמיר אָבער אויפמערקזאַם אַ קוק טאָן אויף דער רעוואָלוציע און פּראָדוקציע באַציונגען. וואָס באַטייטן קודם־כל די די פּראָדוקציע־באַציונגען פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעטס־פּראָצעס? זיי שטעלן מיט זיך פאָר נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ בשותפות־דיקער מענטשלעכער אַרבעטס־אַפּאַראַט, אַ סיסטעם פון קעגנזייטיק

פאַרבונדענע איינער מיטן אַנדערן מענטשן, פאַרבונדענע, ווי מיר ווייסן, לויט אַ באַשטימטן טיפּ. אָבער חוץ דעם — און דאָס איז זייער וויכטיק פאַר אונדז — זענען די אַרבעטס־פונקציעס פון פאַרשידענע מענטשלעכע גרופּן אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט צוגעפּעסטיקט, זיי האָבן זיך צונויפגעוואַקסן מיט זייער קלאַסן־ראָל.

דעריבער איז דער איבערשטעל פון די קלאַסן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אַ פאַרניכטונג פון דעם אַלטן אַרבעטס־אַפּאַראַט און אַן אויפבוי פון אַ נייעם, פּונקט ווי אין דער פּאָליטישער פאַזע פון דער רעוואָלוציע. ס׳איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז פון דעם באַקומט זיך אומפאַרמיידלעך אויף אַ געוויסער צייט אַ ירידה פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. יעדער איבערבוי פאָדערט זיינע הוצאות. אַזוי איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז די שטופּע פון פאַרניכטונג פון אַלטן אַפּאַראַט, די טיף פון דעם איינבראָך הענגט אָפּ אויפן ערשטן אָרט פון דעם, אויף וויפּיל די גרויסע קלאַסן־איבערדרוקונג איז פאַראַן. אין די בורזשואַזע רעוואָלוציעס, למשל, גייט די אָנפירנדיקע מאַכט אין דער פּראָדוקציע איבער פון איין גרופּע אייגנטימער צו אַן אַנדערער; דער פּרינציפּ פון אייגנטום בלייבט אין דער קראַפט; דער פּראָלעטאַריאַט בלייבט אויפן זעלבן אָרט, ווו ער איז געווען. פאָלגלעך, דאָ איז דער איינבראָך און די פאַרניכטונג פון דער אַלטער אָרדנונג אַ סך קלענער, ווי אין יעדעם פאַל, ווען די נידריקסטע שיכט פון דער פּיראַמידע, דער פּראָלעטאַריאַט, קלעטערט אַרויף אין דער הייך. דאָ קומט אומפאַרמיידלעך פאָר אַ גרויסע צעטרייסלונג. דער אַלטער צוזאַמענהאַנג — די בורזשואַזיע — די גרויסע אינטעליגענץ — די מיטעלע אינטעליגענץ — דער פּראָלעטאַריאַט — פּלאַצט. דער פּראָלעטאַריאַט בלייבט מער־ווייניק אַליין: קעגן איבער — די איבעריקע. פון דאַנען שטאַמט די אומפאַרמיידלעכע צייטווייליקע פּראָדוקציע דעזאָרגאַניזירונג, וועלכע געדויערט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער פּראָלעטאַריאַט צעשטעלט נישט די מענטשן אויף אַן אַנדערן אופן, פאַרבונד נישט זייער אַנדערן טיפּ מיט אַ צו־

זאמ נהאנג ד. ה. כל-זמן עס שאפט זיך נישט א נייע סטרוק-טורישע גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאפט.

די דאזיקע באהויפטונג איז ארויסגערוקט געווארן דורכן מחבר פון דעם פארליגנדיקן בוך אין זיין בוך „די עקאנאמיק פון איבערגאנגס-פעריאד" (זע באזונדערס דאס III קאפיטל), צו וועלכן מיר שיקן אפ די יעניקע, וואס ווילן אויספירלעך זיך באקענען מיט די אנטוויקלטע מכוח דעם ענין באטראכטונגען. דא וועט זיין אויפן ארט צו מאכן נאר א פאר צוגאב-באטראכטונגען. ערשטענס, אויף וויפל אזא מיינונג קען פארעכנט ווערן אלס ארטאדאק-סאלע, מיר מיינען, אז מארקס האט טאקע אזוי גע-קוקט אויף דעם ענין. ס'איז כאראקטעריסטיש דער אומ-שטאנד, אז מארקס האט דא באנוצט פונקט דעם זעלבן אויסדרוק, ווי ער האט באנוצט, רעדנדיק מכוח דער פאר-ניכטונג פון דער מלוכה. ער האט געשריבן, אז דאס 'הייטל פון די קאפיטאליסטישע פראדוקציע-באציונגען ווערט „אויפגעריסן" („wird gesprengt", „Kapital", Volksausgabe I, s. 691) אין אנדערע ערטער רעדט ער וועגן „צערפאל" און „ניי-אנטשטייונג" (Auflösung und „Neubildung"). ס'איז פארשטענדלעך, אז דער „אויפרייס" פון די פראדוקציע באציונגען קען נישט פארשעפן די „אומאויפהערלעכקייט פון דעם פראדוקציע-פראצעס", וואס וואלט, פארשטייט זיך, געווען מער אנגענעמער. ס'איז זייער ווארשיינלעך, אז אין א נישט אנטוויקלטער פארם געפינט זיך דער דאזיקער גע-דאנק ביי מארקסן אויך דעמאלס, ווען ער רעדט וועגן דעם, אז דער „דעספאטישער אריינרייס" פונם פרא-לעטאריאט איז עקאנאמיש „נישט ראציאנעל" (unhaltbar) נאר אז אין די פאלגן, וועט ער, אזוי צו זאגן, זיך אויסקויפן. צווייטנס. מ'האט קעגן אונז ארויסגעשטעלט א ריי טענות אויפן חשבון פון דער „נייער עקאנאמישער פאליטיק" אין רוסלאנד. די טענות-ארויסשטעלער ווייזן אן, אז אין דער „עקאנאמיק" האבן מיר זיך פארנומען

מיט אַן איינזײַטיקער פֿאַרענטפֿערונג (אַפּאָלאָגיע) פֿון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט גלאַט אַזוי זיך געמאַכט פֿון אַלץ אַ חל און איצט, כּלומרשט, האָט דאָס לעבן דערוויזן, אַז ס'איז נישט געווען נאָך וואָס צו צעשטערן דעם אַפּאַראַט, און אַז איצט זענען מיר רואיק און פֿײַן, ווי די שיידעמאַנער. מיט אַנדערע ווערטער: די צעשטערונג פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אַפּאַראַט איז געווען *אַ פֿאַקט* פֿון דער רוסישער ווירקלעכקייט אָבער נישט אַן אַלגעמיינער געזעץ פֿון רעוואָלוציאָנערן איבערגאַנג פֿון איין געזעלשאַפֿטלעכער פֿאָרם (קאַפּיטאַליסטישע) אין אַ צווייטער (סאָציאַליסטישע). די דאָזיקע „טענה" שטיצט זיך באַשייםפּערלעך אויף אַן אמת אומשולדיקן נישט פֿאַרשטיין פֿון דעם ענין. די רוסישע אַרבעטער האָבן געקענט אַרײַנלאָזן די קאַפּיטאַליסטן א. א. *ערשט* נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיי *גרינטלעך* צעשלאָגן און זיך אַליין באַפֿעסטיקט, ד. ה. נאָך דעם, ווען ס'זענען אויף אַ רויען אופֿן געשאַפֿן געוואָרן די באַדינגונגען פֿון אַ נײַער געזעלשאַפֿטלעכער גלײַכגעוויכט. אונזערע קריטיקער אָבער ווילן איבערטראָגן דעם סוף אויף דעם אָנהייב. מיר לאָזן דאָך אַרײַן אין מלוכה־אַפּאַראַט אין רוסלאַנד (למשל אַרמיי) ריזיקע קאַדרן פֿון אָפֿיצירנטום און מיר גיבן זיי די אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס. און צי וואָלטן מיר פּרובירט זיי איבערצולאָזן אין אָנהייב רעוואָלוציע?! וואָלטן מיר פּרובירט נישט צעשטערן די אַלטע *צאַרישע* אַרמיי? דעמאָלט וואָלטן נישט די אַרבעטער רעגירט איבער זיי, נאָר יענע וואָלטן רעגירט איבער די אַרבעטער, וואָס איז שוין גענוג באַוויזן געוואָרן דורך דער פּראַקטיק פֿון די מיניסטאָרן שיידעמאַן־נאָסקע אין דײַטשלאַנד, אָטאָ באַוער — רענער — אין עסטרײַך, וואַנדערוועלדע — אין בעלגיע א. א. דריטנס. די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק אין רוסלאַנד דרינגט פֿון דעם פֿויערישן כאַראַקטער פֿונעם לאַנד, ד. ה. פֿון די *ספּעציפֿישע* רוסישע באַ־

דינגונגען. פערטנס. ס'איז זעלבספאַרשטענדלעך, אַז מיר רעדן דאָ וועגן אַ טיפּישן גאַנג פון די געשעענישן. און ספּעציעלע געביטן אָבער קען אויך זיין אַזאַ זאַכלאַגע, ווען ס'קומט נישט פאָר קיין צעשטערונג: למשל, ווען דער פּראָלעטאַריאַט זיגט אין דעצידירענדע לענדער, דאַן, מעגלעך, וועט די בורזשואַזיע מיט איר גאַנצן אַפּאַראַט אינגאַנצן קאַפּיטולירן.

דער אויבנדערקלערטער שטאַנד־פּונקט באַהויפּטעט לגמרי נישט, אַז אַלץ צעשיט זיך אויף איינצעלנע מענטשן. ער באַהויפּטעט, אַז די פאַרשידענע היעראַרכישע שיכטן פון די מענטשן גייען אַוועק איינער פון צווייטן; דער פּראָלעטאַריאַט רייסט זיך אָפּ פון די אי־בעריקע שיכטן (פון דער טעכנישע אינטעליגענץ, פון דער בורזשואַזיע א. א.) נאָר ער גופא, ווי אַ קבוץ פון מענטשן ווערט קאמפּאַקטער, ווייניקסטנס, אין זיין באַדייטנסטן טייל. דאָס איז עס דער יסוד פון די נייע פּראָדוקציע באַציונגען (מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז די „פאַרגעזעלשאַפטלעכע אַרבעט”, וואָס איז פאַרגעשטעלט, על פי רוב, דורכן פּראָלעטאַריאַט, איז עס דאָס, וואָס איז רייף געוואָרן” אין די נאָרמען פון דעם אַלטן„ עקאָנאָמישן רעזשים”.)

צום סוף, די פערטע (און לעצטע) פאַזע פון דער רעוואָלוציע איז די טעכנישע רעוואָלוציע. נאָכדעם, ווי עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ נײַע געזעלשאַפטלעכע גלייכגעוויכט ד. ה ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַ סטאַביל הייטל פון די פּראָדוקציע־באַציונגען, וואָס קען דינען אַלס אַנטוויקלונגס־פאָרם פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, הייבט זיך בײַ א באַשטימטן פּונקט אָן זייער פאַרשנעלערטע אַנטוויקלונג. די דאָמבעס זענען צעבראָכן, די וווּנדן, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב דעם סאָציאַלן קריזיס, זענען פאַרהיילט. ס'הייבט זיך אָן אַ נישטגעוועזענער אויפשוווּנג. מ'פירט איין נײַע מכשירים, מ'לייגט אַ נײַעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט — ס'קומט פאָר אַ נײַע טעכנישע רעוואָלו־

ציע. און ווייטער הייבט זיך אָן אַ „נאָרמאַלער", „אָרגאַנישער" אַנטוויקלונגס־פעריאָד פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, וואָס שאַפט פאַר זיך אַן אַנטשפּרעכנדיקע פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע.

איצטער וועלן מיר פּרווון צו מאַכן אַ סך־הכּל. אַלס אויס־גאַנג־פּונקט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג האָט געדינט ווי מיר האָבן געזען, די צעשטערונג פון גלייכגעוויכט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און די פּראָדוקציע באַציונגען. דאָס ווערט בולט אין דער צעשטערונג פון גלייכגעוויכט צווישן פאַרשידענע טיפּן פון די פּראָדוקציע באַציונגען. פון איר זייט ברענגט דאָ די צעשטערונג פון גלייכגעוויכט צו אַ שטערונג פון גלייכגעוויכט צווישן די קלאַסן, װערנדיק בולט, קודם־כּל, אין דער צעשטערונג פון דער גלייכגעוויכט פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער בירגערלעכער וועלט. ווייטער קומט פאַר אַ שאַרפע צעשטערונג פון דער פּאָליטישער גלייכגע־וויכט און איר צוריקשטעל אויף אַ נייעם יסוד, דערנאָך אַ שאַר־פע צעשטערונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטורישער גלייכגע־וויכט און איר צוריקשטעל אויף אַ נייעם יסוד, און דערנאָך דאָס לייגן אַ נייעם טעכנישן פונדאַמענט. און אַזוי הייבט די געזעל־שאַפט אָן צו לעבן אויף אַ נייעם לעבנס־באַזיס, און אַלע גרונט־לעבנס־פאָרמען פון איר פונקציע טוען אָן אַן אַנדערן היסטאָ־רישן לבוש.

§48 די געזעצמעסיקייט פונם איבערגאַנגס־פעריאָד און די געזעצמעסיקייט פון דער ירידה. אויספאָרשנדיק דעם רעוואָ־לוציע־פּראָצעס, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש, נאָר אַן איבער־גאַנגס־פּראָצעס פון איין פאָרם אין דער צווייטער — זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז, אָנהייבנדיק פון די צוזאַמענשטויסן פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות מיט די פּראָדוקציע־באַציונגען, גייט דער דאָזיקער פּראָצעס אַדורך פאַרשידענע פאַזעס, פון דער אידעאָלאָגיע ביז דער טעכניק, דאָס הייסט גלייך ווי ער וואָלט כּלומרשט געגאַנגען אין אַ צוריק־אָרדנונג.

כּדי מ'זאָל זיך פאַנאַנדערקלייבן אין וואָס דאָ גייט, וועלן מיר

קודם־כּל באַטראַכטן אין קאָנקרעטן בײַשפּיל, טאַקי ווידער מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

היינריך קונאָוו, דער ניי־אויפגעקומענער קריטיקער פון מאַרקסן, שטעלט אַנטקעגן צוויי פאָלגנדיקע שטעלן (איינע פון דעם „עלנט פון דער פילאָזאָפיע", די צווייטע — פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט"). אין דער ערשטער איז געשריבן: „דער אַרבעטער־קלאַס וועט אין גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פאַרבייטן די בורזשואַזע געזעלשאַפט מיט אַזאַ אַסאָציאַציע, וואָס וועט אויס־שליסן קלאַסן און די סתירות צווישן זיי, ווו ס'וועט שוין מער ניט זיין קיין פּאָליטישע מאַכט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט (proprement dit) ווייל טאַקי די פּאָליטישע מאַכט איז אַן אָפּי־ציעלער אויסדרוק פון די סתירות אינעווייניק אין דער בורזשו־אַזער (civile) געזעלשאַפט". (Marx: Misère de la philosophie, ed. Giardet et Biérre) אויף אַ צווייט אָרט באַצייכנט מאַרקס אַזוי דעם גאַנג פון די געשעענישן: „אויב דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך (sich vereint) אין קאַמף קעגן דער בורזשואַ־זיע, ווי אַ קלאַס, ווערט מיט דער הילף פון דער רעוואָלוציע אַ הערשנדיקער קלאַס, און, ווי אַ הערשנדיקער קלאַס, שאַפט ער מיט געוואַלט אָפּ די אַלטע פּראָדוקציע־באַציונגען, שאַפט ער אָפּ באַגלייך מיט די פּראָדוקציע־באַציונגען אויך די באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון די קלאַסן־סתירות בכלל און אַזוי אַרום אויך זיין אייגענע הערשאַפט אַלס קלאַס".

מכּוח דעם צולאָזט זיך ה. קונאָוו (l. c., B. I, ז. 321) מיט דער פאָלגנדיקער טיראַדע: „דאָס (ד. ה. די שטעלע פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", נ. ב.) איז אין סאָציאָלאָגישן הינ־זיכט אַ כּמעט פולע קעגנזעצלעכקייט (fast eine Verkehrung) פון דער אויבנגעבּרענגטער פראַזע פון „עלנט פון דער פילאָזאָפיע"! דאָרט (אין „עלנט" נ. ב) קומט צום ערשט פאָר דורך אַ סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע די פאַרניכטונג (Aufhebung) פון דער איינ־טיילונג אויף קלאַסן, און ערשט נאָכדעם, צוליב דעם, וואָס מיט דעם פאַלט דער באַזיס פון דער אַלטער פּאָליטישער מאַכט, קומט פאָר איר פּאָליטישע (!) דעראָבערונג. אין „קאָמוניסטישן מאַני־

פּעסט״, פֿאַרקערט, קומט צום ערשט פֿאַר די דעראָבע־ונג פֿון
דער מלוכה, נאָכדעם געשעט דורך דער אָנווענדונג פֿון דער דאָ=
זיקער מאַכט די מפּלה פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ=
דוקציע באַציונגען, און דערנאָך דורך זייער אָפּפאַלן אין אַ ריי
שטופּעס (durch deren Verfall in veiterer Peihenfolge) דאָס
פֿאַרשווינדן ווערן פֿון די קלאַסן=קעגנזאַצן און צוזאַמען מיט
דעם, כּוף כּל סוף, די פֿאַרניכטונג פֿון קלאַסן בכלל. אויף אַזאַ
אופֿן באַהויפּטעט קונאָוו, אַז אין דעם „עלנט״ איז מאַרקס אַ
וויסנשאַפֿטלעכער עוואָלוציאָניסט, און אין „מאַניפֿעסט„—אַ משוגע=
נער רעוואָלוציאָנער. ה. קונאָוו. פֿאַלסיפֿיצירט אומפֿאַרשעמט, וואָ=
רום ער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז דער „עלנט פֿון דער פֿילאָזאָ=
פֿיע״ רופֿט צו אַ „בלוטיקן קאַמף״ („בלוטיקער קאַמף אָדער נישט=
זיין. אַזוי און נאָר אַזוי שטעלט די פֿראַגע די געשיכטע״). אָבער
לאָמיר אַ קוק טון אויפֿן עצם ענין. אין דער ערשטער שטע=
לע רעדט זיך ביי מאַרקסן וועגן פֿעריאָד נאָכן דעראָבערן די
מאַכט און וועגן דעם אָפּשטאַרבן פֿון דער מאַכט פֿון פּראָלע=
טאַריאַט. ס׳רעדט זיך דאָרט גאָרנישט וועגן קיין שום „דער=
אָבערונג פֿון דער מאַכט״. די פּראָלעטאַרישע מאַכט ווערט פֿון
סאַמע אָנהייב אָן פֿאַרשטאַנען ווי אַ פֿאַרשווינדענע צאָל. דאָס
זעלבע איז אויך אין „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט״. אַזוי אַרום ליגט
נישט אונטער קיין ספֿק, אַז מאַרקס האָט געהאַלטן די דעראָבע=
רונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט (ד. ה. די צעשטערונג פֿון דער
אַלטער מלוכה=מאַשין און די אָרגאַניזאַציע פֿון אַן אייגנאַר=
טיקער נייער) אַלס אַ תּנאַי פֿאַר דעם איבערקער אין די פּראָ=
דוקציע באַציונגען, וואָס קומט פֿאַר מיט דער הילף פֿון אַ גע=
וואַלטזאַמער עקספּראָפּריאַציע פֿון די עקספּראָפּריאַטאָרן״. פּאַל=
גלעך אויך דאַ באַקומט זיך אַ „קאָרעקטע אָרדענונג״. דער
אַנאַליז גייט נישט פֿון דער עקאָנאָמיק צו דער פּאָליטיק, נאָר
פֿון דער פּאָליטיק צו דער עקאָנאָמיק. וואָרום, אין אמת, אויב
די פּראָדוקציע באַציונגען ענדערן זיך דורך דעם באַוועגער פֿון

דער פּאָליטישער מאַכט, דאַן, פּאָלגלעך, באַשטימט דאָ די פּאָליטיק די עקאָנאָמיק. צי איז קונאָוו נישט גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז זאָ האָבן מיר אַ סאָציאָלאָגיע, וואָס איז קעגנזעצלעך דער אמתער סאָציאָלאָגיע פֿון מאַרקסן? פֿאַרשטייט זיך, ער איז נישט גערעכט. פֿאַרשטייט זיך, ער פֿעלשט פּשוט אויף אן אומפֿאַרשעמטן אופֿן מאַרקסן, באַגייענדיק זיך, ווי אַ געניטער געלט־פֿעלשער.

און טאַקע. מ'טאָר נישט אַרויסלאָזן פֿון געדאַנק דעם א ו י ס ג אַ נ ג ־ פּ ו נ ק ט פֿון דעם גאַנצן פּראָצעס. ווו שטעקט דער דאָזיקער אויסגאַנג־פּונקט? אינם קאָנפֿליקט צווישן דער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און די אייגנטום־באַציונגען. דאָס איז דער יסוד פֿונם פּראָצעס. דער אויסגאַנג־פּונקט פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿטלעכער רעאָרגאַניזירונג. ווען רייסט דער פּראָצעס איבער זיין ווילדן לויף? דאַן, ווען ס'ווערט פֿעסטגעשטעלט אַ נייע סטרוקטורישע גלייכגעוויכט פֿון דער געזעלשאַפֿט. מיט אַנדערע ווערטער: די רעוואָלוציע הייבט זיך אָן דערפֿאַר, ווייל די אייגנטום־באַציונגען זענען געוואָרן קייטן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, ווייל די רעוואָלוציע, בילדלעך גערעדט, „פֿירט אויס איר אויפֿגאַבע", ווען ס'שאַפֿן זיך נ י י ע פּראָדוקציע באַציונגען, וואָס קענען דינען אַלס אַנטוויקלונגס פֿאָרמען פֿון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. וואָס זשע שטייט אין וועג צווישן די ביידע פּונקטן? די קעגנזייטיקע ווירקונגען פֿון די צוגעבייען.

אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר געזען, אַז די צוגעבייען זענען לגמרי נישט עפּעס אַ „פּאַסיווער" טייל פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן פּראָצעס: זיי זענען אויך אַ באַשטימטע קראַפֿט. ס'איז לעכערלעך צו דיסקוסירן וועגן דעם, און אפֿילו ה' קונאָוו וועט נישט האָבן די העזה דאָס אָפּצולייקענען. און טאַקע דאָ געשעט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ צעצויגענער אין דער צייט, פּראָצעס פֿון אַ צוריק ווירקונג, דערביי דרינגט טאַקע די דאָזיקע צעצויגנקייט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿאַלישקייט פֿונם גאַנצן פּראָצעס, פֿון דער צעשטערונג פֿון אַלע געוויינלעכע פֿונקציעס. אין

דער אַזוי גערופענער „נאָרמאַלער" צייט ווערט יעדע סתירה צווישן די פּראָדוצירנדיקע כּוחית און דער עקאָנאָמיק א. א. וו. שנעל אויסגעגלייכט, איבט שנעל אויס איר ווירקונג אויף דעם צוגעבוי, דער צוגעבוי ווידער אויף דער עקאָנאָמיק און אויף די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, און ס'הייבט זיך אויפסגיי אָן אַ קרייז א. א. וו; א. א. וו. דאָ אָבער גייט זייער טעמפּ וויטאָקלעך, מיט קאָלאָסאַלע קרבנות, די דאָזיקע קעגנזייטיקע צופּאַסונג פון פאַרשידענע טיילן פון דעם געזעלשאַפטלעכן מעכאַניזם: אויך די סתירות גופא זענען דאָ סתירות פון אַ ריזיקן מאַסשטאַב. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס דער פּראָצעס פון צוריק ווירקונג פון די צוגעבויען (די פּאָליטישע אידעאָלאָגיע — די דעראָבערונג פון דער מאכט — די אָנווענדונג פון דער דאָזיקער מאַכט פאַרן איבערמאַכן די פּראָדוקציע-באַציונגען) צעציט זיך, אויספילנדיק אַ גאַנצן היסטאָרישן פּעריאָד. אין דעם באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פון דעם איבערגאַנגס-פּעריאָד, וואָס איז פולשטענדיק אומפאַרשטענדלעך פאַרן ה' קונאָוו.

דערביי דאַרף מען אין זין האָבן פאָלגנדעס. יעדע צוגעבויאישע קראַפט, שוין אַריינגערעכנט די קאָנצענטרירטע מאַכט פונם קלאַס, זיין מלוכה-מאַכט, איז אַ כּוח. אָבער דער דאָזיקער כּוח איז נישט אומבאַגרענעצט. קיין שום קראַפט קען נישט טון דאָס, וואָס איז איבער אירע כּוחות. מיט וואָס-זשע איז באַגרענעצט די פּאָליטישע קראַפט פון דעם נייעם קלאַס, וואָס האָט זיך געשטעלט ביי דער מאַכט? זי איז באַגרעניצט דורך דעם עקזיסטירנדיקן צושטאַנד פון די עקאָנאָמישע באַציונגען, און פאָלגלעך, פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. מיט אַנדערע ווערטער: די ענדערונג אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס קען געשען מיט דער הילף פון אַ פּאָליטישן אָנטרייבער, איז אַליין אָפּהענגיק פון דעם פריערדיקן צושטאַנד פון די עקאָנאָמישע באַציונגען. דאָס קען מען אַמבעסטן דערקלערן מיט

א ביישפּיל פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אין אָקטאָבער 1917 האָט דער אַרבעטער קלאַס גענומען די מאַכט אין זיינע הענט אַריין. אָבער ער האָט אפילו גאָרנישט געקענט טראַכטן וועגן דעם, אַז ער זאָל, למשל, צענטראַליזירן און סאָציאַליזירן די קליין-בורזשואַזע ווירטשאַפט, באַזונדערס די פּויערישע ווירטשאַפט. אָבער אין 1921 י. האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די רוסישע עקאָנאָמיק איז נאָך מער איינגעעקשנט און אַז די כּוחות פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה-מאַשין קלעקן אויף דעם, אַז זי זאָל סאָציאַליזירן נאָר די גרויסע אינדוסטריע, און דאָס אויך נישט די גאַנצע.

איצט וועלן מיר לייגן אַכט אויף נאָך אַ זייט פון דעם ענין. אויבן האָבן מיר געזען, אַז דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס רייסט איבער די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות; נאָך מער, צייטווייליק פאַרקלענערט ער גאָר דעם ניוואָ פון די דאָזיקע פּראָדוצירנדיקע כּוחות. מיר מוזן זיך אַמגענויעסטן קלאָר מאַכן דעם זין און באַטייט פון דער דאָזיקער דערשיינונג.

די נישט-אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, וועמענס בולטסטער אויסדרוק איז די סוחריש-קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אַנטוויקלט זיך שטענדיק אויף אַ שפּרינגענדיקן אופן. יעדן איינעם איז איצט באַקאַנט, אַז צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם זענען, למשל, פאַרבונדן מלחמות און אינדוסטריעלע קריזיסן זענען, ווי מ'זאָגט, אַן „אומבאַדינגטע צוגעהעריקייט" פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. מיט אַנדערע ווערטער: אויב ס'עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליזם און זיין אַנטוויקלונג, מוזן אויך עקזיסטירן אי קריזיסן, אי קאַפּיטאַליסטישע מלחמות. דאָס איז אַ „נאַטירלעכער געזעץ" פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. וואָס זשע באַטייט דאָס דאָזיקע געזעץ, אויב מ'זאָל אים באַטראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון דער געזעלשאַפט? לאָמיר צום ערשט נעמען די קריזיסן. וואָס געשעט בעת זייער עקזיסטענץ? בעת די קריזיסן שטעלן זיך אָפּ די אונטערנעמונגען, ס'וואַקסט די אַרבעטסלאָזיקייט. ס'ווערט פאַרקלענערט די פּראָדוקציע,

ס'ווערן רואינירט און ס'גייען אונטער א סך אונטערנעמונגען, באזונדערס די קליינע, מיט אנדערע ווערטער, א טיילווייזע פארניכטונג פון די פראדוצירנדיקע כוחות. און אין דער זעלבער צייט, אין איין ריי מיט דעם, קומט פאר די אויפהייבונג פון די ארגאניזאציאנעלע פארמען פון קאפיטאליזם: די פארשטארקערונג פון די ריזיקסטע אונטערנעמונגען, דער וווקס פון די טרעסטן און אנדערע מעכטיקע מאנאפאליסטישע פארבאנדן. וואס געשעט נאכן קריזיס? א נייער קרייז פון אנטוויקלונג, א נייער אויפשוווּנג אויף א נייעם יסוד, ביי די העכסטע ארגאניזאציאנעלע פארמען, וואס גיבן א גרעסערן שווונג דער אנטוויקלונג פון די פראדוצירנדיקע כוחות. אזוי ארום, מיטן פרייז פון קריזיס און היזק פון די פראדוצירנדיקע כוחות, בעת דער דויער פון קריזיס, ווערט געקויפט די מעגלעכקייט פון א ווייטערדיקער אנטוויקלונג.

דאס זעלבע קומט פאר בעת קאפיטאליסטישע מלחמות אין א באשטימטער גרעניץ. זיי זענען — אן אויסדרוק פון דער קאפיטאליסטישער קאנקורענץ. זיי ווערן באגלייט מיט א ציטווייליקער ירידה פון די פראדוצירנדיקע כוחות. אבער נאך איר זענען די בורזשואזע מלוכות נאך בייכיקער געווארן, די מעכטיקע זענען געווארן נאך מעכטיקער, די קליינע זענען איינגעשלונגען געווארן; דער קאפיטאל האט זיך צענטראליזירט אויף א וועלט-מאסשטאב, באקומען א גרעסער פעלד פאר זיין עקספלאאטאציע, די ראמען פאר דער אנטוויקלונג פון די פראדוצירנדיקע כוחות האבן זיך צעשפרייט, און נאך דער ציטווייליקער ירידה איז זיך געגאנגען א גאך שנעלערער פראצעס פון אנזאמל. אזוי ארום קען מען זאגן, אז די מעגלעכקייט פון א פארברייטערטער רעפראדוקציע איז אויך דא געקויפט געווארן מיטן פרייז פון א ציטווייליקער ירידה פין די פראדוצירנדיקע כוחות.

דאס זעלבע געזעץ גילט אויך פאר א גרעסערן מאסשטאב, מיט וועלכן מיר מעסטן די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

מיד ווייסן שוין, אַז דער באַטייט פון דער רעוואָלוציע באַשטייט
אין דעם, וואָס זי פאַרניכטעט די שטערונג פאַר דער אַנט-
וויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. אָבער ווי מאָדנע דאָס
זאָל נישט זיין — פאַרניכטנדיק די דאָזיקע שטערונג, פאַרניכ-
טעט זי צייטווייליק א טייל פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות גופא
און דאָס קען מען נישט אויסמיידן, פּונקט ווי מ'קען נישט אויס-
מיידן קריזיסן בעת דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

די צעשטערנדיקע ווירקונג פון דער רעוואָלוציע
(„די קאָסטן פון דער רעוואָלוציע") באַשטייט פון עטלעכע
גרויסן (צאָלן):

1. די פיזישע פאַרניכטונג פון די פּראָדוקציע עלע-
מענטן. אהער קען מען פאַררעכענען אַלע מינים פון פאַר-
ניכטונג פון זאַכן און מענטשן בעתן פּראָצעס פון דעם
בירגער-קריג. וואָרום יעדן איינעם איז פאַרשטענדלעך, אַז
ווען מ'מאכט פון די וואַגאָנען באַריקאַדן און מען הרגעט
מענטשן (דער בירגער- און -קלאַסן-קריג ברענגען מיט זיך
אזעלכע קרבנות) איז דאָס אַ צעשטערונג פון די פּראָדוצירנ-
דיקע כּוחות. די פאַרניכטונג פון מאַשינען, פאַבריקן, אייזנ-
באַנען, פיך א. א. וו. דאָס קאַליע מאַכן און פאַרניכטן די
פּראָדוקציע מיטלען דורך סאַבאָטאַזש, דער מאַנגל אין רע-
מאָנט, איבער דער נישט-רעפּראָדוקציע פון די נויטיקסטע
טיילן א. א. וו.; דער פאַרלוסט אין אַרבעטער בעת דער
מלחמה, דער פאַרלוסט אין דער אינטעליגענץ א. א.—דאָס
אַלץ געהערט צו דער פיזישער פאַרניכטונג פון די פּראָ-
דוצירנדיקע כּוחות.

2. די פאַרערגערטע קוואַליטעט פון די פּראָדוקציע-
עלעמענטן. דאָ אַהער געהערן דאָס אָפּגענוצט ווערן פון
די מאַשינען מחמת מאַנגל אין רעמאָנט און רעפּראָדוקציע;
דערשעפּונג פון דער אַרבעטס-קראַפט (פון די אַרבעטער

אינטעליגענץ); דער איבערגאַנג צו ווייניקער גוט-קוואַליטאַטיווע סוראָגאַטן (ערגערער מיטאַל, דער פאַרבייט פון דער מענלעכער ארבעט דורך פרויען און קינדער, דער בירגערלעכער עלעמענט אויף די פאַבריקן א. א. וו.)

3. דער צערפאַל פון דער פאַרבינדונג צווישן די פּראָדוקציע-עלעמענטן. דאָס איז די וויכטיקסטע סיבה, ספּעציעל פון דער רעוואָלוציאָנערער רואינירונג. דאָ אהער געהערט יענע דעזאָרגאַניזירונג פון די פּראָדוקציע באַציונגען, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין טעקסט (דער צערפאַל פון פאַרבינדונג צווישן פּראָלעטאַריאַט — פון איין זייט, און דער טעכנישער אינטעליגענץ און בורזשואַזיע — פון דער צווייטער, דער צערפאַל פון די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס; דער צערפאַל פון דער פאַרבינדונג צווישן שטאָט און דאָרף א. א. וו. א. א. וו.) דאָ ווערן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות (ד. ה. זאכן און מענטשן) פיזיש נישט פאַרניכטעט, נאָר זיי פאַלן אָפּ פון דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס (די זאכן שטייען. די מענטשן ארבעטן נישט). דאָ אהער דאַרף מען אויך צורעכענען יענע הוצאות, וואָס דרינגען ארויס פון דעם הויפּט „נישט קענען" פון דעם נייעם קלאַס צו בויען זיין אָרגאַניזאַציע, די „טעותים" א. א. וו.

4. די איבערשטעלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אין דער ריכטונג פון אַ נישט-פּראָדוקטיווער אויסנוצונג. דאָ אהער געהערט דער איבערטראָג פון אַ באַדייטנדן טייל פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אויף דער מלחמה-אַרבעט: די פּראָדוקציע פון האַרמאַטן, ביקסן, מיליטערישע-מלבושים און איבעריקע אויסריכטונג פאַר דער אַרמיי (זע וועגן דעם „עקאָנאָמיק פון איבערגאַנגס פּעריאָד", קאַפּיטל 6).

די אויבן אויסגערעכנטע ביישפּילן זענען גענומען

פונם געביט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ס׳איז פּינדעסטוועגן לייכט צו זען, אַז די זעלבע רובריקן זענען אויך פאַראַן אין יעדער רעוואָלוציע, נאָר די סומע פון די הוצאות פון דער רעוואָלוציע אין די בורזשואַזע רעוואָ-לוציע ווערט בכלל זיין קלענער.

די געשיכטע באַשטעטיקט אינגאַנצן די דאָזיקע טעאָרעטישע הנחות. אַזוי, למשל, האָבן די פיאָדאַלישע מלחמות אין דייטשלאַנד גורם געווען א ריזיקע רואינירונג; די פראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט איר פינאַנציעלן קריזיס, אומגלויבלעכן יקרות, הונגער א. א. וו. — אַלץ דאָס זעלבע. בעת דעם אַמעריקאַנער בירגער - קריג זענען די פאַראייניקטע-שטאַטן צוריקגעשליידערט געוואָרן מינימום אויף צען יאָר צוריק אין זייער אַנטוויקלונג און דערנאָך, נאָך דער געזעלשאַפטלעכער רעאָרגאַניזירונג, בעת א באַשטימטן צייט פּעריאָד הייבט זיך אָן אַן אויפשוואונג, וואָס קומט פאָר א סך שנעלער, ווי די אויפשוואונגען פון פאַרן רע-וואָלוציאָנערן פּעריאָד. די געזעלשאַפט האָט געפונען אַ מער באַקוועם הייטל פאַר אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות. אַלזאָ, דער איבערגאַנג פון דער געזעלשאַפט פון איין

פאָרם אין א צווייטער ווערט באַגלייט מיט א צייטווייליקער ירידה פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, אָן וועלכע ס׳ווערט אוממעגלעך זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג

די געזעצמעסיקייט פון דער ירידה אונטערשיידט זיך פון דער געזעצמעסיקייט פון דער איבערגאַנגס-צייט מיט דעם, וואָס דאָ איז נישט פאַראַן קיין איבערגאַנג צו א העכערער פאָרם פון ווירטשאַפט; דאָ געדויערט די ירידה פון די פּראָדו-צירנדיקע כוחות אַזוי לאַנג, ביז די געזעלשאַפט באַקומט נישט קיין אויפטרייסלונג פון עפּעס אַן אויסערלעכן שטויס, אָדער בל-זמן זי געפינט נישט איר גלייכגעוויכט אויף א נידעריקערן יסוד,

יאָך וועלכן ס'הייבט זיך אָן „דאָס איבערחזרן פונם אדורכגעמאכטן" אָדער א דויערנדיקער צושטאנד פון סטאַגנאַציע, אָבער בשום-אופן נישט א העכערע פאָרם פון די עקאָנאָמישע באַציונגען.

אויב מיר אַנאַליזירן די סיבות פון דער ירידה, וועט מען, אין אַלגעמיין גענומען, קומען צום אויספיר, אַז די געגעבענע אייגנטום-באַציונגען קענען נישט אדורכגעבראָכן ווערן; זיי בלייבן דעריבער די קייטן פון דער אַנטוויקלונג, וואָס שטיקן די פּראָדוצירנדיקע כוחות, וועלכע, אזוי צו-זאָגן, „טרעטן אָפּ" אין משך פון דער גאנצער צייט. דאָס קען זיין, למשל, אין אזא פאַל, ווען די בעת דער רעוואָלוציע קעמפנדיקע קלאסן זענען אומגעפער גלייכע און דעריבער קען קיין שום קלאס נישט זיגן און די געזעלשאפט גייט אונטער. אָט דער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די פּראָדוקציע-באַציונגען פּראָדעטערמינירט אויף א באַשטימטן אופן דעם ווילן פון די קלאסן, אָבער די רעוואָלוציע איז נישט אריבערגעטרעטן איבער די גרעניצן פון איר ערשטער פאַזע. די קלאסן רייסן זיך ארום, קיינער קען נישט זיגן, די פּראָדוקציע שטארבט אָפּ, די געזעלשאפט שטארבט אויס. אָדער ס'קען זיך מאכן אזא צושטאנד, ווען דער זיגערישער קלאס איז נישט בכוח אן עצה געבן זיך מיט די אויפגאבן, וואָס זענען געפאלן אויף זיינע פּלייצעס. אָדער מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז נישט געקומען צו א רעוואָלוציע, אָבער דער גאנג פון דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות איז פאָרגעקומען אין אזא סביבה, אַז ער האָט געשאפן א פולשטענדיקע ספּעציעלע גרופּירונג פון קלאסן: דעם פּאַראַזיטישן, אינגאנצן הערשנדיקן קלאס און דעם פולשטענדיקן דערשלאָגענעם, אונטערדריקטן קלאס. דאן וועט נישט זיין קיין רעוואָלוציע. פריער אָדער שפּעטער וועט פאָרקומען, אזוי קען מען זיך אויסדריקן, אַן „אַנבלוטיקער" צערפאַל און ירידה. ס'קען ווידער זיין אויך א געמישטער טיפּ. אין די אַלע פאלן זעען מיר, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות האָט דערפירט צו אזא עקאָנאָמיק און צו אזעלכע „צוגעבויען",

װעמענס פארקערטער איינפלוס פאַראַליזירט די אנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און טרייבט זיי אַראָפּ אונטן. און קוים טרעטן אָפּ די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז ס'ווערט נידעריקער דער ניווֹאָ פון דעם גאנצן בשותּפותדיקן געזעלשאפטלעכן לעבן.

אַלס ביישפּילן פון געזעלשאַפטלעכער ירידה קענען דינען גריכנלאַנד און רוים, שפּעטער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. באַזאָרגט מיט שקלאַפן, וואָס זיי האָבן באַקומען בעת די אומענדלעכע מלחמות. זענען די הערשנדיקע קלאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַראַזיטן צוזאַמען מיט אַ טייל פון די פרייע בירגער. זייער טעכניק האָט זיי דערלויבט צו פירן מלחמות, געשטעלט אַלס תּנאי אַן אַנטשפּרעכנדיקע עקאָנאָמיק; די עקאָנאָמיק האָט געבוירן אַ באַשטימטע מלוכה-אָרדענונג; אָבער די מאַטעריעלע לאַגע פון די קלאַסן האָט באַשטימט זייער לעבנס-שטייגער, זייער געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע (די פּאַראַזיטישע דעגענערירונג ביי די הערשנדיקע קלאַסן, די דעגענערירונג ביי די אונטערדריקטע צוליב דער פאַרטעמפּקייט און נידערגעשלאָגנקייט). אַזאַ צוגעבוי האָט געשטיקט דעם באַזיס און די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, יעמענס וווּקס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און דערנאָך געוואָרן אַ נעגאַטיווע צאָל. די דאָזיקע גאַנץ פאַרשטענדלעכע דערקלערונג ווערט פאַרוואַנדלט ביי דער מערהייט אויספאָרשער אין אַן אומענדלעכן פּלאָנטער. אַלס מוסטער פון אַזאַ פּלאָנטער איז, למשל, פּ. ביציללי'ס „ביי-עסטע" בוך: „די ירידה פון דער רוימישער אימפּעריע. דער קאַזאַנער פּראָפעסאָר וואַסיליעוו, וועלכער גיט אין זיין שוין דורך אונז ציטירט ווערק אַן איבערבליק פון אַלע טעאָריעס וועגן דער ירידה פון דער אַנטיקער וועלט, האָלט פאַר נויטיק אַרויסצורוקן אַ ביאָלאָגישע טעאָריע פון דעגענערירונג. די דעגענערירונג פון די הערשנדיקע קלאַסן איז, לויט פּראָפ. וואַסיליעוו'ס מיינונג, אַ נויטווענדיקער פּועל-יוצא פון יעדער קולטור און אַ (מיט געווי-

סע באַוואָרענישן) אַ נאַטירלעכער סוף, דער עצם ענין באַ-
שטייט אין דעם, וואָס די אַרבעט פון די מוסקולן ווערט
פאַרטרעטן דורך די נערוון, די נערוון-סיסטעם אַנטוויקלט
אירע באַדערפענישן, און ס'קומט פאָר אַ ביאָלאָגישע דע-
גענערירונג. אין שייכות מיט דעם מיינט ה. וואַסיל-
יעוו, אַז די מאַטעריאַליסטישע מאַרקסיסטישע געשיכטס-
אויפפאַסונג דאַרף פאַרטרעטן ווערן דורך אַ מאַטעריאַליס-
טישער וואַסיליעווער אויפפאַסונג, וועלכע איז אַ סך „טי-
פער”; ה' וואַסיליעוו ווייזט אָן, אַז דער פראָגרעס פון די
געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן איז געגאַנגען טאַקי אויף דעם
זעלבן וועג: צום ערשט האָט מען אַנאַליזירט די אידעאָ-
לאָגיע, דערנאָך — די פּאָליטיק,, שפּעטער — די סאָציאַ-
לע אָרדענונג, נאָך דעם — די עקאָנאָמיק (מאַרקס). איצ-
טער דאַרף מען נאָך מער פאַרטיפערן דעם ענין און אי-
בערגיין צו דער מאַטעריעלער נאַטור פונם מענטש,
צו זיין פיזיאָלאָגישער נאַטור, וועמענס ענדערונג איז טאַ-
קי דער „מהות” פון היסטאָרישן פּראָצעס. אַז די מאַטער-
יעלע נאַטור פון מענטש ענדערט זיך — איז ריכטיק. אָבער
אויב מ'גייט אַרויס פון די גרענעצן פון דער געזעל-
שאַפטלעכער געזעצמעסיקייט, דאַן דאַרף מען פון דער
ביאָלאָגיע אַריבערגיין צו פיזיק און כעמיע. אָבער דאָ
ווערט באַלד קלאָר ה, וואַסיליעווס פעלער. ס'גייט אין
דעם, וואָס די געזעצמעסיקייטן פון דער געזעלשאַפט-
לעכער וויסנשאַפט דאַרפן זיין געזעלשאַפטלעכע
געזעצמעסיקייטן. און בעת מיר ווילן דערקלערן די גע-
זעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריעלער
נאַטור פון מענטש, קומט אונז אויס אויפצוקלערן אונטערן
איינפלוס פון וואָסערע געזעלשאַפטלעכע סיבות האָט זיך
געענדערט די פיזיאָלאָגיע (ווי אויך די פּסיכאָלאָגיע) פון
מענטש. און דאָ קומען מיר צו צו דעם, אַז דעם דאָזיקן
טייל פון דער זאַך באַשטימען קודם-כל די באַדינגונגען
פון דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ, ד. ה. די לאַגע פון די

געגעבענע גרופן אין דער פּראָדוקציע. הייסט עס, ה. ו. אַ. סיליעוו פאַרטיפט לחלוטין נישט, נאָר, פאַרקערט, גייט צוריק. בעצם איז זיין טעאָריע די אַלטע, אוראַלטע טעאָריע וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן אַלטווערן פון מענטשלעכן מין. טראַך דעם, וואָס זי טויג נישט, וואָרום זי שטיצט זיך אויף אַ פּשוטער אַנאַלאָגיע, מיטן אָרגאַניזם, קען זי נישט דערקלערן די פּשוטסטע זאַכן: פאַרוואָס, למשל, איז נישט אונטערגעגאַנגען די מער קולטורעלע אייראָפּעאישע קולטור, און רוים איז יאָ אונטערגעגאַנגען? פאַרוואָס איז שפּאַניען „געפאַלן", און ענגלאַנד-נישט? א. א. ו. מיט אַלגעמיינע שטעלעס וועגן דעגענערירונג קען מען גאָרנישט דערקלערן, קודם-כל צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס דעגענערירונג איז אַ פּראָדוקט פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. דער אַנאַליז פון די לעצטע קען געבן טאַקי נאָר אַ ריכטיקער צוגאַנג צום ענין.

דער אַנאַליז פון געזעצמעסיקייט פון איבערגאַנגס-פּעריאָד און פון די ירידה-פּעריאָדן באַלייכט גוט אויך די זייער „שווערע" פראַגע: מיט וואָס-זשע ווערט באַשטימט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות? אונטערן איינפלוס פון וואָס ענדערן זיך די לעצטע? ס'איז נישט שווער צו זען, אַז זיי ענדערן זיך אונטער דער צוריק

ווירקונג פון דעם באַזיס אין אַלע צוגעבויען. מאַרקס גופא

האָט דאָס זייער אויסגעצייכנט געזען. אַזוי שרייבט ער אין באַנד III „קאַפּיטאַל", (B. III, 1, s. 56) אַז די אַנטוויקלונג פון דעם פּראָדוצירנדיקן כוח שטיצט זיך (führt sich zurück) אויף דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער אַריינגעבראַכטער אין באַוועגונג אַרבעט (derin in Tätigkeit gesetzten Arbeit) מיט דער אַרבעט-פאַנאַנדער-טיילונג אין דער געזעלשאַפט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער גייסטיקער אַרבעט, נעמלעך, די נאַטור-וויסנשאַפטן, שטרענג גערעדט, באַגרעניצט זיך נישט, פאַרשטייט זיך,

דער ענין מיט דעם. מאַרקס האָט אויסגעקליבן נאָר די אַממייסטן וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס באַאיינפלוסן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אין דער אינדוסטרי. אָבער, וועט מען אונז זאָגן, — פאַרוואָס זשע שפּרינגט איר אַזוי פון דער הויט? טאַקי דערפאַר, — וועלן מיר ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל ענטפערן,—ווייל וואָסערע פּראָצעסן פון קעגנזייטיקער ווירקונג ס'זאָלן נישט פאָרקומען איבערהאַלב דער געזעלשאַפט, וועלן שטענדיק די אויסערגעזעלשאַפטלעכע באַציונגען אין געגעבענעם מאָמענט, אויף וויפל מיר נעמען די געזעלשאַפט אין איר גלייכגעוויכט, אַנטשפּרעכן יענער באַציונג, וואָס איז פאַראַן צווישן געזעלשאַפט און נאַטור.

§49 די אנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות און מאטעריאַליזאַציע פון די געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען. („דער אָנזאַמל פון קולטור").

ווען מיר באטראכטן דעם פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע-פּראָצעס בעתן וווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות באמערקן מיר איין אלגעמיינעם געזעץ, נעמלעך: בעתן וווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות ווערט אַ וואָס אַמאָל גרעסערער חלק פון דער ארבעט פארשוועגדט אויף דער פּראָדוקציע פון די פּראָדוקציע-מיטלען. מיט דער הילף פון די דאָזיקע אַלץ וואקסנדיקע פּראָדוקציע מיטלען, וואָס גייען אריין אין דער געזעלשאפטלעכער טעכניק, גיט א סך קלענערער טייל פון דער ארבעט, ווי פריער, א געוואַלטיקן גרויסן סכום פון כּלערליי נוצלעכע פּראָדוקטן. בשעת דער האנט ארבעט אויף צוצוגרייטן פּראָדוקציע-מיטלען איז אויך אוועק געגאנגען א פארהעלטניסמעסיג נישט גרויסער סכום פון צייט. אויף די דאָזיקע נישט באטייטנדיקע, מיזערנע האנט-מכשירים האָבן, מענטשן געהאָרעוועט מיט זייער שווייס און באקומען א נישטיקע פּראָדוקטיווקייט פון זייער ארבעט. פארקערט, אין אן אנטוויקלטער געזעלשאפט גייט אַוועק אַ ריזיקער חלק פון דער געזעלשאפטלעכער ארבעט אויף דעם, אַז מ'זאָל פּראָדוצירן מעכטיקע ארבעטס-מכשירים — מאשינען און אַפּאַראַטן, כּדי צו פּראָדוצירן אַנדערע ריזיקע פּראָדוקציע מיטלען,

: קאָלאָסאַלע פאַבריקס-געבײַדעס, האַפנס, עלעקטריפיקאַציע פון די גרובנס א. א. וו. אויף דערדאָזיקער אַרבעט ווערט פאַרשווענדעט א גרויסער סכום פון מענטשלעכע כּוחות, אָבער דערפאַר, מיט דער הילף פון די דאָזיקע מעכטיקע פּראָדוקציע-מיטלען, הערט מען אויף צו זען די פּראָדוצירנדיקע לעבעדיקע אַרבעט. „די פּאָר היזקות" באַצאָלן זיך מיט פּראָצענט.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געפינט דאָס דאָזיקע געזעץ זײַן אויסדרוק אין א פאַרהעלטניסמעסיקן וווּקס פון דעם שטענדיקן קאַפּיטאַל אין פאַרגלײַך מיטן פאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל. יענער טייל פון קאַפּיטאַל, וועלכער גייט אויפן אויפבוי פון פאַבריק-געבײַדעס, אויף מאַשינען א. א. וו. וואַקסט שנעלער, ווי יענער חלק, וואָס גייט אויף דינגען אַרבעטער. אַנדערש, מיט אַנדערע ווערטער: בעת דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואַקסט דער שטענדיקער קאַפּיטאַל שנעלער, ווי דער פאַרענדערלעכער. אַנדערש קען מען עס אַזוי פאָרמולירן: בעתן וווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פון דער געזעלשאַפט, ווערן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות שטענדיק איבערפאַנאַנדערגעטיילט אַזוי, אַז זייער גאַנצער גרעסערער טייל געפינט זיך אין אָרט אין די געביטן, וואָס פּראָדוצירן פּראָדוקציע-מיטלען.

אַלזאָ, דער וווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. דער אָנזאַמל פון דער מענטשלעכער מאַכט איבער דער נאַטור דרוקט זיך אויס אין דעם, וואָס אַן אַלץ מער סאָלידערע „באַזונדערע וואָג" באַקומען זאַכן, די טויטע אַרבעט, די געזעלשאַפטלעכע טעכניק.

איצטער ווילן מיר זיך פרעגן, צי איז נישט פאַראַן ענלעכע דערשײַנונגען אין אַנדערע געביטן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן? מיר האָבן א רעכט צו שטעלן די דאָזיקע פראַגע, אָט פאַרוואָס: מיר האָבן דאָך אויבן געזען, אַז די צובויערישע אַרבעט איז אויך אַן אַרבעט, אַן אַפּדיפערענצירנדיקע, אַן אָפּגעהאַקטע, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פונעם שויס פון דער מאַטעריעלער אַרבעט. מיר האָבן אויך געזען, אַז די סטרוקטור פון די צובויונגען אַנטהאַלט

אין זיך אי זאכלעך-מאַטעריעלע עלעמענטן, אי מענטשלעכע, אי אידעאָלאָגיע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. ווי אזוי-זשע קומט דאָ פאָר דער אָנזאמל פון דער דאָזיקער „גייסטיקער" קולטור? צי איז נישט פאראן קיין ענלעכקייט צו דעם מאטעריעלן פראָדוקציע-פראָצעס, און אויב יאָ, אין וואָס באווייזט ער זיך?

פארלויפנדיק אביסל דעם וועג, וועלן מיר זאָגן: אַן ענלעכקייט איז פאראן, און זי באווייזט זיך אין דעם, וואָס די געזעלשאפטלעכע אידעאָלאָגיע ווערט מאטעריאליזירט, פארגליווערט אין זאכן, זאמלט זיך אויף אָן אין פולשטענדיק מאַטעריעלע זאַכן און טאקי, לאָמיר זיך דערמאָנען, לויט וואָס, לויט וועלכע קוואַלן שטעלן מיר צוריק די אַלטע „גייסטיקע קולטורן"? לויט אזוי גערופענע „דענקמעלער" פון די פריערדיקע עפּאָכן, לויט די רעשטלעך פון די אַלטע ביבליאָטעקן, לויט ביכער, אויפשריפטן, ליימענע טאָוולען, סטאַטועס, בילדער, טעמפּלען, געפונענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, לויט טויזנטער אנדערע זאכן. די דאָזיקע זאכן שטעלן זיך פאר אונז פאָר ווי א פארגליווערטע, מאטעריאַליזירטע אידעאָלאָגיע פון די ווייטע עפּאָכן, און לויט די דאָזיקע זאכן קענען מיר מיט זיכערקייט אורטיילן אי וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון זייערע צייטגענאָסן, אי וועגן זייער אידעאָלאָגיע, פּונקט ווי לויט די רעשטלעך פון די ארבעטס-מכשירים קענען מיר אורטיילן וועגן דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, און טיילווייז אויך וועגן דער עקאָנאָמיק פון יענע עפּאָכן.

מיר וועלן נאָך באמערקן אָט וואָס: אין דער צוביוועריישער ארבעט, אין דער אידעאָלאָגישער ארבעט שפּילן זייער אָפט די פארברויכס-מיטלען אין דער געזעלשאפט די ראָל פון מיטלען פון דער ווייטערדיקער פּראָדוקציע. לאָמיר, זאָגן מיר, א קוק טון אויף דער בילדער גאלעריע. די בילדער זענען געװיס מיטלען, דאָס זענען פארברויכס-פּראָדוקטן פארן פּובליקום, וואס באקוקט זיי. אָבער אין דער זעלבער צייט זענען דאָס פּראָדוקציע-מיט-

לען, — אמת נישט אזעלכע ווי פענדזל אָדער לייוונט, נאָר דאָך אייגנארטיקע פּראָדוקציע מיטלען. וואָרום אויף זיי לערנען זיך די נאָכקומענדיקע דורות. אויב ס'קומט אויף א נייע קינסטלערישע שול, א נייע „ריכטונג" אין דער מאלעריי, איז זי לחלוטין נישט אראָפּגעפאלן פון הימל, זי וואקסט אויס פונם פריערדיקן, אפילו דעמאָלט, ווען זי זידלט, „לייקנט אָפּ" און צעשטערט די אלטע אידעאָלאָגישע סיסטעם. פון גאָרנישט קען מען גאָרנישע מאכן. פונקט ווי אינם געביט פון פּאָליטיק ווערט די אלטע מלוכה צעשטערט בשעת דער רעוואָלוציע, אָבער די נייע איז אין א געוויסער מאָס אויף אַן אנדערן אופן צוזאמענגעבונדענע אלטע עלעמענטן, אזוי אויך איז עס דער פאל אין דעם אידעאָלאָגישן געביט. אפילו אין די גרעסערע איבעררייסן איז דאָך פאראן אַן איבערגענומענקייט אין צוזאמענהאנג מיטן עבר: דאָס נייע בויט זיך נישט אויף דער ריינער „נאקעטע ערד". די בילדער זענען פארן קינסטלער א פּראָדוקציע-מיטל, אַן אָנגעזאמלטע קינסטלערישע דערפארונג, א קאָנדענסירטע אידעאָלאָגיע, פון וועלכער ס'הייבט זיך אין דעם געביט אַן יעדע ווייטערדיקע באוועגונג.

אויף דעם קען מען, למשל, טענהן אזוי: וואָס פארא קאָשע פארקאָכט איר דאָ! וואָס פאר א געמיינזאמעס האָט די הויכע קריסטלעכע לערע מיט די זאכלעכע סימנים, וואָס זענען מיט א שווארצן אינהאלט אָנגעצייכנט אויפן פּארמעט אָדער פּאפּיר? וואָס פארא שייכות האָט זי מיט דער חזירישער הויט, פון וועלכער ס'איז געמאכט געוואָרן דער איינבונד פון דער עוואַנגעליע? וואָס פארא געמיינזאמעס איז פאראן צווישן דער וויסנשאפטלעכער אידעאָלאָגיע, פאַר זיך גענומען, און דער קופּע פּאפּירענעם אלטווארג, וואָס איז צונויפגעקליבן אין די ביבליאָטעקן? מען קען דאָך נישט זען דעם חילוק צווישן אידעאָלאָגיע. דעם סובטעלן פּראָדוקט פון דעם קאָלעקטיוון מענטשלעכן גייסט און אזעלכע מגושמדיקע מאטעריעלע זאכן, ווי, למשל, א בוך, גענומען אלס זאך!

אלע אזעלכע באטראכטונגען וואָלטן זיך געשטיצט אויף

א מיספארשטייעניש. פארשטייט זיך, נישט פאפיר, פאר זיך גענומען, נישט געפארבטע שטאָפן, נישט די חזירישע הויט וואָלטן געי האַט פאר אונז א וואָסער עס איז באַטייט, אויב מיר וואָלטן זיי נישט גענומען אין זייער געזעלשאפטלעכן זין.

אין §36 פון אונזער בוך האָבן מיר געזען, אז אויך א מאשין, גענומען אויסער דעם געזעלשאפטלעכן צוזאמענהאנג, איז בלויז א שטיק מעטאל, האָלץ א. א. וו. אָבער זי האָט נאָך א געזעלשאפטלעכן זיין, אויף וויפיל זי ווערט שיפרירט דורך מענטשן, אלס א מאשין אין ארבעטס-פראָצעס. אזוי איז אויך מיטן בוך: עס האָט, חוץ דעם פיזישן זין, ווי שטיקלעך פאפיר, אויך א געזעלשאפטלעכן זין: עס ווערט שיפרירט, אלס א בוך אינם פראָצעס פון לייענען. און דאָ באוויזט זי זיך סאקע ווי א קאָנדענסירטע אידעאָלאָגיע, ווי א מיטל פון אידעאָלאָגישער פראָדוקציע.

אייב מיר וועלן פון דער זייט צו גיין צו דער פראגע וועגן אָנזאמל פון גייסטיקער קולטור, וועלן מיר אָן שוועריקייט זען, אז דער דאָזיקער אָנזאמל קומט באמת פאָר אין זאכלעכע פאָרמען, ווערט אזוי צו זאָגן, אוועקגעלייגט אין א פארקערפער-טער, מאטעריעלער פאָרם. און וואָס „רייכער" ס'איז דאָס געביט פון דער גייסטיקער קולטור, אלץ גראנדיעזער, אלץ ברייטער איז דאָס געביט פון די דאָזיקע מאטעריאליזירטע געזעלשאפט-לעכע דערשיינונגען".

בילדלעך גערעדט (און געדענקנדיק, אז דאָס איז נאָר אַן אנאלאָגיע), דער זאכלעכער פונדאמענט פון דער גייסטיקער קול-טור שטעלט מיט זיך פאָר דער „גרונט קאפיטאל" פון דער דאָ-זיקער קולטור, וועלכע, וואָס גרעסער, וואָס רייכער זי איז, העכערט זי ווידער אָפּ אין „ענד-חשבון" פון דעם ניוואָ פון דער אנט-וויקלונג פון די מאטעריעלע פראָדוצירנדיקע כוחות. די נאַאיווע אויפשריפטן, מאסקעס, מגושמדיקע אָפּגעטער, צייכענונגען אויף שטיינער, דענקמעלער פון קונסט, שלענגלעך פאַפּירוסן מיט מאַגוס-קריפטן, פארמעטענע „ביכער", טעפעלעך און אסטראָנאָמישע אָב-סערוואטאָריעס, ליימענע טאוועלעך מיט א טעקסט, און שפעטער

בילדער גאַלעריעס, מוזייען, באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע גערטנער, קאָלאָסאַלע ביבליאָטעקן, וויסנשאַפטלעכע שטענדיקע אויסשטעלונ־ גען, לאַבאָראַטאָריעס, צייטונגען געדרוקטע ביכער א. א. וו. — דאָס אַלץ איז אַן אָנגעזאַמלטע, מאַטעריאַליזירטע דערפאַרונג פון דער מענשהייט. אין די נייע ביכער־פּאָליצעס מיט נייע ביכער, וואָס ווערן כסדר צוגעגעבן צו די, וואָס זענען שוין פאַראַן, באַ־ ווייזט זיך אָנשוילעך די מיטאַרבעטערשאַפט פון א סך דורות, וואָס גייען אין אַן איבערגעריסענער ריי איינער נאָכן צווייטן.

מיר זענען היינט צוגעוווינט צו א ריי דערשיינונגען פון דעם דאָזיקן געביט, אַז מיר באַמערקן דאָ נישט די היסטאָרישע גרעניצן. די לויפנדיקע פּסיכאָלאָגיע און אידעאָ־ לאָגיע, למשל, ווערט פאַרגליווערט אין דער צייטונג. דער־ ווייל אָבער איז די צייטונג אַ נייע דערשיינונג, וואָס איז אויפגעקומען ערשט אין XVII י. ה. אמת, די וויכטיקסטע מלוכהשע ידיעות זענען אַרויסגעהאָנגען געווען (פּאַרעפנט־ לעכט) נאָך אין אַלטן רוים און ביי די כינעזער (VIII י. ה. פ. ק.), אָבער דאָס איז געווען א נעבעכדיקע זאך. זע
(K. Bücher: Das Zeitungswesen in Kultur der Ge-
לויטן עצם ענין פירט אויך דאָס בוך זיין genwart)
סדר־היוחסין זינט דער דערפינדונג פון ביכער דרוק. פריער זענען נאָר געווען פּאַפּירוס־ראָלן און פּאַרמעטענע „קאָדעקסן" ווי די פולקאָמסטע אופנים צו פיקסירן די אָנגעזאַמלטע „חכמה פון די צייטן", ווי אויך ליימענע ברעטלעך (בבל), וועלכע זענען, פונדעסטוועגן, אָנגעקליבן געוואָרן אין רי־ זיקע ביבליאָטעקן (למשל די באַרימטסטע ביבליאָטעק אַסור־ באַניפּאַלס;
K. Pietschman: „Das Buch in Kultur
די ביבליאָטעקן (לייבניץ האָט זיי אָנגערופן der Gegenwart"
„אוצרות פון אַלע רייכטימער פון מענטשלעכן גייסט") באַ־ געגנט מען, אַזוי אַרום, נאָך אין גראָען אַלטערטום, און זייערע רעשטלעך האָבן מיר איבערהויפּט צו פאַרדאַנקען דאָס מגלה זיין א סך פון דער שוין לאַנג פאַרגאַנגענער צייט (בקיצור וועגן די ביבליאָטעקן זע: Fritz Milkan

אַזאַ באַטייט האָט די אויבנדערמאָנטע „Die Biblioteken" ביבליאָטעק אַסורבאַניפּאַלס, (VII י. ה. פּ. ק.) אָדער די אַמעריקאַנער ביבליאָטעק פון די עלטסטע כּוהנישע שולן (דריי טויזנט יאָר פאר קריסטוס!) „צווישן אַלע וויסנשאַפט־לעכע אנשטאַלטן (הערמאַן דילס Herman Diels „Die Organization der Visenschaft") זענען פון די עלטסטע צייטן אָן אנערקענט געוואָרן די ביבליאָטעקן אַלס דאָס וויכטיקסטע און נויטווענדיקסטע הילפס־מיטל פאר דער אויפהיטונג, פאַרברייטערונג און אנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און פאר דער דערגענצונג פון דעם שנעל דורכגייענדיקן Viva Vox (לעבעדיקע שטימע) פון די לע־זער ז. (639). ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ ראָל שפּילן אין דער קונסט די „דענקמעלער פון קונסט", קאָלעקציעס, בילדער גאַלעריעס, מוזייען, טעמפּלען א. א.

אַלזאָ, דער אָנזאַמל פון דער גייסטיקער קולטור קומט פאָר נישט נאָר אין דער פאָרם פון א העכערונג פון דער פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע, וואָס זענען פאַראַן אין די מענטשנס קעפּ, נאָר אויך אין דער פאָרם פון אָנזאַמל פון זאַכן.

§50 דער רעפּראָדוקציע פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלס גאַנצעס.

איצטער קענען מיר בקיצור מאַכן אַ סך הכּול. צווישן דער געזעלשאַפט און נאַטור קומט פאָר א שטענ־דיקער „שטאָף־אויסטויש" — פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער רע־פּראָדוקציע, אַ מיט קרייזן זיך איבערחזרנדיקער אַרבעטס־פּראָצעס, וואָס פאַרטרעט ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל דאָס פאַרברויכטע, מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פאַרברייטערט ער זיין באַזע, געבנדיק דער געזעלשאַפט די מעגלעכקייט שטענ־דיק צו צערוקן די גרעניצן פון איר לעבן.

אָבער דער פּראָדוקציע־פּראָצעס פון די מאַטעריעלע פּראָ־דוקטן איז אין דער זעלבער צייט אַ פּראָדוקציע פּראָצעס פון די געגעבענע עקאָנאָמישע באַציונגען. „דער קאַפּיטאַליסטי־

שער פראָדוקציע פּראָצעס", — זאָגט מאַרקס, — וואָס ווערט באַ-
טראַכט ווי עפּעס אַ פאַרבונדענער זאַך, ד. ה. ווי עפּעס אַ רעפּ-
ראָדוקציע פּראָצעס, פּראָדוצירט נישט נאָר כחורות, נאָר חוץ
דעם פּראָדוצירט ער און רעפּראָדוצירט אויך די זעלבע באַציונג
וואָס ווערט אָנגערופן קאַפּיטאַל, ד. ה. פון איין זייט — דעם
קאַפּיטאַליסט, פון דער צווייטער זייט — דעם לוין אַר-
בעטער (K. Marx: „Das Kapital" B. I, s. 541. Hamburg 1913)
די דאָזיקע פאָרמול מאַרקס׳ס איז ריכטיק נישט נאָר פאַרן
קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע אופן: זי איז בכלל ריכטיק. אויב
מיר נעמען, למשל, די אנטיקע שקלאַפן-ווירטשאַפט, וועט יעדער
פּראָדוקציע-ציקל באַגלייט ווערן מיט דעם, וואָס דער שקלאַפן-
אייגנטימער וועט באַקומען זיין חלק, דער שקלאַף—זיינס, אַז דער
שקלאַפן-אייגנטימער וועט אין פאָלגנדיקן ציקל אויך אויספירן זיין
ראָל, דער שקלאַף-זיין; אַז אין פאַל פון אַ פאַרברייטערטער
פּראָדוקציע וועט די ענדערונג זיין נאָר אין דעם, וואָס דער חלק
פון שקלאַפן-אייגנטימער, זיין קראַפט, די צאָל פון זיינע שקלאַפן,
די מאַסע פון דער געשאַפענער דורך זיי הוספה׳דיקער אַרבעט
וועט זיין אַ גרעסערע און אַזוי אַרום איז דער פּראָצעס פון מאַטעריע-
לער רעפּראָדוקציע אין דער זעלבער צייט אויך אַ רעפּראָ-
דוקציע פּראָצעס פון די זעלבע פּראָדוקציע באַציונגען, פון דער
זעלבער היסטאָרישער שאַל, אין וועמעס ראַמען זיי באַוועגן זיך.
פון דער צווייטער זייט, דער פּראָצעס פון מאַטעריעלער רעפּראָ-
דוקציע איז אַ פּראָצעס פון שטענדיקער רעפּראָדוקציע פון די
אנטשפּרעכנדיקע אַרבעטער-כוחות. „דער מענטש גופא, — האָט
מאַרקס געשריבן — וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ מיטלפּונקט
פון דער אַרבעטס-קראַפט (als blosses dasein von Arbeitskraft)
איז אַן אָביעקט פון דער נאַטור, אַ זאַך (ein Ding) הגם אַ
לעבעדיקע, וואָס אָנערקענט זיך אַלס זאַך און זיין אַרבעט
גופא איז אַ זאַכלעכער באַווייז (die dingliche Aeusserung) פון
זיין קראַפט." (B. I, s. 165) אָבער אין פאַרשידענע געשיכטלעכע
פעריאָדן, אַנטשפּרעכנד דער טעכניק פון דער געזעלשאַפט מיטן
פּראָדוקציע אופן א. א. וו. זענען פאַראַן באַשטימטע אַר-

בעטער כוחות, ד. ה. אַרבעטער כוחות פון אַנטשפּרעכנדע קוואַליפיקאַציעס. דער רעפּראָדוקציע-פּראָצעס רעפּראָדוצירט שטענדיק די דאָזיקע קוואַליפיקאַציע. מיט אַנדערע ווערטער: דער פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע רעפּראָדוצירט נישט נאָר זאַכן, נאָר אויך „לעבעדיקע זאַכן", ד. ה. אַרבעטער מיט אַ באַשטימטער קוואַליפיקאַציע; ער רעפּראָדוצירט אויך די באַציונגען צווישן זיי; ביי זייער פאַרברייטערטן כאַראַקטער טראָגט זי אַריין פאַרבעסערונגען, וואָס אַנטשפּרעכן דעם נייעם ניוואָ פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, צעשטעלנדיק אין אַזאַ פאַל לחלוטין גאָר אַנדערע מענטשן (וואָרום ס'פאָדערן זיך נייע קוואַליפיקאַציעס, נייע „לעבעדיקע מאַשינען") און נישט אויף די זעלבע ערטער פונם אַרבעטס פעלד. ער לאָזט אומבאַרירט (אויב עס רעדט זיך נישט וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן איבערגאַנגס-פּעריאָד) דאָס גרונט-בילד פון די פּראָדוקציע באַציונגען פּראָדוצירנדיק אים כסדר אין אַ וואָס גאָר ברייטערן מאַסשטאַב.

אויב מ'זאָל דעם קבוץ פון פאַרשידענע קוואַליפיקאַציעס פון אַרבעטער-כוחות אָנרופן *געזעלשאַפטלעכע פיזיאָלאָגיע*. קען מען דאַן זאָגן, אַז דער רעפּראָדוקציע-פּראָצעס רעפּראָדוצירט כסדר די עקאָנאָמיק פון דער געזעלשאַפט, און פאָלגלעך אויך איר פיזיאָלאָגיע.

יעדע אַרבעט האָט ביז איצט געפאָדערט און פאָדערט נאָך היינט, צוליב ספּעציאַליזירונג, אַ באַשטימטן *פיזיאָלאָגישן* טיפּ. דעריבער, צווישן אַנדערע, קען מען אפילו לויטן אויסזען אויסערלעכן אונטערשיידן לאַסט-טרעגער, מעטאַל-אַרבעטער, האַנדלס-אַנגעשטעלטע, קצב, שפּיצעל א. א. וו. (וועגן דעם זע: ל. *קרזשיוויצקי*: *פּראָפעסיאָנעלע טיפּן*) אַזוי אַרום איז נישט נאָר די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן זייער *געזעלשאַפטלעכע* פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויך זייער פיזיאָלאָגישע סטרוקטור איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט-

---

לעכער אַנטוויקלונג: „ווירקנדיק אויף דער נאַטור, ענדערט

רעד מענטש זיין אייגענע נאטור". דאָס וואָס מיר רופן אָן ניט. א תנאי „געזעלשאַפטלעכע פיזיאָלאָגיע" קען נישט אַנטקעגנגעשטעלט ווערן דער עקאָנאָמיק, ווייל זי, די פיזיאָלאָגיע, איז אַ באַשטאַנד טייל פון דער עקאָנאָמיק. דער אונטערשיד איז דאָ אַזאַ: ווען מען רעדט וועגן עקאָנאָמיק, אַנאַליזירט מען די פאַרבינדונגען און טיפ פון די דאָזיקע פאַרבינדונגען צווישן מענטשן, מ'נעמט זייער באַציונג איינער צום צווייטן. דאָס וואָס מיר רופן אָן געזעלשאַפטלעכע פיזיאָלאָגיע, איז נישט קיין פאַרבינדונג, נאָר די אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע עלעמענטן גופא.

אָבער צוזאַמען מיטן פּראָצעס פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע דרייט זיך אויך די גאַנצע גיגאַנטישע מאַשין פון געזעלשאַפטלעכן לעבן: סווערן רעפּראָדוצירט די קלאַסן-באַציונגען, סווערן רעפּראָדוצירט די באַציונגען פון דער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע, ס'ווערן רעפּראָדוצירט די באַציונגען אין דער ספעריע פון פאַרשידענע געביטן פון דער אידעאָלאָגישער אַרבעט. בעת דער דאָזיקער שותפותדיקער רעפּראָדוקציע פונם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן ווערן שטענדיק רעפּראָדוצירט אויך די געזעלשאַפטלעכע סתירות. די טיילווייזע סתירות, וואָס אַנטשטייען, ווי אַ צעשטערונג פון גלייכגעוויכט, אופן גרונט פון אַ שטויס, וואָס קומט פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, ווערן שטענדיק געלייזט מיט דער הילף פון אַ טיילווייזן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט אין די ראַמען פון דעם געגעבענעם פּראָדוקציע אופן. אָבער די גרונט-סתירות, וואָס דרינגען ארויס פון דעם וועזן פון דער געגעבענער עקאָנ; מישער סטרוקטור, ווערן רעפּראָדיצירט אויף דעם אַלץ זיך פאַרברייטנדיקן יסוד. ביז וואַנען זייער וווּקס רעגולירט נישט אַזעלכע פאַרנעמען, וואָס דערפירן צו דער קאַטאַסטראָפע, דאַן שאָקלט זיך די גאַנצע אַלטע פאָרם פון די פּראָדוקציע באַציוּנגען, און אויב די געזעלשאַפט אַנטוויקלט זיך, ווערט געשאַפן זייערס אַ נייע פאָרם. „די אַנטוויקלונג פון די

סתירות פון אַ געגעבענער (einer) היסטאָרישער פאָרם פון דער פּראָדוקציע איז... דער איינציקער היסטאָרישער וועג פון איר אויפלעזונג (Auflösung) און די בילדונג פון א נייער פאָרם (und Neugestaltung „Das Kapital", I, s. 454) דער דאָזיקער מאָמענט ווערט באַגלייט דורכן אַ צייטווייליקן איבעררייס פון פּראָדוקציע-פּראָצעס, דורך זיין צעשטערונג, וואָס געפונט זיין אויסדרוק אין דעם אומקום פון א טייל פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. דער געגעראלער איבערבוי פון דעם גאנצן מענטשלעכן ארבעטס-אפּאַראט, די רעאָרגאניזירונג פון אלע מענטשלעכע באציונגען ברענגט צו א נייער גלייכגעוויכט, און די געזעלשאפט הייבט דאן אָן א נייעם אלוועלטלעכן היסטאָרישן ציקל פון איר אנטוויקלונג. פארברייטערנדיק איר טעכנישן יסוד און אָנזאמלענדיק איר פארזאכלעכטע דערפארונג, וואָס דינט יעדעס מאָל אלס שטיצפונקט פאר וואָסער עס זאָל נישט זיין באוועגונג פארווערטס.

ליטעראטור צום VII קאפיטל

פלעכאנאוו: אַרטיקל קעגן סטרוווע אין זאַמלבוך „קריטיק פון אונזערע קריטיקער" (דאָס בעסטע ווערק, וואָס איז געווידמעט דעם אנאליז פון די פּראָדוקציע באַציוגגען פון שטאנד-פּונקט פון דער רעוואָלוציע).

ר. לוקסענבורג: די סאָציאלע רעפאָרם און די רע-וואָלוציע.

ק. קויטסקי: די סאָציאלע רעוואָלוציע.

ק. קויטסקי: אַנטי-בערנשטיין.

Kunow: Die Marxsche Geschichts-Gesselschafts-und Staats-theorie B I.

וו. זאָמבארט: דער סאָציאַליזם און די סאָציאַלע באַוועגונג.

נ. לענין: מלוכה און רעוואָלוציע.

נ. לענין: די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער פאַררעטער קויטסקי.

נ. בוכארין: די עקאָנאָמיק פון דעם איבערגאנג-פּעריאָד.

גאָרעלאָ: פּלאַן פון עלעקטריפיצירן רוסלאַנד. אריינפיר.

זאַמלבוך: Wege und Ziele der Sozializirung

יו. דיעלעווסקי: (ס. ר.) די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און דער קלאַסן-קאַמף אין דער געשיכטע. פּעטערסבורג 1910.

מארקס, איבערהויפּט: Zur kritik der Politischen Oeko-nomie.

דערנאָך די איבעריקע היסטאָרישע ווערק.

קאפיטל 8.

קלאסן און קלאסן-קאמף

51 §. קלאַס, שטאַנד, פראָפעסיע.

איצטער דארפן מיר אויספירלעכער אפשטעלן זיך אויף דער פראַגע וועגן קלאסן און קלאסן-קאמף. פון פריערדיקן ווייסן מיר שוין, וואָס פארא ריזיקע ראָל די קלאסן שפילן אין דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט. נישט בחינם ווערט אפילו די געזעלשאפטלעכע סטרוקטור אין דער קלאסן-געזעלשאפט באשטימט טאקי מיט דעם, וואָס פארא קלאסן עס עקזיסטירן אין איר, און וואָס פארא באציונג זיי געפינען זיך איינער צום אנדערן א. א. נישט אומזיסט איז יעדע גרויסע ענדערונג אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן אַזוי צו אנדערש פארבונדן מיטן קלאסן-קאמף. נישט בחינם ווערט דער איבערגאנג פון דער געזעלשאפט פון איין פאָרם אין א צווייטער רעאליזירט דורך אַ ווילדער קלאסן-מלחמה. טאקי דעריבער האָבן מארקס און ענגעלס אָנגעהויבן דעם „קאָמוניסטישן מאניפעסט” מיט די ווערטער: „יעדע געשיכטע פון דער געזעלשאפט איז ביז איצט געווען א געשיכטע פון קלאסן קאַמף”.

וואָס-זשע איז דאָס קלאַס?

אין דער פריערדיקער ליעקציע (זע אויבן) האָבן מיר אין

אַלגעמיינע שטריכן שוין געגעבן אַ תשובה אויף דער פראַגע. איצטער דארף מען דעם ענין אויספירלעכער אנאליזירן. פריער האָבן מיר געזען, אַז אונטערן באגריף געזעלשאפטלעכער קלאס פארשטייט מען א קיבוץ מענטשן, וואָס שפּילן די זעלביקע ראָל אין דער פּראָדוקציע, מענטשן וואָס געפינען זיך בעתן פּראָדוקציע פּראָצעס אין דער זעלבער באַציונג איינער צום צווייטן, דערביי ווערן די דאָזיקע באַציונגען אויסגעדרוקט אויך אין זאַכן (ארבעטס-מיטלען). פון דאנען דרינגט אַרויס אויך דער אומשטאנד, וואָס אינם פאנאנדערטיילונגס-פּראָצעס פון די פּראָדוקטן איז יעדער קלאָס פארייניקט מיט אן איינאיינציקן הכנסה קוואַל, דאָרום די באציונגען פון פּראָדוקטן פאנאנדערטיילונג באשטימען די באציונגען פון זייער פּראָדוקציע. די טעקסטיל-און מעטאל-ארבעטער זענען נישט צוויי פארשידענע קלאסן נאָר איין קלאס, ווייל אין באצוג צו אנדערע מענטשן (אינזשיניערן, קאַפּיטאליסטן) געפינען זיי זיך אין דערזעלבער באציונג. אַזוי אויך אַן אייגנטימער פון קוילן-גרובן, פון א ציגל-זאַוואָד און פון א קאָרסעט-פאבריק שטעלט מיט זיך פאָר אַ קלאסן קאַטעגאָריע. וואָרום, נישט קוקנדיק אויף דעם פיזישן אונטערשיד פון זאכן, מיט וועלכע זיי קומט אויס צו האָבן צו טאָן, האָבן זיי אָבער אין באצוג צו מענטשן בעתן ארבעטס פּראָצעס דיזעלבע („אָנפירנדיקע") באציונג, וואָס דריקט זיך אויס אויך אין זאַכן („קאפיטאל").

אַזוי אַרום ליגט אויך אין יסוד פון קלאסן-איינטיילונג פון דער געזעלשאפט פּראָדוקציע באציונגען. מיר דארפן דאָ זיך צוקוקן צו אנדערע מעגלעכע לייזונגען פון דער פראַגע, וועלכע זענען שטארק „אין גאַנג". איינע פון די פארשטפרייטסטע אָנשויונגען איז די באַצייכענונג פון קלאסן לויטן סימן „אָרעמע" און „רייכע". אויב דער מענטש האָט אין קעשענע אַזוי-פיל און אזוי-פיל געלט, און דער אנדערער — צוויימאָל מער, הייסט

עס, אַז די ווערן שוין פאררעכנט צו פארשידענע קלאסן. דאָ ווערט געשטעלט בראש אָדער דער פארנעם פון באזיץ, אָדער די הויך פון לעבנס-ניוואָ. איין ענגלישער סאָציאָלאָג (דיעט) האָט אפילו אויסגעארבעט אַ גאַנצע טאַבעלע פון קלאַסן איינטיילונג: דער ערשטער קלאַס — דער נידעריקסטער (שלעפער) — הוצאות בודושעט — 18 שילינג א וואָך, דער אַנדערער קלאס 25 שילינג, דער דריטער — 45 א. א. וו. (זע די זייער זאָרגפעליק אויסגעפירטע און דערביי מאַרקס'סטישע ארבעט פון פראָפ. ס. י. סאָלנצעוו: געזעלשאַפטלעכע קלאסן. די וויכטיקסטע מאָמענטען אין דער אַנטוויקלונג פון דער קלאַסן-פראָבלעם אין די גרונט טעאָריעס. טאָמסק, 1919, ז. 268 א. וו.). ווי פּשוט סזאָלן נישט זיין אזא בליק, אָבער ער איז פולשטענדיק באַאיר אין אבסאָלוט נישט ריכטיק. פון דעם שטאנדפונקט, למשל, וואָלט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אויסגעקומען אויסצושליסן פונם פראָלעטאַריאַט דעם מעטאַל אַרבעטער אָדער ארבעטער אויף אַ לינאָטיפּ, דערפאַר אָבער איינשליסן דעם פויער-אָרימאַן אָדער בעל-מלאכה אין ארבעטער-קלאַס. אַלס דעם רעוואָלוציאָנערסטן „קלאַס" וואָלט מען דאַן געדארפט האַלטן דעם לומפּן-פּראָלעטאַריאַט, „דער פּראָלעטאַריאַט פון שלעפער" און אויף אים ארויפלייגן האָפנונגען, ווי אויף א קראַפט, וואָס וועט פאַרווירקלעכן דעם איבערגאַנג צו דער העכסטער פאָרם פון געזעלשאַפט. פון דער צווייטער זייט, וואָלט אויסגעקומען צוויי באַנקירן, פון וועלכע איינער איז דריימאָל רייכער פארן צווייטן, צו זעצן אויף צוויי קלאַסן-בענקלעך. דערווייל אָבער ווייזט אונז די אַלטעגלעכע דערפארונג, אַז די פארשידענע ארבעטנדיקע שיכטן גייען צוזאַמען א סך שנעלער, ווי ס'קומט פאָר דער געמיינזאַמער קאַמף פון ארבעטער און האַנטווערקער, אַרבעטער און פויערים א. א. וו. דער פויער פילט זיך נישט אלס מיטגליד פון דערזעלבן קלאַס, ווי דער ארבעטער. און פאַרקערט, צוויי באַנקירן, אפילו ווען איינער איז צען מאָל רייכער פאַרן צווייטן, פילן זיך אַלס מיטגלידער פון איין ליבהאַרציקער משפחה. „דער ארומגעם פון בייטעלע" — האָט מאַרקס געשריבן אין „עלנט פון דער פילאָ-

זאָפּיע" — דאָס איז א ריין ציפערדיקער אונטערשיד. צוויי אינדיווידואומען פון איין און זעלבן קלאַס קענען אויסגעצייכנט אויפגערייצט ווערן איינער אויפן צווייטן". מיט אנדערע ווערטער: דער חילוק אין „רייכקייט" קען נישט דינען אַלס געניגנטער גרונט פאר זייער באשטימונג, וואָס איז דאָס אַזוינס קלאַס, הגם אפילו אין די ראַמען פון איין און דעם זעלבן קלאַס פּראָדוצירט ער אַ באַשטימטע טאַט.

אַן אנדערע, זייער פארשפרייטע טעאָריע, איז די טעאָריע, וועלכע נעמט אַלס יסוד פאַר דער קלאַסן איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט דעם פאנאנדערטיילונגס-פּראָצעס, ד. ה. די פאנאנדערטיילונג פון דער געזעלשאפטלעכער הכנסה. אויב מ'רעדט, למשל, וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, דאַן גיט די הכנסה-איינטיילונג איף דריי הויפּט-חלקים: ריווח, רענטע, אַרבעטס לוין דעם גרונט פאר אַ פאַנאנדערגרענצונג פון דריי קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן, ערד אייגנטימער און פּראָלעטאריער (לוין = אַרבעטער). דער חלק פון יעדן איינעם פון זיי קען ביי דער געגעבענער גרויס פון דער געזעלשאַפטלעכער הכנסה וואַקסן נאָר אויפן חשבון פון דעם אנדערן קלאַס'ן חלק. דעריבער זענען די מיטגלידער פון איין קלאַס פארבונדן מיט געמיינזאַמקייט און איינמינקייט פון אינטערעסן אין באַצוג צום צווייטן, דאס איז ערשטענס, און ווערן אנטקעגנגעשטעלט די אנדערע קלאַסן צוליב דער סתירה פון די אינטערעסן — דאָס איז צווייטנס.

אויב מ'וועט די דאָזיקע טעאָריע נישט דערפירן צו דער באטראַכטונג וועגן דעם, ווער ס'באַקומט מער און ווער ווייניקער, דאַן אנטשטייט אומפאַרמיידלעך די פראַגע: אָבער פארוואָס זשע ווערן די פערזאָנען, וואָס זענען פארבונדן אין א קלאַס, רעפּראָדוצירט, ווי א קלאַס? פארוואָס קומט עס פאָר, וואָס, זאָגן מיר, אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט עקזיסטירן באַשטימטע מינים הכנסות? ווי ליגט די סיבה פון דער סטאַביליטעט פון די דאָזיקע „מינים הכנסות"? מ'דאַרף זיך נאָר שטעלן די דאָזיקע פראַגן, כדי באַלד צו זען, אין וואָס עס גייט. די דאָזיקע סטאַביליטעט שטיצט זיך אויף דער באַציונג צו דע-

פראָדוקציע-מיטלען, אין וועלכע, פון זייער זייט, ס'דריקט זיך אויס די באציונג צווישן מענטשן און פראָדוקציע-פראָצעס—

די ראָל פון מענטשן אין דער פראָדוקציע און דאָס אייגנטום אויף די פראָדוקציע-מיטלען, ד. ה. די „פאנאנדערטיילונג פון די פראָדוקציע-מיטלען" זענען גרויסן, וואָס זענען סטאַביל אין די גרעניצן פון דעם געגעבענעם פראָדוקציע-אופן. קוים עקזיסטירט ער קאַפּיטאַליזם, דאַן, הייסט עס, איז דאָ אַ קאַטעגאָריע פון קאָמאַנדירנדיקע מיט דעם פראָדוקציע-פראָצעס מענטשן, וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט צו שאַפן מיט וואָסערע מען וויל באַר פראָדוקציע מיטלען, און ס'איז פאַראַן אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס ארבעטן אונטער דער קאָמאַנדע פון די ערשטע, אונטער-וואַרפנדיק אונטער זיי זייערע אַרבעטס-קראַפט און פראָדוצירנדיק פאַר זיי סחורה-ווערטן. טאַקי אָט דער אומשטאַנד איז די סיבה פון דעם, וואָס אינם געביט פון דער פראָדוקטן-פאנאנדערטיילונג און ארבעט (ד. ה. אין דער ספערע פון צעטיילן די הכנסה) באַקומט זיך אויך אַ באַשטימטע געזעצמעסיקייט. מיט אנדערע ווערטער: מיר זענען צוגעקומען צו דעם, אַז די וויכטיקסטע פונקטן פון דער פראָדוקציע — זענען די „פאנאנדערטיילונג פון מענטשן", די „פאנאנדערטיילונג פון זאכן" — און זיי זענען דאָס טאַקי דער יסוד פון די קלאַסן באַציונגען.

אַנדערש, אין תוך גענומען, וואָלט עס נישט געקאָנט זיין. און טאַקי, לאָמיר איצט צוגיין צו דער פראַגע פון אַן אנדערן עק, צוגעבנדיק איר די אַלגעמיינסטע פאָרמולירונג. ס'איז דאָך קלאָר, אַז יעדער קלאַס איז אַ געוויסער רעאַלער קבוץ, ד. ה. אַ קבוץ פון מענטשן, וואָס געפונען זיך אין אַן אומאויפהערלע-כער קעגנזייטיקער ווירקונג פון „לעבעדיקע מענטשן", וואָס זענען מיטן וואָרצל אריין אין פראָדוקטיוון לעבן, וואָס פליען מיט די געדאַנקען אַזש ביז די הימלישע וואָלקנס. דאָס איז אַ באַזונדערע פריוואַטע מענטשלעכע סיסטעם אינערהאַלב אַ גרויסער סיסטעם, וועלכע מיר רופן אָן מענטשלעכע געזעלשאַפט. פון דאַנען איז קלאָר, אַז צו דעם קלאַס דאַרפן מיר צוגיין פון יענער

זייט, אַזוי ווי מיר זענען צוגעגאַנגען צו דער געזעלשאַפט — מיט אַנדערע ווערטער: דעם אַנאַליז פון די קלאַסן דאַרפן מען אָנהייבן פון דער פּראָדוקטיווער זייט. פאַרשטייט זיך, ס'דאַרף אונדז גאָרנישט וווּנדערן, וואָס די קלאַסן שיידן זיך אונטער איינער פון צווייטן אויף פאַרשידענע ליניעס, אי אויף דער פּראָדוקציע, אי אויף דער פאַנאַנדערטיילונג-ליניע, אי אויף דער ליניע פון פּאָליטיק, אי אויף דער ליניע פון זיין פּסיכאָלאָגיע, אי אויף דער ליניע פון זיין אידעאָלאָגיע. וואָרום איינס הענגט אָפּ פון צווייטן, די אַלע דערשיינונגען זענען קעגנזייטיק פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער די עקאָנאָמישע וואָרצלען פונם אַרבעטער קען מען נישט מעסטן מיט אַ בורזשואַזער מאָס. דאָס איז נאָך ערגער, ווי מ'טוט אָן אַ קי אַ זאָטל. אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט טאַקי אַלס תּנאַי אין ענד חשבון די לאַגע פונם קלאַס אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס. אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן באַשטימען דעם קלאַס לויטן פּראָדוקציע סימן.

מיט וואָס-זשע שיידט זיך אונטער דער געזעלשאַפטלעכער קלאַס פון שטאַנד? אונטערן באַגריף קלאַס, ווי מיר האָבן געזען, פאַרשטייט מען אַ קאַטעגאָריע פּערזאָנען, וואָס איז פאַראייניקט מיט אַ געמיינזאַמער ראָל אינעם פּראָדוקציע-פּראָצעס, אַ קבוץ מענטשן, וווּ יעדער איינער געפינט זיך אין ענלעכער באַציִונג צו אַנדערע אָנטיילנעמער פון דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס. אונטערן באַגריף שטאַנד פאַרשטייען מיר אַ גרופּע פּערזאָנען, וואָס איז פאַראייניקט מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער יורידישער, רעכטלעכער אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט. די גרויסע ערד-באַזיצער—דאָס איז אַ קלאַס. די פּריצים — דאָס איז אַ שטאַנד. פאַרוואָס? ווייל די גרויס ערד-באַזיצער באַזיצן אַ באַשטימטן פּראָדוקטיוו-עקאָנאָמישן סימן, און די פּריצים — נישט. דער פּריץ האָט באַשטימטע רעכטלעכע ד. ה. דורכן געזעץ פון דער געגעבענע מלוכה באַפעסטיקטע רעכט און פּריווילעגיעס פון זיין „וווילגעבוירענעם שטאַנד”. אָבער עקאָנאָמיש קען דער דאָזיקער פּריץ זיין אויף אַזוי פיל אָפּגעשטאַנען, אַז ער קומט בלויז קוים אַדורך, ער קען זיין אַ לומפּן-פּראָלעטאַריער,

אָבער לויטן שטאַנד בלייבט ער ווייטער אַ פּריץ (ווי דער באַראָן אין גאָרקיס „אָפּגרונט"), אָדער לאָמיר נעמען אַן אַנדערן ביישפּיל. בעת דער צאַרישער רעגירונג איז ביי פיל אַרבעטער געווען פאַרשריבן אין פּאַס: „פויער פון דער און דער גובערניע, פון דעם און דעם אויעזד, פון דעם און דעם וואָלאָסט (דאָרף)". און דער דאָזיקער פויער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פויער, זייענדיק אַ געבוירענער אין דער שטאָדט און זייענדיק פון קליינוויס אויף אַ לוין אַרבעטער. הייסט עס, דאָ ווי מען קלאָר דעם חילוק צווישן ק ל אַ ס און ש ט אַ נ ד [illegible]. דאָ איז דער מענטש לויטן קלאַסן סימן אַן אַרבעטער, [illegible] שטאַנד (ד. ה. פון שטאַנדפּונקט פון די צאַרישע געזעצן האָט צעטיילן די מענטשן לויט שטאַנדן) איז ער אַ פויער. אָבער דאָ שווימט באַלד אויף אָט אַזאַ פראַגע: „די פּאָליטיק איז דאָך, ווי מיר ווייסן (אין דעם סכום גייט אויך אריין רעכט) אַ קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמיק". צי קענען מיר זיך אָפּשטעלן אויפן רעכט, נישט אַראָפּלאָזנדיק זיך טיפער?

פאַרשטייט זיך, מיר קענען נישט. מיר האָבן דאָך נאָר וואָס געזאָגט, בעת מיר האָבן באַטראַכט די קלאַסן, אַז פאַר אונדז איז מעטאָדאָלאָגיש וויכטיק צוצוגיין צו די סאָציאַלע גרופּירונגען טאַקע פון דער פּראָדוקציע זייט. ווי אַזוי זשע זאָל מען לייזן די פראַגע וועגן די שטאַנדן?

לאָמיר קודם-כּל הערן, וואָס עס זאָגט מכּוח דער פראַגע פּראָפ. ס אָ ל נ צ ע ו, דער מחבר פון סאָלידסטן ווערק וועגן די קלאַסן. ער שרייבט: די סאָציאַל נישט גלייכע גרופּן פון אַ שטאַנדלעכער צעשיכטונג באַווייזן זיך אַלס אַזעלכע און אַנטשטייען נישט אויפן באָדן פון די באַציונגען פון סאָציאַלן-אַרבעטס-פּראָצעס, נישט אויפן באָדן פון די באַציונגען אין דער ווירטשאַפט, נאָר אויפן באָדן, הויפּטזעכלעך, פון די באַציונגען פון רעכט און מלוכה. שטאַנד, דאָס איז אַ ר ע כ ט ל ע ך פּ אָ ל י ט י ש ע י ו ר י ד י ש ע קאַטעגאָריע, און אַלס אַזאַ קען זי זיך באַווייזן אין פאַרשידענע פאָרמען. אין אינטערשיד פון דעם שטאַנדלעכן, אַנטשטייט די קלאַסן צעשיכטונג אויפן באָדן פון די עקאָ-

נאָמישע באַציונגען" (1 C 22 ז.). צי איז אָבער נישט דער שטאַנד פּראָסט - פּשוט א קלאַס, „נאָר וואָס איז איינגעהילט אין קאָסטיום פון געזעצלעך-פּאָליטישע קאַטעגאָריע"? אויף דעם ענטפערט סאָלנצעוו נעגאַטיוו. דאָך ווייזט ער אליין אָן, אַז, למשל, אין דער אַנטיקער וועלט האָט די שטאַנדישע אָרדענונג נישט געקענט נישט אָפּשפּיגלען אין זיך דעם קלאַסן אונטערשיד"... (1 C 25 ז.), אַז „דער קלאַסן-קאַמף נעמט אָן אן איינגאַרטיקע פאָרם פון שטאַנדישן קאַמף" (26). דער דאָזיקער, זייער פארנעפּלטער אוועקשטעל פון דער פראגע, צווינגט אונז צו באַמיען זיך צו געפינען א גענויערע פאָרמולירונג.

מיר וועלן ברענגען א ביישפּיל. בשעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מען אונטערן נאָמען „דריטער שטאַנד" פאַרשטאַנען אַ קאַסטע פון פאַרשידענע קלאַסן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט נאָך ווייניק אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן: דאָ איז געווען, אי די בורזשואזיע, אי ארבעטער, אי צווישן-קלאַסן (בעלי-מלאכות, קליינהענדלער א. א. י.) זיי אַלע זענען געווען דער „דריטער שטאַנד". פאַרוואָס? דערפאַר ווייל זיי זענען יורידיש געווען „גאָרנישט", אין פאַרגלייך מיט די פּריווילעגירטע ערד אייגנטימער פעאָדאַלן. „דער דריטער שטאַנד" — דאָס איז געווען אַ יורידישער אויסדרוק פון קלאַסן-בלאָק, וואָס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט די הערשנדיקע גוטסבאַזיצער. פון דאַנען דריננגט: קלאַס און שטאנד קענען זיך נישט צונויפטרעפן. אָבער אונטער דער שאָל פון שטאַנד באַהאַלט זיך אומבאַדינגט, אין אַלגעמיין און אין גאַנצן, ד ע ר ק ל אַ ס ן - װ ע ז ן, דאָ איז ער א שטאַנד, און דער קלאַס איז נישט אייגער, נאָר עטלעכע. אָבער דאָך זענען דאָס ק ל א ס ן, (און נישט דאָס וואָס מען ווייסט נישט,) וואָס עס קומט אויס ביי סאלנצעוו) פון דער צווייטער זייט, דאָס נישט צוזאַמענטרעפן זיך צווישן קלאַס און שטאַנד קען זיין פון אן אַנדערער אַרט, וועגן וועלכר מיר האָבן שוין פריער גערעדט, נעמלעך: דער מענטש האָט געקענט געהערן צו „אַנידעריקן קלאַס", אָבער צו „אַ העכערן שטאַנד" (אן עקאָנאָמיש אָפּגעלאָזטער פריץ, וואָס דינט אַלס הויז וועכ-

טער אָדער באַהייצער) און פאַרקערט, ער קען געהערן צו אַ נידעריקן שטאַנד, נאָר צו דעם קאָמאַנדירנדיקן, העכסטן קלאַס. (גרויסער סוחר, וואָס האָט זיך דערשלאָגן פון די פויערים-קו-לאַקן). וואָס זשע וועט דאָ זיין? ווו איז דאָ דער „קלאַסן-אינ-האַלט אונטער אַן עקאָנאָמישער שאַל?” ס'איז קלאָר, אַז ס'איז דאָ נישטאָ דער דאָזיקער אינהאַלט. ווי אַזוי זשע זאָל מען זיך טעאָרעטיש אַן עצה טון מיט דעם דאָזיקן „איינגע-עקשנטן פאַקט”?

כדי צו געפונען דאָ אַ ריכטיקע לייזונג פון דער פּראָגע, דאַרף מען אַ קוק טון אויפן ענין נישט פון שטאַנדפּונקט פון אַן איינצעלנעם פאַל, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון טיפּישע באַציונגען אין די ראַמען פון אַ באַשטימטן ווירטשאַפטלעכן פּלאַן. מיר וועלן אויפמערקזאַם מאַכן אויף אָט דעם הויפּט-אומשטאַנד. די שטאַנדן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך די בורזשואַזע רע-וואָלוציעס, דורך דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען. אויב מ'זאָל זיך אַריינטראַכטן פאַרוואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט נישט שלום געמאַכט מיט דער עקזיסטענץ פון די שטאַנדן, איז לייכט צו קומען צו אַזעלכע אויספירן:

אין די פאַר-די-קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען פון דער געזעל-שאַפט זענען אַלע באַציונגען אַ סך קאָנסערוואַטיווער, דער לעבנס-טעמפּ לאַנגזאַמער, ענדערונגען גאָר ווייניק, ווי בשעת דעם קאַפּי-טאַליזם. דער הערשנדיקער קלאַס איז דאָ — די ערד-באַזיצערי-שע אַריסטאָקראַטיע, מ'קען זאָגן, דער ירושה'דיקער קלאַס. אָט די דאָזיקע אומבאַוועגלעכקייט פון באַציונגען האָט דערמעגלעכט די באַפעסטיקונג פון די קלאַסן פּריווילעגיעס, פון איין זייט, און די פליכטן, פון דער צווייטער, צוזאַמען מיט יורי-דישע נאָרמען; די דאָזיקע אומבאַוועגלעכקייט האָט דערלויבט אָנצוטון אויף דעם קלאַס (אָדער קלאַסן) דאָס העמדל פון „שטאַנד”. אַזוי אַרום, אין אַלגעמיין און אינגאַנצן, זענען די שטאַנדן געגאַנגען אויף יענער ליניע, ווי די קלאַסן אָדער ווי די גרופּע קלאַסן אין זייער קעגנזאַץ צו וואָסער עס איז אַנדערן קלאַס. אָבער דער דאָזיקער אַנטשפּרעכנדיקער צושטאַנד האָט באַ-

קומען אַ שטאַרקן קלאַפּ דורך דעם אַריינדרינגען פֿון ס. חרישע קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען, וואָס זענען אַ סך פֿליסנדיקער און באַוועגלעכער. דער, איז אַרויפֿגעקראָכן אין דער הויך, ס׳האָבן זיך באַוויזן אַזוי גערופֿענע „נוּוואָ — ריש" (רייכע אויפֿגעקומענע) און דאָס איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג; אַ טייל פֿון די ערד באַזיצער איז איבערגעגאַנגען אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות, דער אַנדערער איז פֿאַראָרימט געוואָרן: פֿאַרקבצנט, דער דריטער — האָט זיך געהאַלטן אויפֿן פֿריערדיקן שטאַנד. אַזוי אַרום האָט די באַוועגלעכקייט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען אָפּגעוואַשן יעדן יסוד אונטער דער עקזיסטענץ פֿון די שטאַנדן. דער איבערגאַנגס-פּעריאָד פֿון דער אויפֿלייזונג פֿון די פֿעאָדאַלע באַציונגען האָט טאַקע געפֿונען זיין אויסדרוק אין דער וואַקסנדיקער נישט אַנטשפּרעכנדקייט צווישן דעם עקאָנאָמישן אינהאַלט פֿון די קלאַסן און דער שטאַנד — יורידישער שאָל. אָט אין וואָס פֿאַראַ פּעריאָד סהאָט זיך געשאַפֿן די נישט אַנטשפּרעכנקייט, וואָס האָט אומפֿאַרמיידלעך דערפֿירט צום קראַך פֿון דער גאַנצער שטאַנד-סיסטעם. די שטאַנד-שאָל האָט זיך אויסגעוויזן אַלס נישט אויפֿן אָרט צוזאַמען מיטן וווּקס פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע באַציונגען, אַזוי ווי עס איז נישט אויפֿן אָרט, צוזאַמען מיטן ווייטערדיקן וווּקס פֿון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות, די קלאַסן-שאָל פֿון דעם פּראָדוקציע פּראָצעס. אָט פֿאַרוואָס מאַרקס האָט געשריבן אין „עלנט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע": „דער תּנאַי פֿון דער באַפֿרייונג פֿון אַרבייטער קלאַס איז דער אָפּשאַף פֿון אַלע קלאַסן פּונקט ווי דער תּנאַי פֿון באַפֿרייונג פֿון דריטן שטאַנד... איז געווען דער אָפּשאַף פֿון כּלערליי שטאַנדן". און ע נ ג ע ל ס, אַלס קאָמענטאַר, האָט צו דער דאָזיקער שטעלע צוגעגעבן פֿאָלגנדיקע באַמערקונג: „דאָ רעדט זיך וועגן די שטאַנדן, אין היסטאָרישן זין פֿון שטאַנדן פֿון דער פֿעאָדאַלער מלוכה — שטאַנדן מיט באַשטימטע און אָטגרעניצנדיקע פּריווילעגיעס. די רעוואָלוציע פֿון דער בורזשואַזיע האָט אָפּגעשאַפֿן די שטאַנדן מיט אַלע זייערע פּריווילעגיעס. די בורזשואַזע געזעלשאַפֿט קען נאָר קלאַסן. דעריבער איז עס געווען אַ פֿולע סתּירה מיט דער גע-

שיכטע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז באַצייכנט געוואָרן אַלס „פערטער שטאַנד”.

אַלזאָ, פאַרן פעריאָד פון סטאַבּילע פאַר־קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמען זענען די שטאַנדן געווען יורידישע אויסדרוקן פון קלאַסן. דער וואַקסנדיקער נישט צונויפטרעפן זיך פון די דאָזיקע גרויסן, די צעשטערונג פון גלייכגעוויכט צווישן קלאַסן־אינהאַלט פון שטאַנדיש יורידישער פאָרם איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן וווקס פון די קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען און דער אויפלייזונג פון אַלטע פעאָדאַלע קלאַסן נישט נאָר הויכע, נאָר אויך נידעריקע: בעת דער פעאָדאַלער סיסטעם האָט זיך דאָס פויערנטום, ווי אַ קלאַס, זיך צונויפגעטראָפן, אין אַלגעמיין מיטן פויערנטום, ווי אַ שטאַנד, און נאָכדעם ערשט האָט פון די פויערים אָנגעהויבן אַרויסגיין אי די אַגראַר־ווירטשאַפטלעכע בורזשואַזיע אי דער פּראָלעטאַריאַט, — צוויי קעגנזעצלעכע קלאַסן; אָבער דאָס שטאַנד העמדל איז אויך געווען; ס'איז קלאָר, אז עס האָט געמוזט צוריסן ווערן.

איצטער דאַרף מען גענוי באַצייכענען די דריטע קאַטעגאָריע, וואָס איז פאַרבונדן מיט די אַנאַליזירטע פּראָבּלעמען. מ'דאַרף געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איז דאָס אַזוינס פ ר אָ פ ע ס י ע. די פּראָפעסיע, איז קלאָר, איז פאַרבונדן מיטן אַרבעטס־פּראָצעס. דער אונטערשיד פון קלאַס, אויפן ערשטן בליק, באַשטייט אין דעם, וואָס די איינטיילונג אויף פּראָפעסיעס גייט נישט אויף דער ליניע פון באַציונגען פון די מענטשן אייגער צום צווייטן, נאָר אויף דער ליניע פון באַציונגען צו זאַכן, לויט דעם, איבער וועלכע ז אַ כ ן און מיט וואָסערע זאַכן מען אַרבעט. דער מעטאַל אַרבעטער טאַקע שיידט זיך אונטער פון סטאָלער און שטיינהאַקער נישט מיט דעם, וואָס ער באַציט זיך אויף אַן אַנדערן אויפן צום קאַפּיטאַליסט, נאָר מיט דעם, וואָס ער אַרבעט איבערן מעטאַל, דער סטאָלער — איבערן האָלץ, און דער שטיינהאַקער — איבערן שטיין.

פונדעסטוועגן טאָר מען אָבער נישט זאָגן, אַז דאָ רעדט זיך נ אָ ר וועגן זאַכן, ווארום די פּראָפעסיע איז אין דער זעל־

בער צייט פאָרט א געזעלשאַפטלעכע באַציונג: אין פּראָדוקציע-פּראָצעס, ווו פאַרשידענע אַרבעטער זענען פּראָפעסיאָנעל פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן דורך די נאָרמען פון דעם אַרבעטס-פּראָצעס גופא, צווישן מענטשן, איז, פאַרשטייט זיך דאָ אַ באַשטימטע שייכות. אָבער ווי פאַרשידן די דאָזיקע שייכותן זאָלן נישט זיין, ווערן זיי אָפּגעמעקט פאַר די פאַרשידנקייט אין הויפּט און יסוד: פאַר די פאַרשידנקייטן אין דער קאָמאַנדירנדיקער אַרבעט, — פאַר פאַרשידנקייטן, וואָס ווערן אויסגעדרוקט אין די באַציונגען פון אייגנטום.

די איינטיילונג לויט פּראָפעסיע, זייענדיק א באציונג צווישן מענטשן, וואָס דרינגט ארויס פון זייער טעכנישער שייכות צו מכשירים, מעטאָדן און ארבעטס-אָביעקט, טרעפט זיך לחלוטין נישט צונויף נישט מיט דער ארבעטס-איינטיילונג אויף הערשנדיקע און אונטערגעוואָרפענע, נישט מיט דער אנטשפּרעכנדיקער „קאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקציע מיטלען" ד. ה. די באציונגען פון אייגנטום אויף די דאָזיקע פּראָדוקציע מיטלען.

דעריבער איז נישט ריכטיק פּראָפ. סאָלנצעוו'ס באהויפּטונג, אַז פּראָפעסיע איז אַ נאַטור-טעכנישע (אונזער קו"סיוו) קאטעגאָריע, אז זי „ליגט אין כאראקטער פון מענטשלעכן פארקער אין דעם פארהיסטאָרישן פעריאָד אין אַלע נאכפאָלגנדיקע סטאַדיעס", אַז דאָס איז נישט קיין היסטאָרישע קאטעגאָריע, נישט פון א סאָציאַלער אָרדענונג" (C 1 ז. 21) מיט איין וואָרט: דאָ איז אן אייביקע קאטעגאָריע. א פּראָפעסיע ווערט פּראָפעסיע דערפאר, ווייל א באשטימטער מין ארבעט איז געוויינלעך לעבנסלענגלעך באפעסטיקט: דער שוסטער איז זיין גאנץ לעבן צוגעשמידט צו דער קאָפּיטע. אָבער אז דאָס איז שטענדיק אזוי געוועזן, און אַז אזוי וועט שטענדיק זיין — דרינגט פון ערגעץ נישט. דער וואקסנדיקער אויטאָמאַטיזם פון דער טעכניק וועט בעפרייען דעם מענטש פון דער דאָזיקער נויטווענדיקייט און

ווייזן אויף וויפ־ל די דאָזיקע קאַטעגאָריע איז געווען אַ היסטאָרישע.

איצט, נאָכדעם ווי מיר האָבן קלאָר געמאַכט דעם אונטער־שיד פון קלאַס פון שטאַנד און פון פּראָפעסיע, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף נאָך איין פראַגע. נעמלעך, אויף דער פראַגע, האָסטרע קלאַסן ס׳זענען פאַראַן. אונז דאַכט זיך אויס, למשל, אַלס ריכטיק די פאָלגנדיקע אונטערצעטיילונג:

1. די הויפּט־קלאַסן פון דער געגעבענער געזעלשאַפטלע־כער פאָרם (קלאַסן אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט). אַזעלכע קלאַסן זענען פאַראַן צוויי: דער אָנפירנדיקער און מאָנאָפּאָ־ליזירנדיקער מיט די פּראָדוקציע מיטלען — פון איין זייט; דער אויספירנדיקער קלאַס, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פּראָדוקציע־מיט־לען, וואָס אַרבעט אויף דעם ערשטן קלאַס — פון דער צווייטער זייט. די ספּעציפישע (באַזונדערע) פאָרם פון דער דאָזיקער באַציונג פון דער ווירטשאַפטלעכער עקספּלאָאַטאַציע און פאַרשקלאַפונג באַשטימט אויך די פאָרם פון דער געגעבענער קלאַסן־געזעל־שאַפט. למשל: אויב די באַציונג צווישן קאָמאַנדירנדיקן קלאַס און דעם אויספירנדיקן ווערט רעפּראָדוצירט דורך דער פאַרמיט־לונג פון קויפן אַרבעט־קראַפט אויפן מאַרק — הייסט דאָס קאַ־פּיטאַליזם; אויב זי ווערט רעפּראָדוצירט דורך דער פאַרמיטלונג פון קויפן מענטשן דורך רויב, אָדער אַנדערע מיטלען, אָבער נישט דורכן קויפן איין אַרבעטס־קראַפט, אויב דער קאָמאַנדירנ־דיקער קלאַס שאַפט דערביי נישט נאָר מיט דער אַרבעט־קראַפט נאָר אויך מיט דער „נשמה און גוף" פונם עקספּלאָאַטירטן, איז דאָס אַ שקלאַפישע אָרדענונג א. א. וו.

אין באַצוג צום קאַפּיטאַליזם האַלטן מיר געוויינלעך, אַז דאָ זענען פאַראַן דריי הויפּט קלאַסן. דאָס באַשטעטיקט זיך כלומרשט דורך דער געוויסער שטעלע אין סוף פון דריטן באַנד פון מאַרקסנס קאַפּיטאַל, ווו „דער מאַנוס־קריפּט ווערט איבערגעריסן," און ווו ס׳הייבט זיך אָן דער אַנאַליז פון די קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־

שאפט. אָט איז די שטעלע: „די אייגנטימער פון דער בלויזער ארבעטס-קראַפט, די אייגנטימער פון קאפיטאל און די ערד באזיצערישע אייגנטימער, וועמענס אנטשפּרעכנדי-קע הכנסות-קוואלן איז דער ארבעטס-לוין, ריווח און ערד-באזיצערישע רענטע, זענען די דריי גרויסע קלאסן פון דער היינט - צייטיקער געזעלשאפט, וואָס שטיצט זיך אויפן קאפּיטאליסטישן פּראָדוקציע-אופן. אָבער פון דעם אומשטאנד, וואָס די גרופּע ערד-באזיצערישע אייגנטימער שטעלט מיט זיך פאָר א „גרויסער" קלאס, דרינגט נישט, אַז זי איז איינע פון די ג ר ו נ ט -קלאסן. אזוי, למשל, גע-פונען מיר ביי מאַ ר ק ס ן די פאָלגנדיקע שטעלע, אויף וועלכער ס'פאררופט זיך מיט פולשטענדיקן רעכט אויך פראָפ. סאָלנצעוו: „די פארגאנגענע און לעבעדיקע ארבעט זענען צוויי פאקטאָרן, אויף וועמענס קעגנזייטיקע סתירות שטיצט זיך די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע. דער קאפּיטאליסט און לוין ארבעטער זענען די איינציקע פונקציאָנערן און פאק-טאָרן פון דער פּראָדוקציע, וועמענס קעגנזייטיקע באציונ-גען גייען ארויס פון מהות פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע... די פּראָדוקציע, ווי עס באמערקט ד ז ש ע מ ס מ י ל ל, וואָלט אן שטערונג געקענט פאָרזעצן איר גאנג, אויב ס'וואָלטן אפילו פארשוונדן געוואָרן די פּריוואטע ערד-אייגנטימער און אויף זייער אָרט וואָלט געשטאנען די מלוכה... די דאָזיקע, וואָס ליגט אין מהות פון דעם קא-פּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-אופן — אין אונטערשיד פון פע-אָדאַלן, אנטיקן א. א.—ז'ערפירונג פון די דירעקט אנטייל-נעמענדיקע אין דער פּראָדוקציע קלאסן... צו קאפּיטאליסטן און לוין ארבעטער און דאָס אויסשליסן פון דאנען די

ערד-באזיצער (אונזער קורסיוו נ. ב.) וואָס קומט ערשט

---

post festum, א דאנק באשטימטע אייגנטום באציונגען וואָס זענען נישט אויפגעוואָקסן אויפן באָדן פון קאפּיטא-

ליסטישן פראָדוקציע־אופן, נאָר וואָס זענען איבערגעטראָגן

געוואָרן צו אים פון דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט (אינזער

קורסיוו נ. ב.)... איז א differentia specifica (אונטערשיי־
דנדע סימנים) פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, איז
זיין פּאַסיקער טעאָרעטישער אויסדרוק (Mirx Theorien
über den Mehrwert, B II s. I 292 ff. דאָס זעלביע זאָגט
מאַרקס בייִם באַטראַכטן די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזירן
די ערד.

די גרונט קלאַסן, פון זייער זייט, טיילן זיך אויף אונטער־קלאַסן, אויף זייערע, אַזוי צו זאָגן, פאַרשידענע פראַקציעס (למשל, אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט צעפאַלט די אָנפירנדיקע בורזשואַזיע אויף אן אינדוסטריעלע בורזשואַזיע, האַנדלס־בורזשואַזיע, באַנקירן א. א. וו.; דער ארבעטער־קלאַס צעפאַלט אויף קוואַליפיצירטע און נישט קוואַליפיצירטע ארבעטער).

2. צווישן־קלאַסן. דאָ אַהער פאַררעכנען מיר אַזעלכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע גרופּירונגען, וועלכע, נישט זייענדיק רעשטלעך פון דער אַלטער אָרדענונג און זייענדיק אַנויטווענדיקייט פאַר דער אָרדענונג, אין וועלכער מיר געפינען זיך, פאַרנעמען זיי אַ צווישן־אָרט צווישן דעם קאָמאַנדירנדיקן קלאַס און דעם עקספּלואַטירטן. אַזוי איז, למשל, די טעכנישע אינטעליגענץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

3. איבערגאַנגס־קלאַסן. דאָ אַהער רעכענען מיר אַריין אַזעלכע גרופּן, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון דער פריערדיקער געזעלשאַפטלעכער פאָרם און וועלכע ווערן אין דער געגעבענער פאָרם אירע אויפגעלייזט, אויסטיילנדיק פאַרשידענע קלאַסן מיט אַקעגנזעצלעכער ראָל אין דער פּראָדוקציע. אַזעלכע, למשל, זענען די בעלי־מלאכות און פויערים אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס איז אַ ירושה פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג און דערביי אַזאַ, וואָס טיילט פון זיך אויס אי אַ בורזשואַזיע, אי אַ פּראָלעטאַריאַט. לאָמיר נעמען דאָס פּויער־שום.

בעתן קאַפּיטאַליזם ווערט עס שטענדיק אומגעשיכטעט, אָדער, ווי מ׳רופט עס אָן אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט, דיפערענצירט זיך: פון אַ פאַרמיטלער טיילט זיך אויס אַ „קולאַק", פון אַ קולאַק אַן אָפּקויפער, דערנאָך נאָך איין שטאַפּל און אָט האָט איר דעם אמתן בורזשוי. און, פון דער צווייטער זייט, טיילט זיך אויס דער פּראָלעטאַריאַט שטופנווייז: אַ פערד-לאָזער פויער, דערנאָך אַ האַלב-באַטראַק אָדער טאָג-אַרבעטער, דערנאָך ערשט אַ ריינער פּראָלעטאַריער.

4. געמישטע קלאַסן-טיפן. דאָ געהער פאַררעכ-נען מיר אַזעלכע טיפּן, וואָס אין דער זעלבער צייט און אין איין לייניע געהערן זיי צו איין קלאַס, און אין דער אַנדערער צו אַ צווייטן. אַן אײזנבאַנער, וואָס פאַרמאָגט אַ ווירטשאַפט און נעמט צו אַן אַרבעטער, איז לויט דער באַציונג צו דער אייזנבאַן קאָמפּאַניע — אַן אַרבעטער, לויט דער באַצי-ונג צו זיין אַרבעטער — אַ „באַלעבאָס" א. א. וו.

5. ענדלעך דאַרף מען אָנווייזן די אַזוי גערופענע „דע-קלאַסירטע" גרופּן ד. ה. קאַטעגאָריעס מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון די ראַמען פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: לומפּן-פּראָלעטאַריאַט, אָרעמע, דעקלאַסירטע „באָהעמע" א. א. וו.

ווען מיר אַנאַליזירן דעם „אַבסטראַקטן טיפּ" פון געזעל-שאַפט, ד. ה. וואָסערע עס איז פאָרם אין אַ ריינער געשטאַלט, דאַן קומט אונדז אויס צו האָבן צו-טון נאָר אָדער כמעט נאָר מיט די גרונט-קלאַסן. פאַרקערט, ווען ס׳קומט אויס צו גריבלען זיך אין דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, דאַן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קומט אויס צו רעכענען זיך מיט דער גאַנצער בונטקייט פון די סאָציאַל-עקאָנאָמישע טיפּן און באַציונגען.

אין „אַנטי-דירונג" באַצייכנט ענגעלס אַזוי

> די אַלגעמיינע סיבה פון דער עקזיסטענץ פון קלאַסן:
> ...אַלע ביז היינט עקזיסטירנדיקע היסטאָרישע סתירות צווישן די עקספּלאָאַטירנדיקע און עקספּלאָאַטירטע, הערשנדיקע און אונטערדריקטע קלאַסן האָבן זייער וואָרצל אין... דער פאַרהעלטניסמעסיק בישט אַנטוויקלטער פּראָדוקטיווקייט פון

דער מענטשלעכער ארבעט. כל-זמן די אמת-ארבעטנדיקע בעפעלקערונג (die wirkliche arbeitender Bevölkerung in Anspruchgenomen) איז פארשלונגען פון זיינע נויטווענדיקער ארבעט, אז עס בלייבט איר נישט איבער קיין שום צייט צו זארגן פאר די גאלגעמיינע ענינים פון דער גאנצער געזעלשאפט — וועגן ארבעטס-איינטיילונג, מלוכה ענינים, קונסט, וויסנשאפט א. א. וו., אזוי לאנג מוז שטענדיק עקזיסטירן א באזונדערער קלאס, וועלכער, זייענדיק באפרייט פון דער אמתער ארבעט, זאל זיך זארגן וועגן די אלע ענינים, דערביי פארפעלט ער קיינמאל נישט (nie verfehlte) ארויפצולייגן, צוליב זיין אייגענער באקוועמלעכקייט, אן אלץ גרעסערע און גרעסערע משא אויף די פלייצעס פון די ארבעטנדיקע מאסן אויף אן אנדער ארט (Anti — Dühring S. 190) (S. 190) ווערט כמעט דאס זעלבע איבערגעחזרט, דערביי ווערט געזאגט, אז די געזעלשאפט טיילט זיך אויף צוויי קלאסן, און ס'איז צוגעגעבן אלס רעזומע: „דאס געזעץ פון ארבעט איינטיילונג — אט וואס ליגט איבערהויפט אין גרונט פון דער קלאסן-איינטיילונג“ („Das Gesetz der Arbeitsteilung ist es also, was der Klassenteilung zugrunde liegt“)

פראפ. סאלנצעוו, קריטיקירנדיק ה. שמאללערן, וועלכער זעט דעם שורש פון דער קלאסן געשטאלטונג הויפטזעכלעך אין דער ארבעטס-איינטיילונג, ענטפערט אויף שמאללערס פאררופן זיך אויף ענגעלסן אזוי: „ענגעלס שטעלט באמת דעם פראצעס פון דער קלאסן-געשטאלטונג אין א גאנצן צוזאמענהאנג מיטן פראצעס פון ארבעטס-איינטיילונג; אבער... פאר ענגעלסן איז די ארבעטס-איינטיילונג נאר א נויטווענדיקער נאטור-טעכנישער תנאי פון דער געשטאלטונג פון סאציאלע קלאסן, און נישט די סיבה אירע. דעם סיבהדיקן גרונט פון דער קלאסן-געשטאלטונג האט ענגעלס

געזען נישט אין דער אַרבעטס פארטיילונג, נאָר אין
דער פּראָדוקציע באציונג און דער פאנאנדערטיילונג, ד.
ה. אין די פּראָצעסן פון א ריין עקאָנאָמישן כאראקטער״,
(C 1, 203 אונזער קורסיוו) ווי מיר האָבן אויבן געזען,
בעתן אַנאליז פון דער פּראָבלעם וועגן פּראָפעסיע, טאָר
מען נישט אנטקעגנשטעלן די פּראָדוקציע באציונ-
גען דער ארבעטס-איינטיילונג, ווייל די ארבעטס-איינטיילונג
איז אויך איינער פון די מינים פון די פּראָדוקציע-באַ-
ציונגען. שמאָללערס טעות (G. Schmoleer: Die
Tatsaches der Arbeitsteilung, Jahrbücher 1898 זיינס:
Das Wesen der Arbeitsteilung und Klassen bildung Jahr-
bücher, 1890 באשטייט אין דעם, וואָס ער פארטושט דעם
חילוק צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער איינטיילונג און דער
קלאַסן איינטיילונג, אָפּמעקנדיק די קלאסן-סתירות אין גייסט
פון דער באגרעניצטער שול. גומפּלאָוויטשעס און
און פ. אָפּענהיימערס טעאָריע וועגן דער אנטשטיי-
ונג פון קלאסן פון אויסערעקאָנאָמישער געוואלט פארשטייט
נישט דעם חילוק צווישן דער אַבסטראקטער טעאָריע פון
דער געזעלשאפט און קאָנקרעטן גאַנג פון די היסטאָרישע
געשעענישן. אין דער אמתער געשיכטע איז די ראָל פון
דער אויסערעקאָנאָמישער געוואלט (דעראָבערונג) געוועז זיי-
ער גרויס און געוויזן איר ווירקונג אויפן פּראָצעס פון
דער קלאסן-געשטאלטונג. אָבער ביי ריין טעאָרעטישע אויס-
פאָרשונגען איז נויטיק צו באפרייען זיך פון דעם. לאָמיר
אָננעמען, אַז מיר אנאליזירן איין געזעלשאפט, „אַן אַבס-
טראַקטע געזעלשאפט״ און איר אנטוויקלונג. אויך דאָ
וואָלטן אנטשטאנען קלאסן מיטן כוח פון די אזוי גערופענע
אינערלעכע סיבות פון דער אנטוויקלונג, אויף וועלכע עב-
געלס ווייזט אָן. אַזוי ארום איז די ראָל פון דעראָבערונ-
גען א. א. וו. נאָר (א זייער וויכטיקער) אַ פארקאָמפּליציר-
טער פאַקטאָר.

§52 קלאסן-אינטערעס. פון פריערדיקן האָב-
ן

מיר געזען, אז קלאסן — דאָס זענען באַזונדערע גרופן מענטשן, „רעאַלע קבוצים”, וואָס שיידן זיך אונטער איינער פון צווייטן מיט זייער פּ ר אָ ד ו ק צ י ע ר אָ ל, וועלכע געפינט איר אויסדרוק אין די באַציונגען פון א יי ג נ ט ו ם. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז די דאָזיקע צוויי פונקטן פון דעם פּראָדוקציע פּראָצעס אנטשפּרעכט אַ דריטע — דער פּראָצעס פון דער פּראָדוקטן פאנאַנדערטיילונג אין אזא אָדער אנדערער פאָרם. דער פּראָדוקציע אנטשפּרעכט די פאנאנדערטיילונג.

די פּראָדוקציע פאָרמען אנטשפּרעכן די פאנאנדערטיילונגס-פאָרמען. דער לאַגע פון די קלאסן אין דער פּראָדוקציע אַנטשפּרעכט זייער לאַגע אין דער פאנאנדערטיילונג. דער אנטאַגאָניזם צווישן דעם פירנדיקן און אָנפירנדיקן קלאס, וואָס מאָנאָפּאָליזירט די פּראָדוקציע-מיטלען, און דעם קלאַס, וואָס האָט נישט קיין פּראָדוקציע-מיטלען, געפינט זיין אויסדרוק אין אַנטאַגאָניזם פון די הכנסות, אין דער סתירה צווישן די חלקים פון דעם פּראָדוצירטן פּראָדוקט, וואָס יעדער קלאס באקומט בעתן איינטייל פון דער גאנצער פּראָדוצירטער פּראָדוקטן-מאסע. אזא פאַרשידן „זיין” פון די קלאַסן באשטימט מיט זיך אויך זייער „באַוווסטזיין”. די סתירות פון „זיין”, די באַדינגונגען פון עקזיסטענץ געפונען זייער נאָנטסטע אָפּשפּיגלונג אין דער נאָרמירונג פון די ק ל א ס ן - א י נ ט ע ר ע ס ן דער פּרימיטיווסטער און אינדער זעלבער צייט אַלגעמיינער אויסדרוק פון די קלאסן אינטערעסן איז דער פארלאנג פון די קלאסן

צו פארגרעסערן זייער חלק ביים איינטיילן די פּראָדוקטן-מאסע.

אין דער סיסטעם פון דער קלאסן-געזעלשאפט איז דער פּראָדוקציע-פּראָצעס אין דער זעלבער צייט אויך א פּראָצעס פון ווירטשאפטלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון די פיזישע אַרבעטער.

זיי פּראָדוצירן מער, ווי זיי באַקומען. און נישט נאָר דערפאַר, ווייל א טייל פון די פּראָדוצירטע פּראָדוקטן (אין דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאפט—ווערטן) גייט אויף פארברייטערן די פּראָדוקציע (אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט — אויף אָנזאמל), נאָר אויך דערפאר, ווייל דער ארבעטנדיקער קלאס האלט

אויס די אייגנטימער פון די פראָדוקציע מיטלען, ארבעט אויף זיי. דעריבער קען מען די אממייסטן אלגעמיינע אינטערעסן פון דער הערשנדיקער מינדערהייט פאָרמולירן, ווי א שטרעבונג איינצוהאלטן און פארברייטערן די מעגליכקייטן פון געזעלשאפטלעכער עקספּלאָטאציע. און די אינטערעסן פון דער עקספּלאָאטירטער מערהייט—ווי א שטרעבונג צו באפרייען זיך פון דער דאָזיקער עקספּלאָטאַציע. אויב די ערשטע פאָרמולירונג רעדט נאָר וועגן א געגעבענער געזעלשאפט און גייט נישט ארויס איבער אירע גרעניצן, שטעלט אָבער די צווייטע די פראגע וועגן דער עקזיסטענץ גופא פון דער געגעבענער פאָרם פון דער געזעלשאפט.

אָבער די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט, ווי מיר ווייסן, איז באפעסטיקט אין איר מלוכה׳שער אָרגאניזאציע און צוגעפעסטיקט מיט אן אומענדלעכער צאָל צוגעבויען. ס׳איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס דער קלאסן-עקאָנאָמישער אינטערעס טוט אויך אָן אויף זיך דעם קאָסטיום פון דעם פאָליטישן עקאָנאָמישן, רעליגיעזן, וויסנשאפטלעכן, א. א. ח. אינטערעס, אזוי צעשפרייטן זיך די קלאסן אינטערעסן אין א גאנצער סיסטעם, וואָס נעמט ארום די פארשידנסטע געביטן פונם געזעלשאפטלעכן לעבן. די דאָזיקע סיסטעמאטיזירטע אינטערעסן, וואָס זענען פאַרייניקט מיט א געמיינזאמען קלאסן-אינטערעס, דערפירן צו דעם אויפבוי פונם אזוי גערופענעם „געזעלשאפטלעכן אידעאל”, וואָס איז שטענדיק דער קווינט-עסענץ פון די קלאסן-אינטערעסן.

ביים באַטראכטן די פראָבלעם וועגן קלאסן אינטערעסן, דארפן מיר אָפשטעלן אונזער אויפמערקזאמקייט אויף נאָך א פּאָר פונקטן.

ערשטנס, מ׳דארף אונטערשיידן, פון איין זייט, צווישן דויער האפטיקע און געמיינזאמע אינטערעסן און איבערגאַנגס-צייטווייליקע

אינטערעסן. די „צייטווייליקע" אינטערעסן קענען זיין אין א סתירה מיט די דויערהאפטיקע אינטערעסן. פון שטאנדפונקט פון צייטווייליקע אינטערעסן, למשל, האָבן די ענגלישע ארבעטער געטאָן ריכטיק, לעבנדיק אין בורג-פרידן מיט דער ענגלישער בורזשואזיע און פארטיידיקנדיק זי בשעת דער אימפעריאליסטישער מלחמה. מיט דעם גופא האָבן זיי פארטיידיקט דעם העכערן אויפן חשבון פון די קאָלאָניאל ארבעטער ארבעטס-לוין, אָבער. צעשטערנדיק אין דער זעלבער צייט מיט דעם די סאָלידאַרישקייט פון די ארבעטער בכלל און בלאָקירנדיק זיך מיט „זייערע" באלעבאטים, האָבן זיי צעשטערט די דויערהאפטיקע אינטערעסן פון קלאס.

צווייטנס, מ'דארף אונטערשיידן די צעך-און גרופע-אינטערעסן פון איין זייט, און די אלגעמיין קלאסן אינטערעסן פון דער צווייטער. למשל, אויב די אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט הערשנדיקע בורזשואזיע קויפט אונטער די ארבעטנדיקע אריסטאָקראטיע (קוואליפיצירטע ארבעטער), טרעפן זיך נישט צונויף די באזונדערע אינטערעסן פון דער דאָזיקער גרופע מיט די אינטערעסן פון דעם גאנצן ארבעטער-קלאס אלס גאנצעס: דאָס זענען גרופן-אינטערעסן, אָבער נישט קלאסן-אינטערעסן. אָדער בשעת דער מלחמה צעשטערט די שפעקולירנדיקע בורזשואזיע מיט אלע כוחות די סוחרשע כללים, וואָס זענען אויסגעארבעט געוואָרן דורך דער בורזשואזער מלוכה גופא, וועלכע פירט די מלחמה אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע אלס א קלאס. דאָ זענען פאראן גרופן-אינטערעסן פון א שפעקולירנדיקער סוחרשער פראקציע (גרופע) פון דער בורזשואזיע, וואָס גייען זיך אין געגעבענעם פאל פאנאנדער מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע אלס א קלאס.

דריטנס, מ'דארף אין זינען האָבן די פרינציפיעלע ענדערונג פון דער ריכטונג פון דעם קלאס'לויפנדיקע אינטערעס

וואָס קומט פאָר צוזאמען מיט די פרינציפיעלע ענדערונגען פון זיין געזעלשאפטלעכער לאגע. מיר וועלן ברענגען אזא ביישפיל. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז ביי דעם פראָלעטאַריאַט דער דויערהאפטיקסטער און געמיינזאמסטער אינטערעס צו צעשטערן די קאפיטאליסטישע אָרדנונג, פאָלגלעך ווערן אויף דער ליניע אָנגעשטעלט אלע זיינע טיילווייזע אינטערעסן: זיי באשטייען אינעם דעראָבערן סטראַטעגישע פּאָזיציעס און אונטערגראָבונגען אונטער דער בורזשואזער געזעלשאפט. פארבעסערן זיין מאַטעריעלע לאגע, פארגרעסערן זיין סאָציאַלן כּוח, גרייטן כּוחות פאר קלעפּ אויף דער גאנצער קאפיטאַליסטישער סיסטעם — אָט צו וואָס דער ענין ווערט דערפירט. נאָר אָט האָט דער פראָלעטאריאט אויסגעפירט זיין היסטאָרישע מיסיע. ער האָט צעשטערט די אלטע מלוכה׳שע מאשין, ער האָט אויפגעבויט אַ נייע, ס׳האָט זיך געשאפן אַ נייע געזעלשאפטלעכע גלייכגעוויכט; דער פראָלעטאריאט פארנעמט דאָס אָרט פון א צייטווייליקן קאָמאנדירנדיקן קלאס. ס׳איז פולשטענדיק קלאָר, אַז דאָ ענדערט זיך ראַדיקאל די ריכטונג פון זיינע אינטערעסן; אלע זיינע טיילווייזע אינטערעסן, וואָס ווערן באטראכט פון שטאנדפונקט פון די אַלגעמיינע אינטערעסן, ווערן אָנגעשטעלט אויף דער ליניע פון באַפעסטיקונג און אנטוויקלונג פון נייע באדינגונגען, אויף דער ליניע פון זייער אָרגאניזירונג און אויף דער ליניע פון ווידערשטאנד קעגן וואָסער עס איז צעשטערונגס-פרווו. די דאָזיקע דיאַלעקטישע פארוואַנדלונג איז א פועל-יוצא פון דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג פון דעם פראָלעטאריאט גופא, וועלכער האָט זיך „קאָנסטיטואירט אלס א מלוכהשע מאכט".

וואָס-זשע פאַרייניקט די ביידע קעגנזעצלעכע ריכטונגען פון אינטערעסן? עס פאַרייניקט זיי זייער העכערע איינהייטלעכקייט: דער אויפבוי פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, וועמענס טרעגער עס איז דער פראָלעטאַריאט, — אַן אויפבוי וואָס איז משער דאָס צעשטערן דאָס אַלטע הייטל, וואָס האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון די פראָדוצירנדיקע כּוחות.

יעדער נייער קלאַס, וועלכער איז פעאיק נישט נאָר צו
צעשטערן די אַלטע סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכע באַציונגען,
נאָר אויך אויפצובויען אַ נייע; אַ קלאַס, וואָס איז, פאָלגלעך,
פעאיק צו ווערן אַן אָרגאַניזירער פון אַ נייער געזעלשאַפט, מוז
אומפארמיידלעך האָבן אַ פּראָדוקציע-באַפּאַרבונג פון זיינע אינ-
טערעסן, ד. ה. צוצוגיין צו די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען
נישט פון שטאַנדפּונקט פון איינטיילונג און בלויזער פאַנאַנדער-
טיילונג, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון צעשטערונג פון אַלטע פאָר-
מען און נאָמען פון אויפבוי פון פאָרמען מיט אַ פולקאָמע-
רער פּראָדוקציע, מיט מעכטיקערע פּראָדוצירנדיקע כוחות.

53. קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע און קלאַסן-אידעאָלאָגיע.

די אינטערשידן אין די באַדינגונגען פון דער מאַטעריעלער
עקזיסטענץ, וועלכע זענען דער יסוד פון איינטיילונג פון דער
געזעלשאַפט אויף קלאַסן, לייגן אַרויף זייער חותם אויף דעם
גאַנצן באַוווסטזיין פון די קלאַסן, ד. ה. אויף דער קלאַסן
פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע. פון פריערדיקן ווייסן מיר שוין,
אַז די קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע אָדער, ריכטיקער, די פּסיכאָלאָגיע פון
אַ קלאַס, טרעפט זיך נישט שטענדיק צונויף מיט דעם מאַטער-
יעלן אינטערעס פון דעם דאָזיקן קלאַס (למשל, פּסיכאָלאָגיע
פון יאוש, אַנטלויפן פון דער וועלט, דאָס זוכן דעם טויט א. א. וו.)
אָבער זי דרינגט שטענדיק און שטענדיק ווערט זי באַ-
שטימט דורך די לעבנס באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן קלאַס.
לאָמיר איצטער אַ קוק טון אויף עטלעכע ביישפּילן, ווי אַזוי
עס ווערט אין דער ווירקלעכקייט באַשטימט די קלאַסן — פּסי-
כאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע.

לאָמיר צום ערשט נעמען אַ ביישפּיל, וואָס איז נאָענט
צו אונזער לעבן און וואָס האָט אַ פּראַקטישן, מ׳קען זאָגן,
אַלפעגליכן אינטערעס. יעדן איז באַקאַנט די מחלוקה צווישן
די רוסישע מאַרקסיסטן און די רוסישע ס-רן מכּוח דעם, וואָ-
סער קלאַס וועט פירן די געזעלשאַפט צום סאָציאַליזם; די
מאַרקסיסטן האָבן אויפגעוויזן, אַז דאָס וועט זיין דער אַרבעטער-

קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט; די ס־רן האָבן אויפגעוויזן, אַז דאָס פּויערנטום וועט אין דעם הינזיכט געבן דעם פּראָלעטאַריאַט אַ פּאָרויס. דאָס לעבן האָט פּונקט געגעבן רעכט די מאַרק־סיסטן: דאָס פּויערנטום האָט געשטיצט דעם פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף קעגן די גוטסבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, עס שטיצט אים דערפאַר, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט שיצט די פּויערשע ערד און גיט דער פּויערשער ווירטשאַפט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך. אָבער עס איז זייער נישט אָנגעמעסטיק צו דער „קאָמונע" אין האַלט זיך פעסט ביי דער אַלטער פאָרם פון ערד־אויסנוצונג, ערד באַאַרבעטונג, פון פירן די ווירטשאַפט בכלל. מיט וואָס דער־קלערט זיך די דאָזיקע דערשיינונג און מיט וואָס דערקלערט זיך אין דער זעלבער צייט דער העלדישער קאַמף פונם פּראָ־לעטאַריאַט און זיין געוואַלטיק גרויסע אָנגעמעסטיקייט פון דעם קאָמוניסטישן אויפבוי אין דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע? פון דער אַנדערער זייט, אויב מ'זאָל דערפירן דעם ענין צו דעם, אַז דער פּויער איז נישט אַזוי אָרעם. פאַרוואָס־זשע איז דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט (אָרעמע, דעקלאַסירטע) נישט געווען אַ גרונט־באַזע פון די קעמפער?

כּדי צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן, וועלן מיר זיך קודם־כּל פרעגן, וואָסערע שטריכן דאַרף באַזיצן דער קלאַס, וואָס קען מאַכן די איבערגעשטאַלטונג פון דער געזעלשאַפט, אי־בערפירן די געזעלשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטישע אויף סאָציאַ־ליסטישע רעלסן.

1. דאָס דאַרף זיין אַ קלאַס, וואָס ווערט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט עקספּלאָאַטירט ווירטשאַפטלעך און

אונטערגעדרוקט פּאָליטיש אַלס קלאַס. אויב ס'איז נישט אַזוי, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט קיין באַזונדערע סיבות צו וואַרפן זיך אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. ער וועט דאָ ביי קיין שום באַדינגונגען נישט זיין בכוח אויפ־צושטיין קעגן איר.

2. פון דעם, פּשוט זיך אויסגעדרוקט, איז געדרונגען,

אז דער דאָזיקער קלאַס מוז אויך זיין אַן „אָרעמער קלאַס“, אויב עס איז נישט אַזוי, קען ער נישט פאַרגלייכן זיין אָרעמ־קייט מיט דער רייכקייט פון די אַנדערע קלאַסן.

3. ער מוז זיין אַ פּראָדוצירנדיקער קלאַס, אויב נישט, אויב דער געגעבענער קלאַס איז נישט אַ פּראָדוצירנדי־קער, ד. ה. אויב ער נעמט נישט אַ דירעקטן אַנטייל אין דער שאַפונג פון ווערטן, קען ער אין בעסטן פאַל נאָר צעשטערן אָבער ער קען נישט שאַפן, אָרגאַניזירן.

4. דאָס מוז זיין אַ קלאַס, וואָס איז נישט געבונדן מיטן פּריוואַט־אייגנטום, וואָרום אויב מיר האָבן פאַר זיך אַ קלאַס, וועמעס מאַטעריעלע עקזיסטענץ שטיצט זיך אויפן פּריוואַט־אייגנ־טום, דאַן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועט ער שטרעבן צו פאַרגרע־סערן „זיינס“ ד. ה. זיין אייגנטום, און לחלוטין נישט שטרעבן צום אָפּשאַף פון פּריוואַט־אייגנטום, קעגן וועלכן דער קאָמוניזם טרעט אַרויס.

5. דאָס מוז זיין אַ קלאַס, וואָס איז צונויפגעפּלאָכטן דורך די באַדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ און איז צוגעוווינט צו אַ בשותּפותדיקער אַרבעט, צו אַן אַרבעט האַנט־ביי האַנט, איינער מיטן צווייטן. וואָרום אַנדערש וועט ער נישט זיין בכוח צו וועלן אויפצובויען אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין אַ פאַרקערפּערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער חברשער אַרבעט. נאָך מער, אַנדערש וועט ער נישט אומשטאַנד זיין אפילו צו פירן אַן אָרגאַניזירטן קאַמף, ער וועט נישט זיין ביכולת צו אָרגאַניזירן אַ נייע מלוכהשע מאַכט. איצט וועלן מיר דערפירן די דאָזיקע סימנים אין אַ טאַבעלע און זען, וואָסער קלאַס און וואָסער גרופּע פון אונזערע דריי באַפרי־דיקט די דאָזיקע פאָדערונגען. דער, וואָס באַפרידיקט, וועט באַקומען אַ צייכן **, דער, וואָס וועט נישט באַפרידיקן — דעם צייכן —.

	פראָלעט	לומ=פרא.	פויערנט.
1. ווירטשאַפטלעכע עקספּלאָאַטאַציע	**	—	**
2. פּאָליטישע אונטערדריקונג	**	**	**
3. אָרעמקייט	**	**	**
4. פּראָדוקטיווקייט	**	—	**
5. נישט געבונדנקייט מיטן פּריוואַט אייגנטום	—	**	**
6. צעגויפגעפלאָכטנקייט אין דער פּראָ-דוקציע און בשותפותדיקע ארבעט	—	—	**

פון דאַנען זעט מען, „וואָס יעדער איינער פאַרמאָגט".

דעם פויערנטום פעלט זייער א סך, כדי עס זאָל אין אמתן זיין אַ קאָמוניסטישער קלאַס. עס איז געבונדן מיטן אייגנטום, האלט זיך ביי אים, און ס דארף נעמען א סך-סך יאָרן, כדי מ'זאָל עס איבערדערציען, וואָס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען די מלוכה-מאכט ליגט ביי די אַרבעטער אין די הענט; עס איז נישט צונויפגעפלאָכטן אין דער פּראָדוקציע, נישט צוגעוויינט צו אַ געזעלשאפטלעכער ארבעט און צו א געמיינזאמער טאט; פאַר-קערט, די גאנצע נשמה פון פויער — איז אויף דעם שטיקל ערד. ער איז צוגעווינט צו דער אינדיווידועלער אָבער נישט צו דער געזעלשאפטלעכער ווירטשאפט. ביי דעם לומפּן-פּראָלעטאריאט פעלט איבערהויפּט די פּראָדוצירנדיקע אר-בעט. ער קען שטורמען, אָבער צו בויען איז ער נישט געוויינט. זיין אידעאָלאָגיע ווערט נישט זעלטן פאָרגעשטעלט דורך די אַנארכיסטן, וועגן וועלכע איין שארפזיניקער מענטש האָט געזאָגט, אַז זייער פּראָגראַם באשטייט פון צוויי פּאַראגראפן: ערשטער §: „ס'וועט גאָרניש געשען" דער צווייטער §: „קיינער ווערט נישט באַאויפטראַגט אויסצופירן דעם ערשטן"...

דאָ זענען מיר, אזוי ארום, דערגאנגען, ווי אזוי ס'שאפן זיך פון די באציונגען פון דעם מאטעריעלן זיין קלאסן-און-גרופּן פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע: ביים פּראָלעטאריאט — האָס צום קאפּיטאל און צו זיין מלוכה, רעוואָלוציאָנערישקייט, געוווינהייט צו זיין טעטיק אָרגאניזירט, חברשע פּסיכאָלאָגיע, פּראָדוקטיווער,

אויפבויערישער צוגאנג צום ענין, פאראכטונג צום אלטן, נעגא־טיווע באציונג צום „הייליקן פריוואט אייגנטום", צו דעם דאָזיקן וואַלפיש פון דער בורזשואַזער געזעלשאפט א. א. וו. ביי דעם פויער — צוגעבונדנקייט צום פריוואַט־אייגנטום, וואָס האלט אים אָפּ פון יעדער נייער זאך, אינדיווידואַליזם, סעפּאַראטיזם, נישט גלויבן אין אלץ, וואָס גייט ארויס איבער דער גרעניץ פון זיין געגנט. ביים לומפּן־פּראָלעטאריאט — אומפאראנטוואָרטלעכקייט און פּרינציפּנלאָזיקייט, שנאה צום אלטן און אין דער זעלבער צייט אָנמעכטיקייט עפּעס אויפצובויען, אָרגאניזירן, אינדיווידואַליזם פון א דעקלאסירטער „פּערזענלעכקייט", וואָס טוט „וואָס דער לינקער פּיס הייסט אים". ווי ס'איז די פּסיכאָלאָגיע, אזוי איז אויך די אידעאָלאָגיע: ביים פּראָלעטאריאט — דער רעוואָלוציאָנערער מארקסיזם, ביים פויערנטום — די אייגנטום אידעאָלאָגיע; ביים לומפּן פּראָלעטאריאט — נישט סטאבילער און היסטערישער אַנאַרכיזם. ס'איז זעלבסט פארשטענדלעך, אַז קיים איז פאראן אַזאַ פּסיכאָלאָגישער און אידעאָלאָגישער חוט־השדרה; דאַן גיט ער דעם אלגעמיינעם „טאָן" דער גאנצער פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע פון דעם אנטשפּרעכנדיקן קלאס און גרופּע א. א. וו.

אין די אלטע מחלוקותן צווישן די מארקסיסטן און ס—רן האָבן די לעצטע געשטעלט אַ פראגע פון שטאנדפּונקט פון פילאנטראָפּיע „עטיק", באדויערן צום „קלענערן ברודער" און נאָך אזעלכע ענלעכע פריציש־אינטעליגענטישע טפשות. ביי דער מעהרהייט פון אָטאָ די „אידעאָלאָגן" איז די פראגע וועגן קלאסן געווען אַ פראגע פון א געפייניקטן פון געוויסנביסע אינטעליגענט, וועלכער, דערשלאָגנדיק זיך צו דער אראָפּוואַרפונג פון אליינהערשאפט, וואָס האָט אים נישט געלאָזט טון קיין טריט, האָט זיך באַמיט צו שטיצן זיך אויפן פויער (כל־זמן יענער ברענט נישט די הויפן פון זיינע מומעשים און פּעטערשיס) און באמיט זיך צו באקומען זייער צוטרוי, אויסקויפנדיק פאר אים זיין זינד דורך אַן „איידלער הילף" פאר די דערנידעריקטע און „באליידיקטע". אָבער די מארקסיסטן איז נישט געגאַנ־

גען אין דער ווייַנעגדיקער באַציִונג און נישט וועגן פּי־
לאַנטראָפּיע, נאָר וועגן געגויען אַנאַליז פון די קלאַסן—
אייגנשאַפטן, כדי צו וויסן ווי אַזוי אַ באַליביקער קלאַס
וועט זיך אומפאַרמיידלעך אויפפירן אין באַפאָרשטייענדיקן
קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

אַ גוטע (אמת, קאָנסערוואַטיווע און אַפּאָלאָגעטישע,
וואָס פאַרטיידיקט כּלערליי שוואַרץ־מאַדיקייט) אויספאָרשונג
וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון פּויערנטום האָבן מיר אין דעם
ווערק פון ענגלישן פּאַסטאָר: A. L'Honet: „Zur psycho-
logie des Baurentums" 2 Aufl. 1920, Tübingen Verl .Mohr.
דער קריסטלעכער געלערנטער גלח שעצט דאָס פּויער־
טום „אין דער ערשטער ליניע" (in erster Linie)
ווי אַ רעזערוואַר פון קערפּערלעכן, גייסטיקן מאָראַלן
און רעליגיעזן געזונט, ווי אַ מלוכהשער קריגס אוצר (Reichs-
kriegschatz) דער מחבר מיינט דאָ האַרמאַטן־פלייש. נ. ב.)
א. א. וו. (1 c. VII) דעם פּאַסטאָר L'Honet, וואָס רעכנט
אַריין אין דער צאָל סימנים פון דעם, אַזוי צו זאָגן,
„שורשדיקן" פּויערנטום זיין איינגמיניקייט (Homogen emasse)
זיין אָפּגעריסנקייט פון דער איבעריקער וועלט (nach aus-
sen abgeschlossen s. 6) זיין טראַדיציאָנעלקייט א. א. גיט
זייער טרעפלעכע באַצייכנונגען פון דער קלאַסן־פּסיכאָ־
לאָגיע פון פּויערנטום. אָבער ער פאַלט אַריין אין התפעלות
גראָד פון דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר „אידיאָטיזם פון דאָר־
פישן לעבן" (מאַרקס). ער רימט, למשל, די אָ פּ גע ש ט א־
נ ע נ ק יי ט פון פּויערנטום, זיין עקל צו אַלץ, וואָס איז
ניי... אין פאַרגלייך מיט דער בולטסטער ליבע צו אַלץ וואָס
איז אַלט, געהערט דער פּויער צו אַן אַנדערער וועלט, אַ
וועלט וואָס שטעלט היינט דאָס אַלטע, היט שטענדיק אָפּ
די אַלטע לעבנס־יסודות, שפּינט ווייטער די אַלטע פעדים,
מיט דעם מינוס (Nachteil), וואָס ער שטייט אָפּ פון דער
צייט, גייט נישט מיט פאָרויס; אָבער מיט דעם פּליוס,
וואָס אַלע זיינע לעבנס דערשיינונגען, טאַקי צוליב דער דאָ־

זיקער איינזייטקייט, צייכנען זיך אויף א באַקוועמען אופן אויס מיט זייער האַפּענונג, סאָלידקייט, לאַנגיעריקער גילטי־קייט (1c 16). די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענקייט באַלויכט זיך אומעטום: „דאָס אָפּהיטן די אַלטע באַזיצן, דאָס אַלטע הויז, דעם אַלטן הויף נאָמען, די נעמען בכלל, די מלבושים דאָס אָפּהיטן דעם דיאַלעקט, די אַלטע פֿאָלקס־פּאָעזיע, די אַלטע גייסטיקע סטרוקטור, דעם אַלטן טיפּ פֿון פֿיזיאָנאָמ־יע. אומעטום דערזעלבער קאָנסערוואַטיווער זין...“ (ibidem)

ה׳ L'Honet פּרייזט זיך זייער, וואָס די וווינונגען פֿון די פּויערים נאָכן 1871 יאָר זענען געווען שיער נישט די זעל־בע, ווי אין דער שטיין־עפּאָכע (17). אים פּרייזט אויך די געווירשנטע נישט קאָמפּליצירטקייט און ריינקייט פֿון דער פּסיכיק, דאָס וואָס די צאָל פֿון לעבנס־פּראָבלע־מען, רעליגיעזע, מאָראַלע, קונסט־פּראָבלעמען אָדער וואָסע־רע עס איז אַנדערע פּראָבלעמען זענען בכלל זייער נישט גרויס, אַז די זעלבע באַגריפֿן זייערע ווערן איבערגעגעבן פֿון איין דור צום צווייטן (1c, 1.29) אים פּרייזט נישט, וואָס די דאָזיקע באַגרעניצטקייט, דער דאָזיקער „אידיאָטיזם“, וואָס איז נישט די שולד נאָר אומגליק פֿון פּויערנטום ווערט צעשטערט דורך דאַמף און עלעקטריע, וואָרום, זעט איר, דער דאָזיקער „פּרינציפּ פֿון פֿעסטן“ פֿירט צום „פּשוטן אַנטיקן זיין“ (31 !!) „סאָלידקייט“ שפּאָרזאַמקייט און קאַרגשאַפֿט די גיריקייט פֿון אייגנטום באַזיצער א. א. ווערן אויך, פֿאַרשטייט זיך, אויף פֿאַרשידענע אופֿנים גע־לויבט דורך דעם דאָזיקן גלח (למשל, ז. 63) א. א. וו., א. ד. ג. פֿון די געברענגטע ביישפּילן זעט מען דעם מהות פֿון דער קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע פֿון די גוטס־באַזיצער און זייערע גלחים, וואָס באַמיען זיך אויפֿצוהיטן און צו פֿלעגן גראָד די שטריכן פֿון פּויערנטום, וואָס שטערן אים „צו מאַכן טריט צוזאַמען מיט דער צייט“.

ביי דעם ערד באַזיצערישן פּויערנטום (ד. ה. ביי די

פעאָדאלע גוט-באזיצער) שיידט זיך אויך די קלאסן-פסיכאָלאָגיע אונטער מיט אן אומפארמיידלעך-שטארק אויסגעדרוקטן קאָנסערוואטיזם און רעאקציאָנערישקייט, וואָס מ׳געפינט נישט אין קיין שום מאָס ביי קיין שום קלאס. דאָס איז אויך פארשטענדלעך; די פעאָדאלע גוט-באזיצער זענען דאָך די הויפט אָנפירנדיקע פאָרשטייער פון דער פעאָדאלער געזעלשאפט, „וואָס איז אין גאָט געשטאָרבן"[1] כמעט אומעטום. די צוגעבונדנקייט צו דער טראַדיציע, צו די „פעסטע פאָרמען" (Feste Form), קולט פון אַריסטאָקראטישער פאמיליע און שבט (זיינע פריווילעגיעס, זיין רום, זיינע „ווערטן"), וואָס דריקט זיך סימבאָליש אויס אין „גענעאַלאָגישן בוים"; „פארדינסטן" און „אויסגעדינסטן", גיטער „ערע", וואָס פאַסט דעם „איידל-געבוירענעם שטאַנד מנהגים, פאראכטונג צו נידעריק שטייענדיקע, די פאָדערונג פון געשלעכטלעכן און יעדן אנדערן פארקער באָר מיט זיינס גלייכן — דאָס אַלץ זענען כאראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם געוועזענעם אָנפירנדיקן קלאַס (זע: Simmel: Soziologie עקסקורס וועגן פריצנטום ז. 737) און א סך מער באוועגלעכער זענען די פסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע פון די קלאסן פון דער בורזשואַזער געזעלשאפט, ד. ה. פון די שטאָטישע קלאסן. די בורזשואַזיע, באזונדערס אין יענעם פעריאָד פון איר אנטוויקלונג, ווען ס׳האָט איר דירעקט נישט געדראָט די פראָלעטארישע רעוואָלוציע, האָט זיך לחלוטין נישט אויסגעצייכנט מיט אַזאַ קאָנסערוואַטיזם, ווי דאָס פויערנטום. איר כאראקטעריסטישער שטריך איז געווען דער אינדיווידואַליזם וואָס דרינגט אַרויס פון דעם קאָנקורענץ-קאמף, דער ראַציאָנאַליזם, וואָס דרינגט ארויס פון ווירטשאפטלעכע

1) אנמערקונג פון איבערזעצער: „אין גאָט געשטאָרבן"—ווען מ׳ן רעדט וועגן א טויטן, א נפטר.

אויסרעכענונג" — ווי לעבנס־יסודות פון דעם דאָזיקן קלאס
די ליבעראלע (פרייהייט) פסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע
האָט זיך געשטיצט אויף דער „אונטערנעמערישער אינציאַ־
טיוו". א סך ספעציעל־אינטערעסאנטע באמערקונגען וועגן
דער עקאָנאָמישער פסיכאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע אין
פארשידענע סטאדיעס פון איר אנטוויקלונג איז פאראן
ביי זאָמבארטן (Der Burgeois) און ביי מאקס
וועבערן (1 c) זאמבארט, למשל, ס'פאָלגט נאָך דער
אַנטשטייונג פון דער אונטערנעמערישער פסיכאָלאָגיע. די
לעצטע האָט געמוזט באשטיין פון א צונויפגוס פון דריי
פסיכאָלאָגישע טיפּן: טיפּ פון דעראָבערער (Eroberer),
אָרגאַניזירער, סוחר. דער „דעראָבערער" גיט די מעגלעכ־
קייט אָנצוצייכענען א פּלאַן, אים אדורכצופירן; ער פאר־
מאָגט איינגעעקשנטקייט און אויסהאלטעוודיקייט, עלאַסטיש־
קייט, גייסטיקע ענערגיע, פעאיקייט צו אָנגעשטרענגטע באַ־
מיונגען, א שטאנדהאפטיקן ווילן; דער „אָרגאַניזאטאָר"
דארף קענען צעשטעלן די מענטשן און זאכן אַזוי, אז
ס'זאָל זיך באקומען דער מאַקסימאַל נוצלעכער רעזולטאט:
דער הענדלער, סוחר, צייכנט זיך אויס מיט דער פעאיקייט
צו שפארן זיך מיט ווענען איר ווילט נאָר און צו דינגען
זיך. (Sombart: 1c V Kapitel. Das Vesen des Unter-
nehmung Geistes s. 69 tt.) מיט די קאָמבינאַציעס פון די
דאָזיקע שטריכן האָט זיך טאקע אויסגעצייכנט די בורזשו־
אַזיע בשעת איר בליונג. וועגן דער פסיכאָלאָגיע פונם
פראָלעטאריאַט האָבן מיר שוין אויבן גערעדט, איבע־
ריקנס רעדט וועגן דעם אונזער בוך.

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז די פסיכאָלאָגיע און אי־
דעאָלאָגיע פון די קלאסן טוישט זיך אָפּהענגיק פון די ענדערונ־
גען אין דעם געזעלשאפטלעכן זיין" פון די אנטשפרעכנדיקע
קלאסן, ווי ס'איז שוין נישט איינמאָל אָנגעמערקט געוואָרן אין
די פריערדיקע קאפיטלען.

דאָ איז נויטיק צו מאכן נאָך איין באמערקונג. פון דעם אַלעם געזאָגטן איז פארשטענדלעך, אַז די פסיכאָלאָגיע פון די צווישן-קלאַס, איז אויך אַ צווישנדיקע, אַז די פסיכאָלאָגיע פון די געמישטע קלאסן — א געמישטע א. א. וו. מיט דעם דער-קלערט זיך דער אומשטאנד, וואָס, למשל, די קליינע בורזשואַזיע און ס'פויערנטום „וואַקלען" זיך שטענדיק צווישן פראָלעטאר-יאט און בורזשואזיע, וואָס „אין זייער גוף לעבן צוויי נשמות" א. א. אויף פארשידענע פארמען פון אייגנטום, אויף די א. ג. עק-זיסטענץ-באַדינגונגען, ווערט דערהויבן אַ גאנצער צובוי פון פאר-שידענע און אייגנארטיק צונויפגעלייגטע געפילן, אילוזיעס, אופ-נים פון דענקען און אָנשויונגען אויפן לעבן. דער גאנצער קלאַס שאפט און פאָרמירט זיי פון זיין מאטעריעלן יסוד און פון די אַנטשפרעכנדיקע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען (Marx: Der 18 Brumaire s. 33)

§ 54 קלאס „אין זיך" און „קלאַס פאר זיך". די קלאסן פסיכאָלאָגיע און קלאסן-אידעאָלאָגיע, דער באוווסטזיין נישט נאָר פון זיינע צייטווייליקע, נאָר אויך פון זיינע דויערהאפטיקע, גע-מיינזאמע אינטערעסן דרינגט ארויס פון דער לאגע פונם קלאס אין דער פראָדוקציע. אָבער דאָס הייסט לחלוטין נישט, אַז די דאָזיקע לאגע פונם קלאס אין דער פראָדוקציע רופט באלד ארויס דאָס פארשטענדניש פון קלאס פאר זיינע אלגעמיינע און גרונט-אינטערעסן. פארקערט, מען קען זאָגן, אַז דאָס איז כמעט קיינמאָל נישט אזוי. וואָרום, ערשטנס, אין רעאלן לעבן לויפט דער פראָדוקציע-פראָצעס גופא אַ דורך פארשידענע סטאַד-יעס פון זיין אנטוויקלונג, און די סתירות אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור ווערן ערשט אנטפלעקט בעתן גאנג פון דער ווייטער-דיקער אנטוויקלונג; צווייטנס, דער קלאס פאלט נישט אראָפּ אַ נרייטער פון הימל, נאָר סטיכיש, אזוי צו זאָגן, קלויבט זיך אָן פון פארשידענע אנדערע געזעלשאפטלעכע גרופן (איבערגאנגס, צווישנדיקע און אנדערע קלאסן, שיכטן, סאָציאלע גרופירונגען

בכלל); דריטנס, געוויינלעך גייט אוועק א געוויסע צייט, איידער דער קלאס באקומט פון דער דערפארונג פון אייגענעם קאמף דאָס באוווסטזיין אלס א קלאס, מיט באזונדערע, נאָר אים אויסשליסלעך אייגנשאפטלעכע אינטערעסן, פארלאנגען, שטרעבונגען, געזעלשאפטלעכע „אידעאלן", וואָס ווערן א קענגעשטעלט דורך אים אנטשידן אלע לעצטע קלאַסן פון דער געגעבענער געזעלשאפט. ענדלעך, פערטנס, מ'דארף אויך נישט פארגעסן וועגן דער פלאנמעסיקער פסיכאָלאָגישער און אידעאָלאָגישער איבערארבעטונג, וואָס דער הערשנדיקער קלאס, וועלכער האָט אין זיינע הענט די מלוכהשע מאשין, פראקטיצירט שטענדיק, כדי פון איין זייט, צו פארניכטן די שפּראָצונגען פון קלאסן-באוווסטזיין ביי די אונטערדריקטע קלאסן, און פון דער צווייטער זייט— איינצופלאנצן דורך כלערליי-מעגלעכע מיטלען די אידעאָלאָגיע פון דעם הערשנדיקן קלאס אָדער אָדורכפירן אין אזא אָדער אנדערער מאָס דעם איינפלוס פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, אָנצושטעקן מיט איר... די אלע אומשטענדן ברענגען צו אזעלכע לאגעס, ווען דער קלאס עקזיסטירט שוין, ווי א קבוץ פון מענטשן וואָס שפּילן א באשטימטע ראָל אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס

נאָר ווען ער עקזיסטירט נאָך נישט, ווי א באוווסטזיניקער קלאס. דער קלאס עקזיסטירט דאָ, אָבער ער איז נאָך „נישט באוווסטזיניק". ער איז דאָ, ווי א פּראָדוקציע פאקטאָר. ער איז דאָ ווי א באשטימטער קיבוץ פון פּראָדוקציע-באציונגען. אָבער ער איז דאָ נאָך נישט פאראן, ווי א געזעלשאפטלעכע זעלבסשטענדיקע קראפט, וואָס ווייסט וואָס זי וויל, צו וואָס זי שטרעבט, און וועלכע אנערקענט איר באזונדערקייט, קעגנזעצלעכקייט פון אירע אינטערעסן לגבי די אינטערעסן פון אנדערע קלאסן א. א. וו.

כדי צו באצייכענען די דאָזיקע פארשידענע לאגעס אין אנטוויקלונגס-פּראָצעס פון די קלאסן, באנוצט מארקס צוויי אויסדרוקן: א קלאס „אין זיך" הייסט ביי אים א קלאס, וואָס האָט זיך נאָך נישט אנערקענט, ווי א קלאס; א קלאס „פאר

זיך" הייסט ביי אים א קלאס, וואָס האָט שוין אנערקענט זיין געזעצלעכע ראָל.

דאָס איז גרויסאַרטיק דערקלערט געוואָרן דורך מאַרקס'ן אין „עלנט פון דער פילאָזאָפיע" מיטן ביישפיל וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער-קלאַס.

„די ערשטע פרוּוון פון די אַרבעטער צו פאַראייניקן זיך איינער מיטן צווייטן נעמען שטענדיק אָן א קאָאַליציע-פאָרם. די גרויסע אינדוסטרי פאַראייניקט א מאַסע, איינער דעם צווייטן אומבאַקאַנטע מענטשן אויף איין און דעם זעלבן אָרט. די קאָנקורענץ צעטיילט זיי אויף גרופּן אין באַצוג צו זייערע אינטערעסן; אָבער דאָס איינהאַלטן דעם אַרבעטס-לוין אויף א געהעריקער הויך, דער דאָזיקער געמיינזאַמער אינטערעס קעגן זייער באַלעבאָס, פאַראייניקט זיי מיט איין געמיינזאַמען געדאַנק, וואָס פירט אָן זייער ווידערשטאַנד — די קאָאַליציע (אונטערן באַגריף קאָאַליציע פאַרשטייט מען דאָ א פאַרבאַנד פון אַרבעטער נ. ב.). אַזוי אַרום האָט די קאָאַליציע שטענדיק א טאָפּלטע ראָל, נעמלעך, אָפּצושאַפן די קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער, כדי ס'זאָל מעגלעך זיין געמיינזאַם צו קאָנקורירן מיטן קאַפּיטאַליסט. אויב דער ערשטער ציל פון ווידערשטאַנד איז נאָך געווען דאָס איינהאַלטן דעם אַרבעטס-לוין אויף א געהעריקער הויך, דאַן, אין אָנהויב איזאָלירטע, פאָרמירן זיך די קאָאַליציעס, און לויט דעם ווי די קאַפּיטאַליסטן, פון זייער זייט, פאַראייניקן זיך אונטערן איינפלוס פון דרוק אין גרופּן, ווערט די איינהאַלטונג פון דער אַסאָציאַציע קעגן דעם שטענדיק זיך פאַראייניקנדיקן קאַפּיטאַל נאָך מער וויכטיק, ווי דאָס איינהאַלטן דעם אַרבעטס לוין... אין דעם קאַמף — דער אמתער בירגער קריג — פאַראייניקן זיך און אַנטוויקלען זיך אַלע עלעמענטן פאַר דער אָנקומענדיקער מלחמה. קוים איז דערגרייכט דער דאָזיקער פּונקט, נעמט די קאָאַליציע אָן א פּאָליטישן כאַראַקטער

די עקאָנאָמישע באַציונגען האָבן צום ערשט פאַרוואַנדלט אַ מאַסע איינוואוינער אין אַרבעטער. די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל האָט געשאַפן פאַר דער דאָזיקער מאַסע אַ געמיינזאַמע לאַגע, געמיינזאַמע אינטערעסן. אַזוי אַרום איז די מאַסע שוין אַ קלאַס אין באַצוג צום קאַפּיטאַל, אָבער נאָך נישט אַ קלאַס פאַר זיך. אין קאַמף, וועמענס עטלעכע פאַזעס מיר האָבן באַצייכנט, געפינט די מאַסע זיך אַליין, קאָנסטיטואירט זיך ווי אַ קלאַס פאַר זיך. די אינטערעסן. וועלכע זי פאַרטיידיקט, ווערן קלאַסן־אינטערעסן" (אונזער קורסיוו. נ. ב.)

§55 די פאָרמען פון רעלאטיווער סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן. שוין פון דעם, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט, דרינגט ארויס די מעגלעכקייט פון א רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט פון קלאַסן בעת באַשטימטע באַציונגען. דערביי אָבער דאַרף מען אונטערשיידן צוויי הויפּט־פאָרמען פון דער דאָזיקער רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט:

ערשטנס, ס'קען עקזיסטירן אירס אַ פאָרם, וואָס פאַרבונדס א דויההאפטיקן אינטערעס פון איין קלאס מיט א צייטווייליקן אינטערעס פון צווייטן, דערביי איז זיך דער צייטווייליקער אינטערעס סותר די אַלגעמיינע אינטערעסן פון קלאַס.

צווייטנס, ס'קען עקזיסטירן אזא פאָרם פון סאָלידאַרישקייט, ווען ס'איז נישט דאָ אזא סתירה, און ווען ס'רעדט זיך וועגן דעם דעקן זיך פון אַ דויערהאפטיקן אינטערעס פון איין קלאס מיטן איבערגייענדיקן אינטערעס פון צווייטנס אָדער פון די איבערגייענדיקע אינטערעסן פוןביידע קלאַסן. כדי צו דערקלערן דעם ערשטן פאַל, וועלן מיר נעמען א ביישפּיל מיט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה 1914–18 און פּרוּוון אנאליזירן די האלטונג פון ארבעטער קלאס אין אָנהייב מלחמה. ס'איז באוווּסט, אז די ארבעטער אין דער מערהייט פון די גרעסטע אממייסט קאַפּיטאַליסטיש־אנטוויקלטע לענדער, עובר זייענדיק אויף זייערע

אינטערנאַציאָנאלע, געמיינזאמע קלאסן אינטערעסן, האָבן זיך גע-
וואָרפן פארטיידיקן זייערע „פאָטערלענדער". אָבער אונטערן בא-
גריף „פאָטערלאנד" האָט זיך, אין תוך גענומען, באהאלטן די
מלוכהשע אָרגאניזאציע פון דער בורזשואזיע, ד. ה. די קלאסן-
אָרגאניזאציע פון קאפיטאל. פאָלגלעך, דער אַרבעטער-קלאס האָט
זיך געוואָרפן צו פארטיידיקן די ווירטשאפטלעכע אָרגאני-
זאציעס, וואָס זענען געגאנגען מלחמה האלטן איינער מיט דער
צווייטער צוליב קאָנקורענץ, פאר דער אנטוויקלונג פון אַפּזאץ
מערק, רוי-מאטעריאלן-מערק, ספערע פון קאפיטאל אינוועסטיציעס.
ס'איז קלאָר, אז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַראַט פון זייערע קלאַסן
אינטערעסן. אין וואָס-זשע אָבער האָט זיך געהאנדלט? אין
וואָס-זשע איז געלעגן די טיפסטע, די באהאלטענע סיבה פון
דעם דאָזיקן אומגעהויערלעכן אָפּזאָגן זיך, וואָס איז באוווסט-
זיניק אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די אָפּאָרטוניסטישע סאָ-
ציאַל-דעמאָקראטישע פארטייען?

די דאָזיקע סיבה איז באשטאנען אין דער רעלאַטיווער

סאָלידארישקייט צווישן פראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע

פון די פינאנציעל-קאפיטאליסטישע לענדער. זי האָט באַזירט
אָט אויף וואָס: לאָמיר זיך פאָרשטעלן די גאנצע אלוועלטלע-
כע ווירטשאפט. אינמיטן אן אומענדלעכער צאָל קעגנזייטיק זיך
קרייצנדיקע פעדים-פראָדוקציע-באציונגען — זענען פאראן גרוי-
סע און גראָבע קניפּן: דאָס זענען די גרויסע קאפיטאליסטישע
לענדער: דאָ זיצן „נאציאָנאלע" גרופּן פון דער בורזשואזיע, וואָס
איז אָרגאניזירט אין דער מלוכהשער מאכט. זיי דערמאנען גיגאַנ-
טישע אונטערנעמונגען, ריזיקע טרעסטן, וואָס „ארבעטן" אין
די גרעניצן פון דער אלוועלטלעכער ווירטשאַפט. וואָס מעכטיקער
אזא מלוכה איז, אלץ אומברחמנותדיקער עקספּלאָאַטירט זי די ווירט-
שאַפטלעכע פעריפעריע, די קאָלאָניעס, די איינפלוס-ספערע די האלב-
קאָלאָניעס א. א. וו. צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דער קאפּי-
טאַליסטישער געזעלשאפט וואָלט געמוזט פארערגערט ווערן די
לאגע פון ארבעטער קלאס. אָבער די רויבערישע מלוכות פון דער

בורזשואזיע, רייסנדיק די הויט פון די ריזיקע קאָלאָניאַלע באַ-
זיצן און „איינפלוס ספערן”, האָבן געשטאָפּט זייערע ארבעטער,
פאראינטערעסירנדיק זיי אין דער עקספּלאָאַטאַציע פון די

קאָלאָניעס, אַזוי האָט זיך געשאפן די רעלאַטיווע „אינטע-
רעסן געמיינזאמקייט” (Interessengemeinschaft) צווישן דער
אימפעריאַליסטישער בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט. פון די פּראָ-
דוקציע-באציונגען איז ארויסגעוואַקסן סיי די אנטשפּרעכנדיקע
פּסיכאָלאָגיע, סיי אידעאָלאָגיע, וואָס האָט דערפירט צום אנער-
קענען דעם ערשט-קלאסיקן באשייט פון דער פאָטערלאנד אידיי.
די אויסרעכענונגען זענען דאָ געווען גאָר פּשוטע: אויב „אונזער”
(אין אמתן אָבער, נישט „אונזער” נאָר פון אונזערע באַלעבאַטים)
אינדוסטרי אנטוויקלט זיך, הייסט עס, וועט זיך אויך הייבן דער
ארבעטס-לוין; און די אינדוסטרי אנטוויקלט זיך דאַן, ווען זי
האָט מערק און אינוועסטיציע-ספערן פאַרן קאַפּיטאַל; הייסט עס
דער ארבעטער-קלאַס איז פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָניאַל-
פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע; הייסט עס, מען דארף פארטיידיקן
די „פאָטערלענדישע אינדוסטרי”, מען דארף זיך שלאָגן פאר
דעם „אָרט אונטער דער זון”. פונדאנען איז שוין ממילא ארויס-
געדרונגען דאָס איבעריקע: דאָס רימען די מאכט פון פאָטער-
לאַנד, די „גרויסע” נאַציע א. א. וו. און אויך די אומענדלעך
הויכקלינגענדיקע פראזעאָלאָגיע אויף דער טעמע מכּוח הומאַניטעט,
ציוויליזאַציע, דעמאָקראַטיע. אָנאייגנגוציקייט און נאָך אזעלכע זאַכן,
וואָס זענען געווען גאַנגבאַר אין דער ערשטער צייט פון דער
מלחמה. דאָס איז די אידעאָלאָגיע פון „ארבעטער אימפּעריאַ-
ליזם” ווען דער ארבעטער-קלאַס האָט פאַראַטן זיינע דויערהאַפטי-
קע אינטערעסן צוליב די ברעקלעך, וואָס די בורזשואַזיע האָט
אים צוגעוואָרפן, אויסזייגנדיק איבריקע זאַפט פון די קאָלאָניאַל
אַרבעטער, האַלב-אַרבעטער א. א. סוף-כּל-סוף האָט דער גאנג
פון דער מלחמה אין דער נאָך מלחמהדיקער פעריאָד געוויזן
דעם אַרבעטער-קלאַס, אַז ער האָט פארשפּילט, אַז די דויערהאַפ-
טיקע אינטערעסן פון די קלאַסן זענען וויכטיקער פון די פאר-

בייגייענדיקע אינטערעסן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון שנעלער „רעוואָלוציאָניזירונג".

דער פאַרשטאָרבענער פּראָפ. טוגאַן באַראַנאָווסקי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „כמעט-מאַרקסיסט" נאָר וואָס האָט באַוויזן אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע צו זיין אַ ווייסער מיניסטער (דאָס צוליב איבערפלוס פון „עטיק". ער האָט שטענדיק פאָרגעוואָרפן מאַרקסן, אַז יענער איז ווינציק עטיש און איז צופיל באַגייסטערט פון דעם קלאַסן-האַס, וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיך, זייער נישט געוויסנהאַפט) — אָט דער דאָזיקער טוגאַן-באַראַקאָווסקי שטעלט אַרויס אַזעלכע טענות קעגן מאַרקסן: מאַרקס זעט כלומרשט נישט די סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן און ער לייקנט זי אָפּ אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דערווייל אָבער זענען אַלע קלאַסן אין אַ גלייכער מאָס פאַראינטערעסירט „אין דער אָפּהיטונג פון דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט פון דער מלוכה (בורזשואַזער מלוכה) אויף וויפיל זי האָט פאַר זיי אַן אידעאַלע ווערט. אין דעם ווירטשאַפטלעכן געביט דינט די מלוכה נישט פאַר דער באַפעסטיקונג פון דער קלאַסן-הערשאַפט, נאָר אויך אַלס הילף דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און דער פאַרגרעסערונג פון דער אַלגעמיינער סומע פון נאַציאָנאַלן רייכטום, וואָס ליגט אין די אינטערעסן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, ווי אַ גאַנצעס. צו דעם פאַרייניקט זיך אויך די קולטורעלע מיסיע פון דער מלוכה, וואָס איז דירעקט אינטערעסירט אינעם פּראָגרעס פון דער קולטור און אין דער הייבונג פון גייסטיקן ניוואָ פון דער באַפעלקערונג, כאָטש בלויז דערפאַר, וואָס די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע „מאַכט איז נישט אָפּטיילבאַר פון דער קולטור". (Theoretische Grundlagen des
(Marxismus s. 114.

ה' קונאָוו (1 c, B, II, s. 78—79) ברענגט די דאָזיקע ציטאַטע טוגאַנ'ס און איז מסכים מיט איר, באַ-

הויפטנדיק נאָר אז דאָ פלאָנטערט טוגאַן די געזעלשאַפט־לעכע אינטערעסן מיט די מלוכהשע אינטערעסן. אין אמתן אָבער פלאָנטערט קונאָוו דעם רעוואָלוציאָנערן שטאַנד־פונקט פון מאַרקסן מיט דעם פאַררעטערישן שטאַנדפונקט פון דער שיידעמאנישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. טוגאַן־קונאָווס אַרגומענטאַציע איז ווירקלעך אַ קינדישע. קוים פאַרנעמט זיך די מלוכה נישט נאָר מיט אונטערדרוקן, נאָר אויך... זענען אין איר פאַראינטערעסירט אַלע קלאַסן. מיינע טייערע! אַזוי אַרום קען מען דערווייזן אַלץ, וואָס איר ווילט נאָר. אַזוי ווי די טרעסטן פאַרנעמען זיך נישט נאָר מיט עקספּלאָאַטאַציע „נאָר אויך" (!) מיט פּראָדוקציע, דעריבער זענען זיי אַלגעמיין־נוצלעך. אַזוי ווי די געהיים־אַגענטן אין אַמעריקע נישט נאָר זיי דרייען אַרונטער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער די הענט „נאָר אויך" כאַפּן זשוליקעס, זענען אין זיי פאַראינטערעסירט אַלע קלאַסן א. א. וו. אַט מיט אַזאַ טפשות הייבט ה' קונאָוו אָן זיינע צוויי בענד „אויספאָרשונג" וועגן דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגיע!

אָבער קונאָוו גייט איבער מיט זיין ציניזשער אומ־פאַרשעמטקייט אַלע פאַלסיפיצירער פון מאַרקסיזם.

לויט מאַרקסנס טעאָריע וועגן געזעלשאַפט — שרייבט ער אויף ז. 72 אין וו. אין 2־באַנד פון זיין ווערק, — איז לגמרי נישטאָ יענער געמיינזאַמער ווילן, מיט וועלכן ס'האָט אָפּעריִרט די אַלטע סאָציאַלע פילאָזאָפיע, ווייל די געזעלשאַפט איז נישט עפּעס אַ גאַנצעס מיט פולשטענדיק זעלבע (?! אַט־די געזעלשאַפט!) אינטערעסן, נאָר זי איז אויך צעטיילט אויף קלאַסן (דאָס איז נישט שלעכט. אָבער וואָס וועט קונאָוו דעמאָלט טאָן מיט דער מלוכה? וועמענס ווילן דריקט זי דעמאָלט אויס? נ. ב.), אַזוי ווי ס'געזעלשאַפטלעכע לעבן און איר טעטיקייט זענען אוממעג־לעך אָן אַ געוויסער אָרדנונג (Ohne ein gewisse Ordnung) דעריבער זענען אַלע מיטגלידער פון דער געזעל־

שאַפט — אויף וויפיל זיי לייקענען בכלל נישט אָפּ דאָס
זיין אין דער געזעלשאַפט — פאַראינטערעסירט אין דער
דערהאַלטונג פון אַזאַ אָרדנונג, נאָר אזוי ווי זיי, מיטן כוח
פון זייער פאַרשידענער לאַגע אין דער דאָזיקער געזעל-
שאַפטלעכער אָרדנונג, האָבן א פאַרשידענעם אידעאַל
פון אָרדנונג, דעריבער איז ביי זיי נישטאָ די זעלבע
פאַראינטערעסירטקייט אין די איינצעלנע כללים פון דער
אָרדנונג (Ordnungsregeln) און זיי באַטראַכטן די דאָ-
זיקע כללים פון שטאַנדפּונקט פון זייער קלאַס פון פאַרשי-
דענע זייטן. פּאָפּולער גערעדט: די מענטשן מיינען, אַז
אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, למשל, איז
פאַראינטערעסירט די בורזשואַזיע, און דער פּראָלעטאַר-
יאַט איז פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז ער זאָל זי
אומוואַרפן און אויפרייסן. אָבער נישט געטראָפן! דער קלו-
גער קונאָוו קומט און דערקלערט: אַזוי ווי דאָס לעבן
איז אוממעגלעך אָן אַן אָרדנונג, דעריבער זענען אַלע
פאַראינטערעסירט אין דער אונטערשטיצונג פון קאַפּיטאַ-
ליזם, נאָר אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן אַן אַנדערן „אידע-
אַל”, מעגן זיי קריטיקירן „איינצעלנע כללים”—דאָס דער-
לויבט קונאָוו. אויב זיי ווילן זיך דערלויבן עפּעס מער,
דאַן — אַ סוף! איר וועט באַלד אַריינפאַלן צווישן די
מענטשן, וואָס לייקענען אָפּ „דאָס זיין אין דער געזעל-
שאַפט”. אָט האָט איר די פאַרגרעסערטע און דערגענצטע
דורך קונאָוון אויסגאַבע פון מאַרקסיזם!
אָדער נעמט דעם פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון אַר-
בעטער-קלאַס, ווען ער האָט זיך געפונען אין די אַזוי גערו-
פענע „פּאַטריאַרכאַלישע באַציונגען” מיט זיינע באַלעבאַטים אין
יעדער אונטערנעמונג; די בליונג פון דער אינדוסטרי ביי דער
שוואַכקייט פון די סאָציאַלע פאַרבינדונגען האָט פאַראינטערעסירט
דעם אַרבעטער אין דעם דערפאָלג פון באַלעבאָס. די אַרבעטער
און „זייער בעל-טובה” „ברויטגעבער”, דער „אַרבעטס-געבער”, האָבן
מיט זיך אויך פאָרגעשטעלט אַ גוטע אילוסטראַציע צו דער לאַגע
וועגן דער ראָל פון דער רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט פון אינ-

טערעסן צום שאָדן פון די אַלגעמיינע אינטערעסן פון קלאַסן אַלס גאַנצעס.

אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צו דעם שמעלט מיט זיך פאַר די אינטערעסן-געמיינזאַמקייט פון שקלאַפן און שקלאַפן-איינגנטימער

אין דער „אַנטיקער וועלט”; אויף וויפיל ס׳זענען נאָך געווען שקלאַפן פון שקלאַפן (למשל, די רוימישע „Vicarji” (די שקלאַפן וואָס האָבן געהאַט שקלאַפן, זענען מיט דעם גופא שוין געווען שקלאַפן-איינגנטימער, און ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז אויף דעם באָדן איז ביי זיי געווען אַן „אינטערעסן געמיינשאַפט” מיט די שקלאַפן איינגנטימער, אַזוי צו זאָגן, פון דער „ערשטער מדרגה”. אין די מערב-אייראָפּעאישע (היינטיקע) דאָרפס-ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציון קאָן מען אָפט באַאָבאַכטן, ווי דאָס פויערנטום גייט צוזאַמען מיט די גרויסע באַזיצער און די קאַפּיטאַליסטישע דאָרפישע בעלעבאַטים; עס פאַרייניקט זיך צוזאַמען מיט זיי אויפן באָדן פון אַבזאַץ פון די דאָרף-ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן; עס ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָרפישער באַפעלקערונג, ווי זייערס אַ פאַרקויפער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין הויכע פרייזן, פונקט ווי דער אַגראַריער איז פאַראינטערעסירט אין די הויכע פרייזן.

אָבער דאָס איז שוין אַ ביישפּיל, וואָס פירט אונז טיילווייז אַרויס איבער די גרעניצן פון דער ערשטער פאָרם, ווייל דאָ טיילט זיך אין אמתן בילעכווייז אויס פון די פויערים אַן אמתע דאָרפיש-ווירטשאַפטלעכע בורזשואַזיע, וואָס שיידט זיך מיט גאָרנישט אונטער פון דער ירושהדיקער בכבודיקער דאָרפס-ווירטשאַפטלעכער בורזשואַזיע בכלל.

אַלס צווייטע פאָרם פון רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט פון קלאַסן, בעת וועלכער די דאָזיקע רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט שטייט נישט אין אַ סתירה מיט די דויערהאַפטיקע אינטערעסן פון די קלאַסן, קען מען גיכער פאַר אַלץ באַצייכענען די פאַלן, ווען ס׳זענען פאַראַן קלאַסן-בלאָקירונגען קעגן געמיינזאַמען שונא. אויף אַ באַשטימטער אַנטוויקלונגס-שטופע איז עס פאָלקאָם מעגלעך. למשל, בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

(אין איר ערשטער פאַזע) קעגן דעם פעאָדאַלן רעזשים, זענען אי אין דער עקאָנאָמיק, אי אין דער פּאָליטיק געווען פאַרשידענע קלאַסן: אי די בורזשואַזיע, אי די קליין-בורזשואַזיע, אי דער פּראָלעטאַריאַט. אַראָפּצוואַרפן דעם פעאָדאַליזם — דאָס איז געווען דער געמיינזאַמער אינטערעס פון די אַלע גרופּירונגען. דערנאָך איז דער געמיינזאַמער בלאָק, פאַרשטייט זיך, צעפאַלן, און די קליין-בורזשואַזיע, קעמפנדיק צוזאַמען מיט דער גרויס-בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, האָט אין דערזעלבער צייט אומברחמנותדיק זיך אָפּגערעכנט מיט די זעלבסטשטענדיקע שפּראָצונגס-באַוועגונגען פון פּראָלעטאַריאַט („די עקזעקוציעס פון ווילדע"). דאָ האָבן מיר אַ צייטווייליקע סאָלידאַרישקייט פון קלאַסן, וועלכע שטייט נישט אין סתירה מיט די אַלגעמיינע און דויערהאַפטיקע אינטערעסן פון די קלאַסן.

§ 56 קלאַסן-קאַמף און קלאַסן-שלום.

פון דעם פאַרשי-דנאַרטיקן גראַד פון אינטערעסן אַנטשטייען אויך די פאַרשידנאַרטיקע מינים פון קאַמף. איצטער ווייסן מיר, אַז נישט יעדער אינטערעס פון אַ טייל פון אַ באַשטימטן קלאַס איז שוין בלויז מיט דעם אַליין אַ קלאַס-אינטערעס. דער אינטערעס פון אַרבעטער פון אַן איינצעלנער פאַבריק, אויב ער איז נישט סותר די אינטערעסן פון אַנדערע טיילן פון אַרבעטער-קלאַס, איז נישט אַ קלאַסן-אינטערעס, נאָר אַ גרופּן-אינטערעס. נאָר אפילו דאַן, ווען מיר האָבן פאַר זיך אַן אינטערעס פון אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס איז נישט להיפּך די אינטערעסן פון אַנדערע גרופּן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער נאָך נישט פאַראייניקט אַלע גרופּן — איז באַשיינפּערלעך, אין באַוווּסטזיין פון די מאַסן, נאָך נישטאָ דער קלאַסן-אינטערעס, און דעריבער, שטרענג גערעדט, איז אויך נאָך נישט פאַראַן דער קלאַסן-קאַמף: דער קלאַסן-אַי.ט:רעס באַווייזט זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער שטעלט אַוועק איין

קלאַס קעגן אַ צווייטן. דער קלאַסן-קאַמף באַווייזט זיך ערשט

דאָן, ווען ער שטעלט אַ קעגן איין קלאַס קעגן צווייטן אין דער

טאַט. מיט אַנדערע ווערטער: דער קלאַסן־קאַמף אין אייגנטלעכן

זין פון וואָרט ווערט פאַנאַנדערגעשפּרייט ערשט אויף א באַשטימ־
טער שטופע פון אַנטוויקלונג פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט. אין
די אַנדערע פאַזעס פון איר (דער געזעלשאַפט) אַנטוויקלונג קען
ער זיך באַווייזן אויך אַלס שפּראָצונגס־פאָרם (ווען מיר
האָבן פאַר זיך א קאַמף פון איינצעלנע טיילעכלעך פון קלאַס,
א קאַמף וואָס נעמט נישט ארום און פאַרייניקט נישט דעם קלאַס,
אַלס אַזעלכן) און ווי א „באַהאַלטענע“, „לאַטענטע“ פאָרם (ווען
ס׳איז נישטאָ קיין אָפענער קאַמף, נאָר ווען ס׳איז פאַראַן אַ שטי־
לער ווידערשטאַנד“, אַ שטילע אומצופרידנהייט, מיט וועלכער די
הערשנדיקע מאַכט מוז זיך, ווילנדיק נישט ווילנדיק, רעכענען).
דער פרייער און שקלאַף, דער פּאַטריציער און פּלעבעיער, דער
גוט־באַזיצער און פּויער, דער צעך־מייסטער און מייסטער־געהילף,
בקיצור — די אונטערדריקער און אונטערדריקטע האָבן זיך שטענ־
דיק געפונען אין אַן אייביקער שנאה צווישן זיך, וואָס האָט זיך
שטענדיק געענדיקט מיט א רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פון דער
געזעלשאַפט, אומהופהערלעך געפירט א באַהאַלטענעם אָדער
אָפענעם קאַמף, אָדער מיטן בשותּפותדיקן אונטערגאַנג פון די
קעמפענדיקע קלאַסן (קאָמוניסטישער מאַניפעסט, אונזער קורסיוו.
ג. ב.). מיר וועלן ברענגען נאָך עטלעכע ביישפּילן, כּדי צו אי־
לוסטרירן דאָס אויבנגעזאָגטע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אין
דער שקלאַפן־אָרדנונג קומט פאָר ביי איינעם אַן אייגנטימער
פון א לאַט פונדיע א בונט, מען צערויבט דאָס אייגנטום, מען
צעהרגעט די מיטגלידער פון דער משפּחה א. א. דאָס איז נאָך
נישט קלאַסן־קאַמף אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט: דאָס איז אַן
איינצעלנער אויסברויז פון א זייער קליינעם טייל פון די קלאַסן
שקלאַפן; דאַ בלייבט דער גאַנצער קלאַס רואיק, א הייפעלע פירט
א פאַרביטערטן קאַמף, אָבער דאָס דאָזיקע הייפעלע איז איזאָלירט,
עס פאַרייניקט נאָר א פאָר מענטשן; דער קלאַס אלס אַזעל־
כער, טרעט נישט ארויס; איין קלאַס שטעלט זיך דאָ נישט

אַקעגן אַ צווייטן. ס׳איז גאָר אַנדערש, ווען די איפשטענדיקע שקלאַפן אונטער ספּאַרטאַקס אָנפירערשאַפט פירן אָן אמתן בירגער־קריג פאַר דער באַפרייונג פון שקלאַפן: דאָ ווערן אַריינגעצויגן מאַסן שקלאַפן, — דאָס איז שוין קלאַסן קאַמף. לאָמיר ווייטער אָננעמען, אַז מיר האָבן אַ [illegible]ויסטריט פון איין פאַבריק פאַר דער העכערונג פון אַרבעט[illegible] וואָס איז, אויף וויפל די איבעריקע אַרבעטער שווייגן און זיי זיצן פולשטענדיק רואיק אויף זייערע ערטער. לײדער, טאַקי נאָר אַ שפּראָצונג פון קלאַסן קאַמף, וואָרום דער קלאַס אַלס אַזעלכער קומט נישט אין באַוועגונג. נאָר נעמען מיר, למשל, אַזאַ פאַל, ווען ס׳הייבט זיך אָן אַ „שטרייק־כוואַליע“. דאָ איז שוין באַשײנפערלעך פאַראַן קלאַסן־קאַמף דאָ שטייט איין קלאַס קעגן צווייטן. דאָ רעדט זיך נישט וועגן אינטערעס פון אַ גרופּע, נאָר וועגן אינטערעס פון קלאַס, וואָס באַוועגט דעם גאַנצן קלאַס, פאָלגלעך, דאָ איז פאַראַן קלאַסן־קאַמף אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. לאָמיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל: ביי די לייבקנעכטישע פּויערים איז שטאַרק פאַרשפּרייט אַן אומבאַוווסטע, נישט פאָרמירטע אומצופרידנהייט, זי קען זיך אַדורכרייסן, אָבער צוליב דער נידעריגער געשלאָגנקייט פון קלאַס וועט זי זיך נישט אַדורכרייסן: די שקלאַפן האָבן מורא און פירן נישט קיין קאַמף, נאָר שטיל, נישט אַהין נישט אַהער, „מורמלען“ זיי. דאָס איז אַ באַהאַלטענע פאָרם פון קאַמף, וועגן וועלכער מאַרקס רעדט.

אַלזאָ, אונטערן באַגריף קלאַסן־קאַמף פאַרשטייט מען אַזאַ קאַמף, ווען איין קלאַס שטעלט זיך אַקעגן אַ צווייטן אין טאַט.

פון דאַנען דרינגט די אויסערגעוויינלעך וויכטיקע הנחה, אַז „יעדער קלאַסן קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף“. (מאַרקס)

באמת, וואָס קומט פאָר, ווען דער אונטערדריקטער קלאַס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם אונטערדריקערישן קלאַס אַלס אַ קלאַסן קראַפט? דאָס באַטייט, אַז דער אונטערדריקטער קלאַס גראָבט אונטער דעם יסוד פון דער „עקזיסטירנדיקער אָרדנונג“. און אַזוי ווי די קראַפט אָרגאַניזאַציע פון דער „עקזיסטירנדיקער אָרדנונג“

איז די מלוכהשע אָרגאַניזאַציע פון זיין קאָמאַנדירנדיקן קלאַס דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז יעדער אַרויסטריט פון אונטערדריקטן קלאַס איז אָביעקטיוו געווענדט קעגן דער מלוכהשער מאַשין פון דעם קאָמאַנדירנדיקן קלאַס, אפילו ווען די אָנטיילנעמער פון קאַמף פון דעם אונטערדריקטן קלאַס אַנערקענען דאָס נישט אין די ערשטע צייטן. יעדער אַזאַ אַרויסטריט האָט דעריבער אומפאַרמיידלעך אַ פּאָליטישן כאַראַקטער.

לאָמיר, למשל, אַ קוק טאָן אויף די רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן אָדער אויף די אַמעריקאַנער „אינדוסטריעלע וועלט־אַרבעטער" (I. W. W.) (איי־דאַבליו־דאַבליו). זיי ווילן אפילו נישט הערן פון פּאָליטישן קאַמף.

וואָרום, אונטערן באַגריף פּאָליטישער קאַמף, פאַרשטייען זיי פולשטענדיק אָפּאָרטוניסטיש און באַאיוו נאָר דעם פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. לאָמיר אָבער אָננעמען, אַז די I. W. W. האָבן אָרגאַניזירט נישט אַן אַלגעמיינעם סטרייק, נאָר כאָטש אַ סטרייק פון אייזנבאַנער, בערג־אַרבעטער און מעטאַלאָווצעס. וועלכער שוטה וואָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער סטרייק וואָלט אומפאַרמיידלעך געהאַט אַ קאָלאָסאַלן פּאָליטישן באַטייט? פאַרוואָס טאַקי דערפאַר, ווייל דאָ זענען אין קאַמף געוואָרפן געוואָרן די גרונט־קאַדרן פונם פּראָלעטאַריאַט. דערפאַר, ווייל אַזאַ סטרייק איז געפערלעך פאַר דער בורזשואַזיע, אַלס קלאַס. דערפאַר, ווייל אַזאַ סטרייק דראָט אַדורכצוברעכן אַ שפּאַרע אין דער מאַשין פון דער אָרגאַניזירטער בורזשואַזיע, פּאָלגלעך, דערפאַר, ווייל זי איז אָביעקטיוו געווענדט קעגן דער מלוכהשער מאַכט פון דער בורזשואַזיע.

אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" שילדערט מאַרקס אָנשוילעך אויפן ביישפּיל פון פּראָלעטאַריאַט די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג פון איינציקע עפּיזאָדן פון קאַמף אין אַ קאַמף פון קלאַסן. לכתחילה „בלייבן טיילמאָל די אַרבעטער די זיגער, אָבער נישט אויף לאַנג. דער וועזנטלעכער רעזולטאַט פון זייער קאַמף איז נישט דער דירעקטער דערפאָלג, נאָר דאָס אַלץ מער וואַקסנדיקע צוזאַמענבונדן

צווישן זיך. דער זאַך העלפט צו די גרויסגרופּענע דורך
דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע פאַרבעסע־
רונג פון פאַרקער־מיטלען, וואָס ברענגט אין קאָנטאַקט די
אַרבעטער פון פאַרשידענע געגנטן. נאָר דער דאָזיקער קאָנ־
טאַקט איז נויטיק, כדי צו פאַרוואַנדלען אין אַ קלאַסן־קאַמף

דעם קאַמף פון ארבעטער פון באַזונדערע געגנטן, וועלכער,
ער, דער קאַמף, טראָגט אומעטום דעם זעלבן כאַראַקטער
אָבער יעדער קלאַסן־קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף. אין „די

בריוו צו זאָרגע'ן (Briefe an Sorge, s. 112) ציטירט אויך
ביי קונאָוון. (1. C., B. II, s, 54 באַצייכנט מאַרקס
אויף אַזאַ אופן די פאַרוואַנדלונג פון איינצעלנע קאָנ־
פליקטן אין אַ קלאַסן, ד. ה. פּאָליטישן קאַמף (1 „Notabene
ad Political movement“ (באַמערקונג צו „פּאָליטישער־
באַוועגונג”) „Political movement“ פּאָליטישע באַוועגונג
פון ארבעטער קלאַס, האָט, פאַרשטייט זיך, אַלס ענד ציל
צו דעראָבערן פאַר אים די (פּאָליטישע מאַכט political
power און דעריבער, פאַרשטייט זיך, איז נויטיק ביז אַ
געוויסן פונקט אַ פריער (previous) אַנטוויקלטע אָרגאַניזאַ־
ציע פון working-class (אַרבעטער־קלאַס), וועלכער וואַקסט
אַליין אַרויס פון זיין עקאָנאָמישן קאַמף. אָבער, פון דער
צווייטער זייט, איז יעדע באַוועגונג, אין וועלכער דער
אַרבעטער־קלאַס שטעלט זיך אַנטקעגן די הערשנדיקע
קלאַסן, ווי אַ קלאַס, און וואָס באַמיט זיך צו צווינגען זיי
דורך pressure from without (דרוק פון דרויסן) אַ politi-
cal movement (פּאָליטישע באַוועגונג)”. ה' קונאָוו, ברענגנ־
דיק די דאָזיקע ציטאַטע, (1. c, B II, s. 59) טייטשט זי
אַזוי אויס: ... „אויף אַ באַשטימטער אַנטוויקלונגס-מדרגה
פון ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס אַלס גאַנצעס וואַקסן אויס

1) דער בריוו איז גלייכצייטיק געשריבן אין דייטש און ענגליש.

פארשידענע געזעלשאפטלעכע קלאסן, וועלכע, מיטן כוח פון זייער אנטייל אין דאזיקן פראצעס, האבן זייערע באזונדערע ווירטשאפטלעכע אינטערעסן און זיי באמיען זיך צו לאזן זיי אין גאנג אין פאליטישן לעבן". דאס איז לגמרי נישט א ריכטיקער פירוש, ווארום ק ו ־ ב א וו באהאלט דא דעם גרונט־פאקט, אז מארקס רוקט ארויס אויפן ערשטן פלאן: די פרינציפעלע אנטקעגנשטעלונג פון איין קלאס קעגן צווייטן, ווען יעדער קאמף איז א טייל פון איין פראצעס פון געמיינזאמען קאמף פאר מאכט אין הערשאפט אין דער געזעלשאפט.

פראפעסאר Hans Dellbrück אין זיין אויסנאם חוצפה׳דיקן ארטיקל („Die Marxsche Geschichtsauffassung", Preussische Jahrbücher. B. 182, Heft 2, s. 127 ff.) „קריטיקירט" די טעאריע פון קלאסן־קאמף, ארויסווייזנדיק דערביי א באכט אומגלויבלעכע עם־הארצות אין די פראבלעמען פון מארקסיזם. אויף ז. 165 באהויפטעט ער, אז מ א ר ק ס האט נישט פארשטאנען דעם חילוק צווישן קלאס און שטאנד; אויף ז, 169 באהויפטעט ער, אז אין אנטיקן רוים איז נישט געשעען קיין אונטערגאנג פוןביידע קלאסן, בעת די ירידה פון דער רוימישער אימפעריע איז דאך א פאקט, וועלכן ס׳איז פולשטענדיק צוועקלאז אפצולייקענען: לכתחילה זענען פארגעקומען בירגער־קריגן, און דערנאך האבן נישט די זיגרייכע באלעבאטים, נישט די באזיגטע שקלאפען זיך אויסגעוויזן בכוח צו פירן די געזעלשאפט פארווערטס. אויף ז. 167 זאגט ער, אז אין ענגלאנד האט קיינמאל נישט עקזיסטירט דער פעאדאליזם! אויף ז. 169 „לייקנט ער אפ„ מארקסן מיט דעם, וואס די פויערים גייען טיילמאל צוזאמען מיט די יונקערס (זע וועגן דעם אין טעקסט פון אונזער בוך) א. א. וו. אבער אלס פערל פון זיינע „טענות" קען געהאלטן ווערן דער פאלגנדיקער קאזוס: ד ע ל ב ר י ק ציטירט דעם אבטדעקטן

דורכן באַוווסטן עגיפּטאָלאָג ע ר מ אַ ן טעקסט, וועלכער דערציילט וועגן אַן אַלט־מיצרישער רעוואָלוציע, בעת וועל־כער ס׳איז געלונגען די שקלאַפן צו פאַרכאַפּן די מאַכט. דער טעקסט איז אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס ס׳זעט אויס גלייך ווי אים וואָלט אָנגעשריבן מערעזשקאָווסקי אָדער אַן אַנדערער ווייסער כעסנדיקער פּריץ אויף די באָלשעוויקעס. דאָ ווערן געשילדערט די פאַרצווייפלטע שרעקן און ה׳ ד ע ל ב ר י ק שרעקט אָפּ: אָט האָט איר אייער קלאַסן־קאַמף! אָבער דער געערטער אמת־דייטשער פּראָפעסאָר, באַמערקט אַליין נישט, ווי ער פאַלט אַריין אין דער פּולאַפּקע, ווען ער זאָגט עדות, אַז דער דאָזיקער צושטאַנד האָט געדויערט „300 יאָר“ (ז. 771). וואָרום אפילו אַן אייזל וועט פאַרשטיין, אַז צו לעבן 300 יאָר אָן א פּראָדוקציע איז אפילו אוממעגלעך אין אַן אַבסאָלוטער אַנאַרכיע. אַזוי אַז דער ענין איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, און ד ע ל ב ר י ק ס אַרגומענט, וואָס שטיצט זיך דאָ אויפן געפיל פון „איבערגעשראָקענעם בורזשוי“ איז פּשוט לעכערלעך.

לעכערלעכע טענות קעגן מאַרקסנס טעאָריע שטעלט אויך אַרויס ה׳ א. ד י ע ל ע ו ו ס ק י („סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און קלאַסן־קאַמף אין דער געשיכטע“. פּעטערבורג 1910) אָט איז זיין אַממייסטן אַלגעמיינע טענה. ער ברענגט די פאָלגנדיקע ציטאַטן פון ע נ ג ע ל ס ן (פאָרוואָרט צו מ אַ ר ק ס נ ס „18-ער ברומער“). „נישט קיין אַנדערער ווי מאַרקס האָט דער ערשטער אַנטדעקט דעם גרויסן געזעץ פון היסטאָרישער באַוועגונג, — אַ געזעץ, לויט וועלכן יעדער היסטאָרישער קאַמף, צי ער קומט פאָר אין אַ פּאָליטישן, רעליגיעזן, פילאָזאָפישן אָדער אין אַן אַנדער אידעאָלאָגישן געביט, איז נאָר אין תוך גענומען, מער ווייניק אַקלאָרער אויסדרוק פון קאַמף פון די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן“. ברענגנדיק די דאָזיקע ציטאַטע, איז ד י ע ל ע ו ו ס ק י מסכּים מיט ז אָ מ ב אַ ר ט ן, וואָס האָט פאַרגעלייגט צו דערגענצן דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־

תשובה, וועלכע האָט אָנגעוויזן, אַז אָטאָ דאָ איז גאָרנישט נישטאָ וואָס צו דערגענצן, ווייל קלאַסן־קאַמף איז אַ באַגריף פון געביט פון די אינערלעכע פּראָצעסן פון דער געזעלשאַפט, און נישט אַ מיטשייכות צווישן געזעלשאַפטן, האַלט ה' דיעלעווסקי אַלס אומבאַפּרידיקטע. „איינס פון די ביידע — זאָגט ה' דיעלעווסקי: אין עצם געשיכטע ליגן אָדער צוויי יסודות אָדער איין יסוד. אויב... צוויי יסודות — יסוד פון קלאַסן־קאַמף און יסוד פון נאַציאָנאַלן קאַמף, — טאָ וואָס פּאַראַ געזעץ איז דאָס, וואָס ווערט פאָרמולירט דורכן צווייטן יסוד?... אויב־זשע... נאָר איין יסוד פון קלאַסן־קאַמף, טאָ וואָס פּאַראַ זין האָט דאַן דאָס אונטערשיידן דעם קאַמף אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט פון קאַמף צווישן די געזעלשאַפטן?... אָדער, ס'קען זיין, געזעלשאַפטן, נאַציעס, מלוכות — זענען אויך קלאַסן?... (ז. 92) די דאָזיקע טיראַדע איז באַמערקנסווערט לויט איר שטייגער.

אָבער לאָמער אַנאַליזירן דעם מהות פון ענין. דאָ קענען זיין צוויי יסודותדיקע פאַלן: ס'קען זיך רעדן אָדער וועגן איין געזעלשאַפט (למשל, וועגן דער היינטצייטיקער וועלט־ווירטשאַפט), וועלכע איז צעטיילט „לויט מלוכהשע אָרגאַניזאַציעס פון „נאַציאָנאַלע״ פּראַקציעס פון דער וועלט־בורזשואַזיע״, אָדער וועגן פולשטענדיק כמעט נישט געבונדענע פאַרשידענע געזעלשאַפטן (למשל, ווען

ס'קומט פאָר אַ קאַמף צווישן פאַרשידענע פעלקער, פון וועלכע איין פאָלק, זאָגן מיר, האָט זיך אומגעריכט איבערגעצויגן פון גאָר אַנדערע נעגנטן, וואָס דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט איינמאָל פאָרגעקומען אין דער געשיכטע: למשל, די דעראָבערונג פון מעקסיקע דורך די שפּאַניער). אָט אין ערשטן פאַל איז דער קאַמף צווישן די בורזשואַזיעס אַ באַזונדערע פאָרם פון קאַפּי־

טאַליסטישער קאָנקורענץ. אָבער נאָר דעם ה' דיעלעווסקי קען איינפאַלן, אַז די טעאָריע פון קלאַסן קאַמף שליסט אויס די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ, דאָס איז אַ פאָרם פון אינערלעכע-קלאַסן אַנטאַגאָניזמען, וועלכע קען אָבער קיינמאָל נישט ענדערן די יסודות סון דער געגעבענער פּראָדוקציע סטרוקטור. אויב מאַרקסנס טעאָריע אַנערקענט די מעגלעכקייט פון רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט צווישן קלאַסן, אַנערקענט זי ממילא אויך די מעגלעכקייט פון אַנטאַגאָניזם אינעווייניק אין די קלאַסן. אָבער וואָס-זשע איז דאָס פאַראַ אָפּלייקענונג פון דער טעאָריע פון קלאַסן-קאַמף? דער צווייטער פאַל. דאָ האָבן מיר אַמעטאָדאָלאָגישע פראַגע. די טעאָריע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג איז אַ טעאָריע פון דער אַנטוויקלונג פון אַן אַבסטראַקטער געזעלשאַפט, און ס'איז פולקאָם ריכטיק, אַז זי האָט, שטרענג גערעדט, גאָרנישט צו טון מיט די שייכותן צווישן געזעלשאַפטן. זי אַנאַליזירט, וואָס איז דאָס געזעלשאַפט בכלל און וואָס זענען דאָס די געזעצן פון אַנטוויקלונג פון „געזעלשאַפט בכלל”. אויב אָבער מיר גייען איבער פון די דאָזיקע פראַגן צו קאָנקרעטע, ד. ה. צווישן אַנדערע, אויך צו דער פראַגע וועגן די שייכותן צווישן פאַרשידענע געזעלשאַפטן, דאָ וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, האָבן אַנדערע געזעצן, ווידער אַמאָל נישט אמתע, וואָס זענען זיך סותר דער מאַרקסיסטישער טעאָריע; לחלוטין נישט דערפאַר, ווייל פאַרשידענע געזעלשאַפטן זענען פאַרשידענע קלאַסן. (די דאָזיקע השערה פון ה' דיעלעווסקי איז פשוט נישט קיין קלוגע), נאָר דערפאַר ווייל די „פאַרשפרייטונג” (עקספּאַנסיע) גופא האָט עקאָנאָמישע סיבות; ווייל, זאָגן מיר, די דעראָבערונג ווערט אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלט אין אַן איבערגרופּירונג פון קלאַסן כוחות; ווייל אין אַזעלכע פאַלן זיגט שטענדיק „אונטן” אַ העכערער פּראָדוקציע אופן א. א. וו. אָבער

דאָס אַלץ דערשיטערט נישט אין דער קלענסטער מאָס אפילו די טעאָריע פון קלאסן קאמף.

אלזאָ, אויבן האָבן מיר געזען, אז נישט שטענדיק פירן די אונטערדריקטע א קלאסן קאמף אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. אָבער דאָס, ווי מיר האב[illegible]ס ווידער געזען, באטייט לחלוטין נישט, אז אין אזעלכע פארהעלטניסמעסיק רויקע פעריאָדן הערשט „שלום ושלוה, און גאָטס ברכה". דאָס באטייט נאָר, אז דער קלאסן-קאמף איז א באהאלטענער, אָבער ער איז אין א שפּראָצונס-פאָרם. ער ווערט א קלאסן-קאמף אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. דאָ שאדט נישט צו דערמאנען וועגן דער דיאלעקטיק, וואָס באטראכט אלץ אין באוועגונג, אין דער אנטשטייונג. ס'קען געמאָלט זיין, אז ס'זאָל נישט זיין קיין קלאסן-קאמף, אבער ער אנטשטייט, „וואקסט". אזוי שטעלט זיך די זאך פאר מצד די אונטערדריקטע קלאסן, און מצד די הערשנדיקע קלאסן; יענע פירן שטענדיק א קלאסן-קאמף.

וואָרום די פאראנענקייט פון דער מלוכהשער אָרגאניזאציע ווייזט אז דער הערשנדיקער קלאס האָט זיך „קאָנסטיטואירט" (אָרגאַניזירט) ווי א קלאס, פאר זיך, ווי א מלוכהשע מאַכט. דאָס איז משער די פולע באוווסטזיניקייט פון די יסודותדיקע אינטערעסן פון קלאס, וועלכער פירט א קאמף מיט די קעגנזעצלעכע לויט דעם אינטערעס קלאסן (און קעגן זייער אָפּעגערדראונג און קעגן דער מעגלעכער דראונג) מיט אַלע מיטלען פון דער מלוכהשער טאשין.

§ 57 קלאסן-קאמף און מלוכה-מאכט.

די פראָבלעם וועגן מלוכה, ווי א צוגעבוי, וואס ווערט באשטימט דורך דער עקאָנאָמישער באַזע, האָבן מיר שוין פריער אַנאַליזירט (זע § 38 אין אָנהייב). איצטער ראַרפן מיר צו איר צוגיין פון אַן אַנדער זייט, באַטראַכטן זי פון א ספּעציעלן שטאַנדפּונקט, נעמלעך, פון שטאַנדפּונקט פון קלאַסן-קאַמף. קודם-כל דאַרף מען מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די מלוכה-אָרגאַניזאַציע איז אַן אויסשליסלעך קלאַסן אָר-

נאַניזאַציע. אַ קלאַס, וואָס האָט זיך קאָנסטיטואירט ווי אַ מלוכה־
מאַכט", אַ קאָנצענטרירטע און אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע
געוואַלט פון קלאַס (מאַרקס). דער אונטערדריקטער קלאַס, דער
טרעגער פון נייעם פּראָדוקציע־אופן, ווערט אין גאַנג פון קאַמף
ווי מיר האָבן געזען, פאַרוואַנדלט פון „אַ קלאַס אין זיך" אין
אַ קלאַס פאַר זיך; אין דעם זעלבן קאַמף שאַפט ער זיינע
אייגענע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אין אַ וואַקסנדיקער
מאָס אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן נאָך זיך די גאַנצע מאַסע פון
געגעבענעם קלאַס. ווען ס'קומט אָן די רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג א. א. וו., רייסן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אַדורך
דעם פּראָנט פון שונא און זיי זענען די ערשטע „יאַטשעיקעס"
פון דעם נייעם מלוכה־אַפּאַראַט אין אַ קלאָרער אָדער פאַר־
מאַסקירטער פאָרם. נעמען מיר, למשל, די גרויסע פראַנצויזישע
רעוואָלוציע. „די פאָלקס אָדער די יאַקאָבינישע קלובן — דאָס
זענען די פריערדיקע געזעלשאַפטן פון „פריינט פון קאָנסטיטוציע",
אַמאָל בורזשואזע, נאָכדעם דעמאָקראַטישע, מאָנטאַניאַרישע.
סאַנקיולאטישע, פאַנאַטישע, אָנהענגער פון גלייכהייט און איינ־
הייט... וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אונטערן שיין פון פאָלקס־
בילדונג, גיכער פאַר פּראָפּאַגאַנדע, ווי פאַר טאַטן, אָבער די
אומשטענדן האָבן זיי געצוווּנגען צו ווערן טעטיק אין געביט
פון פּאָליטיק און (ווען די קליין־בורזשואזיע איז געשטאַנען ביי
דער מאַכט נ. ב.) דירעקט אריינמישן זיך אין דער אַדמיני־
סטראַציע... דורכן דעקרעט פון 14 פרימער זענען די יאַקאָבינער
געוואָרן אין גאַנץ פראַנקרייך די מכשירים פון אויסוואַל און
אויסרייניקונג פון די באַאַמטע"- (אָלאַר: „פּאָליטישע געשיכ־
טע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", סקירמונטס צווייטע
אויפלאַגע, ז, 386-387). „סוף כל סוף... האָבן טאַקע די יאַקאָ־
בינישע געזעלשאַפטן אונטערגעשטיצט... די איינהייט און גרעא־
טעוועט דאָס פאָטערלאַנד (ibid). בשעת דער ענגלישער רעוואָ־
לוציע האָט דער רעוואָלוציאָנערער אָפיצירישער „אַרמיי־ראַט
אריינגעזעצט זיינע מענטשן אין „מלוכה־ראַט". בשעת דער רו־
סישער רעוואָלוציע זענען די קאַמפּס אָרגאַנען פון די אַרבעטער

און זעלנער — די ראַטן — און די עקסט-רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי — די קאָמוניסטן — געוואָרן יסודותדיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער נייער מלוכה.

קעגן דעם קלאַסן-באַגריף פון דעם כאַראַקטער פון דער מלוכה-מאַכט ווערן אַרויסגערוקט צוויי הויפּט טענות.

די ערשטע לויטעט: דער סימן פון מלוכה באַשטייט אין צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג. דעריבער — זאָגן, למשל, די אַנאַרכיסטן — באַטייט יעדע צענטראַליזירטע פאַרוואַלטונג די עקזיסטענץ פון מלוכה-מאַכט. פאָלגלעך, למשל, וועט אין דער אַנטוויקלטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ווו ס'וועט זיין אַ פּלאַנמעסיקע ווירטשאַפט, זיין אויך אַ מלוכה. די דאָזיקע באַטראַכטונג באַזירט אינגאַנצן אויף אַנאַאיוון בורזשואַזן טעות: די בורזשואַזע וויסנשאַפט זעט אַנשטאָט געזעלשאַפטלעכע שייכותן זאַכלעכע אָדער טעכנישע שייכותן. דערווייל איז קלאָר, אַז דער „מהות" פון מלוכה באַשטייט נישט אין זאַכן, נאָר אין געזעלשאַפטלעכע שייכותן, נישט אין צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג, אַלס אַזעלכע, נאָר אין דער קלאַסן-שאָל פון דער צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג. פונקט אַזוי, ווי דער קאַפּיטאַל איז נישט קיין זאַך (אַמאַשין, למשל), נאָר אַגעזעלשאַפטלעכע שיכות צווישן אַרבעטער און זיין דינגער, וואָס דרוקט זיך אויס אין אַ זאַך, אַזוי איז אויך די צענטראַליזאַציע פאַר זיך לחלוטין נישט אַ מלוכה-צענטראַליזאַציע; זי ווערט א מלוכהשע ערשט דאַן, ווען אין איר איז אויסגעדרוקט די קלאַסן-שייכות.

די צווייטע טענה קעגן דער קלאַסן-טעאָריע פון דער מלוכה האָבן מיר שוין טיילוויַיז אַנאַליזירט. די דאָזיקע טענה איז נאָך מער נעבעכדיקער און לעכערלעך. זי גייט אַרויס פון דעם, אַז די מלוכה פירט אויס אַריי אַלגעמיין-נוצלעכע פונקציעס (למשל, די היינצייטיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה בויט עלעקטרישע סטאַנציעס, שפּיטעלער, אייזן-באַנען א. א.) דער דאָזיקער מאָטיוו פאַרייניקט ריינד דעם סאָציאַל-דעמאָקראַט קונאָוו, דעם רעכטן ס. ר. י. דיעלעווסקי, דעם קאָנסערוואַטיוון דעל-

בריק און אפילו... דעם בבלישן קיסר כאַמוראַבי! אָבער די דאָזיקע געערטע חברה האָט אַ ביטערן טעות. וואָרום די עקזיסטענץ פון אַלגעמיין־נוצלעכע פונקציעס פון דער מלוכה ענדערט נישט אויף אַ האָר דעם ריינעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער מלוכה־מאַכט. די הערשנדיקער קלאַס, כדי ער זאָל זיין בכוח צו עקספּלאָאַטירן די מאַסן, פאַרברייטעט דאָס פעלד פון דער דאָזיקער עקספּלאָאַטאַציע, כדי גורם זיין איר „באַרמאַלן" גאנג, מוז ער, פאַרשטייט זיך, אָננעמען פאַרשידענערליי „אַלגעמיינע נוצלעכע" אונטערנעמונגען. למשל, אָן דער אַנטוויקלונג פון די אייזנבאַנען קען זיך נישט אַנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם, אָן די פּראָפעסיאָנעלע שולן וועט מען נישט האָבן קיין קוואַליפיצירטע אַרבעטס־קראַפט, אָן וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן קען מען נישט האָבן די קאַפּיטאַליסטישע טעכניק א. א. וו., א. א. וו. אָבער אין די אַלע ענלעכע מאסנאַמען איז די מלוכה־מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן אַרויסגעגאַנגען פון קלאַסן־אויסרעכנונגען. מיר האָבן שוין געבראַכט אַ ביישפּיל וועגן טרעסט. אויך דער טרעסט פירט אַ פּראָדוקציע, אָן וועלכער די געזעלשאַפט קען נישט עקזיסטירן. אָבער ער פירט זי אַזוי, אַרויסגייענדיק פון קלאַסן־אויסרעכנונג. אָדער נעמען מיר וואָסער עס איז אוראַלטע דעספּאָטישע־ערד־באַזיצערישע מלוכה, אַמין מלוכה, ווי די מצרישע פּרעהס. די קאָלאָסאַלע איינריכטונגען צו רעגולירן די באַוועגונג פון וואַסער זענען געווען געזעלשאַפטלעך־נוצלעך. אָבער די פּרעהשע מלוכה האָט זיי געהיטן און געפּלעגט נישט דערפאַר, כדי צו געבן עסן די הונגעריקע אָדער זאָרגן יועגן וווילשטאַנד פון אַלע מענטשן, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער נויטיקסטער פאָרשלוח פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען אַ פּראָצעס פון עקספּלאָ־

אַטאַציע. קלאַסן־אויסרעכענונג — אָט וואָס דאָ איז געווען דער

באַוועגנדיקער מאָטיוו. פאָלגלעך, דער דאָזיקער מין מאָסנאַמען איז נישט קיין באַווייז פון דער נישט־ריכטיקייט פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט.

אַ צווייטע ריי פון אַלגעמיין - נוצלעכע מאַסנאַמען ווערט אַרויסגערופן דורכן אָנגריף פון די „נידעריקע קלאַסן.” אַזאַ איז, למשל, די פאַבריקס־געזעצגעבונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אויף דעם יסוד האַלטן אַ סך חכמים (זע דעם רוסיש; היימישן אויסגעוואַקסענעם אויף־מיר־סאָציאָלאָג טאַכטאַרעוו), אַז די מלוכה איז כלומרשט נישט קיין אַרייגע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע, ווײַל זי מוז זײַן געגרינדעט אויף אַ קאָמפּראָמיס. מ׳דאַרף נאָר איין מינוט אַ טראַכט טון וועגן דעם, כּדי צו פאַרשטיין אין וואָס דאָ גייט. צי הערט, למשל, דער קאַפּיטאַליסט אויף צו זײַן „אַ ריינער קאַפּיטאַליסט”, ווען ער האַלט פאַר זיך מער באַקוועם אונטערצוגעבן זיך אונטער דער דראָונג פון סטרייק? פאַרשטייט זיך, ער הערט נישט אויף. דאָס זעלבע איז מיט דער מלוכה. פאַרשטייט זיך, די מלוכה קען געבן הנחות די אַנדערע קלאַסן, ווי דער באַלעבאָס טוט אין אונזער בײַשפּיל בנוגע די אַרבעטער. אָבער מיט דעם איז לחלוטין נישט געזאָגט, אַז זי הערט אויף צו זײַן אַ ריינע-קלאַסן מלוכה, און זי ווערט עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע פון קלאַסן, ד. ה. פאַקטיש אַן אַלגעזעלשאַפטלעכע, אָרגאַניזאַציע.

דאָס, נאַטירלעך, פאַרשטייט נישט אויך ה. קונאָוו אָבער ס׳איז אַנגענעם צו זען, ווי דער אויבנדערמאָנטער חוצפּהדיקער פּראָפעסאָר האַנס דעלבריק מאַכט חוזק פון די דאָזיקע איבערגעלערנטע פאַלסיפיצירער פון מאַרקסיזם: דער אונטערשיד צווישן אונז, דעם סאָציאַל-פּאָליטיש דענקנדיקן בורזשוי, (Sozialpolitischdenkenden Bürgerlichen) און אייך, איז... נאָר אַ קוואַנטיטאַטיווער (gradueller) נאָך אַפּאָר טריט ווייטער אויפן זעלבן וועג, אויף וועלכן איר, מײַנע ליבע הערן, גייט און דער מאַרקסיסטישער נעפּל איז צעשווימען (Hans Dellbrück, l c, s 172)

§ 58 קלאַס, פּאַרטיי, אָנפירער. ווען מען רעדט וועגן קלאַס

פאַרשטייט מען אונטער דעם אַ גרופּע פּערזאָנען, וואָס זענען

פאַרייניקט מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער פּראָדוקציע, פאַלגלעך מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער פאַנאַנדערטיילונג, פאַלגלעך מיט אַלגעמיינע אינטערעסן (קלאַסן-אינטערעסן). ס'וואָלט אָבער געווען אַ פולשטענדיקע נאַאיווקייט אָנצונעמען, אַז יעדער קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס א פולשטענדיק איינמייניק גאַנצעס, ווו אַלע טיילן זענען גלייך, ווו ראובן איז דער זעלבער ווי שמעון.

כדי דאָס צו דערקלערן מיט א ביישפּיל, וועלן מיר נעמען דעם היינטצייטיקן אַרבעטער-קלאַס. דאָ האַנדלט עס זיך נישט נאָר אין דעם, וואָס עס איז נישט פאַראַן קיין גלייכהייט אין פאַרשטאַנד אָדער פעאיקייטן. אפילו די לאַגע, דאָס „זיין" פון פאַרשידענע טיילן פון אַרבעטער-קלאַס איז נישט אַלץ איינע. דאָס קומט פאָר: 1) דערפאַר, ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין איינמייניקייט פוןווירטשאַפטלעכע איינסן. 2) דערפאַר, ווייל דער אַרבעטער-קלאַס פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל אַ גרייטער, נאָר ער אַנטשטייט כסדר פון פויערנטום, האַנטווערקער, שטאָטישן בירגערטום א. א. וו., ד. ה. פון אַנדערע גרופּן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אין אמתן, צי איז נישט קלאָר, אַז דער אַרבעטער פון אַ צדויסער, גרויסאַרטיק איינגעאָרדנטער פאַבריק — איז איין זאַך, און אַן אַרבעטער פון א קליינעם וואַרשטאַט — אַ צווייטע זאַך? דאָ איז די סיבה פון דער פאַרשידנמיניקייט. די פאַרשידנמיניקייט פון די אינטערנעמונגען גופא און פון דער גאַנצער אָרדנונג פון דער אַרבעט אין זיי. די אַנדערע סיבה ליגט אין דער גרויס, אַזוי צו זאָגן, פון דעם פּראָלעטאַרישן סטאַזש. דער פויער, וואָס איז נאָר-וואָס אַרייגעטרעטן אין דער פאַבריק, איז נישט דאָס זעלבע, וואָס דער אַרבעטער, וואָס אַרבעט דאָרטן פון קינדווייז אויף.

די פאַרשידנקייט אין „זיין" שפּיגלט זיך אויך אָפּ אינעם באַוווסטזיין. דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט איינמיניק לויט זיין באַוווסטזיין, אַזוי ווי ער איז נישט איינמיניק לויט זיין לאַגע. ער איז מער-ווייניק איינמיניק, אויב מ'פאַרגלייכט אים

יט אַנדערע קלאַסן. נאָר אויב מען באטראַכט זיינע פאַר־שידענע טיילן, דאַן באַקומט זיך דאָס אויבן געמאָלטע בילד.

אַזוי אַרום, לויט זיין קלאַסן־באַוווּסטזיין. ד. ה. לויט דער שייכות צו דויערהאַפטיקע, אַלגעמיינע, נישט צײַכן, — נישט גרופּן, — נישט ענג־עגאָאיסטישע, נישט פּערזענלעכע, נאָר אַל־געמיין־קלאַסן־אינטערעסן, צעפאַלט דער אַרבעטער־קלאַס אויף אַ

ריי גרופּן און אונטערגרופּן, פּונקט ווי אַן איינהייטלעכע קייט

וואָר באַשטייט פון אַ ריי רינגען פון אַ נישט גלייכער שטאַרקייט

אָט די דאָזיקע נישט איינמיניקייט פון קלאַס איז די סיבה

פון דעם, וואָס עס ווערט נויטווענדיק די פּ אַ ר ט י י.

און טאַקע. לאָמיר אַ ווייל אָננעמען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז פולשטענדיק און אַבסאָלוט איינמיניק. דאַן וואָלט ער יעדעס מאָל געקענט טעטיק זיין אין אַ געשלאָסענער מאַסע. כדי אָנצופירן מיט אַלע טאַטן, וואָלט מען געקענט אויסקלויבן מענטשן אָדער גרופּן מענטשן לויט דער ריי. אַ שטענדיקע אָר־גאַניזאַציע פון דער אָנפירונג וואָלט געווען איבעריק. זי וואָלט געווען נישט נויטיק.

אַ גאָר אַנדערע זאַך־לאַגע איז פאַראַן אין דערווירקלעכ־קייט. דער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס איז אומפאַרמיידלעך. ער איז נאָך מער נויטיקער, ווייל דער קעגנער איז שטאַרק, כיטרע און דער קאַמף מיט אים — איז אַ פאַרביטערטער קאַמף. ווער דאַרף אָנפירן מיטן גאַנצן קלאַס? וועלכער טייל? ס'איז קלאָר: דער פאָרטגעשריטנסטער, דער אויסגעשולטסטער און דער גע־שלאָסנסטער.

אַזאַ טייל איז טאַקי די פּ אַ ר ט י י.

פּאַרטיי—דאָס איז נישט אַ קלאַס, נאָר אַ טייל פון קלאַס, טיילמאָל זייער אַ נישט גרויסער, אָבער די פּאַרטיי — דאָס איז דער קאָפּ פון קלאַס. אָט פאַרוואָס ס'איז גאָר נ אַ ר י ש דאָס אַ נ ט ק ע ג נ ש ט ע ל ן די פּאַרטיי און דעם קלאַס. די פּאַר־

טיי פון אַרבעטער-קלאַס איז דאָס, וואָס דרוקט אין בעסטן אופן אויס די אינטערעסן פון קלאַס. אונטערשיידן קלאַס און פּאַרטיי, קען מען, פּונקט ווי מ׳קען אונטערשיידן דעם קאָפּ פון אַ גאַנצן מענטש. אַנטקעגנשטעלן קען מען נישט, אַזוי ווי מ׳קען נישט אַראָפּרייסן פונם מענטש דעם קאָפּ, ווען מען וויל, אַז ער זאָל לאַנג לעבן.

פון וואָס הענגט אָפּ דער דערפאָלג פון קאַמף ביי אַזעלכע באַדינגונגען? פון דער ריכטיקער שייכות צווישן די פאַרשידענע טיילן פון אַרבעטער-קלאַס און קודם-כל פון דער ריכטיקער שייכות צווישן פּאַרטיי און אומפּאַרטייאישע. פון איין זייט — דאַרף מען פירן און באַפעלן. פון דער צווייטער—דאַרף מען דעצידירן און איבערצייגן. אָן דערציונג און איבערצייגונג איז דאָ נישטאָ וואָס אָנצופירן. פון איין זייט, דאַרף מען, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין געשלאָסן און באַזונדער אָרגאַניזירט, ווי אַ טייל. פון דער צווייטער — זי דאַרף זיך פאַרבונדן וואָס ענגער און ענגער מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן, אַריינציענדיק אַן אַלץ גרעסערן טייל אין איר אָרגאַניזאַציע. דער גייסטיקער וווקס פון דעם קלאַס געפונט אַזוי אַרום זיין אויסדרוק אין וווקס פון דער פּאַרטיי פון דעם דאָזיקן קלאַס, און פאַרקערט, די ירידה פון קלאַס דרוקט זיך אויס אין דער ירידה פון דער פּאַרטיי, אָדער אין דער פאַרקלענערונג פון איר איינפלוס אויף די אומפּאַרטייאישע.

אויבן האָבן מיר געזען, אַז די נישט איינמיניקייט פונם קלאַס געפינט איר אויסדרוק אין דער נויטווענדיקייט פון אַ פּאַרטיי פון דעם דאָזיקן קלאַס. אָבער די קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען פון „זיין” און דער נידעריקער קולטורעלער ניוואָ נישט נאָר פון דעם אַרבעטער-קלאַס, נאָר אפילו פון די איבעריקע קלאַסן שאַפן אַזא לאַגע, ווען אויך דער אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. זיין פּאַרטיי איז אויך נישט איינמיניק. ער איז מער-ווייניק איינמיניק, אויב מ׳פאַרגלייכט אים מיט אַנדערע טיילן פון אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויב מ׳זאָל נעמען פאַרשידענע

טיילן פון דעם דאָזיקן אוואַנגאַרד ד. ה. פון דער פּאַרטיי גופא וועלן מיר אָן שוועריקייט זען די אינערלעכע נישט אייגמיניקייט.

דאָ ווענדן מיר אָן פונקט די זעלבע באַטראַכטונגען, ווי אין פאַל מיטן קלאַס.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ קעגנזעצלעכן ווירקלעכן פאַל, נעמלעך, אפילע — לויטן קלאַסן-באַוווסטזיין, דערפאַרונג, געניטקייט צו פירן א. א. וו. — אייגמיניקייט פון דער פאַרטיי, דאַן וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געדאַרפט האָבן קיין אָנפירער. די פונקציעס פון אָנפירער וואָלט מען געקענט אויספירן לויט דער ריי אָן שום שאָדן פאַר דער זאַך.

אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז נישט פאַראַן קיין פולע אייגמיניקייט אפילו אין אַוואַנגאַרד, און דאָס איז די הויפט סיבה, וואָס רופט ארויס די נויטווענדיקייט אין מער-ווייניק סטאַבילע גרופירונגען פון איינצעלנע פערזאָנען-אָנפירער, וואָס ווערן באַצייכנט מיטן וואָרט „פירער".

גוטע פירער זענען דעריבער די פירער, וואס דרוקן בעסער פאַר אלעם אויס די ריכטיקע טענדענצן פון דער פאַרטיי. און פונקט אזוי ווי עס איז זינלאָז אַנטקעגנצושטעלן דער פאַרטיי דעם קלאַס, אַזוי איז אויך זינלאָז אנטקעגנצושטעלן דער פאַרטיי די פירער פון דער דאָזיקער פאַרטיי.

פונדעסטוועגן האָבן מיר דאָס געטאָן, ווען מיר האָבן אנטקעגנגעשטעלט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטייען דעם ארבעטער קלאַס אָדער די פירער — די מאַסן פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אָבער דאָס האָבן מיר געטאָן און טאָן ווייטער, כדי צו פאַרניכטן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, כדי צו פאַרניכטן דעם איינפלוס פון דער בורזשואַזיע, וואָס גייט דורך די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער. ס'וואָלט אָבער געווען זייער אויסטערליש אַריבערצוטראָגן די מעטאָדע פון צערשטערונג פון אַ פיינטלעכער אָרגאַניזאַציע אויף אונז אַליין און דאָס פאַרשטעלן ווי אַן אויסדרוק פון אַ באַזונדערער רעוואָלוציאָנערישקייט.

אַן ענלעכע לאַגע איז פאַראַן אויך ביי די אַנדערע

קלאסן. נעמען מיר, למשל, דאָס היינטיקע ענגלאַנד. דאָרטן רע-
גירט, ווי א קלאס, די בורזשואַזיע. דאָך רעגירט זי דורך ללאָיד-
דזשאָרדזש'ס פאַרטיי, און ללאָיד-דזשאָרדזשס פאַרטיי רעגירט דורך
זירע פירער.

נישט אַזוי, פאַרשטייט זיך, קוקט אויף דעם ענין ה'
היינריך קונאָוו. ער פּראָטעסטירט קעגן קלאַסן כאַראַק-
טער פון די פאַרטייען בכלל. אָט איז זיין אַרגומענטאַציע:
(זע: 68 .B. II s ,c[1]) „די פאַרטיי פרעגט נישט דעם, וואָס וויל
צו איר צושטיין: „צי געהערסט דו צו א באַשטימטן קלאַס"?
אָבער אויך די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי פרעגט נישט.
צו איר (צו דער פאַרטיי נ. ב.) קען צושטיין יעדערער,
וואָס אנערקענט אלס יסוד אירע פרינציפּן און פאָדערונ-
גען, ד. ה. איר פּראָגראַם. אָבער די דאָזיקע פּראָגראַם
אַנטהאַלט אין זיך נישט נאָר באַשטימטע עקאָנאָמישע פאָ-
דערונגען, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך די אינטערעסן,
נאָר אייגנצייטיק, ווי די פּראָגראַמען פון אַנדערע פאַרטיי-
ען, באַשטימטע אויסער דער ספערע פון ווירטשאַפטלעכע
אינטערעסן ליגנדיקע, פּאָליטישע און פילאָזאָפישע אנשויונגען
(דער לעצטער קורסיוו אונזערער נ. ב.'. פאַרשטייט זיך
דער יסוד פון דעם רוב פאַרטייען איז די באַשטימטע קלאַס
גרופּירונג. אָבער לויט איר סטרוקטור איז יעדע פאַרטיי
אין דער זעלבער צייט אויך אַן אידעאָלאָגישע אַנטשטייונג, א
פאַרשטייערין פון אַ באַזונדערן פּאָליטיש דענקנדיקן קאָמ-
פּלעקס. און אַ סך פּערזאָנען טרעטן אריין אין דער פּאַר-
טיי נישט דערפאַר, ווייל די אַרויסגערוקטע דורך דער
פאַרטיי באַזונדערע קלאַסן-פאָדערונגען זענען זייערע פאָ-
דערונגען, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווערן צוגעצויגן דורכן
אידעאָלאָגישן קאָמפּלעקס.

די דאָזיקע באַטראַכטונגען פון איצטיקן הויפּט כע-

אָרעטיקער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זענען זייער באַ-
לערנד. הער קונאָוו, גאָרנישט צווייפלנדיק, שטעלט
אַנטקעגן די פּאָליטישע און פילאָזאָפישע אנשויונגען
פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון

דער דאָזיקער פּראָגראַם. אָבער צו וואָס איז דאָס ענ-
לעך, בירגעוו קונאָוו? און וואָס איז געבליבן פון אייער
מאַרקסיזם? די פּראָגראַם איז די העכסטע מדרגה פון באַ-
ווּסטזיניקייט און פלערליי „דענקנדיקע קאָמפּלעקסן"
די „פּאָליטישע און פילאָזאָפישע אנשויונגען" הענגען
לחלוטין נישט אין דער לופטן, נאָר וואַקסן ארויס פון די
דאָזיקע קלאַסן. זיי זענען זיך נישט נאָר סותר, נאָר פּאַר-
קערט, זיי דרוקן אויס די באַציונגען פון „זיין" און
אויף וויפיל ס'רעדט זיך וועגן פּראָגראַמאַטישע פאָדערונ-
גען, איז קלאָר, אַז דער פּאָליטישער און פילאָזאָפישער
טייל פון דער דאָזיקער פּראָגראַם דינען ווי אַ הייטל פון
זייער עקאָנאָמישן טייל.

דאָס קען מען זען אפילו ביי ה' קונאָווס
פּאַרטיי, די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַזוי ווי זי נעמט
אין זיך אַריין אַ יואָס גרעסערע צאָל נישט־אַרבעטער, און
גייט אַוועק פון אַרבעטער־קלאַס, שטיצנדיק זיך אין אַר-
בעטער־קלאַס, איבערהויפּט אויף זיין קוואַליפיצירטע אַריס-
טאָקראַטיע, דעריבער האָט זיך אידייאיש געענדערט דער
פּאָליטישער קאָמפּלעקט. פון דער „פּראָגראַם". אין אירע
פאָדערונגען איז זי געוואָרן זייער מעסיק; אַלס איר אי-
דעאָלאָגיע מאַכט זי דעריבער אַן אויסגערייניקטן, קאַסט-
רירטן, כ'בעט איבער אייער כבוד, „מאַרקסיזם" פון ה' קו-
נאָוו, אַלס קאָמענטאַר פון דער פּראָגראַם קלויבט זי אויס
ה' בערנשטיינען (אַן אַלטער פּאַררעטער פון מאַרקסיזם)
און אַלס אָפיציעלן פילאָזאָף שטעלט זי ה' פאָרלענ-
דער, אַ קאַנטישער אידעאַליסט.

59 § די קלאַסן, ווי אַ געצייג פון געזעלשאַפטלעכער

טראַנספאָרמאַציע. אויב מ'זאָל קוקן אויף דער געזעלשאַפט, ווי אויף אַ גרויסע אָביעקטיוו זיך אַנטוויקלענדיקע סיסטעם, וועלן מיר זעען, אַז דער איבערגאַנג פון איין קלאַסן-סיסטעם (פון איין קלאַסן—"געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע") אין דער אנדערער גייט אַדורך אַ פאַרביטערטן קאַמף פון קלאַסן.

די קלאַסן זענען אין אָביעקטיוו זיך אנטוויקלענדיקן פּראָצעס פון די געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען אַ יסודותדיקער לעבעדיקער טראַנסמיסיע (איבערגעבנדיקער) אַפּאַראַט, דורך וועלכן עס ווערט איבערגעבויט דער גאַנצער קיבוץ פון די לעבנס-באַציונגען פון דער געזעלשאַפט. די סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט ווערט פאַרענדערט דורך מענטשן, און נישט טראָץ מענטשן: די פּראָדוקציע באַציונגען זענען אויך אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלעכער טעטיקייט און קאַמף, ווי פלאַקס אָדער לייוונט (מאַרקס). נאָר אויב מיר וועלן צווישן דעם אומצאָליקן סכום פון אינדיווידועלע ווילנס, וואָס גייען אין פאַרשידענע ריכטונגען און וואָס גיבן סוף-כל-סוף אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן רעזולטאַט (גלייכווירקנדיקע טאַט) פּרוּוון אויסצוטיילן די הויפּט ריכטונגען, דאַן וועלן מיר אויך באַקומען געוויסע איינמיניקע ווילנס. דאָס וועלן טאַקע זיין די קלאַסן-ווילנס. זיי זענען באַזונדערס שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט איינער קעגן דעם צווייטן בשעת דער רעוואָלוציע, ד. ה. בשעת דער צעטרייסלונג פון דער געזעלשאַפט, בעת איר איבערגאַנג פון איין קלאַסן-פאָרם אין אַ צווייטער.

אָבער, פון דער צווייטער זייט, אונטער דער געזעצמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן-ווילנס ריי און פאַרשידענע פאַרפלאָנטערנישן און פאַרפלעכטונגען אין צוזאַמענשטויס פון קעגנזייטלעכע און זיך אונטערשיידנדיקע איינער פון צווייטן ווילנס באַהאַלט זיך אַ טיפערעשע געזעצמעסיקייט פון אָביעקטיווער אַנטוויקלונג, וואָס דעטערמינירט אין יעדער סטאַדיע די ערשיינונגען פון ווילנס-ריי.

פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר, אַז דער ווילנס-ריי
באַגרענעצט זיך מיט אויסערלעכע באַציונגען. ד. ה. אַז
די ענדערונגען אין די דאָזיקע געביטן, וואָס קענען פאָרקומען
אונטער אַ צוריק איינפלוס פון יוילן פון מענטשן זענען באַגרע-
ניצט דורכן פריערדיקן צושטאַנד פון די דאָזיקע באַדינגונגען.
אַזוי אַרום איז סיי דער קלאַסן קאַמף סיי דער קלאַסן-ווילן
צו אַרבעטנדיקער איבערגעבנדיקער אַפּאַראַט בעתן איבערגאַנג

פון איין געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור אין אַ צווייטער.

דערביי דאַרף דער נייער קלאַס אַרויסטרעטן ווי צו אָר-
גאַניזאַטאָר און טרעגער פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער עקאָ-

נאָמישער איינאָרדנונג. אַ קלאַס. וועלכער איז נישט דער טרעגער

פון דעם נייעם פּראָדוקציע אופן, קען נישט „איבערמאַכן” די
געזעלשאַפט. פאַרקערט, יענער קלאַסן-כוח, וועלכער פאַרקער-
פערט אין זיך די וואַקסנדיקע און מער פּראָגרעסיווע פּראָדוק-
ציע-באַציונגען, דער דאָזיקער כוח איז עס דער הויפּט לעבנס-
באַוועגונג פון געזעלשאַפטלעכן איבערקער. אַזוי האָט די בורזשו-
אַזיע, זייענדיק אַ טרעגער פון נייע פּראָדוקציע-באַציונגען, פון
אַ נייער עקאָנאָמישער סטרוקטור, איבערגעפירט אין אירע רע-
וואָלוציעס די גאַנצע געזעלשאַפט פון אירע אַלטע פעאָדאַלע
רעלסן אויף די רעלסן פון דער בורזשואַזער אַנטוויקלונג; אַזוי
אויך דער פּראָלעטאַריאַט, דער טרעגער און אָרגאַניזאַטאָר פון
סאָציאַליסטישן פּראָדוקציע-אופן א י ן זיין אורשפּרינגלעכער
קלאַסן-פאָרמולירונג, פירט איבער די געזעלשאַפט, וואָס קען שוין
אָביעקטיוו נישט לעבן אויפן אַלטן יסוד, פון די בורזשואַזע
רעלסן אויף סאָציאַליסטישע רעלסן.

§ 60 די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט פון דער צוקונפט.

אָבער דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף איין פּראָבלעם, וואָס איז
זייער ווייניק באַלויכטן געוואָרן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַ-
טור. די פּראָבלעם באַשטייט אָט אין וואָס. אויבן האָבן מיר גע-

זײַן, אַז דער קלאַס רעגירט דורך דער פּאַרטיי, די פּאַרטיי רעגירט דורך די פירער, אַז דער קלאַס און די פּאַרטיי האָבן, אַזוי צו זאָגן, זייער קאָמאַנדירנדיקע קאַדרע. די דאָזיקע קאָמאַנדירנדיקע קאַדרע איז טעכניש נויטווענדיק, ווארום, ווי מיר האָבן געזען, זי דרינגט אַרויס פון דער נישט־איינמיניקייט פון די פּאַרטיי־מיטגלידער. מיט אַנדערע ווערטער: יעדער קלאַס האָט זיינע אָרגאַניזאַטאָרן. אויב מ'זאָל קוקן פון דעם שטאַנדפּונקט אויף דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפט, דאַן קען מען, נאַטירלעך, שטעלן אַזאַ פראַגע: צי איז מעגלעך אַ קאָמוניסטישע קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, וועגן וועלכער די מאַרקסיסטן רעדן?...

און טאַקע. מיר ווייסן, אַז די קלאַסן גופא זענען אָרגאַניש אַרויסגעוואָקסן, ווי ענגעלס האָט דאָס אונטערגעשטראָכן, פון דער אַרבעטס־איינטיילונג, פון די אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס וואָס זענען טעכניש געוואָרן נויטווענדיק פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. אינצווישן איז קלאָר, אַז אויך אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט נויטיק זיין די דאָזיקע אָרגאַניזירטע אַרבעט. אויף דעם קען מען, אמת, ענטפערן אַזוי: אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט נישט זיין קיין פּריוואַט־אייגנטום און קיין אַנטשטייונג פון דעם דאָזיקן פּריוואַט אייגנטום. דערווייל אָבער איז אָט די דאָזיקע שייכות פון פּריוואַט־אייגנטום דער יסוד, פון וועלכן דער קלאַס באַשטייט.

אָבער דאָ איז אויך פאַראַן אַ קאָנטער־אַרגומענטאַציע. אַזוי, למשל, שרייבט דער פּראָפעסאָר ראָבערט מיכעלס אין זיין זייער אינטערעסאַנט בוך „צו דער סאָציאָלאָגיע פון פּאַרטייוועזן אין דער היינטיקער דעמאָקראַטיע" (R. Michels „Zur Soziologie des Parteiwesen in der modernen Demokratie" Leipzig. 1910. Verlag von Dr. Werkner Klinkhardt, s. 370):

„אין דעם פּונקט זענען ווידער־אַמאָל ריכטיק די ספקות, וועמענס קאָנסעקווענטע אַדורכטראַכטן ברענגט צו אַ פולער אָפּלייקענונג פון דער מעגלעכקייט פון אַ קלאַסנלאָזער מלוכה (דאָ דאַרף מען זאָגן: נישט מלוכה, נאָר, פאַרשטייט זיך, געזעלשאַפט. נ. ב.)

דאָס פאַרוואַלטן מיט אַ רידיקן קאַפּיטאַל (ד. ה. פּראָדוקציע-מיטלען נ. ב.)... גיט איבער די אַדמיניסטראַציע לכל הפּחות אַזאַ מאָס פון מאַכט, ווי דער באַזיץ פון אייגענעם קאַפּיטאַל, פּריוואַט אייגנטום". פון דעם שטאַנדפּונקט שטעלט זיך יעדע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פאַר נאָר. ווי אַ פאַרבאַנד פון די גרופּן-פירער (ווילפרעד פּאַרעטאָ'ס טעאָריע הייסט טאַקע „טעאָריע פון פאַרבייט פון די אויסגעקליבענע", theorie de la circulation des elites")

די דאָזיקע פּראָבלעם דאַרף מען אַנאַליזירן לויט איר מהות וואָרום, אַריב ס'איז ריכטיק די דאָזיקע הנחה, איז אויך ריכטיק דער אויספיר, וועלכן מיכעלס מאַכט. נעמלעך, אַז די סאָציאַליסטן קענען זיגן, אָבער נישט דער סאָציאַליזם.

קודם כל וועלן מיר ברענגען אַ ביישפּיל. ווען ס'הערשט די בורזשואַזיע, הערשט זי, ווי מיר ווייסן, נישט מיטאַמאָל דורך אַלע אירע קלאַסן-מיטגלידער, נאָר דורך אירע פירער, אָבער יעדער איינער ווייסט און זעט דאָך, אַז דאָס איז נישט גורם קיין קלאַסן פאַנאַנדערגלידערונג אינעווייניק אין דער בורזשואַזיע. די פּריצים-גוטבאַזיצער האָבן געהערשט אין רוסלאַנד דורך זייערע אויבער-בעאַמטע, וואָס זענען געווען אַ גאַנצע קאַדרע, אַ גאַנצער שיכט. פונדעסטוועגן איז דער דאָזיקער שיכט נישט אַנטקעגנגעשטאַנען די איבעריקע גוטבאַזיצער, ווי אַ קלאַס. פאַרוואָס? טאַקע צוליב אַ זייער פּשוטע סיבה: ווערפאַר, ווייל די לעבנס לאַגע פון די איבעריקע איז גאָרנישט געווען אַ נידעריקערע פון דער לעבנס-לאַגע פון די ערשטע: דער קולטורעלער ניוואָ איז אויך געווען דערזעלבער, בכלל ענלעך, און די מלוכה'-שע „רעגירער" האָבן זיך שטענדיק רעקרוטירט טאַקע פון דאַנען.

דעריבער איז פולשטענדיק גערעכט געווען ענגעלס, וועלכער האָט געשריבן, אַז קלאַסן זענען ביז אַ באַשטימטן מאָמענט אַ פּועל-יוצא פון אַ נישט גענוגנטער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. רעגירן מוז מען, אָבער, אַזוי צו זאָגן, אַ גוטער „פּאַיאַק" וועט נישט קלעקן פאַר אַלע. פונדאַנען — פּאַראַלעל מיטן וווּקס פון די אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס, געזעל-

שאַפטלעך-נויטיקע, וואַקסט אויך דאָס פּריוואַט-אייגנטום. אָבער די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט איז אַ געזעלשאַפט מיט זייער אַנטוויקלטע פּראָדוצירנדיקע כּוחות. פאָלגלעך, דאָרט קען נישט זיין קיין עקאָנאָמישער יסוד פאַר דער שאַפונג פון אַן אייגנאַרטיקן הערשנדיקן קלאַס. וואָרום, אויב מיר זאָלן אפילו אָננעמען די סטאַבילע מאַכט פון די אַדמיניסטראַטאָרן, לויט מיכעלסן,— וועט דאָס זיין די מאַכט פון ספּעציאַליסטן פון זייער פאַך איבער די מאַשינען, אָבער נישט איבער מענטשן. וואָרום, אין אמתן, ווי אַזוי וועלן זיי קענען רעאַליזירן די דאָזיקע מאַכט אין באַצוג צו מענטשן? בשום אופן נישט. מיכעלס פאַרגעכט א יסודותדיקן און אַנטשיידענעם פאַקט, אַז יעדע אַדמיניסטראַטיווע הערשנדיקע פּאָזיציע, איז ביז יעצטער צייט אויך געווען דאָס הייטל פון דער ווירטשאַפטלעכער עקספּלאָאַטאַציע. אָפּצורייסן די ווירטשאַפטלעכע עקספּלאָאַטאַציע אין געגעבענעם פאַל קען מען בשום אופן נישט. אָבער אַ סטאַבילע גרופּע, אַ געשלאָסענע מאַכט וועט אפילו נישט זיין איבער די מאַשינען, וואָרום ס'וועט פאַרשווינדן דער יסוד פון יסודות פאַר דער אַנטשטייונג פון אַזעלכע מאָנאָפּאָליסטישע גרופּירונגען: ס'וועט פאַרשווינדן דאָס, וואָס מיכעלס פירט אַריין אַלס אייביקע קאַטעגאָריע: „די נישט-קאָמפּעטענטקייט פון דער מאַסע.” „די נישט קאָמפּעטענטקייט פון דער מאַסע” איז לחלוטין נישט אַ נויטווענדיקע צוגעהעריקייט פון יעדן צוזאַמענלעבן: זי איז פּונקט אַ פּראָדוקט פון די עקאָנאָמיש און טעכנישע באַדינגונגען, וואָס ווירקן דורך דעם אַלגעמיין קולטורעלן לעבנס-שטייגער און דורך די באַדינגונגען פון דער בילדונג. מ'קען אַזוי זאָגן: אין דער

צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט זיין אַ גראַנדיעזע איבערפּראָדוקציע אין אָרגאַניזאַטאָרן, און דעריבער פאַלט אָפּ די סטאַביליטעט פון די אָנפירנדיקע גרופּירונגען.

אַ סך שווערער שטייט די פראַגע פון איבערגאַנגס-פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, ד. ה. פון פּעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דער אַרבעטער-קלאַס זיגט

דעמאָלט, ווען ער שטעלט לגמרי נישט פאָר מיט זיך, — און ער קען נישט פאָרשטעלן — אַן איינמיניקע מאַסע. ער זיגט אין די באַדינגונגען פון דער ירידה פון פראָדוצירנדיקע כּוחות און דער מאַטעריעלער נישט פאַרזיכערטקייט פון די ברייטע מאַסן. דערי־בער וועט אומפאַרמיידלעך זיין באַשיינפּערלעך די טענדענץ צו „דעגענעראַציע", ד. ה. צו דער אויסטיילונג פון דעם אָנ־פירנדיקן שיכט, ווי אַ קלאַסן־שפּראַצונג. פון דער צווייטער זייט, וועט זי פאַראַליזירט ווערן דורך צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן: ערשטנס, דורכ'ן וווקס פון די פראָדוצירנדיקע כּוחות; צווייטנס

דורך דער פאַרניכטונג פון מאָנאָפּאָל פון בילדונג. די פאַר־

ברייטערטע רעפּראָדוקציע פון טעכניקער און אָרגאַניזאַטאָרן פון אַרבעטער קלאַס בכלל רייסט אויס דעם וואָרצל אונטער דער מעגלעכער נייער קלאַסן־איינטיילונג. פון דעם, וואָסערע טענדענצן וועלן זיך אויסווייזן אַלס שטאַרקערע הענגט אָפּ דער ענטגיל־טיקער אויסגאַנג פון קאַמף.

אַזוי אַרום דאַרף דער אַרבעטער קלאַס, האָבנדיק צו זיין דיספּאָזיציע אַזאַ אויסגעצייכנטן אינסטרומענט, ווי די מאַרקסיסטי־שע טעאָריע, געדענקען: מיט זיינע הענט ווערט איינגעשטעלט און וועט סוף כּל סוף איינגעשטעלט ווערן אַזאַ אָרדנונג פון באַציונגען, וועלכע שיידט זיך פּרינציפּעל אונטער פון אַלע פאַר־גאַנגענע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס פון דער פּרימיטיוו־קאָמו־ניסטישער האָרדע, מיט דעם, וואָס דאָס וועט זיין אַ געזעלשאַפט פון הויך קולטורעלע מענטשן, וואָס אָנערקענען זיך און אנדערע, פון די קלאַסן־פאָרמען — מיט דעם, וואָס ס'וועט צום ערשטן מאָל געשאַפן ווערן באַדינגונגען פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענץ נישט נאָר פאַר איינצעלנע גרופּן, נאָר פאַר דער גאַנצער מאַסע מענטשן, פאַר אַ מאַסע, וואָס הערט אויף צו זיין אַ מאַסע, און זי ווערט אַן איינהייטלעכע, האַרמאָניש־געבויטע מענטשלעכע געזעלשאַפט.

ליטעראַטור צום 8־טן קאַפּיטל

אַן אויספירלעך ווערק וועגן קלאַסן איז פּראָפ. סאָלנ־צעווס בוך: „געזעלשאַפטלעכע קלאַסן“.

זע אויך: מאַרקס און ענגעלס „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“.

מאַרקס: „דער עלנט פון דער פילאָזאָפיע“

„ „קאַפּיטאַל“.

„ „היסטאָרישע ווערק“.

ענגעלס: די לאַגע פון אַרבעטער קלאַס אין ענגלאַנד

„ „ליודוויק פייערבאַך“.

„ „אַנטשטייונג פון דער פאַמיליע“ א. א.

קויטסקי: „די אַגראַר־פראַגע“.

„ די סתירות פון קלאַסן־אינטערעסן בשעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

נ. ראָזשקאָוו: „מאַרקס און קלאַסן־קאַמף“. (זאַמלבוך „צו מאַרקסנס אָנדענק).

וו. שוליאַטיקאָוו: „פון דער טעאָריע און פּראַק־טיק פון קלאַסן־קאַמף“.

א. באָגדאַנאָוו: „עמפּיראָמאָניזם“. 3-עס בוך.

ח. טשערנאָוו: (ס—ר) „דער פויער און ארבעטער, ווי אַן עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע.

יז. דיעלעווסקי: (ס—ר) „די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און קלאַסן-קאַמף.

H Kunow: Die Marxsche Geschichtstheorie

בײלאַגע

צום אויסשטעל פֿון די פּראָבלעמען פֿון דער טעאָריע פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם

(פֿאַרבײַגײענדיקע באַמערקונגען)

אין מײַן בוך „טעאָריע פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם" האָב איך מיך באַמיט נישט נאָר איבערצוחזרן דאָס, וואָס ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן פֿריער, נאָר, פֿון איין זײַט, צוגעבן געוויסע אַנדערע פֿאָרמולירונגען פֿון דעם זעלבן, און פֿון דער צווייטער זײַט, פֿאַרפּינקטלעכן און אַנטוויקלען די הנחות פֿון דער טעאָריע פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, ווײַטער אַרויסרוקן די באַאַרבעטונג פֿון אירע פּראָבלעמען. ווי באַקאַנט, האָט ענגעלס, נישט לאַנג פֿאַר זײַן טויט, געזאָגט, אַז אין געביט פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם זענען ערשט געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט. ס'וואָלט זיך געדוכטן, אַז די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון די תּלמידים פֿון די גרויסע לערער איז צו באַאַרבעטן די פּראָבלעמען פֿון דער דאָזיקער טעאָריע. נאָר אַזוי איז שוין די קראַפֿט פֿון קאָנסערוואַטיזם פֿון מענטשלעכן געדאַנק, אַז אַ סך מענטשן זענען אָרגאַניש נישט בכּוח צו פֿאַרשטיין די דאָזי־

קע אויפגאַבע¹). דערווייל אָבער זענען דער צווועקשטעל און
נבאַשייד פון דער פראָבלעם א טאָג פראַגע. די קעג־
אערישע ליטעראַטור איז געוואַלטיק אויסגעוואקסן. אַ קאָנטר
זיטאק מצד אונז איז נויטיק, און דערביי אויף אַ וואָס מער
איך העכערנדיקן יסוד פון אונזערע אייגענע טעאָרעטישע הנחות.
און די איצטיקע „פאַרבייגייענדיקע באמערקונגען" וועל איך פרווון
אָנשקיצירן די מאָטיווירונג פון די „חודישים", וואָס זענען פאַראַן
אין מיין בוך, — חידושים, וועלכע, — כ'באהויפט דאָס —
גייען אלע אויף דער ליניע פון דער „אמתייסטן אָרטאָדאָקסא־
יער, מאטעריאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער אויפפאסונג פון
מארקס"²).

1) „מעכאנישעס" און „אָרגאנישעס". ביז צו דער לעצ־

טער צייט האָט מען אין אונזער סביבה אנטקעגנגע־
שטעלט די דאָזיקע צוויי באַגריפן. אויפן געביט פון די
געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן האָבן מיר, מארקסיסטן, פראָטעסטירט
קעגן „מעכאנישער דערקלערונג", וועלנדיק בעסער רעדן וועגן
„אָרגאנישע" צוזאמענהאנגען א. א. וו., הגם מיר האָבן לגמרי
נישט מסכים געווען צו די פאראורטיילן פון דער אַזוי גערו־
פענער „אָרגאנישער שול" אין דער סאָציאָלאָגיע.

1) פלעכאנאוו, אין פאָרוואָרט צו „קריטיק פון אונ־
זערע קריטיקער", שרייבט: די ארטיקלען פון די ה"ה סוביעק־
טיוויסטן און נאראדניקעס... האבן מיך איבערגעצייגט אין דעם,
אז זיי, פארגעסנדיק אונזערע טערמינען, האָבן זיך נישט אָפּגע־
געבן קיין רעכנונג אין די באגריפן... כדי איבערצוצייגן אין
דעם די לעזער, האָב איך באַשלאָסן צו דערקלערן אונזער טע־
אָריע מיט אנדערע ווערטער. ס'איז געשען דאָס,
וואָס כ'האָב מיך דערויף גערעכט. איינער פון אונזערע גרעסטע
קריטיקער, נישט אָריענטירנדיק זיך אין וואָס ס'האנדלט זיך
האָט אָנגעהויבן צו שרייען, אז איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פון

זינט יענע צייטן האָבן זיך באַוויזן צוויי אַנטשיידנדיקע פאַקטאָרן: ערשטנס, דער איבערקער אין די פאָרשטעלונגען וועגן דעם בוי פון דער מאַטעריע; צווייטנס, דער אויסגעוויינלע־כער וווּקס פון אידעאַליזם אין דער אָפּיציעלער בורזשואַזער וויסנשאַפט. די רעוואָלוציע אין דער טעאָריע וועגן דעם בוי פון מאַטעריע האָט אין שורש געענדערט די פאָרשטעלונג וועגן אַטאָם, ווי אַן אַבסאָלוט איזאָלירטע איינס. דערווייל אָבער איז גראָד די דאָזיקע אַלטע פאָרשטעלונג וועגן אַטאָם איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דעם אינדיווידום. די ראָבינזאָנאַדעס אין די גע־זעלשאַפטלעכע לערעס האָבן געענוי אַנטשפּראָכן די אַטאָמען פון דער אַלטער מעכאַניק, דערווייל אָבער האָט זיך אין געביט פון די געזעלשאַפטלעכע לערעס טאַקע גערעדט וועגן דער באַ־העררשונג פון די ראָבינזאָנאַדעס. מ'האָט באַדאַרפט אַרויס־רוקן מיט דער גאַנצער קראַפט און אַנטשלאָסנקייט דעם גע־זעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, וואָס איז גענייאַל אויסגע־פירט געוואָרן דורך מאַרקסן אַלס קעגנגעווויכט צו די אינדיווידו־אַליסטישע טעאָריעס פון דער בורזשואַזיע, איינשליסנדיק דאָ אַהער אויך די גלענצנדיקע „קלאַסיקער" פון דער פּאָליטישער

„עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם"... דאָס, וואָס די קעגנער זענען אַריינגעפאַלן, האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט באַדויערט. נאָר אָט וואָס ס'איז געווען טרויעריק: ס'האָבן מיך נישט פאַרשטאַנען אויך טייל אָנהענגער. זיי, ווי סזעט אויס, האָבן נאָר געדענקט בלויזע ווערטער... (ז. 6, 1c). ליידער, דער דאָזיקער מין אָנהענגער, וואָס געדענקן נאָר ווערטער, איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען אין ראַטן־רוסלאַנד. נאָר וועגן דעם אויף אַן אַנדער אָרט.

2) זע די הקדמה צו דעם פאַרליגנדיקן בוך.

עקאנאמיע (סמיט און ריקארדא). צי זענען ריכטיק געווען די פראגמאטיסטן קעגן „מעכאנישן" אויפן געביט פון די געזעלשאפט־לעכע וויסנשאפטן? געוויס, יא.

אָבער מ'טאָר נישט דערמאָנען בלויז טערמינען, נישט פארשטייענדיק דעם מהות פון דעם ענין. **איצט** ווערט דאָס ריכטיק דיאַלעקטיש פאַרוואַנדלט אין זיין אייגן קעגנזאַץ. ווארום די היינטצייטיקע פארשטעלונג וועגן מאַטעריע האָט **אומגעוואָרפן** די אַלטע אנשויונגען. ס'איז געקומען אַ סוף צום **איזאָלירטן** און אָן־איכותדיקן אַטאָם. דער עלע־מענט פון צוזאַמענהאַנג, דער אַנוווקס פון נייע איכות'ן א.א.וו. האָט צוריקבאַקומען אַלע זיינע רעכט. דאָס **אַנטקעגנ־שטעלן** דאָס „מעכאַנישע" „אָרגאַנישע" פון **דעם** שטאַנד־פונקט איז געוואָרן זינלאָז.

פון דער צווייטער זייט, האָט דער וווקס פון אידעאַליזם אין דער בורזשואַזער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע דערפירט צום „אָרגאַנישן" „**מיסטיציזם**". דער באַגריף „לעבן" איז געוואָרן מיסטיש (בערגסאָן, דריש עט קאָמפּ.). וואָס זשע דרינגט דערפון? דערפון דרינגט דער אַרויסטרייב פון דעם אַלטן אַקעגנשטעלן פון אונזער אידעאָלאָגיע, אויב מיר ווילן נאָר ערנסט קעמפן פאַר דער **מאַטעריאַליסטישער** וועלט־אַנשויונג בכלל און פאַר דער **מאַטעריאַליסטישער** געזעלשאפטלעכער וויסנשאַפט בפרט.

2) דיאַלעקטיק און טעאָריע פון גלייכגעוויכט. ווי באַוווסט

האָט מאַרקס באַפרייט די דיאַלעקטיק פון דעם מיסטישן הייטל, אַרויסשטעלנדיק די הנחה, אַז די דיאַלעקטיק, ווי אַ דענקנדיקע קאַטעגאָריע, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער דיאַלעקטיק אין פּראָ־צעס פון רעאַלן **מאַטעריעלן ווערן**, וואָרום דאָס אידע־אַלע" איז בלויז אַן איבערגעזעצטעס מאַטעריעלעס אויף דער ספּע־ציפישער שפּראַך פון מענטשלעכן מוח אָבער ביז היינט און דערביי אין וואַקסנדיקער מדרגה ווערן געמאַכט פרוון **אָפּצו־רייסן** דעם דענקונגס־פּראָצעס פון דעם מאַטעריעלן פּראָצעס

פון פרווון צו פאַרוואַנדלען די דיאַלעקטיק אין אַן אויסשליס־לעך דענקונגס־קאָנסטרוקציע, אין אַ געוויסן מעטאָד, וועלכן סזאָל נישט אַנטשפּרעכן קיין שום רעאַלקייט. אַ טיפּישע דערשיינונג איז אין דער היינטיקער דער „עסטרייכישער מאַרקסיזם" מיט מאַקס אַדלער בראש. ווי אַזוי דאַרף מען קעמפן מיט דעם פאַרקריפּלטן מאַרקסיזם פון אַ פאַרקריפּלונג וואָס איז באַ־שיינפּערלעך אַנטימאַטעריאַליסטיש? ס'איז פולשטענ־דיק קלאָר, אַז מדאַרף אויפדעקן דעם מאַטעריעלן שורש פון דער דיאַלעקטיק, ד. ה. אין די פאָרמען פון דער באַוועגלעכער מאַ־טעריע. געפונען דאָס וואָס „אַנטשפּרעכט" העגעלס דיאַלעקטישער פאָרמול. דער אומאויפהערלעכער צוזאַמענשטויס פון די כוחות, דער צעפאַל, דער וווּקס פון סיסטעמען, די אַנטשטייונג פון נייע און זייער אייגענע באַוועגונג,—מיט אַנדערע ווערטער, דער פּראָצעס פון באַשטענדיקער צעשטערונג פון גלייכגעוויכט, פון איר צוריקשטעל אויף אַן אַנדערן יסוד, פון אַ נייער צעשטע־רונג א. א. וו. אָט וואָס אַנטשפּרעכט ר עאַל העגעלס דריי־איינהייטלעכער'פאָרמול. וואָס פאַר אַ נייעס ברענגט אַריין די דאָזיקע אויסטייטשונג? לויטן מהות, איז דאָס, דאָסזעלבע. אָבער דאָ ווערט אָנגעוויזן אויפן מאַטעריעלן פּראָצעס און אויף דער באַ־וועגונג פון דער מאַטעריעלער פאָרם. מיט אַנדערע ווערטער. דאָ איז די דיאַלעקטיק פון מאַטעריעלן ווערן וואָס ווערט אידעאַליסטיש אויסגעדרוקט דורך העגעלס טריאַדע. ס'איז פולשטענדיק נישט ריכטיק דער פאָרוואורף וועגן דער מע־כאַנישקייט פון אַזאַ פאָרמולירונג. נישט ריכטיק איז עס דערפאַר ווייל מ'טאָר נישט אַנטקעגנשטעלן דער היינטצייטי־קער מעכאַניק די דיאַלעקטיק. אויב די מעכאַניק איז נישט דיאַלעקטיש ד. ה. די גאַנצע באַוועגונג איז נישט דיאַלעקטיש, וואָס־זשע בלייבט דאַן איבער פון דער דיאַלעקטיק? פאַרקערט. די באַוועגונג איז, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, די

מאַטעריעלע נשמה פון דעם דיאַלעקטישן מעטאָד און זיין אָביעקטיווער יסוד.

מאַרקס און ענגעלס האָבן באַפרייט די דיאַלעקטיק פון איר מיסטישער שאָל אין דער ווירקלעכקייט, ד. ה. אָנווענדנדיק מאַטעריאַליסטיש דעם דיאַלעקטישן מעטאָד ביים אויספאָרשן פאַרשידענע געביטן פון דער נאַטור און געזעלשאַפט. איצט רעדט זיך וועגן דער טעאָרעטיש סיסטעמאַטישער אויפקלערונג פון דעם דאָזיקן מעטאָד און זיין, אויך טעאָרעטיש־סיסטעמאַטישן יסוד. דאָס ווערט טאַקע געטון מיט דער הילף פון דער טעאָריע פון גלייכגעוויכט.

די טעאָריע פון גלייכגעוויכט האָט אַ חוץ דעם נאָך איין נישט ווייניק וויכטיקן אַרגומענט אויף איר זייט: זי באַפרייט די וועלט אַנשויונג פון דעם טעלעאָלאָגישן בייגעשמאַק, וואָס איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט העגעלס פאָרמולירונג, וועלכע שטיצט זיך אויף דער זעלבסט אַנטוויקלונג פון „גייסט". אַנשטאָט עוואָלוציע (אַנטוויקלונג), און נאָר אַנטוויקלונג, דערלויבט זי אויך צו זען פאַלן פון צעשטערונג פון מאַטעריעלע פאָרמען. מיט דעם אַליין ווערט זי אַ מער אַלגעמיין און אַ גערייניקטע פון אידעאַליסטישע עלעמענטן פאָרמולירונג פון געזעצן פון באַוועגלעכע מאַטעריעלע סיסטעמען.

3) טעאָריע פון גלייכגעוויכט און די פּראָדוצירנדיקע כוחות.

די הויפּט־פראַגע פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז די פראַגע וועגן דעם, פאַרוואָס די פּראָדוצירנדיקע כוחות ווערן צוגעצויגן אַלס אַ לעצטע סיבה, וואָס דערקלערט אַלץ (אין ענד־חשבון). דאָ הערשט אין די מאַרקסיסטישע רייען (בתוכם אויך אין אונזערע אָרטאָדאָקסאַל מאַרקסיסטישע, קאָמוניסטישע רייען) גענוג שטאַרקע חילוקי־דעות. זייער אָפט דערפירט מען דעם דאָזיקן ענין צו אַ באַשיינפּערלעך נישט־טויגלעכער „טעאָריע פון פאַקטאָרן", דערביי ווערן די פּראָ-

דוצירנדיקע כוחות פאַרביטן דורך די פּראָדוצירנדיקע באַציונגען (עקאָנאָמישער פאַקטאָר). טיילמאָל דערוועקט מען לויטן עצם ענין די פראגע וועגן הון און איי פון שטאַנדפּונקט פון זייער „גע-בעזיס", אפילו פלעכאַנאָווס באַשייד (אין „מאָניסטישן בליק") איז באַשיינפּערלעך נישט צופרידנשטעלנדיק. ווי אזוי שטעל ער אויעק די פּראַגע? ער נעמט די קאָנטראָווערסיע צווישן די געדאַנקען-ריכ-טונגען: איינער, וועלכער באַהויפּטעט, „מיינונגען רעגירן מיט דער וועלט", און א צווייטער, וועלכער האַלט, אַז „די לעבנס באַדינ-גונגען שאַפן דעם מענטשן". אין אונזערע טערמינען קען מען רעדן וועגן צוגעבויען און באַזע. צי האָט דער צוגעבוי אַן איינ-פלוס אויף דער באַזע? יאָ. די באַזע אויף דעם צוגעבוי? אויך יאָ. און פלעכאַנאָוו איז מסכים, אַז אין אזאַ אַוועקשטעל קען מען נישט ,ייזן די פּראַגע. ווו-זשע איז די לייזונג? לויט פלע-כאַנאָוו, באַשטייט זי אין דעם, וואָס די ביידע קעגנזייטיק-ווירקנדיקער גרויסן הענגען אָפּ פון אַ דריטער גרויס (פּראָדוצירנ. דיקע כוחות) און אָט דער אומשטאַנד לייזט די גאַנצע פּראָבלם

ס'איז אָבער נישט שווער צו זען, אַז די פּראַגע קען, אַזוי אַרום, אָפּגערוקט ווערן, אָבער נישט געלייזט ווערן. אין אמתן, ווירקן דאָ דער צוגעבוי און די עקאָנאָמיק צוריק אויף די פּראָדוצירנדיקע כוחות? יאָ, די פּראָדוצירנדיקע כוחות אויף דער עקאָנאָמיק און ציגעבוי? אויך יאָ, די פּראַגע „ווערט רעפּראָדו-צירט אויף אַ נייעם יסוד" — אָט דאָס איז עס אינגאַנצן.

דאָס איז אויך די צענטראַלע פּראַגע פון דער סאָציאָ-לאָגיע. וואָרום אויב מ'וועט נישט געבן אויף איר קיין ענטפער אין גייסט פון מעטאָדאָלאָגישן מאָניזם און פרוון געפונען פאַר זיך אַ מקום-מקלט אונטערן צודעק פון „טעאָריע פון פאַק-טאָרן", דאַן, ווי עס באַמערקט פולשטענדיק ריכטיק דער בור-זשואַזער דייטשער פילאָזאָף Brandenburg, וועט זיך רעדן בלויז וועגן דעם קוואַנטיטאַטיוון חילוק ביים אָפּשאַצן די ווירטשאַפט-לעכע און גייסטיקע איינפלוסן[1] און דאָס, ערשטנס, איז א

(1 E. Brandenburg — Prof. an der Universitat Leipzig:

טעאָריע, וואָס דערקלערט גלייך ווי גאָרנישט; צווייטנס, דאָס וועט זיין אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר נישט מאַרקסיזם.

פראָפ. Brandenburg פארנייגט זיך מיט א העפלעכן רע-ווערענס פאַר אזא מאַרקסיזם. און וואָס שייך דער אמתער מאַ-טעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון געשיכטע שרייבט דער דאָזיקער פראָפעסאָר: זי, די דאָזיקע אויפפאַסונג, וויל אַרונטערפירן אַלע באַוועגונגען (alle Wandlungen) פון בשותפותדיקן לעבן פון מענטשן צו ענדערונגען אויפן געביט פון די פראָדוצירנדיקע כוחות; אָבער זי קען נישט דערקלערן, פארוואָס די לעצטע (די פראָדוצירנדיקע כוחות) גופא דארפן זיך שטענדיק ענדערן, און פארוואָס דאָס דארף אומפארמיידלעך פאַרקומען אין דער ריכ-טונג צום סאָציאַליזם¹)

אָט אויף דער דאָזיקער פאָרמול פון דעם ה' פראָפעסאָר קען מען בעסער פאר אלץ פארשארפן אונזער איינגענער מע-טאָדאָלאָגיע ביים לייזן אַ געגעבענע, חזר איך איך איבער, צענ-טראַלע סאָציאַלאָגישע פראָבלעם.

דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע — דעם ענטפער וואָס איך האַלט אים פאר דעם איינציקן ריכטיקן,—איז אזא: די פראָדוצירנדיקע כוחות באַשטימען די געזעלשאפטלעכע אנטוויק-לונג דערפאר, ווייל זיי דרוקן אויס מיט זיך די מיט-שייכות צווישן געזעלשאפט, ווי א באשטימטער רעאלער קבוץ, און איר סביבה... און די מיט שייכות צווישן סביבה און סיסטעם, איז

א גרויס, וואָס באַשטימט, אין ענד-חשבון, די באַוועגונג פון א

באַליביקער סיסטעם. דאָס איז איינער פון די אלגעמיינע געזעצן

„Die materialistische Geschichtsauffasung, ihr Wesen und ihre Wandlungen. 1920 Verlag von Quelle u Meyer in Leipzig, s. 58... So handelt es sich nur noch um Graduntershiede in der Bemessung wirtschaftlicher und geistiger Eisflüsse

ibid ,1c, 58. (1

פון דער דיאַלעקטיק פון דער באַוועגלעכער פאָרם. דאָס איז טאַקי די פאָרם, אינערהאַלב וועלכער ס'קומט פאָר די מאָלעקו־לאַרע איבערשטעלונג פון די כּוחות, ס'פאַרבונדן זיך און בונדן זיך אויף אומצייליקע קניפּן פון קעגנזייטיקייטן און סתירות. זאָלן די פּראָדוצירנדיקע כּוחות פּרוּוון צו ענדערן זיך אונטערן איינ־פלוס פון „באַזע" און „צוגעבויען". דאָס קאָנסטאַטירן די דאָזי־קע איינפלוסן ענדערט נישט אויף א האָר דעם הויפּט פאַקט: די מיט־שייכות צווישן געזעלשאַפט און נאַטור, דער סכום פון דער מאַטעריעלער ענערגיע, אויף וועמענס חשבון די געזעלשאַפט לעבט און וועלכע קען ווי מען וויל טראַנספאָרמירט ווערן אין פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז יעדעס מאָל א באַשטימ־דיקער גרויס.

אזוי, און נאָר אזוי, קען געלייזט ווערן די הויפּט־פּראָבלעם פון דער טעאָריע פון היסטאָריש־מאַטעריאַליזם.

4) די פּראָדוקציע־באַציונגען. די פּראָדוקציע באַצי־ונגען זענען, לויט מאַרקסן, די מאַטעריעלע באַזע פון דער גע־זעלשאַפט, דערביי אָבער הערשט ביי א גאַנצע ריי אידעאַליסטישע גרופּירונגען אין מאַרקסיזם (אָדער אין „מאַרקסיזם") אן אומבאַ־זיגבאַרע שטרעבונג צו „ספּיריטואַליזירן" די דאָזיקע מאַטעריע־לע באַזע. דער זיגרייכער מאַרש פון דער פּסיכאָלאָגישער שול און דעם פּסיכאָלאָגישן מעטאָד אין די טעמפּלען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכער וויסנשאַפט, האָט נישט געקענט נישט „אינפיצירן" די מאַרקסיסטישע און האַלב־מאַרקסיסטישע ריייען. די דאָזיקע דערשיינונג איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דעם זיך הייבנדיקן איינפלוס פון דער שול־אידעאָלאָגישער פילאָזאָפיע בכלל. אונטער דער מאַטעריעלער באַזע מאַרקסנס האָט מען אָנגעהויבן ארונטערפירן אן „אידעאַלע" פּסיכאָלאָגישע באַזע פון דער עסטרייכישער שול (בעם־באַווערק ל. יאָרד און tutti quanti. אלס פּאָרויסשיסער איז אויך דאָ ארויסגעטרעטן דער טעאָרעטיש פארפוילטער עסטרייכישער־מאַרקסיזם. די מאַטעריעלע

באזוּ האָט מען אָנגעהויבן צוּ טראַקטירן אין אַ פּיקוויקשן[1] זין. די עקאָנאָמיק, פּראָדוקציע אופן, האָבן זיך אויסגעוויזן אלס אַן אונטערשטע ריי פון פּ ס י כ י ש ע קעגנזייטיקייטן. דער האַרטערביין פון מ א ט ע ר י ע ל ן איז פאַרשוואונדן פון אונטער דער געזעלשאַפטלעכער געביידע.

אין דער רוסישער ליטעראַטור איז די דאָזיקע „פּסיכאָלאָגיע" פון מאַרקסיזם קאָנסעקווענט אַדורכגעפירט געוואָרן אין א. באָגדאַנאָוו'ס ווערק. לויט באָגדאַנאָוון איז אפילו די טעכניק אויך נישט קיין זאַכן, נאָר די קענטעניש פון מענטשן צו אַרבעטן מיט דער הילף פון באַשטימטע אַרבעטס-מכשירים, זייער, אַזוי צו זאָגן, פּסיכאָלאָגישער טרענאַזש.

ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַ ז אַזאַ פּסיכאָלאָגיזירטער מאַרקסיזם איז אַ בולטער אוועקגייג פון דעם אונטערגעשטראָכענעם דורך מאַרקסן com amore מ א ט ע ר י א ל י ז ם אין דער סאָציאָלאָגיע.

אָבער ווי-אַזוי זאָל מען פאָרט באַהאַנדלען די מ א ט ע ר י ע ל ק י י ט פון די פּראָדוקציע-באַציונגען?

מיר דאַכט זיך, אַז אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור איז נישט געגעבן געוואָרן קיין גענויער ענטפער אויף דער פראַגע, און טיילווייז דעריבער האָט די „פּסיכאָלאָגישע" קאָנסטרוקציע, וועלכער מ'קען נישט אָפּזאָגן אין אַ געוויסער צילבאַוווסטקייט און דורכגעטראַכטקייט, געהאַט אַן איינפלוס אויף די מאַרקסיסטישע מוחות[2].

ווי אַזוי זאָל מען לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע? דער קעגנער שטעלט אַרויס אַ ריי זאַכלעכע אַרגומענטן. דער וויכטיקסטער אַרגומענט איז די הנחה, אַז דער באַגריף: באַציונג צווישן

1) פּ י ק וו י ק — אַ העלד פון דעם ענגלישן שרייבער דיקנס. פון זיין באַרימט בוך: „קלוב פון פּיקוויק".

2) צוליב דער „פאַרשטענדיקייט" פון טייל קריטיקער מוז איך מאַכן אַ באַוואָרעניש: דאָ רעדט זיך וועגן דער ל אָ ג י ש ע ר פאַכקייט, וועלכע, גאַטירלעך, האָט איר סאָציאַל-עקאָנאָמישן עקוויוואַלענט.

מענטשן, איז משער זייער פסיכישער קעגנזייטיקייט. אזוי ארום

איז דער ארבעטס-צוזאמענהאנג א פסיכישער ארבעטס-צוזאמענ' האנג. אזוי ווי ס'ליגט נישט אונטער קיין ספק, אז דער פראָ-צעס פון שאפן, ווי אויך דאָס אונטערהאלטן די דאָזיקע באַצי-ונגען, איז א פסיכישער פראָצעס, וועלכער ווערט צונויפגעלייגט פון פסיכישע אקטן, וואָס ווערן אָביעקטיווירט אין געזעלשאפט-לעכן מאסשטאב, ווערט שוין ממילא דורך דעם פעסטגעשטעלט דער געזעלשאפטלעך עפסיכישער כאראקטער פון דער „באזע".

איך באהויפּט, אז קעגן דער דאָזיקער ארגומענטירונג איז אין אונזער סביבה נישט ארויסגעשטעלט געוואָרן קיין קאָנטער-ארגו-מענטירונג. דעריבער לייג איך פאָר א נייע, מאטעריאליס-טישע לייזונג פון דער אויפגאבע, וואָס גייט אויף דער ליניע פון די מארקסיסטישע לייזונגען. די דאָזיקע לייזונג איז אזא:

אונטערן באגריף פּראָדוקציע באציונגען פארשטיי איך די ארבעטס קאָארדינירונג פון מענטשן (וואָס ווערן באט-ראכט ווי „לעבעדיקע מאשינען") אין רוים און צייט. די סיסטעם פון די דאָזיקע באציונגען איז אויף אזוי פיל „פסיכיש" ווי די סיסטעם פון די פלאַנעטן צוזאמען מיט זייער זון. די באשטימטקייט פון אָרט אין יעדן כראָנאָלאָגישן פונקט — אָט וואָס עס מאכט פון דער סיכעם א סיסטעם: פון דעם דאָזיקן שטאנד-פונקט פארשווינדט יעדע פסיכישע באזע. און דער אומשטאנד, וואָס אלס פארמיטלונגס-מאָמענט זענען די פסיכישע עלעמענטן, צעשטערט לגמרי נישט אוןווארפט גאָרנישט אום די גלייכגע-וויכט פון אונזער אַרגומענטירונג: אלס פארמיטלונגס מאָמענט דינט אין פראָצעס פון דער קיבוצדיקער רעפּראָדוקציע פונם געזעלשאפטלעכן לעבן וואָסער-עס-איז חלק פון די צוגעבויען. די פאָרגעלייגטע לייזונג האלט איך אלס אייינציק מאטעריאליסטישע, אָן איר, חוץ איר, קען מען נישט ענטפערן אַדלערן עט קאָפּ.

5) צוגעבוי און אידעאָלאָגיע. די סטרוקטור פון די צוגעבויען,

דער אנאליז פון די דאָזיקע געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען אין זייער סטאטישן איבערשניט) איז בעווען א זייער נישט גענוגנ-

טער. פון דאנען איז אנטשטאנען א גאנצע ריי מיספארשטייענישן, טעותים, און אויך טעאָרעטישע טעמפע ווינקלען און פאלשע זיך „דאכטנדיקע" דערקלערונגען. למשל: די אויספאָרשער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף א וויסנשאפטלעכער לאבאָראַטאָריע, מיט א ריי ארבעטסמכשירים, מיט זייערע אייגנארטיקע ארבעטס-באציונגען א. א. וו. פון דאנען דער אויספיר: לאַבאָראַטאָרישע (פּוּענטוּעל וויסנשאפטלעכע) ארבעט געהערט צו דער פּראָדוקציע. אנטוויקלנדיק ווייטער די דאָזיקע באהויפּטונג, זענען זיי געקומען צו דעם, וואָס יעדע געזעלשאפטלעך-נוצלעכע ארבעט איז א פּראָדוקטיווע ארבעט. אין רעזולטאט איז אלץ דערטרונקען געוואָרן אין דער דאָזיקער „פּראָדוקציע" און די מארקסיסטישע טעאָריע איז מגולגל געוואָרן אין א נארישע דערקלערונג פון א טייל דורכן גאנצן, נישט מער. אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, וואו הין צ:יטון אין מארקסנס ארכיטעקטישער סכעמע אזעלכע דערשיינונגען, ווי א וויסנשאפטלעכע אסאָסאציע, ביוראָקראַטישער אפאראט, פילאָזאָפישע געזעלשאפט, אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע.

דעריבער האָב איך אין מיין בוך פאָרגעלייגט קודם-כל אָפּצוטיילן די באגריפן א י ד ע אָ ל אָ ג י ע און צ ו ג ע ב ו י ע ן, נעמענדיק דעם צוגעבוי אלס א ברייטערן און אלגעמיינעם באגריף. אידעאָלאָגיע — דאָס זענען סיסטעמען פון געדאנקען, געפילן, בילדער, נאָרמען א. א. וו. דער צוגעבוי שליסט אין זיך איין אסך אנדערע זאכן. און נעמלעך, אין די צוגעבויען דארפן מיר אונטערשיידן דריי ה ו י פּ ט ספערן.

1. די טעכניק פון דעם געגעבענעם צוגעבוי, „ארבעטס-געצייג" (לאבאָראַטאָרישע אינסטרומענטן אין דער וויסנשאפט; הייזער, פּודעלען, רעכענונגען, דיאַגראמעס א. א. וו. — אין דער :וירטשאפט;

1) פאר די „פארשטענדיקע" קריטיקער, וואָס קענען מאכן א געוואלט: דער אנאליז פון די טיפּישע שטריכן פון דער ס ט ר ו ק ט ו ר איז דאָך טאקי א סטאַטישער איבערשניט. דאָס, פארשטייט זיך, נעמט נישט אוועק דעם חוב צו אנאליזירן די געגעבענע סטרוקטור פון שטאנדפּונקט פון איר באוועגונג, ד. ה. אין דער דינאמיק.

פּענזלען, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן א. א. ה. אין דער קונסט א. א).

2. די באַציונגען צווישן מענטשן (וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט, ביוראָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, מענטשלעכע באַציונגען אין א קינסטלערישן וואַרשטאַט, קאָאָרדינירונג פון מענטשן אינם אָרקעסטער).

3. די סיסטעמען פון אידייען, בילדער, נאָרמען, געפילן א. א. וו. (אידעאָלאָגיע).

ווייטער האָב איך מיך באַמיט אדורכצופירן דעם אַנאַליז נאָך ווייטער, ד. ה. כ׳האָב מיך באַמיט אָנצוצייכענען די פּונקטן פון א נאָך גרעסער צעטיילונג און דיפערענצירונג (אויפן ביישפּיל פון מוזיק א. א.). מיט דעם פאַלט שוין ממילא אָפּ א גאַנצע ריי שווערעקייטן, וואָס זענען פריער געווען, און דער היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישע מעטאָד ווערט גענויער און שאַרפער.

6) די אָפּהענגיקייט פון די צווייגן פון דער באַזע.

דער אויבנבאַשריבענער שטאַנדפּונקט צייכנט אָן זייער קאָנקרעט אוועקשטעל פון דער פראַגע וועגן דער אָפּהענגיקייט פון די צווייגן פון דער באַזע און דורך איר פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. דער הויפּט חסרון, אויב מ׳קען זיך אזוי אויסדריקן, פון „הורט״ אוועקשטעל פון דער פראַגע איז באַשטאַנען און באַשטייט אין דער נישט באַשטימטקייט פון באַגריף „הענגט אָפּ״ אָדער „ווערט באַשטימט״. טאַקי אויף דעם סמך זענען אנטשטאַנען „אוועקנייגונגען״ אין דער סביבה פון די מאַרקסיסטן און ביי דעם מאַרקסיסטישען פּובליקום. מ׳דאַרף נאָר דערמאַנען ה׳ שוליאַטקאָווס ווערק („די פאַרענטפערונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער מערב-אייראָפּייאישער פילאָזאָפיע״), אָדער עלעוועטעראָפּולאָסן, ווי אויך א סך אנדערע. די קריטיקירנדיקע מחנות שונאים האָבן נישט איינמאָל אויסגענוצט די דאָזיקע חילוקי-דעות. דערווייל אָבער, אויב מיר אונטערשיידן אין יעדן צווייג זיינע עלעמענטן, איז נישט שווער צו ווייזן די קאָנקרעטע אָפּהענגיקייט פון די עלעמענטן — 1) איינער פון צווייטן 2) פון די עלעמענטן פון

אנדערע צוגעבויען 3) די לעצטע פון דער באזע. 4) דירעקט פון דער באזע. 5) דירעקט פון דער טעכניק א. א. וו. אַלע אוועקנייגונגען, פאַריינפאַכקייטן וואולגאַריזירונג, דער „הורט" אוועקגעשטעלט פון דער פראגע פאלן שוין ממילא אָפּ. דערפאר, אמת, ליגט אויף דעם אויספאָרשער א חוב שטארק פארטיפן זיך אינם אנאליז פון דעם געגעבענעם צוגעבוי, ד. ה. ווייער א זשמודנע ארבעט. אָבער ס'איז זעלבספארשטענדלעך, אַז דאָס איז נישט קיין אַרגומענט קעגן מיינע „חידושים".

7) די צוגעבויען ווי ספערעס פון אפדיפערענצירטונגס

ארבעט. איך האָב מיר אויך געשטעלט אן אויפגאבע צו אנאליזירן די צוגעבויען פון שטאנדפונקס פון אַרבעט. מארקס האָט

נישט בחינם גערעדט וועגן „אינטעלעקטועלע פראָדוקציע" און „אידעאָלאָגישע שטאנדן" (Ideologische Stande). כ'וועל דאָ נישט רעדן וועגן דעם פראַקטישן באטייט פון די דאָזיקע פראגן ספעציעל פאר אונזער צייט און ספעציעל פאר אונזער פארטיי. כ'וועל זיך באגרעניצן מיט א ריין-טעאָרעטישער מאָטיווירונג פון דעם דאָזיקן „אויסבליק".

ערשטנס. אַזאַ שטאַנדפונקט באַלייכט אויסגעצייכנט די פראַגע וועגן דער מיטשייכות פון דער מ א ט ע ר י ע ל ע ר פראָדוקציע מיט דער „אינטעלעקטועלער" פראָדוקציע און דעמאָנסטרירט אַנשוילעך די גאַנצע נאַרישקייט פון דעם „הורט" אוועקשטעל פון דער פראַגע אויך אויף דעם געביט (אַלץ, וואָס איז נוצלעך איז פראָדוקציע); באַזונדערס ביי אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע איז קלאָר, אַז די אינטעלעקטועלע אַרבעט ש ט ר אָ מ ט שטענדיק כלומרשט אַרויס און נאָכדעם ווערט זי פ אַ ר א ל ג ע מ י י נ ע ר ט פון דער מאַטעריעלער פראָדוקציע; די פשטלדיקע קונציקע פראַגן בנונע די קאַטעגאָריעס, וואָס ליגן אויף זער גרענעץ פון די דאָזיקע געביטן, פאַלן מעטאָדאָלאגיש אָפּ אינגאַנצן, אַזוי ווי די כלומרשט „שרעקלעכע" פראַגן וועגן די צווישן-סאָציאַלע גרופּירונגען און אַנדערע לויפנדיקע גרויסן.

צווייטנס. אַזאַ אוועקשטעל פון דער פראַגע דערלויבט צו

דערקלערן די נויטווענדיקייט הן פון דעם באַזייַען זיך פון אַזעלכע אָדער אַנדערע מינים פון צוגעבוי אַרבעט, הן פון דער אייגנאַרטיקער דיספּאָזיציע פון פאַרשידענע צווייַגן פון דער דאָזיקער אַרבעט. ד. ה. זייערע רעלאַטיווע אומפאַנגען אין אַ געגעבענער געזעלשאַפט. (אַזעלכע פראַגן, ווי למשל, די פראַגן פון פּראָפּאָרץ צווישן מאַטעריעלער און נישט מאַטעריעלער אַרבעט; וועגן פּראָפּאָרץ צווישן פאַרשידענע מינים „גייסטיקע" אַרבעט און ענלעכע, זענען, דאַכט זיך מיר, פריער בכלל נישט געשטעלט געוואָרן; דערווייל אָבער איז דאָס נויטווענדיק פאַר דער דערקלערונג פון אַ גאַנצער ריי עקזיסטירנדיקע דערשייַנונגען: פאַרגלייַך, למשל, דעם פּראַקטישן ווערט פאַר אונז פון דער פראַגע וועגן דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע און דעם אַדמיניסטראַטיוו ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט.)

8) „אופן פון פאָרשטעלונג" און די פאָרמירנדיקע פרינציפּן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין טעאָרעטישן חוב צו שטעלן אויפן ערשטן פּלאַן די פאַרגעסענע דורך אַלע באַהויפּטונג מאַרקסנס וועגן „אופן פון פאָרשטעלונג" („Vorstellungsweise") ס'ליגט נישט אונטער קיין ספק, אַז דער דאָזיקער באַגריף איז ביי מאַרקסן געווען אַ באַגריף. וואָס איז אויך געווען אַן עקוויוואַלענט פון פּראָדוקציע אופן, מיט אַנדערע ווערטער דעם באַשטימטן פּראָדוקציע אופן אַנטשפּרעכט דער באַשטימטער דורך אים, און דער אַדעקוואַטער (גלייַכער) פאָרשטעלונגס-אופן.

מאַרקס האָט נישט אַנאַליזירט די פראַגע וועגן פאָרשטעלונגס-אופן אַזוי לאָגיש און קלאָר אין גענוי, ווי די פראַגע וועגן פּראָדוקציע-אופן. אָבער פון זייַנע איינצעלנע באַמערקונגען (למשל וועגן דעם, אַז מ'דאַרף דורכאַרבעטן די פראַגע וועגן „אינטעלעקטועלע שטאַנדן" א. א. וו.) דרינגט פולשטענדיק קלאָר אַרויס, ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף דעם אַוועקשטעל פון די דאָזיקע פּראָבלעמען. מיט דעם ווערט געלייזט די פראַגע וועגן אַן איינ-

הייטלעכן יסודותדיקן „סטיל" פונם געזעלשאפטלעכן לעבן פון אונטן ביז אויבן און וועגן היסטאריש־רעלאטיוון כאראקטער פון אלערליי און אלע אידעאלאגיעס, גענומען נישט פון שטאנדפונקט פון זייער איינצעלנע לאגעס (וועלכע קענען זיין אייביקע), נאר פון שטאנדפונקט פון טיפן פון צוזאמענהאנג צווישן זיי, פון די אייגנארטיקע פרינציפן פון קאארדינירונג. וועלכע זענען טאקע דער קאנסטיטואירנדיקער סימן פון באגריף וועגן „פארשטעלונגס אופן".

9) די פיזיאלאגיע פון מענטש און די געזעצן פון מענטשלעכער אנטוויקלונג. די ענדלאזע מחלוקתן וועגן מיטשייכות צווישן די געזעצן פון ביאלאגיע און סאציאלאגיע א. א. וו. האב איך זיך באמיט צושטעלן אויף א פולשטענדיק אנדערן באדן. און נעמלעך, די פיזיאלאגישע אייגנשאפטן פון מענטשלעכע גרופן, ווי אויך די זיי אנטשפרעכנדיקע פסיכאלאגישע אייגנשאפטן, באטראכט איך ווי א קוואליפיצירונג פון באשטימטע ארבעטער כוחות פון דער געזעלשאפט (די פסיכא־פיזיאלאגישע אייגנשאפטן פון א וואסער־טרעגער, מוזיקאנטן, פראדוקציע־ארגאניזירער, סוחר, שפיאן, שאפער, אפיציר, א. א. וו.) ביי אזא לייזונג פון דער פראגע באקומט זיך נישט יענע נארישע צווייאיקייט פון די „געזעצן", וואס מ'באגעגנט אויף יעדן שריט און טריט אפילו אין די בעסטע מארקסיסטישע ווערק (פון איין זייט די געזעצן פון ביאלאגיע, פיזיאלאגיע א. א. וו., פון דער צווייטער זייט — די געזעצן פון געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג). אין אמתן איז איין זאך דאס „אנדערזיין" פון דער צווייטער, איין אין די זעלבע דערשיינונג ווערט באטראכט פון פארשידענע שטאנדפונקטן. די פסיכא־פיזיאלאגישע סטרוקטור פון וואסער־טרעגער און די קוואליפיצירונג פון זיין ארבעטס־כוח זענען נישט צוויי פארשידענע גרויסן, נאר צוויי פארשידענע אופנים צו באטראכטן איינע און די זעלבע

גרויס. באַזונדערס קלאָר ווערט דאָס באַווייזן ביים אויספאָרשן דעם טיילאָריזם, פסיכאָטעכניק א. א. וו.

10) די מאַטעריאַליזירונג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. אלס אַ „חידוש" פון מיין זייט איז אויך די אַנטוויקלטע דורך מיר טעאָריע פון דער מאַטעריאַליזירונג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, דער אייגנאַרטיקער פּראָצעס פון דער אַקומולאַציע פון קולטור, ווען די געזעלשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע ווערן געדיכט און זעצן זיך אָפּ אין דער פאָרם פון זאַכן, וואָס האָבן אַן אָריגינעל געזעלשאַפטלעך זיין. די דאָזיקע מאַטעריאַליזירטע, בילדלעך גערעדט, פארגעדיכטעטע ביז צו דער מדרגה פון מאַטעריעלן, געזעלשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע ווערט פון זייער זייט אַ שטיצפּונקט פאַר יעדער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג (ביכער, ביבליאָטעקן, גאַלעריעס, מוזייען א. א. א. א.); אויב די מאַטעריאַליזירונג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען איז איינער פון די הויפּט-געזעצן פון דער זיך אַנטוויקלנדיקער געזעלשאַפט, איז קלאָר, אז אין די אַנטשפּרעכנדיקע געביטן, (ד. ה. צוגעבויען) דאַרף מען אָנהייבן דעם אנאליז פון דאַנען. דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנדפּונקט באַקומט אויך דאָ זיין נייע באַשטעטיקונג [1].

11) עוזצמעסיקייט פון איבערגאַנגס-פּעריאָד און די געזעצמעסיקייט פון ירידה. איינע פון די צענטראַלע טענות קעגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז די אָנווייזונג אויף דער כלומרשט מיסטישער וועזנטלעכקייט פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות ביי מאַרקסן, וועלכע דאַרף, מ'ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַרוועך, ווי ס'זאָל נישט זיין זיך אַנטוויקלען. ס'איז אַן עבירה צו באַהאַלטן, אַז די לעצטע „פאָדערונג" צו די פּראָדוצירנדיקע

1) אגב ווי קלוג זעען אויס די פון מיינע קריטיקער, וואָס וואַרפן מיר פאַר נאָר קעגנזעצלעכע „טענדענצן"?

כוחות איז נישט איינמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין די ווערק פון די מאַרקסיסטן. אָבער מאַרקס גופא איז אין דעם גאָרנישט שולדיק, ווייל ער האָט נישט איינמאָל אָנגעוויזן אויף פאַלן פון „אומקום פון ביידע קעמפנדיקע קלאַסן", צוזאַמען מיט זיי — פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און, פאָלגלעך, צוזאַמען מיט איר אירע פּראָדוצירנדיקע כוחות. די פראַגע וועגן דעם, צי דער געזעלשאַפט איז באַשערט צו אַנטוויקלען זיך אָדער אומצוקומען, קען נישט געלייזט ווערן אַבסטראַקט אין דער אָדער אין יענער זייט. זי קען געלייזט ווערן נאָר אויפן יסוד פון אַ קאָנקרעטן אַנאַליז.

אַזוי איז אויך עמפּיריש דערוויזן געוואָרן, אַז די איבערגאַנגס פּעריאָדן, וואָס ווערן באַגלייט מיט רעוואָלוציעס, זענען געבונדן מיט אַ צייטווייליקער, מער אָדער ווייניק דויערנדיקער, י ר י ד ה, פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות.

פאָלגלעך, די געוויינלעכע פאָרמולירונג פון די יסודות פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אנהייבנדיק פון די ווערטער: „דער וווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות", איז ווייער ענג, וואָרום זי נעמט נישט ארום נישט די עפּאָכע פון ירידה, נישט די איבערגאַנגס-רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדן.

איך האָב אויך דאָ דעריבער געהאַלטן פאַר מיין טעאָרעטישן חוב צו געבן אַן אַנאַליז פון דער געזעצמעסיקייט פון די דאָזיקע דערשיינונגען, וואָס שפּילן און וואָס האָבן געשפּילט אַ נישט-קליינע ראָל. דאָס צו טון איז געווען נאָך מער נויטיק; ווייל אָן אַזאַ אַנאַליז איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די קעגנוואַרט. די סאָציאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע פּעריאָדן ווי פּעריאָדן פון אָפּטרעטן פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות און: טערן איינפלוס פון די צוגעבויען מיט אַ באַשטענדיקער באַגרעצונג פון דער דאָזיקער דערשיינונג דורך דעם פריערדיקן צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות; מיט אַנדערע ווערטער, די כאַראַקטעריסטיק פון זייער יסודותדיקער געזעצמעסיקייט, ווי

אַ צעצויגענער אין דער צייט פּראָצעס פון צוריקקוירקונג פון צוגעבויען (אין פאַלן פון איבערגאַנגס פּעריאָד ביז צום מאָמענט פון איינשטעלן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע גלייכגעוויכט) איז געגעבן מיט דער גאַנצער באַשטימטקייט און איינגעפּאַסט אין אַלגעמיין-טעאָרעטישע ראַמען.

פון דער צווייטער זייט, האָב איך זיך באַמיט צו געבן אַ פאָרמולירונג פון די אומפאַרמיידלעכע פאַזן אין פּראָצעס פון רעוואָלוציע, שטיצנדיק זיך טיילווייז (פּונקט ווי אין מיין ווערק „עקאָנאָמיק פון איבערגאַנגס פּעריאָד") אויף די באַמערקונגען פון חבר קריצמאַן, וועמען ס'געהערט די בכבוד אין דער לייזונג פון דער געגעבענער אויפגאַבע. אַזוי אַרום איז די טעלעאָלאָגיע פאַרטריבן געוואָרן פון איר לעצטן מקום מקלט.

* * *

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָב איך נאָר באַרירט עטלעכע פון מיינע הויפּט „חידושים". כ'וואָלט געקענט אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי אַנדערע: אין דער טעאָריע וועגן קלאַסן, וועגן דער מיט-באַציונג צווישן אַנפירער און פּאַרטיי, אין דער טעאָריע וועגן רעוואָלוציע א. א. ליידער האָב איך נישט קיין צייט אָפּצושטעלן זיך אויף דעם. כ'מוז מיך אַנטשולדיקן פאַרן לעזער, אפילו פאַרן פראַגמענטאַרן כאַראַקטער פון די געגעבענע „לויפנדיקע באַמערקונגען". די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונז, ווי מ'זעט פון זיי, זענען זייער קאָמפּליצירטע. כ'האָב מיך באַמיט זיי צו לייזן אויף וויפל כ'בין געווען בכוח. פאַר יעדן פאַרשטענדיקן מענטש, און אַ פּשיטא פאַר אַ מאַרקסיסט, איז קלאָר, אַז די אַלגעמיינע טענדענץ פון מיינע „חידושים" גייט אויף דער ליניע פון דער אַנטוויקלונג פון אָרטאָדאָקסאַלן, רעוואָלוציאָנערן און מאַטעריאַליסטישן פאַרשטיין פון מאַרקס. כ'וועל אָננעמען מיט דאַנק יעדע ווערטפולע אַנווייזונג, וואָרום יעדע ברייטע מיטאַרבעטערשאַפט איז דאָ אַזוי נויטווענדיק, פּונקט ווי אין יעדן אַנדערן געביט.

אָבער, מעגלעך, די לעזער וועלן אויסשרייען: אָבער פארוואָס האָט קיינער פון איירע קריטיקער, אויב נישט רעכענען די אויסנאָמען אַלס כּלל, נישט דערמאנט אפילו וועגן די אַלע פּראָבּלעמען, באמת ערנסטע און באמת יסודותדיקע?

— „פרעגט דעם ווינט אין פעלד"... ווי ס'האט איינמאָל בע'עצהט קנוט האמסון צוליב אַ גאָר אַנדערע סיבה...

ס ו ף.

אנוויזער

I

אנווייזער פון פערזאנען און ציטירטע מחברים[1]

1. רוסישער אָנווייזער.

א.

אָבאָלענסקי ל. — „וויסנשאַפט־לעכע יסודות פון שיינקייט און קונסט“ § 38

אַגאַפאַנאָוו וו. — „די היינט־צייטיקע טעכניק“. סך־הכּל פון דער וויסנשאַפט. § 32

אויגוסט — § 38.

אויגוסטין דער געבענטשטער — § 19.

אָלאַר — פּאָליטישע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע § 57

אַמעס — 38

אַנאַקסאַגאָר — 38

אַנאַקסימאַנדער — 38, 20

אַנאַקסימען — 38, 20

אַסורבאַניפּאַל — 49

אָפּנהיימער פּ. — 52

אַריסטאָטעלעס — 29, 15, 9

1) אין דעם דאָזיקן אָנווייזער גייט ניט אריין די ליטעראַטור, וואָס איז באַצייכנט אין סוף פון יעדן קאַפּיטל.

ב.

באָגדאַנאָוו א. — „פון דער פסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט" 11, 37, 38.

באָמאַרשע — 38

באָסיועט: — „באַטראַכטונגען וועגן דער אַלגעמיינער געשיכטע" 20.

באָקאַטשיאָ: — 38.

באָוער אָטטאָ: — 47.

באַלמאָנט: — 34.

באַרט פּאָול: — 33.

ביכער קאַרל: — 38.

ביצילי פּ.: — „די ירידה פון דער רוימישער אימפּעריע" 49.

בוטרו: — 17.

בוכאַרין נ.: — „עקאָנאָמיק פון איבערגאַנגס פּעריאָד" 46.

בעלטאָוו נ.: — „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון מאָניסטישן בליק אויף דער געשיכטע" 19, 41, 44

„קריטיק פון אונזערע קריטיק" 24, 34.

בעם-באַווערק 9.

בענטאַם: - 39.

בעקאָן: — 38.

בערגסאָן: — 17.

בערנשטיין א.: — „ווייסער פיבער" 13.

בערנשטיין עד.: — 46, 59.

ג.

גאַלען קלאַ.: — 38.

גאַסטעיו: — „אונזערע אויפגאַבן" 37.

גאָרטער: — אין פאָרוואַרדס, 34.

היסטאָרישער מאַטעריאַליזם 38.

גאָרקי: — 19, 51.

גראַם: — 38.

גומפּלאָוויטש: — 34, 51.

ד.

דאַוויד: — 38.

דאַנטע: — 38

דאַרווין טש.: — 32.

„אָפּשטאַמונג פון מינים" 21

דזשעוואָנס: — 34.
דיעלעווסקי: — „סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און קלאַסן-קאַמף אין דער געשיכטע" 56.
דיאָדאָר: — 38.
דידראָ: — 19, 38.
ד'עט: — 51.
דעמאָקריט: — 19, 21
דעניקע: — אין פאָרוואָרט.
דעקאַרט: — 19.

ה.

האָבס טאָמאַס: — 19.
האָלבאַך: — „סיסטעם פון דער נאַטור" 19.
האָמער: — 38.
האָראַצי: — 38.
היינע ה.: — ווינטער-מעשהלע 22.
היפּאָקריט: — 38.
העלוועצי: — 19
העראָדאָט: — 32, 33
העראַקליט: — 19, 21, 23, 28
העראָן דער אַלעקסאַנדריער: 38.

וו.

וואָלף: — 17.
וואַמס: — 26.
וואַנדערוועלד: — 47.
וואַסיליעוו, נ.: — „די פּראָבּלעם וועגן דער ירידה פון דער מערב-רוימישער אימפּעריע" 38, 49.
וויטרוווי: 32, 37.
ווינטשי-לעאָנאַרדאָ-דאַ: — 38
וויפּער ר.: — 18.
אייניקע באַמערקונגען וועגן דער טעאָריע פון היסטאָרישער דערקענטעניש 38.
זאַמלבוך: — „צוויי אינטעליגענצן" 38.
„נייע האָריזאָנטן אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט" 29.

ז.

זאָמבאַרט: — 24, 38, 40, 43, 48, 53, 56. זע אויך:

Sommbart. „היינטצייטיקער קאַפּיטאַ־ליזם 40.

זיממעל: — 28, 39, 42 (זע אויך Simmel)

זעגאַן: — 21.

ט.

טאָלסטאָי א.: — 13

טאָלסטאָי ל.: — „וואָס איז קונסט?" 38.

טאָפּינאַר: — 34.

טאַררענס: — 23.

טאַכטאַרעוו: — 57.

טאַלעס: — 19, 38.

טאַציט, — 38.

טוגאַן באַראַנאָווסקי: — „טעאָרעטישע יסודות פון מאַרקסיזם" 57.

טוראַיעוו: — „געשיכטע פון אַלטן מזרח" 38.

טאָמאַס פון אַקווין: — „טעאָלאָגישע ענציקלאָפּעדיע". Summa Theologiae 40.

כ.

כאַמוראַבי: — 38, 57.

כוואָסטאָוו: — „טעאָריע פון היסטאָרישן פּראָצעס" 41.

ל.

לאָק: — 38.

לאָריאַ א.: — „סאָציאָלאָגיע" 27.

לאַמאַרק: — 21.

לאַמעטרי: — „מענטש־מאַשין"

לאַנגע פ. א.: — 11.

לייבניץ: — 12, 15, 24, 38, 49.

ליליענפעלד: — 25.

ליננעי: — 21

ליפּערט: — 38.

לוקרעצי קאַראַ: — 11.

לונאַטשאַרסקי: — „נאָך וועגן טעאַטער און סאָציאַליזם". אין זאַמלבוך „ווערשיני" 38.

לושיצקי: — „די לאַגע פון די ערד־אַרבעטנדיקע קלאַסן אין פראַנקרייך ערב דער רעוואָלוציע" 46.

לוקסעמבורג ראָזאַ: — „אַנזאַמל פון קאַפּיטאַל" 34.
לענין נ.: — 47, 46, 37, 19
„מאַטעריאַליזם און עמפּיראָ-קריטיציזם" 11.
לעסינג: — 20.

מ.

מאַך: — „דערקענטניש און טעות" 8, 38.
(זע אויך Mach)
מאַלטוס: — 34.
מאַסלאָוו פּ.: — „אַגראַר-פראַגע" 46.
„קאַפּיטאַליזם" 32, 34.
מאַרקס: — אין יעדן פּאַראַגראַף.
מעלגונאָוו: — „רעליגיעזע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען ין רוסישן פאָלק אין 18-טן י. ה." 39.
מערינג פּ.: — 41.
(זע אויך Mehring)
מערעזשקאָווסקי: — 56, 12.
מעטשניקאָוו ל.: — „די ציוויליזאַציע און גרויסע היסטאָרישע טייכן" 34, 32, 30
מיללס.: — 51.
„סיסטעם פון לאָגיק" 16.
מיליוקאָוו פּ.: — 20.
מיללער ע.: — 34.

נ.

נאָווגראָדצעוו פּ.: — „וועגן געזעלשאַפטלעכן אידעאַל" 47.
ניקאָלסקי: — „פרימיטיווע רעליגיעזע גלויבונגען" I-ר באַנד 38.
ניוטאָן: — 38.

ס.

סאָלנצעוו: — „געזעלשאַפטלעכע קלאַסן" 51.
סאָלאָוויאָוו: — „באַרעכטיקונג פון גוטס" 28.
סמיט א.: — 38.
סטראַבאָן: — 38.
סטעפּאַנאָוו: — 38.
סטרווע: — 47, 48, 10.

סענעקאַ: — „בריוו צו לוציליי" 38.
סערבסקי: — „גייסטיקע קראַנקהייטן, אין בראָקהאַוזעס ענציקלאָפּעדיע" 13.
ספּענסער: — 26.
ספּעקטאָרסקי: — „קאַפּיטלען פון דער פילאָזאָפיע פון די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן" 9.

ע.

עדיסאָן: - 28.
עיסלער: — „אַלגעמיינע קולטור געשיכטע" 30.
ענגעלס: — אין יעדן פּאַראַ-
גראַף.
עפּיקור: — 19.
ערמאַן: — 38, 56.

פּ.

פּאַוולאָוו-סילוואַנסקי: — „פעאָדאַליזם אין אַלטן רוסלאַנד" 43.
פּאָולסען: — 40.
פּאַרמענידעס: 21, 38.
פּאָגאָדין א.: — אויף דער גרעניץ פון בהמהשן און מענטשלעכן, נייע אידייען אין דער סאָציאָלאָגיע 38 № 4.
פּאָקראָווסקי מ. נ.: — 38.
„רוסישע געשיכטע" 38.
קאַפּיטלען פון דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור" 28, 34.
פּירסאָן ק.: — „די גראַמאַטיק פון דער וויסנשאַפט" 8.
פּלאַטאָ: — 38, 22, 19.
פּלעכאַנאָוו: — 46.
„הויפּט פּראָבלעמען פון מאַרקסיזם" 11.
„קריטיק פון אונזערע קריטיקער" 21, 34.
פּעטטי וו.: — 38.
פּעטראַרקאַ: — 38.
פייערבאַך: — 20.
פידי: — 38.
פיכטע: — 19, 20.
פּאַרלענדער: — 58.
פּרעזער: — 30, 43, 58.
פּעטרושעווסקי — ד.: — „וואַט טיילאָרס אויפשטאַנד" 46.
פּעריקלעס: — 38.
פּיטאַגאָראַס: — 19.

צעזאַר: — 38, 37.
ציגלער: — „האַנטבוך פון דער געשיכטע פון פעדאַגאָגיק“ 40.
ציצעראָן: — 11.
צעטערבוים: — „צו דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-
אויפפאַסונג“ אין זאַמלבוך: „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם“ 37.
טשופּראָוו: — אַרטיקלען וועגן דער טעאָריע פון סטאַטיסטיק“ 33.

ק.

קאָרסאַק: — רעכטלעכע געזעלשאַפט און אַרבעטס-געזעלשאַפט. 11.
קונאָוו ה.: — 18, 38, 46, 47, 48, 55, 56, 57, 58, 59. זע אויך Kunow.
„אַנטשטייונג פון רעליגיע און גליק אין גאָט“ 38.
קיוויע: — 24.
קראָטיל: — 21.
קרופּסקאַיאַ: — „פאָלקס בילדונג און דעמאָקראַטיע“ 40.
קרזשיוויצקי ל.: — „פּראָפּעסיאָנעלע טיפּן“ 50.

ר.

ראָבערטוס: — 38.
ראָזנבאַך: — „פּראָגרעסיווער פּאַראַליטש“ אין ברָאָקהאַוז'ס ענציקלאָפּעדיע 13.
ראָדזשערס: — 46.
רוסאָ זש.: — „געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך“ 28, 38.
ריקאַרדאָ: — 2.
רעסקין: — „לעקציעס וועגן קונסט“ 33.
רערבורג: — „קורצער קורס פון דער געשיכטע פון קונסט“ 38.

ש.

שאָפּנהויער: — 19.

שולצע-געווערניץ: — 35.

שטאַמלער: — „וויסנשאַפט און רעכט פון שטאַנדפונקט פון מאַטעריאַליסטישער גע-שיכטס-אויפפאַסונג“ 18, 11, 10.

שפּענגלער: — 36. (זע אויך Spengler).

II.

אנווייזער פון פרעמדשפראכיקע מחברים און ווערק.

A.

Achelis Th. — Soziologie. 1899. Leipzig. § 38.

Adler M. — Causalität und Teleologie in Streite um die Wissenschaft. § 11.

Marxsistische Probleme. § 11.

B.

Baudeau N. — Première introduction á la philosophie èconomique etc. 32.

Borédeaux A. — Histoire des sciences physiques, chimiques et gèologiques au XII siècl. Paris et Liège. 1920 § 38.

Brandes Georg. — Die Hauptströmungen der

Litteratur des XIX Jahrhunderts, B. I Leipzig § 38.

Bücher Karl. — Das Zeitungswesen in Kultur der Gegenwart. § 49

Burger Fritz. — Weltanschaungsprobleme und Lebenssysteme in der Kunst der Vergangenheit. München. § 38

C.

Cantor M. — Vorlesungen über die Geschichte der Mathematik. Leipzig. 1907 § 38

Cavolieri § 38

Cunow Heinricn. — Produktionsweise und Produktionsverhältnisse nach Markschen Auffasung. N. Z. Jahrb. 36. B. I § 31

Die Marxsche Geschichts-Geselschafts und Staatstheorie. B I und II § 46, 47, 48, 55, 56, 57, 58.

D.

Däubler Th.—Der neuu Standpunkt. Leipzig. 1919 § 38

Dellbrück Hans. — Die Marxsche Geschichtsauffasung. Preussische Jahrbücher. B. 182, Heft 2. § 56, 57

Dessoir M. — Die neue Mystik und die neue Kunst. Einführung in die Kunst der Gegenwart. Leipzig. 1920. § 38

Diels H. — Die Organisation der Wissenschaft. Kultur der Gegenwart. § 4

Wissenschaft und Technik bei den Hellenen. Antike Technik. Leipzig und Berlin, 1920. § 38

Durkheim E. — De la division du fravail social Paris 1893. § 27, 40

E.

Eisler R. — Geschichte der Wissenschaften. § 38

F.

Fermat

G.

Glotz G.—Le travail dans la Grece ancienne 1920 § 37

Gottle Offlilienfeld. — Wirtschaft und Technik. Grundriss der Sozialökonomik. § 32

Grosse — Formen der Familie und Formen der menschlichen Wirtschaft 1896 § 34

H.

Haendcke. — Entwickelungsgeschichte der Stilarten. Bielefeld-Leipzig. 1913 § 38

Haremmacher G.—Das philosophisch-ökonomische System des Marxsismus. Leipzig 1909. § 42

Hausenstein W. — Die Kunst und die Gesel-

schaft. München. § 38

Versuch einer Soziologie der bildenden Kunst. „Archiv für Sozialwissenschaft". Mai-Heft. 1913. § 38

Vom Geist des Barock. München. 1920. § 38

Rokoko. Französische und deutsche Illustratoren des XVIII Jahrhunderts. München 1918. § 38

Hegel — § 19, 20, 41

Philosophie der Geschichte. Wissenschaft der Logik. § 20, 21, 23, 24

Helmolt — Weltgeschichte. 1919 § 38

Herkner. — Arbeit und Arbeitsteilung., Grundriss der Sozialökonomie § 31

Hettner A. — Die geographischen Bedingungen der menschlichen Wirtschaft. Ibid. § 30

L'Houet — Zur Psychologie des Bauernthums. 2 Aufl. 1920. Tübingen. § 53

Huber § 42

Hurvicz E. — Die Seelen der Völker. Gotha 1920 § 39

K.

Kapp E. — Grundlinien einer Philosophie der Technik. Braunschweig 1877. § 32

Keyzerling. — Reisetagebuch eines Philozophen § 38

Kothe.— Abriss. der allgemeinen Musikgeschichte Leipzig. 1919 § 38

L.

Lamprech Karl. — Moderne Geschichtswissenschaft. 3 Aufl. 1920. § 42

Levy Herman. — Soziologische Studien über das Englische Volk. Jena 1920. § 40

Levy-Brühl. — Les functions mentales dans les sociétés inférieures. Paris 1919. § 38

Luis Paul. — Le travail dans le monde romain 1912 § 37

Lu-Märten. — Historisch-materialistisches über Wesen und Veränderung der Künste. § 38

Lyell — Principles of geology. § 24

M.

Mac-Farlane.— Economic geography 1920 § 34

Marbe K. — Die Gleichförmigkeit in der Welt 1916 § 42

Mach E. — Geschichte der Mechanik § 41

Martersteig. — Das jüngste Deutschland in Literatur und Kunst. Einführung in die Kunst der Gegenwart. § 38

Mehring Franz. — Geschichta der deutschen Sozialdemokratie. 5 Aufl. § 41

Meyer Ed.—Elemente der Anthropologie § 22, 38
Geschichte des Alterthums, B. IV, Buch 3. § 38

Michels R. — Zur Soziologie des Parteiwesens

in der modernen Demokratie. Leipzig 1910. § 60
Wirtschaft und Rasse, Grundriss der Soz. Oekon. § 34

Milkau F. — Die Bibliotheken. Kultur der Gegenwart. § 48

Mombert P. — Wirtschaft und Bevölkerung. Grundriss der Sozialökonomik § 34

Muckle. — Das Kulturproblem der franz. Rewolution. § 38

Müller-Lyer — Die Phasen der Kultur. § 35, 38

Moirè L. — Ursprung der Sprache. § 38

N.

Neuberger A. — Die Technik des Alterthums Leipzig 1919. § 37

Neurath O.— Antike Wirtschafsgeschichte, 1909 § 38

O.

Odenbreit. — Die vergleichende Wirtschaftsgeschichte bei Karl Marx. 1919. § 43

P.

Pareto V. § 60

Paulsen Fr. — Das moderne Bildungswesen. Kultur der Gegenwart. § 40

Paul Ernst. — Der Zussamenbruch des deut-

schen Idealismus. § 38

Pietschman. — Das Buch. Kultur der Gegenwart. § 49

R.

Romain J. — Man uel de dèification § 3

Renner R. § 47

Reviére De la (Merner) — L'ordre naturel et essentiel des sociètès politiques § 34

S.

Salvioli. — Der Kapitalismus im Altertum § 37

Schering Arnold. — Die expressionistische Bewegung tn der Musik. Einführung in die Kunst der Gegenwart. § 38

Schmoller G. — Die Tatsachen der Arbeitsteilung. Jahrbücher 1889. § 51
Das Wesen der Arbeitsteilung und Klassenbildung. Ibid 1890. § 51

Simmel G.— Philosphische Kultur. 2 Aufl. 1919 § 38
Soziologie. Leipzig 1908. § 39
Philosophie des Geldes. § 42

Sombart W. — Der Bourgeois § 38, 40, 43, 53

Spengler O. — Der Untergang des Abendlandes. §§ 36, 38, 39

Spinoza B.— Etik, Verl. Kirchner, 2 Aufl. 1870 § 12, 15

Etique, Ed. Charpantier 1871. § 12, 15

T.

Taine H. — Philosophie de l'art. Paris 1909. B. I § 38

W.

Waentig. — Die grossen Revolutionen als Entwickelungserscheinungen im Leben der Völker. § 11

Weber Ad.— Industrielle Standortslehre. Grundriss der Sozialökonomik. § 34

Ueber den Standort der Industrien § 34

Weber Alf. — Der Soziologische Kulturbegriff Verhandlungen des II deutschen Soziologentages 1913 § 37

Weber Max. — Agrargeschichte. Handwörterbuch der Staatswissenschaften. § 38

Gesammelte Aufsätze zur Religionsphilosophie. 1920. § 38, 40, 53

3. אנווייזער פון די באהאנדלטע ענינים

א

אופן פון פראָדוקציע. (זע פראָדוקציע באַציונגען).
אויסגאַבן פון דער רעוואָלוציע. — — ז. 49
איבערגאַנג פון כמות אין איכות. (זע שפּרינגענדיקע ענדערונגען)
אידעאַליזם. — — — — — 19, 20
" אָביעקטיוער — — — — 19
" סוביעקטיווער — — — — "
" פּראַקטישער — — — — "
אידעאַליסטישע אַנשויונגען אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן 20, 21, 28
אידעאָלאָגיע. (זע געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע)
אימפּרעסיאָניזם. — — — — 36, 38
אינדעטערמיניזם. — — — — 12, 13
אינטעליגענץ טעכנישע. — — 38, 46, 47, 48, 51
אַנאַטאָמיע. — — — — — 38
אַנטאַגאָניזמען. (זע סתירות).
אָנזאַמל פון קולטור. (זע מאַטעריאַליזאַציע פון אידעאָלאָגיע).
אָנפירער — — — — — 48, 60
אנימיזם. — — — — — — 38

אַסטראָנאָמיע. — 38
אַרבעטס-איינטיילונג. — 37, 40, 52
אַרבעטס-אידעאָלאָגישע — 40, 41, 42, 43, 44, 45
אַרבעט צוזאַמענהאַנג, — 27, 28, 30. 44, 46
אַרכיטעקטור. — 38

ב

באָטאַניק. — 38
באַפעלקערונג: (זע פאַרמערונג).

ג

געאָגראַפיע — 38
געזעצמעסיקייט. — 7, 27
„ סיבהדיקע — 9
„ טעלעאָלאָגישע — 9
געזעלשאַפט זיך בילדנדיקע. — 29
געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע. — 39, 40, 41
געזעלשאַפטלעכע פסיכאָלאָגיע, פיזאָלאָגיע, עקאָנאָמיק. (זע פראָ-דוקציע-באַציונגען).
גלייכגעוויכט. — 23, 35, 36, 37, 44 45
„ אויסערלעכע — 23, 44, 49
„ אינערלעכע (סטרוקטורישע) 23, 38, 44, 45, 48, 49
„ באַוועגלעכע — 23, 24, 34, 40, 44
„ פעסטע (שטאַנדהאַפטיקע) — 23, 33

ד

דאַדאַיזם. — 38
דיאַלעקטיק. — 22, 23
דינאַמישער שטאַנדפונקט. — 21, 33, 44

דעטערמיניזם. — — — — 12, 13, 28
דענקן — — — — — — 38
דעקלאַסירטע גרופּן — — — — 51, 53
דערשייַנונגען געזעלשאַפטלעכע — — 13, 14

ה

היסטאָריזם — — — — — 22
הילאָזאָאיזם — — — — — 29

וו

ווילן אינדיווידועלער — — — 12, 13
„ קאָלעקטיוו--איזאָלירטער — — — 14
וויסנשאַפט — — — — — 38
וויסנשאַפטן-נאַטור — — — — — 10
„ היסטאָרישע — — — — 5
„ טעאָרעטישע — — — — 5
„ געזעלשאַפטלעכע — — — 2, 10
וויסנשאַפט געזעלשאַפטלעכע-בורזשואַזע — — 2, 3
„ „ פּראָלעטאַרישע — — 3

ז

זאָאָלאָגיע — — — — — — 38

ט

טעאָלאָגיע — — — — — — 9
טעלעאָלאָגיע — — — — — 9
„ אימאַנענטע — — — 9, 10
טעכניק — — — — — 34, 37, 38

טיפן פון געזעלשאפט — — — — 43
טריאדע — — — — — — — 23

כ

כעמיע — — — — — — — 38

ל

ליטעראטור — — — — — — 38

מ

מאטעמאטיק — — — — — — 38
מאטעריאליזאציע פון אידעאלאגיע — — 49
מאטעריאליזם — — — — — — 20
„ דיאלעקטישער — — — 20
„ היסטארישער — — — 6
„ „פראקטישער" — — — 20
מאטעריאליסטישע אנשויונגען אין די געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן 20, 22
מאדע — — — — — — — 38
מאראל — — — — — — 38, 42
מוזיק — — — — — — — 38
מינעראלאגיע — — — — — — 38
מעדיצין — — — — — — 38
מעטאד — — — — — — 6
„ דיאלעקטישער, (זע דיאלעקטיק)
מלוכה — — — — 38, 47, 48, 57
מנהג — — — — — — — 38

נ

נויטווענדיקייט, (זע דעטערמיניזם)

" היסטאָרישע — — — — 17

נאַטור, (סביבה פאַר דער געזעלשאַפט) — — 28

ס

סאָטעריאָלאָגיע — — — — — — 38

סאָליפּסיזם — — — — — — 19

סאָציאַלע נאָרמען — — — — 38

סאָציאַל־פּאָליטישער בוי פון דער געזעלשאַפט — 38

סאָציאָלאָגיע — — — — — 5, 6

סביבה — — — — — 23, 30

סטאַטיסטיק — — — — — 38

סטאַטישער שטאַנדפּונקט — — — 21

סטיל — — — — — 42, 43, 45

סקולפּטור — — — — — 38

סתירות — — — — 23 44 45

סיבהדיקייט, (זע קוזאַליטעט)

סיבהדיקער געזעץ — — — — 9, 11

סיסטעם — — — — 23, 26, 28

סענסואַליזם — — — — — 38

ע

עקאָנאָמיק, (זע געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמיק),

עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, (זע פּראָדוקציע באַציונגען)

עקספּרעסיאָניזם — — — — — 38

עטיק, (זע מאָראַל)
עטנאָלאָגיע — — — — — 38
עלעמענטן פֿון דער געזעלשאַפֿט — — 36

פּ

פּאַטאָלאָגיע — — — — — 38
פּאַרטיי — — — — — 38, 58
פּאָליטיק — — — — — 46, 48
פּאָליטישע עקאָנאָמיע — — — — 38
פּערזענלעכקייט — — — — 28
פּראָדוקטיווקייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט — 32
פּראָדוצירנדיקע כּוחות — — 32-2, 31-8 45-51
פּראָדוקציע-באַציִונגען — — — 27-9, 37 59
פּראָפֿעסיע — — — — — 51
פּראָפֿעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגיע — — — 39
פּראָצעס פֿון פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע 31, 33, 37

פֿ

פֿאַטאַליזם — — — — — 18
פֿאַמיליע — — — — — 38
פֿאַקטאָרן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן — — 38
פֿאַרמעגנס-באַציִונגען — — — 38, 46, 48
פֿאַרמערונג — — — — — 34
פֿאַרויסזאָגונגען וויסנשאַפֿטלעכע — — — 18
פֿיזיק — — — — — 38
פֿיזאָלאָגיע — — — — — 38
פֿילאָלאָגיע — — — — — 38
פֿילאָזאָפֿיע — — — — — 28
פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער געשיכטע — — — 6
פֿוטוריזם — — — — — 38

פעאָדאַליזם — 43, 46
פעטישיזם סחורותדיקער — 43
פרייחייט פון ווילן, (זע דעטערמיניזם)

צ

צוגעבויען — 38, 48
צוזאַמענהאַנג פסיכישער — 28
„ פון דערשיינונגען — 21, 32, 35, 36
צופאַסונג אַקטיווע — 31
„ פאַסיווע — 30, 31
צופעליקייט בכלל — 15
„ היסטאָרישע — 16
ציל, (זע טעלעאָלאָגיע)

ק

קאַפּיטאַל — 37
„ פאַרענדערלעכער — 37
„ באַשטענדיקער — 49
קאַפּיטאַליזם — 43, 46, 48, 51
קוואַליטעט — 9, 11
קולטור — 38
„ גייסטיקע — 7, 38
קונסט — 38
„ שילדערנדיקע — 38
קיבוץ — 24
„ לאָגישער — 25
„ רעאַלער — 25-6, 51
קלאַסן געזעלשאַפטלעכע — 37-8, 51-3, 56, 60
„ הויפּט — 51
„ איבערגאַנגס — 51

„קלאַסן אין זיך" — — — — 54
„קלאַס פאַר זיך" — — 54, 55, 57, 58
קלאַסן־קאַמף — — — 46, 451, 55, 56
קלאַסן אידעאָלאָגיע — — — 53, 56
„ פסיכאָלאָגיע — — — 53, 56
„ אינטערעסן — — — 52, 56, 58
„ טיפּן געמישטע — — — — 51
קריזיסן אינדוסטריעלע — — — — 48

ר

ראַסן־טעאָריע — — — — — 34
ראַציאָנאַליזם — — — — — 38
רעוואָלוציע — — — 45, 47, 49, 59, 60
„ אידעאָלאָגישע — — — — 47
„ בורזשואַזע — — — 46, 47, 49
„ טעכנישע — — — — 47
„ סאָציאַלע — — — — 46
„ עקאָנאָמישע — — — — 47
„ פּאָליטישע — — — — 48
„ פּראָלעטאַרישע — — — 46, 49
רעכט — — — — — 10, 38
רעלאַטיווע סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן 55, 57
רעפּראָדוקציע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — — 50
„ נעגאַטיווע, פאַרברייטערטע — — 33
„ פשוטע — — — — 33
„ פאַרברייטערטע — — 33, 48, 56
רעליגיע — — — — — 38

ש

שטאַנד — 51

שול אָרגאַנישע — 24, 26, 27, 38

„ היסטאָרישע — 22

שפּראַך — 38

שפּרינגענדיקע ענדערונגען — 24

אינהאַלט:

סוף פון 38 § —394

§ 39. די געזעלשאפטלעכע פּסיכאָלאָגיע און די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע 412—394

§ 40. אידעאָלאָגישע פּראָצעסן, ווי אַ דיפערענציר־רונגס־ארבעט. 426—412

§ 41. דער באַטייט פון די צוגעבויען 440—427

§ 42. די פאָרמירנדיקע טיפּן פונם געזעלשאַפט־לעכן לעבן 445—449

§ 43. טיפּן פון עקאָנאָמישע סטרוקטורן און טיפּן פון פארשידענע געזעלשאַפטן 459—446

§ 44. דער סתירותדיקער כאַראַקטער פון דער אַנטוויקלונג; די אויסערלעכע און אינערלע־כע גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאַפט 462—459

קאַפּיטל 7.

די צעשטערונג און צוריקשטעלונג פון דער גע־זעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט.

§ 45. דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכע ענדע־רונגען און די פּראָדוצירנדיקע כוחות. 468—464

§ 46. די פּראָדוצירנדיקע כוחות פון די געזעל־שאַפטלעך־עקאָנאָמישע סטרוקטור. —468

§ 47 רעוואָלוציע און אירע פאַזעס (פאַרשידענע פער־יאָדן) . . . . 507—492

§ 48 די געזעצמעסיקייט פונם איבערגאַנגס פעריאָד און די געזעצמעסיקייט פון דער ירידה . . 521—507

§ 49 די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות און מאַטעריאַליזאציע פון געזעלשאפטלעכע דערשיי־נונגען . . . . 627—521

§ 50 דער רעפּראָדוקציע פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אַלס גאַנצעס . . . . . . 531—529

קאַפּיטל 8

קלאַסן און קלאַסן קאַמף.

§ 51 קלאַס, שטאַנד, פּראָפעסיע . . . . . 533—550

§ 52 קלאַסן-אינטערעס . . . . 550—555

§ 53 קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע און קלאַסן-אידעאָלאָגיע 555—564

§ 54 קלאַסן „אין זיך“ און קלאַסן „פאַר זיך“ 564—567

§ 55 די פאָלגן פון רעלאַטיווער סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן . . . . 567—574

§ 56 קלאַסן-קאַמף און קלאַסן שלום . . . . 574—583

§ 57 קלאַסן-קאַמף און מלוכה-מאַכט . . . . 583—587

§ 58 קלאַס, פּאַרטיי, און פירער . . . . 587—593

§ 59 די קלאַסן ווי אַ געצייג פון געזעלשאַפטלעכער טראַנספאָרמאַציע . . . . 593—595

§ 60 די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט פון דער צוקונפט 595—601

ביילאַגע

צום אוועקשטעל פון די פּראָבלעמען פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם . . . 605—624

אָנווייזער

1. רוסישער אָנווייזער . . . . 627—634

2. פרעמדשפּראַכיקער אָנווייזער . . . . 635—641

3. אָנווייזער פון די באַהאַנדלטע ענינים . 643—651

4. תיקון-טעות. . . . . 654—655

תיקון־טעות

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
18	4	ריכטיקייט	רעגלמעסיקייט
78	1	erto	ergo
78	9	געהערט	געבוירט
173	20	זיין	איר
176	14	קינסטלעכע	קינסטלערישע
191	14	זי	ער
191	21		פעלט אין סוף „נאטור"
197	7	ווייכער	ווייזער
281	20	מין	שבט
281	21	מין	שבט
283	24	בוימער	בויער
254	11		שליסן אין דער 10 שורה נאָך „פאַר"
323	13	איינעם	איינס
325	23	מעשות	מעשים
355	12	דובלוינגען	צובויונגען
361	25	וואַרטע	קוואַרטע
374	14	די	דער
375	30	דער בורזשואזע	דעם בורזשואזן
398	28	פרייטום	פריצטום

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
400	11	הערשנדיקער	הערשענדיקן
414	12	געדען	געזען
414	16		פעלט ווי פאַר „אַ"
414	14	קאַפּיטאַליסטישעווי	קאַפּיטאַליסטישער
438	3	לאַנגווייל	לאַנגווייליק
443	11	פון	און
487	5	עקספּריפּראָטאַרן	עקספּראָפּריאָטאָרן
441	13	אומגעהערלעכע	אומגעהויערלעכער
499	3	כסטרוווע	סטרוווע
500	18	קאַפּיטאַליסטן	קאַפּיטאַל
509	27	קאַרעקטע	פּאַרקערטע
542	3		נאָך דער פעלט „ערשטער"
547	5	Mirx	Marx
586	18	עקוועסטירן	עקזיסטירן
593	27	קאמענטאַר	קאָמענטאַטאָר
595	16	באַוועגונג	באַוועגער
637		Haremmacher	Hammermacher

פאַרלאַג מ. יערוכעמזאָן, וואַרשע

ה. ג. אועלס

וועלט-געשיכטע (ביז 1923)

פון ענגליש שרה לערמאַן.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער נאָמען אועלס אַ נייעס, — אָבער אין דער היינטצייטיקער מערב אייראָפּעישער ליטעראַטור פאַרנעמט דער נאָמען אועלס שוין פון לאַנג איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער, עס איז נישט פאַראַן קיין שום מערב אייראָפּעישע ליטעראַטור אין וועלכע אועלס ווערק זאָלן נישט זיין איבערגעזעצט.

אונזער פרווו צו פאַריידישן אועלס האָבן מיר געמאַכט מיט זיין וועלט-באַרימטן בוך „קורצע וועלט-געשיכטע" אין דעם דאָזיקן אָריגינעלן בוך, פירט אַדורך דער דאָזיקער גלענצנדער קינסטלער און דענקער, מיט אַ אועלסישע מייסטערהאַפטע געשיקטקייט, און מיט אַ טיף-וויסנשאַפטליכער געפּרעסטקייט (ווי די גאַר-בייסטע קורצן) די געשיכטע פון דער וועלט, פון איר טיפּקלסטן סוהו ובוהודיקן בראשית, דורך איר מיליאָניק דורותדיקן וואַנדער און וואַנדל-וועג ביז אַרויף צום העכסטן קלאַנג פון איר אַנטוויקלונגס-סימפאָניע. יעטוועדעס קאַפּיטל באַזונדער ליינט זיך ווי אַ פּראַכטיקע פּאָעמע. באַזונדערס שטאַרק זענען די קאַפּיטלען וואו ס'רעדט זיך וועגן די אומשטערבליכע געשטאַלטן ווי: משה, די יידישע נביאים, גוטאַמאַ בודדאַ, קאָנפוציוס, לאַאָטסי, יעזוס, מאַכמעד, א. ז. וו. און אויך וועגן יענע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אירע גיגאַנטישע אַנשטרענגונגען און רעוואָלוציע פאַר פרייהייט און אַלגעמיינעם גליק, דאָס זענען די קאַפּיטלען וועגן ספּאַרטאַ און די ספּאַרטאַנער, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע א. ז. וו. ליינענדיק דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע בוך וואָס איז איינגעזאַפּט דורכגעשטראַלט מיט טיפן אידעאַליסטישן גייסט פונם גרויסן דענקער און פּאָעט רופט עס אין אונז אַרויס צוויי שטאַרקע געפילן: באַוואונדערונג און אַנטציקונג.

דאָס דאָזיקע בוך איז צוטיילט אין צוויי בענדער, 1-טע טייל (ביז קריסטוס) 2-טע טייל (פון קריסטוס ביז 1923). פרייז פון ביידע בענדער 8.50 געבונדן 10 גילדן.

פאַר בוכהענדלער, ביבליאָטעקן און גרופּן, געהעריקער ראַבאַט.
מיט באַשטעלונגען געגן נאָכנאַמע זיך צו ווענדן לויטן אַדרעס:

M. JERUCHEMSOHN, Warszawa, Miodowa 20/37.

עס דרוקט זיך און דערשיינט אין דער גאַנטסטער צייט

דזשעק לאָנדאָן

דער ים-וואָלף

ווילן, אַרבעט, אויסדויר און זיג אַלעס פרייער מענטש, אַט זיי שטעלן מיט זיך פאַר די גייסטיקע צורה פון

דזשעק לאָנדאָן

דזשעק לאָנדאָנס שאַפונג איז די דערציִונג פונם זון און דער וועג-וויייזער פונם פאָטער אינם טאָג-טעגלעכן האַרטן קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

„דער ים-וואָלף“ איז איינס פון זיינע קרוינווערק, וואָס האָט געמאַכט שטוינען גאַנץ אייראָפּע פאַר זיין לעגענדאַר מעכטיקן טאַלאַנט.

„דער ים-וואָלף“ דאָס איז דזשעק לאָנדאָנס וואָרט וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס פייניקן דעם געדאַנק פון יעדן דענקענדן מענטש, ווי: ליבע, אויפאָפּפערונג, גלויבן, טויט און השארת הנפש. מיט דעם דערשיינען פון דעם בוך ווערט אונזער איבערזעצונגס-ליטעראַטור באַרייכערט מיט איינעם פון די פּערעכטיקסטע ראָמאַנען וואָס זענען הייַנציטאָג פאַראַן אין דער היינצייטיק מערב-אייראָפּעישער ליטעראַטור.